STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08689

# DI TEORYE UN PRAKTIK FUN ANARKHIZM

Y. A. Merison

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די טעאָריע און פּראַקטיק פון אַנאַרכיזם

געקליבענע שריפטען

פון דר. י. א. מעריסאָן

ארויסגעגעבען פון
„נייע געזעלשאפט“ און „פערער סענטער“ ברענטשעס
פון ארבייטער רינג
ניו יאָרק, 1927.

# פאָרוואָרט

אין דעם אויסוואל און דער צוזאמענשטעלונג פון די ארטיקלען, וואָס געהען אריין אין אָט דעם באנד, האָב איך הויפּטזעכליך געהאט אין זין דעם צוועק, צוליב וועלכען די גענאָסען ארויסגעבער האָבען אונטערגענומען אָט די ארבייט. זיי האָבען איינגעזען די נויטווענדיגקייט פאר דער אידישער באוועגונג פון אן אלזייטיגער און פּאָפּולערער אויפקלערונג פון דער אנארכיסטישער טעאָריע און פּראקטיקע, און מיך אויפגעפאָדערט צוזאמענצושטעלען אזא בוך פון מיינע ארטיקלען איבער אנארכיזם, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין פארשיידענע צייטונגען און זשורנאלען, אין א משך פון איבער א פערטעל יאהרהונדערט.

נאָכקומענדיג זייער פארלאנג, האָב איך פאָלגליך ארייננענומען אין אָט דער זאמלונג בלויז די ארטיקלען, וואָס האָבען דירעקט צו טאָן מיט דעם ענין און דעקען א וועלכע עס איז זייט פון דער פראגע — אויסלאָזענדיג אלע איבעריגע, וואָס האָבען געהאט נאָר א צייטמעסיגען ווערט, ווי אויך אייניגע, וואָס זיינען געווען אָפּגעדרוקט באזונדער אין בראָשורען (און מעגליך נאָך אנדערע, וואָס איך האָב פארגעסען וועגען זיי). איבערקוקענדיג די שריפטען האָב איך געפונען פאר נויטיג אין אייניגע פלעצער אויסצובעסערן דעם סטיל, כדי קלערער צו מאכען דעם געדאנק, ווי אויך וואו־ניט־וואו צו מילדערן א צו־שאַרפען אויסדרוק אין א פּאָלעמישען ארטיקעל — דעם עצם געדאנק אָבער און מיין אייגענע פּאָזיציע בנוגע דעם תוך פון אנארכיזם האָב איך אין ערגעץ ניט געפונען קיין אורזאך צו ענדערן אין וועלכען עס איז פּרט.

צוליב באקוועמליכקייט האָב איך דעם גאנצען מאטעריאל איינגעטיילט אין דריי אָפּטיילונגען: צוערשט, זעלבסטשטענדיגע אָפּהאנדלונגען וועגען די גרונדלאגען פון אנארכיזם; צווייטענס, פּאָלעמישע ארטיקלען, דערהויפּט מיט סאָציאלדעמאָקראטישע געגנער, וואָס ברייננען ארויס קלערער די פּרינציפּיעלע חלוקים צווישען אנארכיזם און סאָציאלדעמאָקראַטיזם; און לעצטענס, אייניגע ארטיקלען וועגען פראגען פון טאקטיק, וועלכע זיינען ענג פארבונדען מיט די פּרינציפּען פון אנארכיזם. דידאָזיגע איינטיילונג האָט, פארשטעהט זיך, געמוזט אויסלאָזען פון באטראכט דעם כראָנאָלאָגישען סדר פון די ארטיקלען, וואָס איז פאר דעם צוועק פון דער אויסגאבע פון קנאפּער וויכטיגקייט; דאָס האָט אויך געמאכט אוממעגליך אויסצומיידען א געוויסע ווידערהאָלונג פון אייניגע געדאנקען אין דער באהאנדלונג פון די פראגען, וואָס קומען פאָר אין יעדער אָפּטיילונג: אזא ווידערהאָלונג אָבער וואָלט געווען אומפארמיידליך אויך אין יעדער אנדער איינטיילונג, און אחוץ דעם קאָן זיין, אז די ווידערהאָלטע באטאָנונג פון אן עיקר געדאנק אין פארשיידענע פאָרמען איז אפשר גאָר נוצליך פאר אזוינע לעזער, וואָס זיינען מיט דידאָזיגע געדאנקען אפריהער ניט באקאנט געווען.

דר. י. א. מעריסאָן.

# אינהאלט


פאָרוואָרט

די טעאָריע פון אנארכיזם — 9—21

די באגרינדונג פון אנארכיזם — 22—34

דער איינצעלנער און די געזעלשאַפט — 35—46

די מענשן און די אומשטענדן — 47—57

דארוויניזם און קאָמוניזם — 58—69

די פיזיאָלאָגיע און דער אנארכיזם — 07—82

עס קען, עס מעג, נאָר עס מוז ניט — 83—95

עגאָאיזם און אלטרואיזם — 96—114

טאָלסטאָי אלס רעפאָרמער — 115—127

בערנשטיינ׳ס אויסזעצונגען — 128—139

איניגע פאלשע באגריפן וועגן אנארכיזם — 140—152


## פאָלעמישעס :—


אנארכיזם ווי אן אנארכיסט פארשטייט אים — 155—170

שטאַאט אָדער ניט שטאַאט — 171—184

שטאַאט און פרייהייט — 185—199

וועגן שטאַאט און פרייהייט — 200—210

דער עצם שטאַאט — 211—227

פייגענבוים׳ס קריטיק איבער אנארכיזם — 228—265

א פּרינציפּיעלע פראגע — 266—272

וואָס הייסט ארבייט? — 273—279


## טאַקטישע פראַגען :—


טאַקטישע פראגן, 1, 2, 3 — 283—307

פאָליטישע טעטיקייט און אנארכיסטישע פּרינציפּן — 308—323

אנארכיסטישע טעאָריע און פּראקטיקע — 324—339

די רעפּרעזענטאַטיווע רעגירונג — 340—353

דירעקטע אקציאָן — 354—363

די אנארכיסטישע באוועגונג — 364—371

א פּאָר ווערטער פון די ארויסגעבער — 372

# די טעאָריע פון אַנאַרכיזם

דער אנארכיזם איז היינטיגע צייטען שוין ניט מעהר קיין „פרעמדער אין לאנד“. צו פארדאנקען די לעצטע ענטוויקלונגען איז דער אנארכיזם געוואָרען א תושב; ער האָט געקראָגען, אזוי צו זאָגען, זיין „בירגער־רעכט“ צווישען אלע וויכטיגע געזעלשאפטס־רעפאָרמען פון דער צייט. די געדאנקען זיינען ביסלעכוויז קלערער געוואָרען, און מיר קאָנען שוין איצטער מיט א רוהיגען געמיט זיך נעהמען פאנאנדערקלייבען אין די פארשיידענע טעאָריעס וועגען געזעלשאפטליכען לעבען און אין די פלענער צו פארזיכערן דאָס וואוילזיין פון דער מענשהייט.

דער צוועק פון אלע געזעלשאפטס־רעפאָרמען איז גאנץ געווים דאָס גליק פון דער מענשהייט. אלע רעפאָרמער זעהען איין, אז די רעזולטאטען פון דעם היינטיגען סיסטעם זיינען קלעגליכע, און יעדערער האָט זיין פלאַן ווי די זאַך צו בעסערן אָדער ענדערן. אזעלכע רעפאָרמער זיינען דאָ א סך, זיי לאָזען זיך אָבער איינטיילען אין צוויי גרויסע קלאסען. איין קלאס גלויבט אין וואָס מעהר רעגירונג; די אידעע פון די דאָזיגע רעפאָרמער איז, אז דער פעהלער פון דער געזעלשאפט באשטעהט אין דעם, וואָס זי רעגירט ניט גענוג איבער די געזעלשאפטליכע פונקציעס — זיי אלע טראָגען אויף זיך דעם שטעמפעל פון סאָציאַליזם. דער אַנדער קלאַס גלויבט, פאַרקעהרט, אין וואָס ווע ניג ער רעגירונג; זיי מיינען, אז וויפיל מיר האָבען פון דער דאָזיגער סחורה איז צופיעל אָדער שעדליך — זיי דריקען אויס דעם געדאנק פון אנארכיזם. סאָציאַליזם און אנארכיזם זיינען אָט אזוי די געגענגעזעצטע פונקטען, צו וועלכע די מעהרסטע רעפאָרמער ציעלען אין זייער באשטרעבונג צו באגליקען די מענשהייט.

די מענשליכע געדאנקען פליסען אין צוויי שטראָמען: איין באגריף פון אָרדענונג איז די דיסציפלין פון א פאָלק סאָלדאטען, ווען זיי געהען אויף א מארש; דער אנדער באגריף איז — אן אויספלוג פון פארגעניגען־זוכער, ווען זיי לאָזען זיך אויף א פיקניק אין א פארק.

אונזער ערציהונג און אונזערע טראַדיציעס זיינען שולדיג אין דעם, וואָס מעהרערע שטעלען זיך גיכער אָפּ אויף דער שווערקייט פון א געזעלשאפט גאָר אָהן רעגירונג, ווי אויף דער שווערקייט פון א געזעלשאפט מיט צופיעל רעגירונג. ניט אלע פון אונז, וועלכע שטרעבען צו א נייער געזעלשאפט, האָבען געקאָנט זיך אינגאנצען אָפּרייסען פון דעם פרק־שרייבער'ס „וועלט־קלוגען" שפרוך, אז „לולי מוראה של מלכות איש את רעהו חיים בלעו" — ווען ניט די מורא פאר דער רעגירונג וואָלט איינער דעם אנדערן אויפגעגעסען לעבעדיגערהייט. די ערשטע קלאָץ־קשיא, וואָס דער סאָציאַליסטיש־געזאָנענער רעפאָרמער שטעלט אייך אוועק, ווען ער רעדט וועגען אנארכיזם, איז: „וואָס הייסט, ווי אזוי קאָן דאָס עקזיסטירען א געזעלשאפט גאָר אָהן פיהרער, אָהן אויפזעהער, אָהן וועלכען עס איז צענטראל־פונקט, וואָס קירעוועט און לענקט די קאָמפּליצירטע, גרויסע מאסע מענשען, וועלכע שטעלט צוזאמען א געזעלשאפט?" דער־מאָנט דאָס אייך ניט אָן דעמזעלבען סאָרט קלאָץ־קשיא, וואָס דער גלויביגער שטעלט אייך אוועק, ווען איהר זאָגט איהם, אז עס איז קיין גאָט ניטאָ? יענער טענה'ט אויך מיט אייך: „ס'טייטש, ווי קאָן זיך דאָס א וועלט אליין מאכען? ווי אזוי ווערט עס פון זיך אליין א לבנה, א זון, אן ערד מיט מענשען, מיט חיות, מיט פיצלעך ווערימלעך, פויגלען, העלפאנטען און בוימער?"

דער גלויביגער פארענטפערט זיך אלע קשיות מיט דער איינפאכער השערה (היפּאָטעזע), אז גאָט האָט דאָס אלץ געמאכט. פרעגט איהם אָבער: און ווער האָט געמאכט זיין גאָט? — דאָס געהט איהם מעהר ניט אָן. דער סאָציאַליסט ליידט פון דערזעלבער שוואכקייט. אָהן פיהרער, דענקט ער, קאָן די געזעלשאפט זיך ניט פיהרען. און ווער מאכט די פיהרער? דיזעלבע וועלכע קאָנען זיך אליין ניט פיהרען! ווי אזוי אָבער קאָן מען זיך פארלאָזען אויף מענשען, וועל־

כע קאָנען זיך אַליין ניט רעגירן, אַז זיי וועלען אויסוועהלען די בעס־
טע רעגירער? דאָס געהט דעם סאָציאַליסט ניט אָן. — אַליין איבער
זיך אויסוועהלען אָן אויפזעהער איז דאָך א לעכערליכער ווידער־
שפּרוך. איבער א קינד וואָס ווייסט ניט, אָדער איבער א קנעכט
וואָס וויל ניט וויסען, שטעלט מען אָן אן אויפזעהער; איז איינער
אָבער מענש גענוג, און פריי דערצו אליין צו וועהלען, מיט דער
אבזיכט, פאַרשטעהט זיך, אלץ זאָל געהן אמבעסטען, — דאַרף אזא
איינער דען האָבען א שמייסער מיט א בייטש אין די הענט, ער
זאָל איהם אָנטרייבען, אויפפּאסען אויף איהם?

פון דער גאָט־אידעע איז גאָרנישט געוואָרן, אַזוי באַלד ווי
מען האָט אויסגעפונען דעם סוד, אז ניט גאָט האָט געמאכט דעם
מענשען, נאָר אז דער מענש האָט געמאכט זיין גאָט; דאָס הייסט,
אזוי גיך ווי דער מענש האָט גענומען נאָכדענקען וועגען דער נוי־
טיגקייט פון א גאָט, איז ער שוין געוואָרען ניט נויטיג. פּונקט דאָס־
זעלבע איז מיט דער רעגירונג־אידעע. כל זמן מיר האָבען געמיינט,
אַז די רעגירונג איז אונז געגעבען געוואָרן פון „גאָט'ס גנאָדען“
איז געווען פאַרפאַלען. אַזוי באַלד אָבער ווי מיר זיינען דערגאַנ־
גען דעם סוד, אז די רעגירער זיינען אונזערע ד י נ ע ר, האָבען מיר
אָנגעהויבען נאָכדענקען און איבערקלייבען. מיר האָבען געמאכט
רעוואָלוציעס און געביטען איין קאָפּ אויפ'ן אנדערן — און וואָס
האָט זיך ארויסגעצייגט? אז איינער איז ניט בעסער פון דעם אנ־
דערן! ביז מיר האָבען אָנגעהויבען זיך פרעגען: צו וואָס דער גאַנ־
צער שפּיעל? מוזען מיר דען האָבען דינער, וועלכע זאָלען אונז רע־
גירן, פיהרער וועלכע זאָלען אונז דינען, אויפזעהער וועלכע קאָנען
אונז פאַרפיהרן? — קיינע הערן, קיינע קנעכט!“ איז א גוטער
אַנאַרכיסטישער פּרינציפּ.

אין נאָך א ווייטערן זין אָבער האָבען די גאָט־אידעע און די
רעגירונגס־אידעע געהאַט איין מזל: זייערעביידענס ביאָגראַפיעס
דערצעהלען אונז איין און דיזעלבע געשיכטע. דער אויפגעקלערטער
מענש, קומענדיג צום שכל, האָט רעוואָלטירט קעגען גאָט דעם קע־
ניג און איז געבליבען פאַר א לאנגער צייט זיך בוקענדיג צו א
„רעפּובליק“ פון נאטור־געזעצען, וועלכע זיין אייגענע אויפקלערונג

האָט ערפונדען און פארגעטערט. אונטער דער צייט זיינען אונזערע קענטעניסען געוואקסען; אונזער באגריף איבער דער נאטור איז געוואָרן טיפער און ברייטער. ווען מיר רעדען היינט־צו־טאָג פון א נאטור־געזעץ, מיינען מיר ניט מעהר א געזעץ וועלכען די נאטור פאָלגט, וועלכער רעגירט איבער די נאטור־קרעפטען, אָדער צו וועלכען אלצדינג אין דער נאטור מוז זיך בויגען. דאָס געזעץ פון גראַוויטאציע, צום ביישפיל, וואָס דערקלערט דעם גאנצען זונען־סיסטעם, דאָס דרעהען זיך פון דער ערד און די מעהרסטע פיזישע ערשיינונגען אויף דער ערד — אפילו דער דאָזיגער פונדאמענטאלער „געזעץ" פון אוניווערזום איז אייגענטליך נאָר א פ א ק ט, א נאטור־פאקט, אָבער ניט קיין געזעץ. די וועלט איז אין דעם איצטיגען מאָמענט ניט דיזעלבע וואָס זי איז געווען א מינוט פריהער, אָדער וואָס זי וועט זיין מיט א מינוט שפעטער. די אומשטענדען ענדערן זיך יעדען אויגענבליק; יעדער געגענווארטיגער פאקט איז א גלייכגעוויכט (עקוויליבריאיום) פון קרעפטען, וועלכע קעמפען איינע קעגען די אנדערע. מיר זעהען אומעטום רעזולטאטען פון זאכען, וועלכע האלטען שטענדיג אין איין בייטען זיך, — געזעצליכקייט, באשטענדיגקייט, געפינען מיר אין ערגעץ ניט! פעסטע געזעצליכקייט איז דער היפוך פון בעוועגונג, איז טויט; אין דער נאטור איז ניטאָ קיין טויט.

אריבערטראָגענדיג דעם געדאנק פון גאנצען אוניווערזום צו אונזער מענשליכער געזעלשאפט, באגרייפט דער אנארכיזם איהר אָרדענונג אין דעמזעלבען זין, ווי די אָרדענונג פון דער וועלט ווערט היינטיגע צייטען באטראכט. אין דער נאטור עקזיסטירט א געוויסע אָרדענונג, ווייל אין דעם דאָזיגען מאָמענט איז זי מעהר פאסענד אונטער אלע אומשטענדען, ניט ווייל זי פאָלגט דעם באפעהל פון א הארטען, פעסטגעשטעלטען געזעץ. פונקט דאָסזעלבע איז די אורזאַך פון א נאטירליכער אָרדענונג אין דער געזעלשאפט. מענשען זוכען צו באפרידיגען זייערע פאָדערונגען אויף דעם לייכטסטען וועג. אז אינדוסטריע ווערט באשאפען, ניט ווייל א פיהרער אָדער דאָס געזעץ רופט עס ארויס, נאָר דערפאר ווייל דאָס לעבען פאָדערט עס. איינצעלנע מענשען פאראייניגען זיך אין אלערליי סאָרטען

חברותא׳ס צו שאַפען און צו בויען געזעלשאַפטליכע בנינים און אינסטיטוציעס, ווייל זיי זעהען די נויטיגקייט פון דעם און ניט ווייל דאָס געזעץ באַפעהלט זיי צו שאַפען. און זאָל נאָר ניט זיין קיין געזעץ זיי צו הינדערן, וועלען זיי אימער שאַפען וואָס די אומשטענדען פאָדערן: דער רעזולטאַט פון זייער טעטיגקייט וועט זיין די געגענווערטיגע אָרדענונג פון דער געזעלשאַפט.

דער רעפאָרמער וואָס גלויבט אין רעגירונג, שיינט אָט די וואַרהייט נאָך ניט צו באַגרייפען. פונקט ווי דער אַמאָליגער אויפגעקלערטער, אַזוי איז דער סאָציאַליסט, אויף דעם געזעלשאַפטס־געביט, דערגאַנגען ביז׳ן פונקט, אַז קלאַסען־רעגירונג איז אַן אומזין, אָבער גאָר אָהן רעגירונג קאָן ער זיך ניט באַגעהן. די רעגירונגען פון מינאָריטעטען, פון אָליגאַרכיען, פון מאָנאַרכיען, ווי געטריי און פאַטערליך זיי זאָלען ניט זיין צו זייערע אונטערטאַנען — האָט ער אָוועקגעוואָרפען. א מאַיאָריטעט־רעגירונג, א פאָלקס־ווירטשאַפט — דאָס איז דער אידעאַל צו וועלכען ער בוקט זיך! אין דעם סאָציאַליסט׳ס דענקען איז נאָך געבליבען די שוואַכקייט וואָס ער מיינט, אַז עס מוזען זיין פעסטע דאָגמען, האַרטע געזעצען, וועלכע זאָלען רעגירן איבער די געזעלשאַפטס־קרעפטען, צו וועלכע אַלץ אין דער געזעלשאַפט מוז זיך בויגען און פאָלגען. ער באַגרייפט ניט די אידעע פון אָרדענונג אָהן אָרדערס, פון א רעגולערער געזעלשאַפט אָהן רעגעלן, פון א וואוילשטאַנד אָהן קהל׳שע פאַרזאָרגערס...

דער אַנאַרכיסטישער געדאַנק איז: וואָס ווייניגער רעגירונג אין מענשליכע, אין געזעלשאַפטליכע פאַרהעלטענישען. און וואָס איז פאָלקס־ווירטשאַפט, אויב ניט רעגירונג? עס איז אַן אַנדער וואָרט, אָבער ניט קיין אַנדער זאַך; עס איז אַן אַנדער נאָמען, דער עסענץ אָבער איז דערזעלבער. פאָלקס־ווירטשאַפט, אָדער ווי דער דייטש דריקט זיך אויס: „אדמיניסטראַציאָן פון פראָדוקציאָן און קאָנסומציאָן“, הייסט — רעגירונג, פאַרברייטערט און פאַרצווייגט און אָנגעווענדעט אויף אַלע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייטען פון יעדען מענשען.

מאַנכער סאָציאַליסט, דיסקוטירענדיג מיט אונזער איינעם, מיינט ווירקליך, אַז ער כאַפּט אַרום דעם גאַנצען ווינט פון אונזע־

רע זעגלען, ווען ער באהויפּטעט (ווי צום ביישפּיל פרידריך ענגעלס): רעגירונג? נו, געווים וועלען מיר אָפּשאַפען די רעגירונג, דעם שטאַט אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט! אלץ וואָס עס וועט בלייבען וועט נאָר זיין א פאָלקס־ווירטשאַפט, אן אדמיניסטראַציע וואָס וועט קאָנטראָלירן די געזעלשאַפטליכע טעטיגקייטען און אויפּפּאַסען, אז יעדע זאַך זאָל זיך פיהרען מיט אן אָרדענונג. ער זעהט ניט איין, אז אַנאַרכיסטען זיינען קעגען רעגירונג, קעגען דעם היינטיגען שטאַאט, ניט נאָר דערפאַר ווייל ער איז פאַרדאָרבען, געמיין, ני־דערטרעכטיג, רויבעריש און געבויט אויף מערדעריי. מיר וואָלטען אויסגעזעצט קעגען איהם, אפילו ווען ער וואָלט געווען — וואָס דאָס איז אן אוממעגליכקייט — עהרליך און ערהאַבען און געטריי און טייער ווי די וועלט, אזוי ווי דער סאָציאַליסט גלויבט אז ער וועט זיין אין זיינע הענט. מיר זעצען אוים קעגען דעם פּרינציפּ פון רעגירונג; מיר קריטיקירן דעם עסענץ פון שטאַאט; מיר גע־פינען, אז דער עיקר, דער איינגענטימליכער כאַראַקטער פון רעגירונג איז שעדליך פאַר די אינטערעסען פון די איינצעלנע און פון דער געזעלשאַפט בכלל! אין דער עהרליכסטער פאָלקס־ווירטשאַפט צייגט זיך ערשט ארוים דער סאַמע כאַראַקטער פון שטאַאט. אין אן אַד־מיניסטראַציע, וואָס אפילו די ריכטיגסטע מאַיאָריטעט איז מסכים צו איהר, בלייבט ערשט, פאַר די וואָס זיינען ניט מסכים דערצו, קיין אנדער וועג ניט ווי צו באגעהן זעלבסטמאָרד, אָדער פאַרבלייבען לעבען געבראָכען אין גייסט, גייסטיגע קנעכט.

עס איז אַ שפּאַס צו זאָגען, ווירטשאַפטען פער מאַיאָריטעט פון פּאַרטעטער, איבער א גאַנצען פאָלק, אין איין צענטראַלען פאַר־וואַלטונגס־ראַט! רעגירן ניט נאָר פּאָליטיש, ווי דער היינטיגער שטאַאט, זאָנדערן פּאָליטיש און עקאָנאָמיש און מאָראַליש, און — ווער ווייסט? — אפשר אויך רעליגיעז!

אין דעם היינטיגען שטאַאט, און זאָגאר אין זיין פעדעראַטי־ווער פאָרם, ווי מיר האָבען עס דאָ אין לאַנד, זעהען מיר אויך אין אלע גרויסע שטעדט א שטענדיגע באוועגונג פאַר „האָם־רול“ (מו־ניציפּאַלע דעצענטראַליזאַציע). עס צייגט זיך תמיד דייטליך ארוים, אז אפילו איין שטאַאט קאָן ניט פּראַקטיש רעגירט ווערן פון א

צענטראַלער קערפּערשאַפט, ווי די שטאַאַט־לעגיסלאַטור. ניו יאָרק, צום ביישפּיל, האָט געהאַלטען ביים אָפּטרייסלען זיך פון שטאַאַט און ווערן א זעלבסטשטענדיגער שטאַאַט אונטער דעם נאָמען „מאַנהעטען“. די קליינשטעדטעלדיגע און די פאַרמערס זיינען די געזעצמאכער פאַר די גרויסע שטעדט, הגם זיי ווייסען ניט גענוג און קאָנען ניט וויסען אקוראַט די פאַרשיידענע פאָדערונגען פון א גרויסער שטאָדט. און אומגעקעהרט, דער גרויסשטאָדטישער, וועלכער האָט קיין אידעע ניט פון דאָרפישען לעבען, איז אמאָל דער הויפּט־געזעצמאכער איבער פאַרמערשע אַנגעלעגענהייטען. דער אומגעהויערער אומזין פון דער גאַנצער זאַך ווערט שטענדיג קלערער פאַר יעדען פאַרשטענדיגען מענשען, און דאָך וויל מען אונז איינרעדען, אז רעגירונג פון א צענטראַל־ביוראָ איז פּראַקטיש; אז פאָלקס־ווירטשאַפט איז א נויטווענדיגקייט און — דאָס נאָך אויך — אז אדמיניסטרירן די טעטיגקייט פון א גאַנצען פאָלק הייסט ניט רעגירן!

לאָמיר אמאָל פאַרשטעהן וואָס אייגענטליך איז דער כאַראַקטער פון א רעגירונג? איך וויל זיך ניט אריינלאָזען אין לאַנגע דעפיניציעס, אָבער מיר שיינט, אז די ריכטיגסטע איז — דער כאַראַקטער פון טו ווי מען הייסט! (דער רוסישער „ביט פּאָסעמו!“) גוט אָדער שלעכט, האָט איינמאָל קהל אזוי באַשלאָסען, מוז עס אזוי זיין. דער איינצעלנער, פון וועמעס טובה־וועגען „קהל“ האָט זיך אזוי שטאַרק געזאָרגט, האָט קיין רעכט אין דער וועלט ניט צו זאָגען: א גרויסען דאַנק אייך, רבי קהל, אָבער איך בין מוחל די טובה. ניין, דו מוזט אַננעהמען די טובה און, זעלבסטפאַרשטענדליך, צאָהלען דיין חלק הוצאות!

שטעלט אייך פאָר, אז איך האָב צוויי קינדער, זאָלען לעבען, וואָס עס איז צייט פאַר זיי צו געהן אין חדר. אלס פרייער מענש, וויל איך, שיק איך זיי אין א חדר וואָס מיר געפעלט און צאָהל וויפיעל איך באַדינג זיך; וויל איך ניט, לערן איך מיט זיי אליין אין מיין פרייער צייט און בין קיינעם ניט שולדיג. אונטער דער רעגירונג פון א קהל געהען אזעלכע מעשיות ניט אָן. — מיר האָבען געמאכט שולען פאַר אלעמען, טענה'ט קהל, דיין חלק הוצאות, ברודער, מוזטו צאָהלען סיי־ווי־סיי!

דאָס, פארשטעהט זיך, איז נאָר א ביישפּיל; וויכטיג איז דער פּרינציפּ פון דער זאך. מענשען זיינען געזעלשאפטליך. ווען א געוויסע צאָהל מענשען קלייבען זיך צוזאמען אין איין פּלאַץ, אָרגאַניזירן זיי זייערע טעטיגקייטען און עטאבלירן א געזעלשאפט. נעהמט אָן, אז די געזעלשאפט איז געבויט אויף גלייכהייט — איז זי אויך געבויט אויף פרייהייט? דאָס הענגט־אָפּ הויפּטזעכליך פון איין פּונקט: קאָן יעדער איינער, וועמען עס געפעלט ניט, זיך ציהען צוריק; האָט יעדער איינער דאָס רעכט צו ענטזאגען זיך פון דער אָרגאַניזאציע — איז זי פריי; ווען ניט, איז זי ניט פריי. מעסט די געזעלשאפט, וואָס די סאָציאַליסטען ווילען אויפריכטען, מיט דעמזעלבען מאסשטאב. דאָס פאָלק, די געזעלשאפט פון גאנצען לאַנד, איז אָרגאַניזירט. יעדער באַצירק שיקט א פארטרעטער, און אַלע פארטרעטער פון די באַצירקען שטעלען צוזאמען א גרויסארטיגען פארוואלטונגס־ראַט. דער ראַט באַשליסט (פּער מאַיאָריטעט) די אָרט און ווייזע פון דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע, די אָרט און ווייזע פון דער קאָנסומציע; ער בילדעט אַלערליי אַנשטאַלטען, באַזאָרגט אַלע מעגליכע אינטערעסען און — לעגט זיך אָפּרוהען אַלע נאַכט מיט א ריינעם געוויסען. איצט פרעגט זיך: ווי איז אז איינינע מענשען פון א באַצירק זיינען אומצופרידען מיט דער אָרט און ווייזע פון דער אדמיניסטראציע און ווילען זיך פיהרן אויף אַן אַנדער אופן? וואָס בלייבט זיי צו טאָן? זוכען צו קריגען ביי די נעקסטע וואהלען א מאַיאָריטעט אין פארוואלטונגס־ראַט? וואָס פאַר אַן אויפטו וועט דאָס זיין? דאַן וועלען די א נ ד ע ר ע זיין אומצופרידען! זיי קאָנען זיך ניט צוריקציהען פון דער אָרגאַניזאציע, ערשטענס דערפאַר, ווייל די פאַרוואלטונג לייקענט זיי אָפּ דאָס רעכט אזוי צו טאָן אין פּרינציפּ גופא, און צווייטענס, וואוהין זאָלען זיי געהן? אויף דער לבנה? די ערד, דאַרף מען זיך פאָרשטעלען, איז דאָך איבעראַל אָרגאַניזירט סאָציאַליסטיש.

מיר זעהען אַלזאָ, אז די סאָציאַליסטישע פאָלקס־ווירטשאַפט האָט דעמזעלבען כאראקטער ווי יעדע אַנדערע רעגירונג, הגם איהר פאָרם איז געענדערט. לויט אונזער מיינונג באשטעהט טאַקע דע־

רײן די שוואַכקײט פון סאָציאַליסטישען אידעאַל. מענשען האָבען פאַרשײדענע אָנזיכטען, און װילען נאַטירליך האַנדלען װי זײ פאַר־שטעהען. שעפסען, פאַרשטעהט זיך, געהען וואו מען טרײבט זײ. א געזעלשאַפט, װעלכע נעהמט ניט אין אָנבאַטראַכט די אינדיװידו־עלע אָנזיכטען פון דער געשלאָגענער מינאָריטעט, מוז זיך רעכענען מיט אומצופרידענע, מיט „קיקערס", װעלכע רופען־ארויס שטרײ־טיגקײטען און קאָנען רעבעלירן. װאָס־זשע קאָן מען טאָן צו ברענ־גען אָרדענונג אין דער געזעלשאַפט? אײנס פון די צװײ: ענטװעדער אינגאַנצען אָפּשאַפען די רעגירונג, דאָס הײסט דעם שטאַאַט־כאַ־ראַקטער פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע; אָדער פאַרשטאַרקען די רעגירונג מיט א באַװאָפענטער מאַכט, כדי די מינאָריטעט זאָל ניט װאַגען אױפהױבען דעם קאָפּ. אין דעם ערשטען פאַל װעט עס הײסען זיך אָרגאַניזירן אַנאַרכיסטיש; אין צװײטען פאַל װעט עס הײסען — אָרגאַניזירן, א חוץ די הײנטיגע פּאָליטישע טיראַ־ניי, נאָך א פּיעל שװערערע עקאָנאָמישע טיראַניי.

די געזעלשאַפטליכקײט אין דער מענשליכער נאַטור איז א פאַקט. ניט די סאָציאַליסטיש געזאָנענע רעפאָרמער, ניט די אַנאַר־כיסטיש געזאָנענע רעפאָרמער געהען איצט אױפבױען א מענש־ליכע געזעלשאַפט. קײנער פון אונז באַטראַכט ניט דעם מענשען אױסער דער געזעלשאַפט. דערפון פאָלגט, אז מיר דיסקוטירן דאָ ניט װעגען דעם פּונקט פון אָרגאַניזאַציע גופא: װײל געזעלשאַפט אָהן אָרגאַניזאַציע איז א װידערשפּרוך אין זיך זעלבסט. דאָס װאָרט געזעלשאַפט טראָגט מיט זיך דעם באַגריף פון אָרגאַניזירטע פאַר־בינדונגען און פאַרהעלטעניסען צװישען מענשען. דער גאַנצער חילוק צװישען די צװײ קלאַסען רעפאָרמער באַשטעהט נאָר אין דעם כאַראַקטער פון דער אָרגאַניזאַציע. דער חילוק װידער קומט ארױס פון זײער פאַרשײדענער אױפפאַסונג פון דער געזעל־שאַפט גופא. דער סאָציאַליסטישער דענקער באַטראַכט די געזעל־שאַפט אלס עטװאָס גאַנצעס אין זיך אלײן, אָדער אזױ װי זי װאָלט געװען דער אָרגאַניזם, פון װעלכען די אײנצעלנע מענשען זײנען בלױז טײלען, װי די צעלען אין קערפּער. ער באַהױפּטעט, אז זי האָט אזױנע רעכט, װעלכע שטעהען העכער און װיכטיגער װי די

רעכט פון די איינצעלנע. ער גיט איהר דערפאר אזא כאראקטער, וועלכער מאכט איהר רעגירן איבער די איינצעלנע, אזא פאָרם וועלכע צווינגט יעדען איינעם צו נעהמען אַנטייל אין איהר. דער אַנארכיסטישער דענקער באטראכט די געזעלשאפט, אפּארט פון די איינצעלנע, ווי אן אבסטראַקציע (דער געדאַנק, דאָס בילד פון א זאך, ניט די זאך אליין), און זעלבסטפארשטענדליך קאָנען אבסטראקציעס ניט האָבען קיין רעכט, ניט קיין פליכטען. די געזעלשאפט אַן און פאר זיך קאָן ניט רעגירן, זי קאָן ניט צווינגען די איינצעלנע, זי האָט קיין רעכט ניט. רעכט האבען די איינצעלנע און נאָר די איינצעלנע! — אָט די מיינונג איז דער פונדאמענט פון דער אנארכיסטישער פילאָזאָפיע.

דער אנארכיסט, זאָגט קראָפּאָטקין, וועלכער האָט אויפגעגעבען די אידעע פון גאָט דעם וועלט-טיראַן, גאָט דעם קעניג און גאָט דעם פּארלאָמענט, קאָן ניט אָננעהמען א נייעם גאָט, א געפעהרליכערן פון אלע געטער — גאָט די געזעלשאפט. מיר בעטען קיינעם ניט, ער זאָל אָפּפערן אויפ'ן מזבח פון געזעלשאפטס-גאָט זיין פרייהייט, זיין ווילען, זיינע געשמאַקען, זיין פּערזענליכקייט. אין גענענטייל, מיר זאָגען יעדען איינעם: קיין געזעלשאפט קען ניט זיין פריי, כל זמן דער איינצעלנער איז ניט פריי. זוכט ניט צו ענדערן די געזעלשאפט פון אויבען ארונטער אָדער פון צענטער צו די ברעגעס; לאָזט איהר פריי זיך ענטוויקלען פון איינפאכען צום פיעלפאכען, דורך דער פרייער פאַראייניגונג פון פרייע גרופּען!

אָט די ווערטער ענטהאלטען אין זיך אי דעם אנארכיסטישען געדאַנק, אי די אַנארכיסטישע מעטאָדע פון אָרגאַניזאציע. דער געדאנק איז: לאָזט די איינצעלנע זיין די הארן פון זייער געזעלשאפט. זיי זיינען די ווירקליכקייטען, די פאקטען; די געזעלשאפט איז ניט מעהר ווי די פארהעלטעניששען, וועלכע ערשיינען דורך זייער עקזיסטענץ. עס איז ריכטיג, אז די איינצעלנע ווערן באאיינפלוסט פון זייערע פארהעלטענישען; שטיינדלעך, אַנגעשאָטען פול אין זאק, רייבען זיך אויך אוים איינע אָן די אנדערע, — זיי מוזען אָבער ניט ווערן באוועלטיגט אָדער פארגוואלטיגט פון די פארהעלטעני־

שען וואָס זיי האָבען אליין געשאַפען — פון זייער אייגענער אָרגאַ־ניזאַציע. די געזעלשאַפט איז ניט מעהר ווי דער נאָמען, מיט וועל־כען מיר דריקען אויס דעם פאַקט, אַז די איינצעלנע זיינען פאַרבונ־דען צווישען זיך אין טויזענטערליי וועגען. די איינצעלנע זיינען די טרעגער פון דער קולטור, פון די אידעען, פון די שטרעבונגען און די טענדענצען פון דער געזעלשאַפט. זיי זיינען אויך די שע־פער פון די נ י י ע אידעען, די נייע שטרעבונגען און די נייע אי־דעאַלען, מיט וועלכע די געזעלשאַפט צייכענט־אויס געוויסע עפאָ־כען פון איהר געשיכטע.

דער איינצעלנער פּראָפּיטירט פון די פאָרטשריטען וואָס די גאַנצע געזעלשאַפט מאַכט, אָבער די געזעלשאַפט אַן און פאַר זיך — וואָס פאַר אינטערעסען האָט זי אליין? ווער איז זי, אַז מיר זאָלען מוזען אָפּפערן אונזער פּערזענליכקייט צו גונסטען פון איהר? זיי נאַרן אונז איינפאַך, די וואָס רעדען אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט! זיי מיינען די אינטערעסען פון דער מ אַ י אָ ר י ט ע ט! זיי זאָגען, די איינצעלנע מוזען זיך לאָזען ברעכען צו גונסטען פון העכערע אינטערעסען, פון געזעלשאַפטס־אינטערעסען. עס איז פאַלש! עס זיינען ניטאָ קיין ה ע כ ע ר ע אינטערעסען. עס זיינען דאָ אינטע־רעסען פון מ ע ה ר ע ר ע, אָבער ניט קיין ה ע כ ע ר ע. עס איז די אַלטע לאָגיק פון ציפער־רעכט: 6 זיינען מעהר ווי 5, דערפאַר מעגען די 6 טאָן וואָס זיי ווילען און די 5 זאָלען באַדיי קראַפּירן. דער אַנאַרכיזם פּראָטעסטירט קעגען אַן אידעאַל פון אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער די מינאָריטעט ווערט באַרויבט פון איהר ווילען, פון איהרע רעכט און פון דער מעגליכקייט צו האַנדלען נאָך דעם וואונש פון איהר אייגענער פּערזענליכקייט. אונזער אידעאַל איז: אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער די פראַגע פון מינאָריטעטען און מאַיאָריטעטען קאָן קיינמאָל גאָר ניט פאָרקומען, דער אידעאַל פון אַ געזעלשאַפט אָהן רעגירונג.

די אַנאַרכיסטישע מ ע ט אָ ד ע פון אָרגאַניזאַציע איז די פּראָ־גרעסיווע מעטאָדע פון ענטוויקלונג. פון איינפאַכען צום פיעלפאַכען. אַ מענש, וואָס שטעהט לעבען אַן אָפענעם קוואַל וואַסער מיט אַ שעפּער אין האַנט און איז דאָרשטיג, דאַרף ניט קיין „אוקאַז“ צו

נעהמען און טרינקען פון דעם וואסער וויפיעל זיין הארץ און ווען ער שטימט־איין מיט נאָך עטליכע מענשען, אז מען דארף גראָבען א פרישען ברונעם, איז ער וויליג צו ארבעטען דערפאר, אבי מען זאָל איהם ניט שטערן. ער מאכט־אָפּ מיט די איבעריגע אויף וועלכער ארט און וויזוי יעדערער זאָל טאָן זיין ארבייט און אויף וועלכען אופן יעדערער זאָל געניסען די פרוכט פון זיין אר־בייט. זיי שטעהען קיינער ניט אונטער קיינעמ'ס קאָנטראָל, אוי־סער זייער אייגענעם אָפּמאך. זיי מוזען קיינעם ניט אָפּגעבען קיין רעכענונג וויפיעל און וואָס זיי האָבען פּראָדוצירט. זיי זיינען ניט געצוואונגען צו נעהמען אין אָנבאטראכט וואָס די גאנצע געמיינדע פּאָדערט. זיי פארפאָלגען דורכאויס זייערע אייגענע צוועקען. איין מענש קאָן זיין א מיטגליד פון אזויפיעל גרופּען, אין וויפיעל ער איז גענייגט צו נעהמען אן אָנטייל; אָדער ער קאָן זיך איבערגע־בען צו איין זאך, אויף ווי לאנג איהם געפעלט. די מיטלען צו פּראָ־דוצירן מוזען אומבאדינגט זיין פריי, וואָרים עקאָנאָמישע אומאָפּ־הענגיגקייט איז דער ערשטער באדינג פון א פרייער געזעלשאפט.

מיר מוזען זיך לערנען צו דענקען פון א נייעם שטאַנדפּונקט. די פּראגע איז נ י ט, וואָס פּאָדערט די געזעלשאַפט? וועלכע טויזענטער פארשיידענע ארבייטען מוזען אָפּגעטאָן ווערן, כדי צוצושטעלען אלץ וואָס א היינטיגע געזעלשאפט פּאָדערט? ווען איהר שטעלט אזוי אוועק די פראגע, ווערט איהר מבולבל פון די אומגעהויערע מאסען ארבייט וואָס מוזען געמאכט ווערן צו דער מינוט און צום פּונקט, און איהר מיינט דאָן, אז אָהן א שטרענגער אָרגאניזאציע, א שטיי־גער ווי אין א היינטיגער ריזען־פאבריק, וועט די צוקינפטיגע גע־זעלשאפט זיין א נייע אויסגאבע פון דעם אלטען „דור הפלגה“. די פּראגע, פון אונזער שטאנדפּונקט אויס, איז ניט וואָס פּאָדערט די געזעלשאפט, זאָנדערן: וואָס פּאָדערט דער איינצעלנער מענש? וואָס פּאָדערט א גרופּע פון הונדערט אָדער טויזענט מענשען? דאָס איז שוין ניט אזוי מורא'דיג קאָמפּליצירט; אז יעדער איינער קעהרט־אָפּ פון פּאָרנט פון זיין הויז, איז די גאנצע גאס ריין. די גרופּע איז דער א י נ ס (דער יוניט); כפל'ט זיי מיט טויזענט אָדער מיט א מיליאָן, אויב איהר ווילט, וועט איהר האָבען א גרויסע געזעל־

שאפט, אזוי ענג פארבונדען און דורכגעמישט איינע מיט די אנדערע, ווי איהר קאָנט זיך נאָר פאָרשטעלען! דער כאַראַקטער פון דער געזעלשאפט איז געבויט אויף דעם כאַראַקטער פון יעדער גרופּע באזונדער. דער גרונדשטיין פון דער גאַנצער האַרמאָנישער געביידע איז דורכאויס און איבעראַל דער איינצעלנער, און מעהר גאָרנישט ווי דער איינצעלנער.

דער אַנאַרכיזם פאַנגט־אָן מיט דעם איינצעלנעם אין טעאָריע און לאָזט־אויס מיט דעם איינצעלנעם אין פּראַקטיק. ער אָנערקענט ניט קיין אנדער ווילען, קיין אנדער באוועג־גרונט ווי דעם איינצעלנעם מענשען'ס ווילען און זיין מענשליכע פּסיכאָלאָגיע, אָבער דער אַנאַרכיזם לערנט ניט דעם מענשען איינזייטיג. ער אָנערקענט זיינע סימפּאטישע געפיהלען, זיינע אַלטרואיסטישע נייגונגען, זיינע סאָלידארישע האַנדלונגען, אזוי גוט ווי זיין אינדיווידועלען כאַראַקטער. דער אַנאַרכיזם דייטעט שטענדיג אָן אזוי שטאַרק אויף דער זעלבסטשטענדיגקייט פון איינצעלנעם, וויל די זייט פון דער מענשליכער נאטור ווערט אונטערדריקט פון אלע רעפאָרם־אידעען. די פּערזענליכע זעלבסטשטענדיגקייט שליסט ניט אויס די געזעלשאפטליכקייט פון מענשליכען כאַראַקטער. פרייהייט שליסט ניט אויס ברידערליכקייט; גראָד די פאראייניגונג פוןביידע אייגענשאפטען, ברידערליכע פרייהייט, מאכט עכטע פולקאָמענהייט. דער העכסטער אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט איז דער קאָמוניזם פון אַ פרייער געזעלשאַפט.

# די באַגרינדונג פון אַנאַרכיזם

דער אַנאַרכיזם איז די אידעע פון א געזעלשאַפט אָהן א רעגירונג; דערמיט איז פארענטפערט די פראגע: *וואָס* איז אנארכיזם. אָבער א פיעל טיפערע פראגע איז: *פאַרוואָס* זיינען מיר אַנאַרכיסטען? אויף וועלכען פונדאַמענט בויען מיר דעם אַנאַרכיזם? וועלכע פילאָזאָפיע פון געשיכטע גיט אונז דעם גרונט פאר דעם אַנאַרכיסטישען אידעאל פון א געזעלשאַפט פאר איינצעלנע, אַנשטאָט דעם סאָציאַליסטישען אידעאל פון איינצעלנע פאר דער געזעלשאַפט?

וואָלט דער אנארכיזם געווען בלויז א פערזענליכער אידעאל פון עטליכע צעהנדליג מענשען, דאַן וואָלט ניט נויטיג געווען צו זוכען פאר איהם היסטאָרישע באַגרינדונגען: עטליכע מענשען מעגען וועלען האָבען א געוויסע זאך אָהן א פילאָזאָפישען פונדאמענט צו דערקלערן זייער ווילען. מיר באהויפטען אָבער, אז דער אַנאַרכיזם איז א *געזעלשאַפטליכער* אידעאל; און וויבאלד מיר האַנדלען וועגען דער גאנצער געזעלשאַפט, מוזען מיר געפינען א גרונט פאר אונזער מיינונג. דער פונדאמענט פון אן אידעאלער געזעלשאפטליכער געביידע קאָן זיך ניט האלטען בלויז אויף נאָבעלע וואונשען, מיט וועלכע מיר טראָגען זיך ארום אין אונזער הארצען. א געזעלשאפטליכער אידעאל מוז איינשטימען, ערשטענס, מיט די העכסטע צילען פון סאָציאלען לעבען, פון א מאַטעריעלען און גייסטיגען שטאנדפונקט; און צווייטענס, מוז ער זיין פסיכאָלאָגיש און סאָציאָלאָגיש *מעגליך*. נאָכמעהר, ניט נאָר מוז ער זיין מעגליך, זאָנדערן עס מוז זיין העכסט *וואהרשיינליך*, אז ער וועט פארווירקליכט ווערן; מיר מוזען איהם קאָנען פאָרשטעלען אלס *א נויטיגען רעזולטאט* פון דער גאנצער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג.

עס איז אן אלטער שפּריכוואָרט, אז מען מוז לערנען די פאר־גאנגענהייט כדי צו פארשטעהן די געגענוואַרט, און מען מוז וויסען ביידע כדי צו קאָנען טרעפען די צוקונפט. פון דער געשיכטע פון מענשליכען לעבען קאָנען מיר שעפּען די אידעען, אויף וועלכע צו באַגרינדען אונזער אידעאל; אָבער די געשיכטע איז געדיכט מיט פאקטען, ווי בוימער אין אן אור־אַלטען וואלד: מיר בלאָנדזשען ארום אין דער פינסטערניש, ביז וואנען עס ווערט ניט אויסגעהאַקט א ברייטער וועג, וואו די שטראַלען פון דער זון זאָלען קאָנען דערלאַנ־גען און לייכטען אונזערע אויגען צו מארשירן פאָרווערטס. כדי צו געפינען אונזער וועג אין דער אומגעהויער גרויסער מאסע פון געשיכטליכע פאקטען, מוזען מיר זוכען די סיבות, וועלכע האָבען געווירקט אויפ'ן לעבען, און דאן, געהענדיג אויף א גלייכען וועג, קאָנען מיר ארומנעהמען דאָס גאנצע מיט איין טיפען בליק, וועלכער נעהמט דורך די פארגאנגענהייט און גרייכט ביז דער צוקונפט.

נאָכזוכענדיג און דורכזיפּענדיג אלע אורזאכען, וועלכע האָבען געווירקט אין דער מענשליכער געשיכטע, קומען מיר צום סוף צו דריי אלגעמיינע פאקטאָרען. אויף דער געזעלשאפטליכער ענטוויק־לונג האָבען געווירקט: ערשטענס, די א ו י ס ע ר ל י כ ע נ א ט ו ר — דער קלימאט, די וואסערן, די בערג און טאָלען א. אז. וו.; צווייטענס, ד י פּ ע ר ז ע נ ל י כ ק י י ט פ ו ן א י י נ צ ע ל נ ע ם מ ע נ ש ע ן — זיין גייסט, זיין פארלאנגען און שטרעבען, קורץ, זיין כאראקטער; און דריטענס, ד י ג ע ז ע ל ש א פ ט ל י כ ע א ו מ ש ט ע נ ד ע ן גופא — דאָס הייסט, די פארהעלטענישען אין וועלכע דער מענש געפינט זיך צו זיינע מיטמענשען.

די דריי פאקטאָרען האָבען געבראכט די מענשען און די גע־זעלשאפט צו דעם צושטאנד, אין וועלכען מיר געפינען זיך איצט; זייער ווירקונג איז אָבער ניט אלעמאָל גלייך. אמאָל זיינען די א ו י ס ע ר ל י כ ע אורזאכען וויכטיגער, אמאָל די א י נ ע ר ל י־כ ע מאָטיווען פון די איינצעלנע פערזאָנען. די אויסערליכע נא־טור שאפט דעם גרונט פאר די פארשיידענע אופנים פון מענשלי־כען צוזאמענלעבען, דער מענשליכער גייסט שאפט די שטרעבונגען, אלץ מעהר און פולקאָמענער צו געניסען און זיך צו באפרידיגען.

ווען דער מענש ווערט שטארק גענוג צו קאָנען באהערשען די אוי־סערליכע נאטור, צו באנוצען דאָס אָנגענעהמע און אויסצומיידען דאָס אומאָנגענעהמע, וואָס ער געפינט אין איהר, דאַן שפּילען זיינע מאָטיוועז די וויכטיגסטע ראָלע אין זיין געשיכטע. ער קאָן דאַן ענדערן אפילו די פארהעלטענישען, אין וועלכע ער געפינט זיך צו זיינע מיטמענשען. עס פארשטעהט זיך, „ער" מיינט „יעדער", וואָ־רים די געזעלשאפטליכע אומשטענדען ווערן געשאפען פון אלע־מען, און דער איינצעלנער איז כמעט אזויפיעל א פּראָדוקט פון דער געזעלשאפט ווי איהר מיטשאפער.

די פאָרשונגען פון די געלערנטע, וועלכע האָבען אזוי קלאָר ארויסגעפיהרט אָט די דריי קוואלען פון מענשליכער טעטיגקייט, באלייכטען מיט שטראַלען פון וויסענשאפט דעם גאנצען וואלד פון היסטאָרישע פאקטען. אָבער די דריי קלאסען פאקטאָרן צייגען אונז אַן אויף דריי באזונדערע וועגען — קומען זיי זיך אלע צוזאמען ביי דעם ענד? פיהרען די אלע דריי צו איין גרויסען וועג וואָס גרייכט ביז דער צוקונפט? וועלכער איז דער גלייכער וועג?

אָבער לאָמיר קודם זעהן, ווי אזוי ווערט אויסגעטייטשט און וואוהין פיהרט יעדער איינציגער וועג באזונדער.

אזוי ווי פון די אורזאכען, וועלכע האָבען געווירקט אויף דער מענשליכער ענטוויקלונג, האָבען מיר ארויסגענומען אלגעמיינע דריי פאקטאָרען, אזוי קאָן מען אויך איינטיילען אלע פילאָזאָפישע אנשויאונגען איבער דער געשיכטע אין דריי פארשיידענע ריכטונ־גען. * די ערשטע קאָן מען אָנרופען די פ י ז י ש ע; דאָס הייסט די מיינונג, אז די היסטאָרישע ענטוויקלונג פון מענשען ווערט בא־שטימט הויפּטזעכליך פון די פיזישע אומשטענדען, אָדער די פי־זישע „געזעצען", וועלכע ווירקען אויף דער גאנצער וועלט בכלל. די צווייטע איז די פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ע ריכטונג, וועלכע באהויפּ־טעט, אז די מענשענס וואונשען און פאָדערונגען, זייערע אידעען און שטרעבונגען, שפּילען די הויפּט־ראָלע אין דער געשיכטע. די

* זעה ראפאפּאָרט: „פילאָזאָפיע דער געשיכטע".

דריטע ריכטונג ווערט אָנגערופען די קולטור־היסטאָרישע,
וועלכע באהויפּטעט, אז די געזעלשאַפט און־און־פּאר־
זיך איז די באוועגרן פון יעדען פאָרטשריט, און דער מענש איז
נאָר א פּראָדוקט פון זיין צייט, א פּראָדוקט פון דעם קולטור־צו־
שטאַנד, אין וועלכען ער לעבט.

די הויפּט־פאָרשטעהער פון דער פיזישער ריכטונג זיינען געווען
מאָנטעסקי, הערדער און באָקל. זייער פארדינסט איז, וואָס זיי האָ־
בען אריינגעפיהרט דעם געדאַנק פון נאטירליכער געזעצמעסיגקייט
אין דער מענשליכער געשיכטע. „אויב די פילאָזאָפיע פון דער
מענשליכער געשיכטע וויל פארדינען דעם נאָמען“, זאָגט הערדער,
„מוז זי אָנפאנגען איהרע פאָרשונגען פון הימעל, ד. ה. פון זונען־
סיסטעם“. מאָנטעסקי דריקט זיך אויס אזוי: „צופאלען ווערן תמיד
רעגולירט פון דעם אלגעמיינעם לויף פון דער געשיכטע“. באָקל
ווידער האָט עס באטראַכט פאר זיין אויפגאבע * פעסטצושטעלען
די געזעצמעסיגקייט אין דער געשיכטע, אזוי ווי עס איז געטאָן גע־
וואָרן פון אנדערע אין דער פיזיק. זיי האָבען געשטעלט די געשיכ־
טע אויף א נאטירליכען פוס; זיי זיינען אָבער באגאנגען דעם פעה־
לער, וואָס זיי האָבען אוועקגעשטעלט די בלינדע קרעפטען פון דער
נאטור פונקט ווי זיי וואָלטען געהערשט איבער דעם שיקזאל פון
פעלקער אויף א מין פאטאַליסטישען אופן. נאָך באקל'ען, צ. ב.,
קומט אויס, אז געוויסע ניט־אייראָפּעאישע פעלקער זיינען פאראור־
טיילט אויף אייביגער פינסטערניש, אויף אייביגער קנעכט־
שאפט צו דער בלינדער נאטור. דער היסטאָריקער פרימאָן מאכט
אזא באהויפּטונג: „דער געאָלאָגישער פּראָצעס, וועלכער האָט ארויס־
גערופען אין לעבען יענע באריהמטע בערג ביים טיבער, האָט אויף
אייביג פארזיגעלט דעם שיקזאל פון דער וועלט“.

אַט די אָנשויאונג אויף דער געשיכטע שטעלט זיך נאָר אָפּ אויף
דער פעסטער געזעצמעסיגקייט פון לעבען און לאָזט ארויס פון חשבון
כמעט אינגאנצען דעם פּרינציפּ פון ענטוויקלונג. פון דעם שטאַנד־
פונקט קומט אויס, אז הגם מיר קאָנען קעמפען קעגען דער אויסער־

---

* אין זיין ווערק „געשיכטע דער ציוויליזאציע“.

ליבער נאטור, און הגם מיר קאָנען אמאָל געווינען פון איהר א פּאָר פּונקטען מיט אונזער פארשטאנד, בלייבען מיר דאָך סוף־כל־סוף איהרע קנעכט, איהרע אונטערטאנען. מיט אזא מיינונג קאָנען מיר ניט ערקלערן די ע נ ט וו י ק ע ל ט ע מענשליכע געשיכטע. זי העלפט אונז צו פארשטעהן אין פיעל הינזיכטען דאָס ב א ש ט ע נ ד י ג ע אין דער געזעלשאפט, אָבער זי לאָזט אונז איבער אין דער פינס־טערניש מכח דעם וואָס עס מאכט, אז די געזעלשאפט זאָל זיך ענ־דערן, באוועגען און ניט בלייבען שטעהן אויפ'ן זעלבען אָרט וואו זי האָט אָנגעפאנגען. די אויסערליכע נאטור גיט אונז בלויז די גרונטלאגע, דעם באָדען, אויף וועלכען די מ ע נ ש ל י כ ע נאטור קאָן וואקסען און זיך ענטוויקלען. וואָס איז אָבער די סיבה וואָס מאכט די מענשליכע נאטור צו וואקסען און בליהען און זיך ענדערן? די פיזישע אומשטענדען זיינען ניט מעהר ווי דער וועלט־טעאטער, וואו די דראמע פון מענשליכען לעבען ווערט געשפּילט — ווער זיינען אָבער די ריכטיגע שפּילער?

די קולטור־היסטאָרישע אנשויאונג פּרעטענדירט, אז זי גיט אונז אן ענטפער אויף די פראגען, וועלכע זיינען געבליבען ניט־פאר־ענטפערט פון דער „פיזישער“ אנשויאונג. די אמת'ע סיבה פון דער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג איז די „וועלט־אידעע“ נאָך העגעל'ס סברא נאָך. די געזעלשאפטליכע אומשטענדען, די קולטור פון יע־דער צייט איז אן־און־פאר־זיך די אורזאך פון דער ווייטערער ענט־וויקלונג. די איינצעלנע מענשען האָבען קיין באטרעף ניט, דער „צייט־גייסט“ איז דער ריכטיגער שפּילער פון דער מענשליכער דרא־מע. די פערזענליכע שטרעבונגען פון די מענשען זיינען ניט די אור־זאך, וואָס מאכט זיי צו ענדערן זיך, זייער ענטוויקלונג איז בלויז אן עפעקט פון די קולטור־פאָרמען פון זייער צייט.

„דער איינצעלנער מענש“, דריקט זיך אוים גומפּלאָוויץ, „איז ניט דער פאָטער פון זיין אייגענער דיכטונג: דער אמת'ער שעפער פון זיין פּאָעזיע איז דער פּאָעטישער גייסט פון דער צייט אין וועל־כער ער לעבט. ניט דער איינצעלנער מענש דענקט, אין איהם דענקט דער צייט־גייסט, די קולטור פון זיין געזעלשאפט. די היסטאָרישע פּאסירונגען ווערן פּונקט אזוי וועניג באווירקט פון די מענשען, ווי

די נאַטירליכע ערשיינונגען ווערן באַווירקט פון איבערנאַטירליכע קרעפטען. אין דער געשיכטע, ווי אין דער נאַטור, זעהען מיר שטענ־דיג ניט מעהר ווי מ א ס ע ן ־ ו ו י ר ק ו נ ג ע ן". שעפּלע באַהויפּטעט, אַז די איינציגע פּערזענליכקייט, אָפּגעזונדערט פון דער געזעלשאַפט, איז אומערקלערבאַר, אומפאַרשטענדליך. דער איינצעלנער מענש איז תמיד געווען און וועט אייביג זיין אַ געזעלשאַפטליכער פּראָ־דוקט. אַלץ וואָס איז אין איהם וויכטיג איז נאָר זיינע געזעלשאַפט־ליכע פונקציעס, זיין לעבען פאַר דער געזעלשאַפט און דורך איהר.

אָט די אָנשויאונג שאַפט דעם פונדאַמענט פון סאָציאַליזם, וועלכער בויט אויף דעם זיין אידעאל פון אַ כלל־הערשאַפט פאַר דער צוקונפט. די געזעלשאַפט האָט געמאַכט דעם מענשען אין דער פאַרגאַנגענהייט, דיזעלבע ווירקונג וועט זי אויך האָבען אין דער צוקונפט. די מענשהייט איז די אורזאַך פון מענשען; דערפאַר וועט דער כלל א י י ב י ג געוועלטיגען איבער דעם שיקזאַל פון פרט, פון איינצעלנעם. — אָט דאָס איז די ערקלערונג און דאָס איז דער אויספיהר פון דער דאָזיגער אָנשויאונג איבער דער ענטוויקלונג פון דער געשיכטע.

אין אָט דער מיינונג איז דאָ אַ טייל וואַרהייט. עס איז ריכ־טיג, אין אַ געוויסער הינזיכט, אַז דער איינצעלנער איז אַ פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפט; דאָך איז דער איינצעלנער, להיפך ווי שעפּלע זאָגט, אַ סך מעהר ערקלערבאַר, אַ סך מעהר פאַרשטענדליך, איי־דער די קאָמפּליצירטע געזעלשאַפט מיט אַלע איהרע פיעלפאַכע טענדענצען און שטרעבונגען. דער ריכטיגער וועג פון וויסענשאַפט איז צו זוכען די ערקלערונג פון אַ קאָמפּליצירטער זאַך אין די עלע־מענטען וואָס שטעלען זי צוזאַמען, ניט צו זוכען די ערקלערונג פון די עלעמענטען אין דער צוזאַמענגעשטעלטער פאַרבינדונג, אין וועל־כער זיי געפינען זיך. כדי צו פאַרשטעהן אַן אָרגאַניזם, מוז מען פריהער פאַרשען די אייגענשאַפטען פון די עלעמענטאַרע „צעלען", פון וועלכע דער קערפּער באַשטעהט: דאָס אייגענע, אויב מיר ווי־לען פאַרשטעהן די געשיכטע, מוזען מיר צוערשט פאַרשטעהן דעם איינצעלנעם מענשען. און הגם עס איז אמת, אַז די געזעלשאַפט איז מעהר ווי אַ פּראָסטער חיבור־חשבון, וואו מען דאַרף נאָר צוזאַ־

מענרעבענען די איינצעלנע ציפער כדי צו קריגען די גאנצע סומע, קאָן מען אָבער דאָך ניט אויסמיידען דעם פאַקט, אז אָהן איינצעל־נע ציפער איז ניטאָ קיין סומע, און אז די סומע הענגט אינגאנצען אָפּ, ווי גרויס די איינצעלנע זיינען, וואָס מאַכען דעם חיבור.

אָבער אויך א חוץ דעם וואָס אזא אָנשויאונג איז ניט־וויסענ־שאַפטליך, ערקלערט זי ניט דאָס, וואָס זי האָט זיך אונטערנומען צו ערקלערען. צו זאָגען, אז דער איינציגער וועג ווי אזוי מען קאָן פארשטעהן די געשיכטליכע ענטוויקלונג איז צו פארשטעהן דעם צייט־גייסט פון דער באַטרעפענדער עפּאָכע, הייסט נאָר מאַכען א מעטאַפיזישען דריידעל, וואָס זאָגט אייגענטליך גאָרנישט. וואָס פאַר א זין האָט צו זאָגען, אז א געוויסע ערשיינונג איז א פּראָדוקט פון איהר צייט? אודאי, יעדע ערשיינונג ערשיינט אין איהר צייט—ווער ווייסט עס ניט? אָבער וואָס מיינט עס, אז א געוויסער צושטאַנד איז א פאָלגע פון צייט־גייסט? שוועבט דען אזא מין גייסט ארום אין דער לופטען און ווארפט־ארונטער פאָלגען? איז דען ניט ריכטיגער צו זאָגען, אז דער צייט־גייסט גופא איז א פּראָדוקט פון די גייס־טער, די געדאַנקען פון אַלע מענשען, וועלכע לעבען אין א געוויסער צייט? איז דען ניט דער ריכטיגער וועג, דער וויסענשאַפטליכער וועג, צו דערפאָרשען די לעבענס־צוועקען פון יעדען איינצעלנעם, כדי צו דערקלערן די לעבענס־צוועקען פון אַלעמען?

אָט די וויכטיגע אויפגאבע האָט זיך געשטעלט די פּסיכאָלאָ־גישע ריכטונג. זי ענטפערט אויף דער פראַגע „וואָס שפּילט די גרעסטע ראָלע אין דער מענשליכער געשיכטע?“ מיט דער קלאָרער באהויפּטונג, אז — די אמת׳ע שפּילער זיינען די מענשען אליין. די איינציגע טעטיגע עלעמענטען אין דער געשיכטע זיינען די איינצעלנע מענשען. די איינציגע אקטיווע אורזאַך פון דער היסטאָרישער באוועגונג, דער ווירקליך וויכטיגער פאַקטאָר, איז קיין אַנדערער ניט, א חוץ די איינצעלנע פּערזאָן! אָט די אָנשויאונג באַלייכט דעם געדיכטען וואלד פון היסטאָרישע טעטיגקייטען מיט א ליכט קלאָר ווי די זון; זי עפענט פאַר אונז א וועג, וואָס פיהרט דורך פון אָנהויב פון דער פארגאַנגענהייט ביז׳ן מיטען פון דער געגענוואַרט, איין ברייטען געדאַנק, איין דייטליכען פאַקט.

וועלכער ציהט זיך דורך דער גאנצער געשיכטע און ערקלערט איהר שטענדיגע ענטוויקלונג: דאס איז — ד ע ר א י י נ צ ע ל נ ע ר א ו ן ז י י ן ש ט ר ע ב ע ן.

די דאזיגע ריכטונג איז צוערשט ארויסגערופען געווארן פון צוויי רוסישע דענקער — לאווראוו און מיכאילאווסקי — הגם מיר געפינען שפורן פון אזעלכע געדאנקען ביי א סך אנדערע באריהמטע וועלט־דענקער. אויגוסט קאנט האט צוגעגעבען, אז די „מיינונגען פון די איינצעלנע איז סוף־כל־סוף דער איינציגער גרונד פון אלע געזעלשאפטליכע פארמען". און אפילו קאנט האט געמאכט די באהויפטונג, אז „די ענטוויקלונג פון די מענשליכע פעהיגקייטען שטעלט־צוזאמען די מענשליכע געשיכטע". טעין האט באטראכט די געשיכטע אלס א פסיכאלאגישען פראבלעם, און ער מאכט דערביי די וויכטיגע באהויפטונג, אז „כדי צו קאנען ריכטיג לעזען די געשיכטע, מוז מען לערנען ניט נאר די נארמאלע פסיכאלאגיע, די גייסטיגע צושטאנדען פון מענשען, נאר אויך פאטאלאגיע, די קראנקהאפטע צושטאנדען פון מענשליכען דענקען, פיהלען און גלויבען".

אין דער לעצטער צייט איז אויסגעוואקסען א גאנצע שול פון געזעלשאפטליכע פארשער, וועלכע באגרינדען די געזעלשאפטליכע ענטוויקלונג דורכאוים אויף פערזענליכע (סוביעקטיווע) עלעמענטען פון דער געשיכטע. די ווירקונג פון אידעען 1), די קראפט פון איינפלוס, 2) די אייגענשאפט פון נאכאהמונג, 3) דער מאטיוו פון זעלבסטבאפרידיגונג 4), דער מיטגעפיהל צו אייגענע ברידער 5), די פאלגען פון פריידוויליגער איינשטימונג 6), — אט די אלע פסיכאלאגישע אורזאכען שטעהען היינט אויפ'ן ערשטען פלאץ אין די פארשונגען פון די בעסטע סאציאלאגען. צו די פיזישע אומשטענדען שרייבט מען צו די וויכטיגקייט, וועלכע זיי האבען פארדינט אין זייער צייט; די ווירקונג פון די געזעלשאפטליכע אומשטענדען לייקענט מען ניט אפ; די וויסענשאפטליכע פארשונג איז קיינמאל ניט איינזייטיג; אדרבה, זי זוכט די ת נ א י ם פון ענטוויקלונג מיט

1) פוליע, 2) דורקהיים, 3) טארד, 4) ווארד, 5) גידינגס, 6) דע גרעף.

פונקט אַזאַ איפער, ווי די מאָטיווען פון יעדען איינעם'ס טע־טיגקייט.

אין אָנהויב פון זיין היסטאָרישען לעבען, ווען די ארומיגע נא־טור האָט איהם איבערוועלטיגט, האָט דער איינצעלנער געשטרעבט זיך צו באפרייען פון דער נאטור־הערשאפט. ער האָט ערפונדען פייער, מיטלען צו באשיצען זיך פון שלעכטען וועטער, די ערדאַרבייט א. אַז. וו. שפעטער, ווען ער האָט זיך ארומגעריסען מיט זיינע מיט־מענשען איבער די ערוואָרבענע רייכטימער, און האָט נארישערהייט געלאָזט פיהרער הערשען איבער איהם „לטובת הכלל“, — האָט ער אָנגעהויבען צו שטרעבען זיך צו באפרייען פון דער מענשען־הער־שאפט, פון דער כלל־מאכט. ער האָט רעוואָלטירט, פארשפרייט פריי־הייטס־אידעען, און ביי געלעגענהייט אויך ארונטערגענומען די קעפ פון הערשער. געשטרעבט און געווירקט און ערבערט האָט אי־בעראַל דער איינצעלנער — זעלבסטפארשטענדליך ניט אלס איין איינצעלנער. יעדער איינצעלנער שטרעבט און ווירקט, ווען אפילו ניט אלע איינצעלנע שטרעבען און ווירקען פאר איין־און־דעמזעל־בען צוועק אין דערזעלבער צייט. איינער ווירקט מיט דעם אנ־דערן, דערפון קומט ממילא ארויס, אז איינער ווירקט פאר דעם אנ־דערן. בכלל איז די ווירקונג דורכדעם א שטארקע — אזוי פארשטע־הען מיר די באדייטונג פון מענשליכער סאָלידאריטעט, פון געזעל־שאפטליכקייט, — אָבער דער כלל שליסט ניט אויס דעם פרט; אין געגענטייל, די סומע ענטהאלט אין זיך די איינצעלנע: אָהן יע־דען איינצעלנעמ'ס ווירקונג איז ניטאָ קיין סומע־ווירקונג.

לאָמיר דעריבער ריכטיג פארשטעהן אָט די „פערזענליכע“ אָנ־שויאונג. מען באשולדיגט זי אָפטמאָל, אז זי פרעדיגט די פאלשע תורה פון העראָען־דינסט, דאָס הייסט אַז נאָר די העראָען, די „גרויסע“ מענער האָבען געמאכט די געשיכטע. פארקעהרט ווידער, שרייבט מען איהר אמאָל צו די פאלשע מיינונג, אז די וויכטיגסטע היסטאָרישע רעזולטאַטען הענגען־אָפּ פון דער לוינע פון אן איינ־צעלנער פערזאָן, פון דער פאָרם, צ. ב., פון קלעאָפאַטרא'ס נאָז, אָדער פון דעם בויכוועהטאָג פון א פראנצויזישען קעניג. — ניין, ניט אזוי דארף מען פארשטעהן די פערזענליכקייט אין דער געשיכטע. אין

דער געזעלשאַפט, ווי אומעטום אין דער נאַטור, קומען־פאַר וויכטיגע רעזולטאַטען נאָר פון וויכטיגע אורזאַכען. די ווירקונג פון „גרויסע“ מענער האָט קיין קיום ניט אָהן די גלייכמעסיגע שטרעבונגען פון די „קליינע“ פערזענליכקייטען.

מען מוז עס נאָכאַמאָל שטאַרק באַטאָנען: די „פערזענליכע“ אָנשויאונג שטעלט זיך ניט אָפּ אויף דער ווירקונג פון **איינציגע** איינצעלנע, גרויסע אָדער קליינע; זי נעהמט־ארום די ווירקונגען פון אַלע איינצעלנע. זי לערנט אונז: **אַלע** מענשען וואָס שטעלען־צוזאַמען אַ געזעלשאַפט, זיינען די אַקטיאָרן אין דער געשיכטליכער דראַמע. עס מוז זיין **אַ ביהנע** — די אויסערליכע נאַטור — **וואו** צו שפּילען, די ביהנע אָבער מאַכט ניט די דראַמע; עס מוז זיין אַ שטיק **וואָס** צו שפּילען — לעבענס־צוועקען, קולטור־שטרעבונגען — אָבער אַ שטיק שפּילט זיך ניט אַליין. די לעבענס־דראַמע קומט־צו־שטאַנד דורכדעם וואָס **יעדער איינער** שפּילט זיין ראָלע. **אונטער די אומשטענדען פון דער אויסערליכער נאַטור, צווישען די פאַרהעלטענישען פון אונזערע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס זוכען מיר אַלע צו באַפרידיגען אונזערע פערזענליכקייט: דערפון באַשטעהט די מענשליכע געשיכטע.**

אַט די פילאָזאָפיע פון געשיכטע גיט אונז דעם גרונט פאַר דעם אַנאַרכיסטישען אידעאַל פון אַ געזעלשאַפט פאַר איינצעלנע. אַרויסגעהענדיג פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די שטרעבונגען און די ווירקונגען פון די איינצעלנע זיינען די וויכטיגסטע עלעמענטען אין דער געשיכטע, מוזען מיר לאָגישערוויז קומען צום שלוס, אַז דער העכסטער ציעל אין סאָציאַלען לעבען איז די פולשטענדיגע באַפרייאונג, סיי גייסטיג סיי מאַטעריעל, פון יעדען איינצעלנעם מענשען. די געשיכטע עקזיסטירט פאַר דעם מענשען, ניט דער מענש פאַר דער געשיכטע. אַלץ וואָס מיר געפינען אין דער געשיכטע קאָן האָבען פאַר אונז אַ ווערט נאָר אויף אַזויפיעל, אויף וויפיעל עס פאַרהעלפט די פאָדערונגען פונ׳ם מענשען און זיינע אידעאַלען. מיר מוזען אָפּשאַצען און אורטיילען יעדע געשיכטליכע עפּאָכע, יעדע גע־

זעלבשטענדיגע פאָרם, נאָך די געלעגענהייטען וואָס זי האָט געשאַפען און די מעגליכקייטען וואָס זי האָט געגעבען צו ענטוויקלען און באַפרידיגען די איינצעלנע פערזענליכקייט.

דער אנאַרכיסטישער אידעאַל פון פולשטענדיג פרייע איינצעלנע איז ניט נאָר פסיכאָלאָגיש און סאָציאָלאָגיש מ ע ג ל י ך, ער איז דירעקט געבויט אויפ'ן פונדאַמענט פון די דאָזיגע צוויי באַגריפען. וואָרים איז דען ניט די פערזענליכקייט דער סך־הכל פון אַלע גייסטיגע רעזולטאַטען פון געזעלשאַפטליכען צוזאַמענלעבען? און איז עס ניט קלאָר, אז וואָס פרייער איהר ענטוויקלונג, דעסטאָ זיכערער איז די עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט גופא?

די פערזענליכקייט אין דער געזעלשאַפט פאַראייניגט און פאַרבינדט אין איין גאַנצעם אַלע אונזערע גייסטיגע און מאַטעריעלע טעטיגקייטען. דער מענש שעפט זיינע געפיהלען און געדאַנקען אי פון דעם זאַפט פון די אַמאָליגע דורות וואָס פליסט בירושה אין זיינע אָדערן, אי פון דער פאַקטישער באַריהרונג מיט דער אַרומיגער וועלט און זיינע מיטמענשען יעדען טאָג פון זיין לעבען. זיין גייסט ווערט געשפייזט פון צווייערליי קוועלען, וועלכע גיסען זיך צוזאַמען אין דער זעלבסטבאַוואוסטער פערזענליכקייט אין איין שטענדיגען שטראָם — פון ווילען. מיט'ן ווילען ווירקט דער מענש צו ענדערן זיך אַליין, און אַפילו זיינע אומשטענדען אויך. און הגם דער מענשליכער ווילען קאָן זיך ניט באַפרייען אינגאַנצען פון די צוויי קוואַלען פון וועלכע ער שטאַמט־אָפּ, פונדעסטוועגען, וואָס מעהר פרייהייט ער האָט צו וועלען, דעסטאָ וויכטיגער און ערפאָלגרייכער איז זיין ווירקונג אין לעבען. דער אנאַרכיזם איז אַלזאָ בשום אופן ניט געבויט אויף דעם מעטאַפיזישען באַגריף פון א „פרייען ווילען": דער אנאַרכיסטישער אידעאַל איז ניט א געזעלשאַפט וואו יעדער איינער איבט־אויס זיין „פרייען ווילען", זאָנדערן — א געזעלשאַפט וואו יעדער איינער האָט פ ר י י ה י י ט צ ו ו ע ל ע ן און קיין שטערונג ניט צו האנדלען און ווירקען ווי ער קאָן וועלען.

די מאָטאָ פון דער וועלט־אַנשויאונג, אויף וועלכער מיר באַגרינדען דעם אנאַרכיזם, איז — ד ע ר א י י נ צ ע ל נ ע ר א ו ן

זיין שטרעבען. אין דער ברייטער וועלט, אין גאַנצען אוניווערזום, וואו מיר קאָנען ניט רעדען וועגען א זעלבסטבאוואוסטען שטרעבען, לויטעט די מאַטאָ: די איינצעלנע און זייער לעבען. אומעטום וואו מיר געפינען א פיעלפאכיגע אָרגאניזאציע — אין די זונען־סיסטעמען פון הימעל, אין די ניט־אָרגאנישע ווי אין די אָרגאנישע טיילען פון דער ערד — אומעטום איז די איינציגע קראַפט וואָס האלט־אויף דעם צוזאמענגעשטעלטען בנין, דעם קאָמפּלעקס, די קראַפט וואָס עס ווערט אויסגעאיבט פון יעדען איינצעלנעם, פון יעדען עלעמענט. די ניט־אָרגאניזירטע קרעפטען רופען מיר — די „בלינדע" קרעפטען פון דער נאטור; די איינצעלנע, וואָס זיינען זעלבסטבאוואוסט, אויבען־אוים „זעהענדיגע" קרעפטען אין זייער אָרגאניזאציע. די קראַפט פון דער געזעלשאפט באשטעהט דורכאוים פון די באזונדערע קרעפטען פון די איינצעלנע. דערפאר ווען מיר געפינען, אז א געוויסע פאָרם פון דער געזעלשאפט האָט זיך געענדערט, אָדער זי איז אינגאנצען פארביטען געוואָרן אויף אן אנדער פאָרם — זי האָט זיך ענטוויקעלט — קאָנען מיר די ענדערונג, די ענטוויקלונג, ניט צושרייבען צו קיין אנדער קראַפט, ווי נאָר צו דער סומע פון די באזונדערע, „זעהענדיגע", קרעפטען פון די איינצעלנע.

דאָס לעבען און שטרעבען פון די איינצעלנע מאכט די געזעלשאפט צו דאָס וואָס זי איז, שאפט די אורזאכען וואָס ענדערן איהר צו דאָס וואָס זי קאָן זיין, און מאכט מעגליך דעם גאנג פון ענטוויקלונג צו דאָס וואָס זי וועט זיין.

וואָס איז דער גאנג פון ענטוויקלונג, נאָך אָט דער אָנשויאונג נאָך? — עס איז די נייגונג, די טענדענץ, צו אזא פרייער אָרדענונג אין דער געזעלשאפט, וועלכע וועט געבען די איינצעלנע פּערזאָנען די בעסטע געלעגענהייט אלזייטיג זיך צו ענטוויקלען, די גרעסטע מעגליכקייט אויסצואיבען זייער פּערזענליכער איניציאטיווע, די גינסטיגסטע אומשטענדען פאר דעם וואקסען פון זייער פּערזענליכער ענערגיע!

וואָס מעהר עס ווערט פארשפּרייט די אידעע פון זעלבסטשטענדיגקייט, וואָס טיפער עס דרינגט־אריין אין די געדאנקען פון די

איינצעלנע די אידעע פון פרייהייט, וואָס קלערער עס ווערט אין זייער פארשטאנד די מעגליכקייט פון אומגעשטערטער טעטיגקייט — דעסטאָ שנעלער קאָנען די פרייע נייגונגען פארווירקליכט ווערן אין יענער פרייער אָרדענונג, וועלכע איז דער אויסדרוק פון אנאר־כיע, פון געזעלשאפטליכער סאָלידאריטעט דורך פערזענליכער פריי־הייט.

די פריי־פאָרמירטע גרופע, דער גרונדשטיין פון אנארכיסטי־שער אָרגאַניזאַציע, איז דאָס קערנדעל, אַרום וועלכען עס קלייבען זיך צונויף די הארמאָנישע קרעפטען, די איינשטימענדיגע גייסטער, די **גלייך־געזינטע ארבייטער**; עס איז דער נעסט פון פרייער טעטיגקייט, דער פאָנטאַן פון באפרייטער ענערגיע, וואו אלעמענ'ס שטרעבונגען ווערן קריסטאליזירט אין סאָלידארישע שאַ־פונגען, אין ווערק פון ליעבע.

אזאַ אָרדענונג איז דער העכסטער ציעל פון סאָציאַלען לעבען: דערפאר דענקען מיר, אז **דער נויטיגער רעזולטאט פון דער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג איז דער אידעאל פון אנארכיזם.**

# דער איינצעלנער און די געזעלשאפט

איינער פון די עיקרים, אין וואס דער סאציאליזם מיט'ן אנאר־כיזם געהען זיך פאנאנדער, איז זייער שטאנדפונקט מכח דעם איינ־צעלנעם און דער געזעלשאפט. סיי אין די פארשונגען וועגען דער פארגאנגענהייט, סיי אין דער קריטיק פון דער געגענווארט, און סיי אויך אין באצוג צו דער צוקונפט, געפינען מיר שטענדיג די אייגע־נע חלוקי דעות וועגען דער וויכטיגקייט פון דעם יחיד, דעם איינ־צעלנעם, און די אינטערעסען פון דעם כלל, פון דער געזעלשאפט.

עס קומט אוים ווי די אינטערעסען פון יחיד און כלל וואלטען שטענדיג ווידערשפראכען איינע די אנדערע. שוין אין דער ביאלא־גיע, אנגעהמענדיג דעם „נאטירליכען אויסוואהל" אלס די אורזאך פון עוואלוציע, געפינען מיר, אז די תקומה פון די שטארקע איינצעל־נע ווערט מאדיפיצירט פון דעם צושטאנד פון דער געזעלשאפט. דער כלל איז, אז די שטארקערע, די וואס קאנען זיך צופאסען צו די אומשטענדען, לעבען איבער די שוואכערע—אין א שוואכער געזעל־שאפט אבער קאנען זיך געפינען א סך שטארקע איינצעלנע, וועלכע ליידען פון דער שוואכקייט פון דער געזעלשאפט, און פאר־קעהרט: אין א שטארקער געזעלשאפט פראפיטירן פון איהרע נצחונות אויך א סך שוועכלינגען, וועלכע וואלטען איינצעלווייז ניט געקאנט האבען קיין קיום. דאסזעלבע אין דער סאציאלאגיע, ווען מיר זאגען, אז די געזעלשאפט האט פראגרעסירט אויף פארשיידענע אופנים — מיינט עס, אז די איינצעלנע האבען אויך פראגרעסירט אין דעמזעלבען ערך? מיר זעהען פארקעהרט, אז די מאשינערי וועלכע האט רייך געמאכט די געזעלשאפט, האט גאר ארימער גע־מאכט דעם איינצעלנעם ארבייטער; אז דער געזעלשאפט'ס פע־היגקייט צו פראדוצירן איז דורך דער גרויס־אינדוסטריע טויזענד־

פאַך פאַרגרעסערט געוואָרן, און די פעהיגקייט פון דעם איינצעלנעם פאַבריק־אַרבייטער איז געוואָרן פונקט אַזויפיעל קלענער.

שוין אַ לאַנגע צייט צוריק האָט דער באַריהמטער רוסישער דענקער מיכאַילאָווסקי אָנגעמערקט, אַז אויב די ענטוויקלונג פון איינפאַכען צום פיעלפאַכען מאַכט דער געזעלשאַפט צו פּראָגרעסי־רען, מאַכט דאָס דעם איינצעלנעם צו ר ע ג ר ע ס י ר ן, צו געהן צו־ריק; וואָרים דאָס איז די סיבה וואָס האָט געמאַכט, אַז דער איינ־צעלנער זאָל פון אַ זעלבסטשטענדיגער פּערזאָן ווערן בלויז אַ שטי־קעל טייל פון אַ מענשען, אַ זעהר אָפּהענגיגע בריאה, וואָס קאָן זיך ניט אַ ריהר טאָן אָהן אַלע אַנדערע מיטאַרבייטער, אָהן דער געזעל־שאַפט.

אָט די אויסזיכט האָט ניט געמאַכט מיכאַילאָווסקי'ן צו פאַר־צווייפלען; אדרבה, דאָס האָט איהם באַגייסטערט צו וועקען דעם איינצעלנעם צו אַ „קאַמף פאַר דער אינדיווידואַליטעט" קעגען דער געזעלשאַפט; צו דע־וועקען אין דעם איינצעלנעם די לוסט ווידער צו געווינען זיין זעלבסטשטענדיגקייט, ווידער־צוריקשטעלען זיין פולע פערזענליכקייט, אין אַ מעהר פולקאָמענער פאָרם און אַ מעהר ענטוויקעלטער געשטאַלט: טיפער און ברייטער און רייכער אין מענשליכקייט, אין פערזענליכקייט, אין אינדיווידואַליטעט. פון יענער צייט אָן איז די האנדשוה געוואָרפען געוואָרן אין געזיכט פון דער געזעלשאַפט מצד די איינצעלנע, און עס איז ערקלערט גע־וואָרן אַן אָפענער קריעג צווישען זיי ביידען — אַ פּאָלעמישער קריעג צווישען סאָציאַליזם — דעם פאַרטרעטער פון כלל — און אַנאַרכיזם, דעם פאָרשטעהער פון פרט, פון די איינצעלנע.

אונזער באַוועגונג האָט אַלס ציעל די איינפיהרונג אין דער צו־קונפט פון אַ געזעלשאַפט, וואָס וועט זיין געבויט אויף פרייהייט און גלייכהייט. זוכענדיג אָבער צו פאַרזיכערן אַלעמענס גליק, וואָס איז די הויפּטזאַך, וועלכע מיר דאַרפען נעהמען אין אַנבאַטראַכט? דער סאָציאַליזם טענה'ט: די געזעלשאַפט! זי איז די הויפּטזאַך, זי איז אַלץ, די צוקונפט דאַרף באַוואָרענען דער געזעלשאַפט'ס אינ־טערעסען! „אַלץ וואָס איז וויכטיג אין דעם איינצעלנעם איז זיין

לעבען פאַר און דורך דער געזעלשאַפט" (שעפּלע). דער אַנאַרכיזם טענה'ט פאַרקעהרט: דער ריכטיגער שטאַנדפּונקט איז דעם איינצעלנעמ'ס שטאַנדפּונקט, ער דאַרף זיך ניט אָפּפערן פאַר דער געזעלשאַפט; וויכטיג איז נאָר דאָס, וואָס איז גוט פאַר יעדען איינצעלנעם, ווארים (ווי א היינטיגער סאָציאָלאָג דריקט זיך אויס): „דער וויכטיגסטער צוועק אפילו פון דער געזעלשאַפט גופא איז צו ענטוויקלען די איינצעלנע פּערזאָן".

אָט אַזוי קערן־אָפּ סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם די קעפּ איינע פון די אַנדערע; זייערע אַנשויאונגען זיינען קעגענגעזעצט: איינער קוקט אין איין זייט, דער אַנדערער אין דער אַנדער זייט. דער עסענץ פון סאָציאַליזם איז געזעלשאַפטליכער קאָנטראָל, דער תוך פון אַנאַרכיזם איז פּערזענליכע איניציאַטיווע אויף אייגענער פאַראַנטוואָרטליכקייט. דער סאָציאַליזם וויל איינפיהרן א ד ו ר כ ש נ י ט ל י כ ע צופרידענקייט, דער אַנאַרכיזם פּרעדיגט פּ ע ר ז ע נ ל י כ ע באַפרידיגונג. סאָציאַליזם וויל מאַכען גליקליך אַלעמען גלייך, אַנאַרכיזם וויל — יעדער איינצעלנער זאָל זיין גליקליך אויף זיין אייגענעם אופן.

אַלס מענשען וואָס זוכען דעם אמת, קאָנען מיר זיך ערלויבען צו זיין אומפּאַרטייאיש. מיר זיינען ניט געצוואונגען אַנצונעהמען געוויסע פּונקטען פאַר אַבסאָלוט ריכטיג, איידער מיר האָבען זיך אין דעם איבערצייגט. אויב אונזער באַגריף וועגען דעם איינצעלנעמ'ס ראָלע איז פאַלש, דאַן פאַלט אונזער גרונט פאַר אַנאַרכיזם, — אָבער וואָס שאַדט עס? זיינען מיר דען אַנאַרכיסטען אויף־צו־להכעיס? שטעהט ניט דער אמת העכער פאַר אַלץ? עס איז שוין צייט פאַר אַנאַרכיסטען צו וויסען, אז אויב זייער אַנאַרכיזם האָט ניט קיין אַנדער אויסגאַנגס פּונקט, קיין אַנדער יסוד, ווי נאָר די סאָציאַליסטישע, צוגעשניטענע „וואוילשטאַנד פאַר אַלע"־פילאָזאָפיע, דאַן מעגען זיי אויסמעקען דעם נאָמען און זיך רופען פּשוט סאָציאַליסטען, און מעהר גאָרנישט.

כדי אָבער קלאָר צו פאַרשטעהן די אייגענטליכע שייכות צווישען דעם „איינצעלנעם" אין דער „געזעלשאַפט", מוז מען פריהער ווי אַלץ פאַרטייטשען די ווערטער. ווען מיר זאָגען „דער איינצעל־

נער", מיינען מיר ניט איין געוויסער, אויסדערוועהלטער איינצעלנער; מיר מיינען דורכאויס י ע ד ע ר איינצעלנער, דאָס הייסט: יעדער מענש, וועלכער פיהלט זיך אלס מענש, וועלכער האָט פאַרשיידענע פאָדערונגען פון לעבען, און זוכט און שטרעבט זיי צו באַפרידיגען. איינער קאָן זיין קליגער און לעבען טיפער און ברייטער; דער אנדערער נארישער און פלאַכער — דער עיקר איז אָבער, אַז יעדער מענש, וואָס זוכט צו לעבען זיין אייגענעם לעבען, ווי ער פארשטעהט און פיהלט עס, איז אַן איינצעלנער, וועלכער אינטערעסירט אונז איינצושטעלען זיך פאַר זיינע רעכט אנטקעגען דעם גאנצען כלל.

די קלערסטע באדייטונג פון געזעלשאפט איז: אַ פאראייניגונג פון פיעל צוליב אַן אלגעמיינעם צוועק. עס קאָנען זיין צייטליכע און באשטענדיגע געזעלשאפטען, געצוואונגענע אָדער פרייע — דער עסענץ פון אלע איז די פאראייניגונג, די צוגעבונדענקייט פון איינעם צום אנדערן ווענען אַ געוויסען צוועק.

עס פארשטעהט זיך, אז אָט די דעפיניציע איז אַ ריין סאָציאָלאָגישע, ד. ה. באטראכט פון דעם שטאנדפונקט פון דער א ר ג א נ י ז א צ י ע פון געזעלשאפטליכען צוזאמענלעבען, ווי מיר געפינען זי אין פארשיידענע צייטען ביי פארשיידענע פעלקער און ראסען. פון דעם ביאָלאָגישען שטאנדפונקט איז די געזעלשאפט א י ן ע צ ם אַן אורשפרינגליכע ערשיינונג ביי די מעהרסטע ברואים, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט אלץ מעהר און מעהר ביז צו איהר העכסטער פאָרם ביי היינטיגע ציוויליזירטע מענשען.

מענשען האָבען אלערליי מאטעריעלע און גייסטיגע פאָדערונגען, וועלכע קאָנען ניט באפרידיגט ווערן סיידען אין אַ געזעלשאפט. אפילו די ווילדע האָבען זייערע שפּילען, אויפרעגונגען, עקסטאזען, אזוי גוט ווי זייערע שווערע יאגדען, וועלכע זיי קאָנען ניט אויספיהרן סיידען צוזאמען, אין קאָמפּאניעס. און אזוי ווי זיי זיינען וואָס ווייטער אלץ מעהר צוגעוועהנט געוואָרן צו די נוצען פון א געזעלשאפטליך לעבען, האָבען זיי אָנגעהויבען שעצען זייער געזעלשאפט זעהר הויך. ערשטנס ציהט יעדען מענשען סתם אזוי צו אנדערע מיטמענשען: צו אייגענע אין זיין פאמיליע, צו באַקאנטע

פון זיין קרייז און צו אַלע מענשען, שוין אַליין אויס נייגיריגקייט צו דערקענען זיי און וויסען ווער זיי זיינען; און צווייטענס, טאַקע צוליב די נוצען וואָס מען געניסט פון געזעלשאַפט.

א זאַך וואָס די האַרץ ציהט צו דעם און דער שכל באַווייזט אויך, אַז דאָס איז אַ זעהר גוטע זאַך, איז ניט קיין וואונדער וואָס מען האַלט עס טייער. מען וויל עס זאָל עקזיסטירן, מען דענקט וועגען דעם ווי וועגען עפּעס אַ זאַך פאַר זיך, ווי אַ באַזונדער מין, וואָס לעבט אייביג.

אָט אַזוי ווערט באַשאַפען די איינבילדונג, אַז די געזעלשאַפט שטעהט העכער פאַר'ן איינצעלנעם. יעדער איינער פיהלט זיך צו־געבונדען צום כלל, ער קאָן זיך ניט לויזרייסען פון דעם; עס ציהט איהם צו אַ געזעלשאַפטליכען לעבען, אָבער ער קאָן עס ניט ריכטיג אויפפאַסען, ער קאָן דעם באַגריף ניט אָנטאַפּען — פאַרגעטערט ער דאָס. דער מענש האָט שטענדיג געהאַט בטבע זיך צו שרעקען פאַר יעדער זאַך וואָס ער קאָן ניט בייקומען; ער פלעגט פאַרגעטערן אַלע נאַטור־קרעפטען, אַזוי פאַרגעטערט ער אויך די געזעלשאַפט. ער זעהט, אַז זי איז אַ קראַפט, ער פאַרשטעהט אָבער ניט, אַז דאָס איז זיין אייגענע קראַפט, וואָס ליגט אין זיין אייגענער נאַטור; דער־פון נעהמט זיך ביי איהם דער אבערגלויבען צו מיינען, אַז די קראַפט שטעהט פון דרויסען פון איהם, אַז זי געוועלטיגט איבער איהם, און דערפאַר מוז מען דינען צו איהר, ברענגען איהר קרבנות, און ווען איהרע פּריסטער רופען, דאַרף מען זיך אפילו ממית זיין צוליעב איהר.

עס איז אַ שעדליכע איינבילדונג. אין אמת'ן דאַרף מען מאַ־כען אַ חילוק צווישען „געזעלשאַפט“ און „געזעלשאַפטליכקייט“. אין מענשען לעבט אייביג דאָס געפיהל פון געזעלשאַפטליכקייט, די געזעלשאַפט אָבער, אין דעם זין אין וועלכען מיר רעדען דאָ, איז נאָר אַ סיסטעם, אַ פאָרם, וואָס קאָן זיך בייטען היינט אַזוי און מאָרגען אנדערש. געזעלשאַפטליכקייט ליגט אין מענשען'ס נאַטור, מיטגעבאָרן, גע'ירש'ענט פון פריהערדיגע דורות, ווי אַן אינסטינקט וואָס מאַהנט אויסגעדריקט צו ווערן; געזעלשאַפט, אַלס אַ געגעבע־נע פאָרם פון אָרגאַניזאַציע איז אַ קאָנווענציע, געבויט אויף צוואַנג

אָדער קאָמפּראָמיס, וועלכע קאָן זיין גערעכט אָדער אומגערעכט, גוט אָדער שלעכט. עס קומען ארויס מיספארשטענדענישען דערפון וואָס מען פארמישט די מיינונג פון די ביידע ווערטער. מען זאָגט, די געזעלשאפט לעבט אייביג, עס איז אָבער ניי אמת: מיר ווייסען אַלע, אַז געזעלשאפטען האָבען זיך געביטען, אַז די היינטיגע קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט איז געבוירן געוואָרן מיט א פּאָר הונדערט יאָהר צוריק, נאָכדעם ווי די פעאָדאַלע געזעלשאפט איז געשטאָרבען. ריכטיג איז נאָר, אַז *געזעלשאפטליכקייט* לעבט אייביג; דאָס געפיהל, דער פארלאנג צו לעבען מיט מענשען איז אַן אייביגער, מיטגעבאָרענער, אומשטערבליכער.

ווי מאָדנע עס קלינגען דערפאר אזעלכע ווערטער ווי שעפלע'ס, אַז די גאנצע וויכטיגקייט פון דעם איינצעלנעם מענשען איז זיין לעבען פאר דער געזעלשאפט! עס קומט אויס פון די רייד, אזוי ווי די איינצעלנע וואָלטען ווערן פארשלונגען פון דער געזעלשאפט, אזוי ווי זייערע „איכס“ וואָלטען אויסגעמעקט געוואָרן און אויף זייער פּלאַץ איז אָנגעשריבען מיט גרויסע אותיות: „די געזעלשאפט“. שעפּלע און זיינע חברים שטעלען־פּאָר די געזעלשאפט ווי אַן אָרגאַניזם און די איינצעלנע מענשען ווי די גלידער פון קערפּער. אנדערע מאַכען זיך אזוי לעבערליך, מיינענדיג און זאָגענדיג, אַז די טעלעגראפען זיינען די אָדערן פון דער געזעלשאפט, געלט איז דאָס בלוט וואָס צירקולירט, די ארבייטער זיינען די הענט, די קאפּיטאליסטען — דער בויך מסתמא, די קירך איז דאָס הארץ און די רעגירונג איז דער קאָפּ. און עס זיינען דאָ „פילאָזאָפען“ וואָס זאָגען, אַז פּונקט ווי א גליד הענגט־אָפּ פון קערפּער, אזוי הענגט דער מענש אָפּ פון דער געזעלשאפט. — עס איז אָבער גאָר ניט אמת. א גליד אָפּגעשניטען פון קערפּער קאָן ניט לעבען, אָבער א מענש קאָן זיך צוריקציהען פון דער געזעלשאפט און יאָ לעבען; אַן איינצעלנער מענש קאָן פארוואָגעלט ווערן אויף אַן איינזאמען אינזעל און לעבען און געניסען. אפשר בעסער ווי אין דער היינטיגער געזעלשאפט. א טראָפּען וואַסער פאלט אריין אין ים, דער שטראָם כאפּט איהם אויף: דער טראָפּען איז געוואָרען א טייל פון שטראָם, ער האָט זיך פארלאָרן אין

ים, — א מענש אָבער קאָן ניט ווערן פאַרשלונגען פון כלל, דער איינצעלנער קאָן זיך ניט פאַרלירן אין דער געזעלשאַפט.

איינצעלנע און געזעלשאַפטען ווערן ביידע ענטוויקעלט. עס זיינען דאָ קליינע חיה׳לעך, וועלכע זיינען כמעט קערפּערליך צו־זאַמענגעוואַקסען איינע צו די אנדערע: זייער געזעלשאַפט איז טאַקע באמת אַן אָ ר ג אַ נ י ז ם, וואָס זיינע אברים באַשטעהען פון איינצעלנע. ווייטער ארויף קומען מיר צו אַזעלכע ברואים, ווי ביהנען און מוראַשקעס, וועלכע זיינען אויך ענג פאַרבונדען אין איין אָרגאַניזאַציע, אָבער זיינען דאָך איינצעלנע פאַר זיך, וועלכע קאָנען זיך אָפּטיילען פון איין געמיינדע און איבערגעהן צו אַן אַנ־דערער. ביי פּרימיטיווע מענשען האָט דער איינצעלנער נאָר א קליינעם ווערט אין זיין געזעלשאַפט: ער רעכענט זיך נאָר אַלס א גליד פון זיין משפּחה אָדער זיין שבט, אָבער דורך גרויסע טאַטען קאָן ער זיך ארויפאַרבייטען צו ווערן דער ערשטער אין לאַנד, דער גרעסטער פון פאָלק. וואָס ווייטער די ענטוויקלונג, אַלץ מעהר שטעלט זיך ארויס די פּערזענליכקייט פון איינצעלנעם מענשען. ווען מען וואָלט געמעגט זיך אַזוי אויסדריקען אין אידיש, וואָלט עס געהייסען ווי איינער א סאָציאָלאָג האָט געזאָגט: „ציוויליזאַציע איז איבערהויפּט א פּראָצעס פון אינדיווידואַליזאַציע“. דאָס מיינט, וואָס מעהר ציוויליזירט מענשען ווערן, אַלץ מעהר שטעלט זיך ארויס זייער אינדיווידואַליטעט, זייער פּערזענליכקייט, זייער איינ־צעלנער כאַראַקטער. מיר דערוואַרטען דערפאַר, אַז אין דער קומענדי־גער געזעלשאַפט וועלען די איינצעלנע זיין גאַנצער און זעלבסט־שטענדיגער ווי זיי זיינען נאָך ווען־עס־איז געווען, — און דאָס איז פּונקט וואָס דער אנאַרכיזם לערנט אונז.

א מענש ווערט געבוירן מיט א געפיהל פון געזעלשאַפטליכקייט, אין איינעם איז דער געפיהל שטאַרקער, אין אַן אנדערן איז ער שוואַכער — סיי־ווי־סיי האָט ער דעם געפיהל, ניט דער געפיהל האָט איהם. די ערשטע זאַך, די הויפּט־זאַך, איז דער מענש גופא; ער האָט געפיהלען, ער פיהלט די נויטווענדיגקייט פון טויזענטערליי זאַכען; צווישען די אַלע נויטווענדיגקייטען פיהלט ער אויך די נויט־ווענדיגקייט צו לעבען געזעלשאַפטליך. דאָס איז א פּונקט וואָס

איינער א סאָציאָלאָג, אין זיינעם א בוך וואָס איז ניט לאַנג צוריק ערשינען, * ברענגט ארוים זעהר קלאָר און דייטליך. ער זאָגט: „די איינצעלנע באלאנגען קיינמאל ניט אין א געזעלשאפט מיט זייער גאנצען לייב און לעבען; יעדער איינער האָט אנדערע אינטערעסען, וואָס האָבען מיט דער געזעלשאפט גאָרנישט צו טאָן. אין גרונט קאָן מען גאָר ניט זאָגען, אז די מיטגלידער שטעלען־צוזאמען די געזעלשאפט; דער אמת איז, אז די געזעלשאפט באשטעהט בלויז פון א קליינעם טייל פון יעדן מיטגליד, נעמליך, פון זיין געזעלשאפט־ליכען טייל; זיין גאנצער „איך" קאָן ניט אָפּגעגעבען ווערן צו קיין שום געזעלשאפט, ווייל עס איז פערזענליך, אייגענטימליך צו יעדען איינצעלנעם.

„דער פונקט האלט־אויס אין יעדער מעגליכער פאָרם פון געזעלשאפטליכען לעבען. קיין געזעלשאפט באשטעהט ניט פון אזוי־פיעל און אזויפיעל איינצעלנע, זי באשטעהט נאָר פון אזויפיעל פון יעדען איינצעלנעם, וויפיעל ער קאָן און וויל אָפּגעבען צו דער געזעלשאפט. דער איינצעלנער איז שטענדיג עטוואס מעהר וויפיעל עס קומט פון איהם אַן דער געזעלשאפט, פון וועלכער ער איז א מיטגליד: ער איז שטענדיג עטוואָס מעהר, א חוץ אלע געזעלשאפטען צו וועלכע ער באלאנגט. דער געדאנק וועלכען ער טיילט קיינעם ניט מיט, דער געפיהל וועלכען ער דריקט פאר קיינעם ניט אויס, זיינע פלענער אין וועלכע אנדערע נעהמען ניט קיין אנטייל, די ערפינדונגען וועלכע בלייבען ביים ערפינדער אין קאָפּ — דאָס אלץ איז פערזענליך, אינדיווידועל, אייגענטימליך, פריוואט, ניט געזעלשאפטליך".

ווען מיר רעדען אלזאָ וועגען דער געזעלשאפט און מיר ווילען זיך פאָרשטעלען א בילד פון א גאנצער זאך, האָבען מיר א טעות אויב מיר מיינען, אז דאָס איז אַן אָרגאניזאציע, וואָס באשטעהט פון מענשען אלס גלידער, אַן אָרגאניזאציע וואָס האָט א פעסטע, זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ, וואָס האָט קיין אנהויב און קיין סוף ניט, ווי דער מאָנאָטעאיסטישער גאָט; וועלכע פילט־אַן יעדען

* שטיקענבערג: „איינליישונג צור סאָציאָלאָגיע".

שפעלטעלע אין מענשליכען לעבען, ווי די לופט פילט־אן דעם וועלט־רוים. די געזעלשאפט באשטעהט ניט פון מענשען, זי באשטעהט בלויז פון איינזיגע מענשליכע געפיהלען; זי האט ניט קיין פעס־טע, זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ, זי באשטעהט פון קרעפטען וועל־כע האלטען אין איין ענדערן זיך: די געזעלשאפטליכע ענערגיע פון מענשען ענדערט זיך; ווען די דאזיגע ענערגיע איז שטארקער איז די געזעלשאפט שטארקער, ווען די ענערגיע איז שוואכער איז די געזעלשאפט שוואכער. זי האט אן אנהויב און א סוף, באטראכטענ־דיג זי פון דעם איינצעלנעמ'ס שטאנדפונקט — און דאס איז דער איינציגער שטאנדפונקט וועלכען מיר קאנען באגרייפען. זי פילט גאר ניט אוים יעדען שפעלטעלע פון מענשליכען לעבען; דעם גרעס־טען טייל פון אונזער צייט לעבען מיר אליין, פאר זיך, אריינגעטאן נאר אין זיך, איינגאנצען אויסגעטאן פון דער געזעלשאפט.

עס קומען מאמענטען, ווען א מענש פיהלט די נויטווענדיגקייט מיטצוטיילען זיין „איך" צו אנדערע, איבערגעבען זיי וואס ער האט דורכגעלעבט, דורכגעדענקט אין דער צייט וואס ער איז געווען פאר־טאן מיט זיך; — אבער די מאמענטען דויערן ניט אזוי לאנג, ווי די לאנגע שטונדען אין וועלכע ער זאמעלט־אן די קראפט וואס ער וויל ארויסגעבען. מען דארף ניט קיין שטארקערן געפיהל ווי דאס געפיהל פון הונגער איז, דאך פיהלט מען נישט שטענדיג הונגעריג; אזוי פיהלט אויך קיינער נישט שטענדיג געזעלשאפטליך. א מענש, זעהענדיג פאראויס, גרייט זיך אן מיט עסענווארג אויף שפעטער, ווען דער הונגער וועט קומען; אזוי אויך איז יעדערער גערן צו העל־פען בילדען א געזעלשאפט, ווייל ער ווייסט, ער פיהלט א נויטווענ־דיגקייט אין דעם זעהר אפט. אבער צי דען מוז א מענש ברעכען זיין פערזענליכקייט, בויגען זיין נאטור, אפגעבען זיין פרייהייט צו־ליב איין נויטווענדיגקייט? אזוי האט געמיינט, מיט דריי הונ־דערט יאהר צוריק, דער פילאזאף האבבז. זיין טעאריע איז געווען, אז ווען מענשען זיינען געקומען צום שכל און האבען איינגעזעהן ווי שעדליך עס איז שטענדיג ארומצורייסען צווישען זיך, הא־בען זיי זיך פארבונדען אין א פארבאנד פון געזעלשאפט און הא־בען זיך אפגעזאגט, יעדער איינער, פון זיינע פערזענליכע פרייהיי־

טען, כדי צו געניסען די מזל ברכה פון געזעלשאפטליכער אחדות.

עס איז אָבער א פאלשע טעאָריע. א פ א ל ש ע געזעלשאפט פאָדערט פון די איינצעלנע זיי זאָלען אפּפערן זייער פערזענליכע פרייהייט. א ריכטיגע געזעלשאפט שטערט ניט אויף א האָר די פערזענליכע פרייהייט פון די איינצעלנע; אדרבה, זי גיט זיי מעהר געלעגענהייטען און רופט נאָך אַרויס די פרייע טעטיגקייטען פון יע־דען איינעם. ווען מען וואָלט זיך געקאָנט פאָרשטעלען, ווי מענ־שען טרעטען ארויס פון זייער איינזאמער לאגע און טרעטען אריין אין געזעלשאפטליכע פארהעלטעניסען, וואָלטען מיר דאן געקאָנט בלויז זאָגען, אז די מענשען האָבען אומגעביטען זייערע אומשטענ־דען: זייער לעבען איז געוואָרען פולער, ברייטער, רייכער ווי פריי־הער. אָבער אויב זייערע געזעלשאפטליכע פארהעלטעניסען זיי־נען ריכטיגע, נאטירליכע; אויב אין די נייע פארהעלטעניסען זיי־ערע הערשט קיינער ניט איבער זיי, בארויבט זיי ניט, טיראניזירט קיינער ניט איבער זיי — פארוואָס זאָלען זיי פארלירן זייערע פריי־הייטען? אייגענטליך קאָן מען זאָגען, אז דער באגריף פון פרייהייט וואקסט ערשט אינגאנצען ארויס נ א ר אין געזעלשאפטליכע פאר־העלטענישען, ווען איינער לעבט גאנץ אליין, וואָס הייסט דאן ער לעבט פריי? פרייהייט קאָן נאָר זיין אין שייכות צו אנדערע: אין א געזעלשאפט קאָן א מענש זיין פריי אָדער ניט, איינציג און אליין איז אפשר גאָר ניטאָ אזא באגריף.

„אין איינינגקייט איז מאכט“ — דאָס איז אן אלטער שפּריכוואָרט וואָס איז אלעמאָל אמת; ווען מען קומט אָבער אויסניצען אָט דעם אמת, דערמאָנט מען זיך אָן א שטעקען וואָס האָט צוויי עקען... דער שטאנדפונקט פון קהל'שע פארזאָרגערס איז, אז כדי צו ג ע ב ע ן אלעמען די נוצען וואָס געזעלשאפטס־איינינגקייט ק א ן געבען, איז כדאי אפילו אז די איינצעלנע זאָלען מוזען פארבויגען זייער פער־זענליכקייט, פארלייקענען א ביסעל זייער אינדיווידואליטעט, אבי דעם כלל וועט גוט זיין. וואוהין פיהרט דאָס אָבער?—האָבן האָט דאָס געפיהרט צו א קהל'שען פארזאָרגער אין דער פאָרם פון אן אב־סאָלוטען מאָנארך; שפּעטערע געדאנקען האָבען געפיהרט צו א פאר־לאמענטארישער רעגירונג; דער סאָציאליזם פיהרט עס צו א גע־

זעלשאפטליכען קאנטראל. דער געדאנק איז דורכאויס דערזעלבער: אנהויבען פון כלל, פון אויבען אראפ; *געבען* אלעמען די טובות פון איינעגקייט, *פארזארגען* זיי וויפיעל מעגליך. — און ווער זאל עס *געבען*? ווער זאל עס *פארזארגען*? יענע האבען געשטעלט קערפערליכע פארזארגערס, גראבע בשר־ודמ'ס, סאציאליזם שטעלט־אויף א גייסטיגען, אן אבסטראקטען פארזארגער; יענע האבען געמאכט א פראסטען, א גילדערנעם גאט, סאציאליזם שאפט אן איידעלען, אידעאלען גאט — די געזעלשאפט.

אין איינעגקייט איז מאכט — גאנץ ריכטיג; עס איז אבער א *געמאכטע* מאכט, געמאכט פון די איינצעלנע. געזעלשאפטליכקייט איז א קראפט, עס איז אבער א פערזענליכע קראפט, צוזאמענגעשטעלט פון די קרעפטען פון די איינצעלנע, וועלכע שטאמען־אפ פון זייער געזעלשאפטליכען געפיהל. די אלע רייד, אז די געזעלשאפט שטעהט העכער פאר'ן איינצעלנעם, אז זי קאן עטוואס געבען אדער אז זי מעג עטוואס אפנעהמען פון די איינצעלנע, אז איהר פונקציע איז צו שאפען א וואוילשטאנד פאר אלעמען גלייך, א דורכשניטס־זאטען צושטאנד — דאס אלץ איז נאר רייד פון א קהל'שען פארזארגער, פון א פילאנטראפישען בעל־טובה, אבער ניט פון א דענקער, וועלכע פארשטעהט די מענשליכע נאטור.

עס איז א פאקט — די קהל'שע בעלי־טובות מעגען עס באטראכטען פאר טרויעריג, אבער א פאקט איז עס דאך — אז א מענשענ'ס נערוועזן קריכען ארויס פון זיין מארך און ענדיגען זיך אין זיין א *יינגער* הויט. דער פאקט ברענגט מיט אן אנדערן, אז — טרויעריג אדער ניט טרויעריג — די גאנצע וועלט איז פאר א מענשען נאר אויף אזויפיעל וויכטיג, אויף וויפיעל עס שטעלט איהם פערזענליך צופרידען. צופרידענשטעלען זיינען געפיהלען — הייסט לעבען. זיין געזעלשאפטליכער געפיהל באוועגט איהם צו נעהמען אנטייל אין דער געזעלשאפט, אין וועלכער ער ווערט געבוירען; געפעלט זי איהם ניט, זוכט ער צו מאכען זי בעסער. ווי בעסער? — דאס איז א פערזענליכע פראגע, וואס אינטערעסירט יעדען איינצעלנעם פאר־זיך און אפשר אויך יעדען איינצעלנעם אנדערש. יעדענפאלס קאן עס ניט זיין אנדערש ווי א פרייע געזעלשאפט, וואו

יעדער איינער האָט אלע מעגליכקייטען צו האנדלען ווי זיין געוויסען הייסט איהם און זיין פארשטאנד דיקטירט איהם — אין קורצען: וואו יעדער איינער קאָן לעבען זיין אייגענעם לעבען.

קיין מענש געהערט ניט מיט זיין גאנצען לייב און לעבען צו קיין געזעלשאפט ניט. קיין ציוויליזירטע געזעלשאפט, וואָס האָט ווען־עס־איז עקזיסטירט, האָט קיינמאָל ניט פארשלונגען דעם גאנצען מענשען, אלע זיינע געפיהלען און זיין גאנצען לעבען. קיין געזעלשאפט באַאנשפּרוכט ניט מעהר ווי א ט ײ ל פון מענשליכען פיהלען און לעבען, דאָס איז זיין געזעלשאפטליכער טייל, און דער טייל איז ניט דער גאנצער מענש. די איינצעלנע פאראייניגען געוויסע ספּעציעלע קרעפטען זייערע אין איין קראפט, דערפון באַשטעהט די געזעלשאפט. זיי טוען עס צוליב געוויסע צוועקען, און דער העכסטער צוועק איז — די צ ו פ ר י ד ע נ ק ײ ט פ ו ן ד ע ם א ײ נ צ ע ל נ ע ם א ו י ף ז ײ ן א ײ ג ע נ ע ם ו ו ע ג.

# די מענשען און די אומשטענדען

עס שאַדט ניט דורכצולופטערן אַמאָל אַלטע פראַגען; אַ נייער געדאַנקען־הויך, ווי אַ פריש ווינטעל, איז אַ מחיה פאַר דער נשמה ווי פאַר'ן גוף. אַ טייל פון דער גייסטיגער שפייז, מיט וועלכער מיר האָבען זיך געזעטיגט אין אונזערע „באַוועגונגס־יאָהרען", איז באַשטאַנען פון דער באַוואוסטער „ענטרעע", אַז די מאַטעריעלע אומשטענדען זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַ ל ע אוממענשליכקייטען אין אונזער געזעלשאַפט. עס איז געווען אַ סאָרט באַלזאַם פאַר אונזערע וואונדען צו דענקען, אַז ניט מיר זיינען שולדיג, נאָר אונזערע עקאָנאָמישע אומשטענדען; אַז ניט ז י ך דאַרפען מיר ענדערן, נאָר דאָס אַרומיגע, וואָס פרעסט אונז און שטיקט אונז און לאָזט אונז ניט זיך ענטוויקלען ביז צו דער העכסטער שטופע.

מיר זיינען דאַן געווען אין א ו נ ז ע ר עפּאָכע פון באַגייסטערונג, וועלכע מען קאָן פאַרגלייכען מיט דער באַגייסטערונג פון אַ רעליגיעזער באַוועגונג להבדיל דערמיט, וואָס אויך דאָרט פאָדערט זיך פון גלויביגען אַליין אַ קליינינגקייט בלויז כדי געזעליגט צו ווערן: אַ ביסעל איינפאַכע אמונה, אַ פּאָר סענט אויף אַ תיפלה און איבערהויפט באַקעהרען אַנדערע, ענדערן דאָס אַרומיגע, די א ו י ס ע ר ל י כ ע אומשטענדען, ניט די אַרט־און־וויזע פון א י י ג ע נ ע ם לעבען. די מעשה איז, וואָס לעגענדיג שטיינער אויפ'ן האַרצען קאָן מען ניט קריגען קיין גרויסע מאַסען צוצושטעהן צו אַ נייעם אידעאַל אָדער צו אַ נייער רעליגיע. „דו ביזט גוט, דאָס וואָס רינגעלט דיך אַרום טויג ניט" — דאָס האָט אַ מענש ליב צו הערן: עס איז ביליגע זעליגקייט, אויף דעם זיינען דאָ אַ סך בעלנים.

איז דאָס אָבער ריכטיג? איז עס אַ פאַקט, אַז אַלץ וואָס אַ מענש

טוט און טראַכט העננט־אָפּ פון די מאַטעריעלע אומשטענדען אין וועלכע ער געפינט זיך? קיהלט ניט די איבערלעגונג עטוואָס אָפּ די באַגייסטערונג פון גלויבען, אַז די אומשטענדען מאַכען דעם מענ־שען? בויען מיר ניט אַ סך, אין אונזערע אַנשויאונגען איבער דער געזעלשאַפט, אַניפ'ן פאַרקעהרטען געדאַנק, אַז דער מענש מאַכט די אומשטענדען? פאָדערט ניט די לאָגיק פון דעם אַנאַרכיסטישען דענקען מכח דעם ווערט פון דעם איינצעלנעם, אַז מיר זאָלען צו־שרייבען צו איהם אַ געוויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר זיינע טאַ־טען, אָפּגעזעהן פון דער ווירקונג וואָס די דאָזיגע אומשטענדען איבען־אוים אויף איהם? קאָנען מיר, וועלכע לעגען אַזויפיעל געוויכט אויף דעם פּערזענליכען עלעמענט אין מענשליכען צוזאַמענ־לעבען, זיך באַנוגענען מיט ענדערונגען אין די געזעלשאַפטליכע אינ־סטיטוציעס אַליין?

איך געפין, אַז אָט די פראַגע מכח דער וויכטיגקייט פון מענ־שען און דער ווירקונג פון די סאָציאַלע אומשטענדען איז איינער פון די פונקטען, וואָס טיילט־אָפּ די אַנאַרכיסטישע פון די סאָציאַ־ליסטישע אַנשויאונגען אין רעכטען עיקר. נאָר די סאָציאַליסטישע אויפפאַסונג, וועלכע האַלט ווי מאַרקס, אַז „די עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט באַשטימט דעם מענשענ'ס באַוואוסטזיין", קאָן אוועק־שטעלען די געזעלשאַפטליכע אומשטענדען העכער פאַר'ן מענשען. די אַנאַרכיסטישע אויפפאַסונג, וועלכע באַטראַכט די זאַך פונקט פאַרקעהרט, אַז דעם מענשענ'ס באַוואוסטזיין באַשטימט די עקזיס־טענץ פון דער געזעלשאַפט, מוז לאָגישערווייז שטעלען דעם מענשען העכער פאַר די אומשטענדען; אָדער, לכל הפחות, מוז אָנערקענען, אַז די מענשליכע נאַטור מיט איהרע געירש'ענטע אייגענשאַפטען האָט פונקט אַזויפיעל צו זאָגען אין געזעלשאַפטליכען לעבען, ווי די אינסטיטוציעס אונטער וועלכע זי לעבט.

אויף ענגליש זאָגט מען אַ גלייכווערטעל: עס מוזען זיין צוויי צו שליסען אַ מסחר. עס איז גאַנץ ריכטיג. עס זיינען דאָ מענשען, עס זיינען דאָ אומשטענדען — צו שליסען דעם רעזולטאַט אין לע־בען מוז מען אכטונג געבען אויף ביידען. איין זייט קאָן אַמאָל צי־הען אונזער אויפמערקזאַמקייט מעהר ווי די אַנדערע; דער פּעה־

לער, קאן אבער זיין, ליגט אין אונז אליין, וואס מיר קוקען ניט טיעף גענוג אין דער אנדערער זייט. א גוטען ביישפּיעל דערצו קאנען מיר נעהמען פון דער מעדיצינישער פארשונג איבער דעם ארגאניזם און די אורזאכען פון קראנקהייטען. איידער מען האט אויסגע־פונען די ווירקונג פון באקטעריען האט מען געלעגט די הויפּט וויכ־טיגקייט אויף דער קאנסטיטוציע פון מענשליכען ארגאניזם אליין: א שטארקע איז געזונט, א שוואכע איז קראנק. ווען מען האט איינ־געזעהן, אז געוויסע אומשטענדען אויסערן קערפּער, דהיינו באקטע־ריען, קאנען מאכען געוויסע קראנקהייטען אפילו אין א געזונטען קערפּער, האט מען זיך א ווארף געטאן אין דער אנדער זייט און געזוכט פאר יעדער קראנקהייט אן אויסערליכע סיבה, גאר כמעט פארגעסענדיג דעם קערפּער גופא. אבער די באקטעריען־„ביזנעס" איז שוין געטריבען געווארן צו־ווייט; מען האט אויפגעהערט זעהן די בוימער צוליב'ן וואלד, מען האט פארגעסען דעם מענשען, אלץ טראכטענדיג וועגען די פּיצלעך מיקרא־קאקען מיט די לאנגע נע־מען, — דערפאר הויבט מען אן צו הערן היינטיגע צייטען אין דער מעדיצינישער וועלט א שטים פון ווארנונג.

עס ווערט באוויזען, אז דיזעלבע באקטעריען, וואס קאנען פּראַ־דוצירן א געוויסע קראנקהייט אין קערפּער, ווען ער געפינט זיך אין א שוואכען צושטאנד, וועלען קיין ווירקונג אויף איהם ניט האבען, ווען ער איז אין א נארמאלען, שטארקען צושטאנד. מען זעהט אל־זא, אז דער קערפּער פאר זיך גענומען איז אזוי וויכטיג, אויב ניט וויכטיגער, ווי די אויסערליכע סבות, וועלכע קאנען אויף איהם אנ־ברענגען אלערליי חולאים רעים. דאס גלייכען איז אויך אויפ'ן גע־זעלשאפטליכען געביט, פון וועלכען מיר רעדען דא. ניט אלץ אין מענשליכען לעבען העננט־אפּ פון דער ברויט־ און פוטער־פראגע. אזעלכע אומשטענדען ווי ארימקייט, דחקות, שלעכטע ערציהונג וועלען מאכען פון געוויסע נאטורן, וועלכע זיינען מסוגל דערצו, פאר־ברעכער, שכורים, טיראנען; אויף אנדערע נאטורן אבער קאנען דיזעלבע אומשטענדען ווירקען גאנץ אנדערש; א יוגענט פאר־בראכט אין ארימקייט קאן איינוואָרצלען געפיהלען פון מיטלייד מיט אנדערע, א לעבען אין דחקות קאן מאכען איינעם פאר א רע־

פּאַרמער, שלעכטע ערציהונג קאָן דערוועקען געדאַנקען פון פּראָ־טעסט און מאַכען געוויסע מענשען פאַר רעוואָלוציאָנערען.

אומשטענדען צו אומשטענדען זיינען ניט גלייך. אין אַ געוויסען זין קאָן מען אַלע אָנרופען אומשטענדען, אפילו אזא פאַל, צ. ב., וואו איינער, האָבענדיג צעבראָכען אַ פוס און זייענדיג דעריבער געצוואונגען צו ליגען אַ גאַנצע צייט אין הויז, האָט גענומען ליי־ענען מוסר ספרים, למשל, און איז געוואָרן אַ גרינדער פון אַ נייער רעליגיע. אויב עס איז אַן אמת די מעשה מיט משה רבינו, אַז מען האָט איהם איינגעלעגט אין אַ קעסטעלע פון פּימסענהאָלץ און געלאָזט שווימען אין טייך, און פרעה׳ס טאָכטער האָט איהם ארויסגענומען און ערצויגען אין קעניגליכען הויף א. אז. וו. — קאָן מען זיין שפּעטערדיגע גרויסקייט אויך צושרייבען צו די אומשטענ־דען, וואָס האָבען פּאַסירט מיט איהם אַלס קינד, און שליסען דער־פון, אַז אַלץ איז אומשטענדען און וויטער גאָרנישט. אָבער אפילו אין אָט דעם ברייטען זין פון וואָרט, וואָס נעהמט אריין אַלץ, ניט דוקא די עקאָנאָמישע אָדער מאַטעריעלע פאַרהעלטענישען, איז אַלץ נאָך ניט געדרונגען, אַז די אומשטענדען מאַכען דעם מענשען. ניט אַלע וואָס זיינען געצוואונגען צו ליגען רוהיג אין הויז מיט צעבראָ־כענע פיס נעהמען זיך לייענען מוסר ספרים, און דאָס רוב פון די וואָס טוען עס יאָ, ווארפען עס ענטוועדער אוועק דעם נעקסטען טאָג, אָדער זיי ווערען פשוט משוגע אין פאַרלויף פון א יאָהר, און קיינער הערט פון זיי מעהר אַ וואָרט ניט. דאָס גלייכען האָט אונזער תורה־געבער געמוזט זיין אַ געבאָרענער משה׳לע צו ווערען דאָס וואָס עס איז פון איהם געוואָרן; אין קעסטלעך פון פּימסענהאָלץ זיינען געלעגען אידישע קינדער אַ סך, אין קעניגליכע הויפען האָ־בען זיך געהאָדעוועט צוויי־פיסיגע גענוג — אָבער וויפיעל משה רבינו׳ס זיינען ארויסגעשפּרונגען פון אזעלכע אומשטענדען?

דער היגיעניסט וועט אונז דערצעהלען, אַז אונזער כאַראַקטער אין די עלטערע יאָהרען הענגט־אָפּ פון אזעלכע קלייניגקייטען, ווי צ. ב. צי מיר זיינען געלעגען, ווען מיר זיינען געוועזען עופּה׳לעך, אין וויגעלע מיט׳ן קאָפּ צום פענסטער, אָדער פאַרקעהרט; צי די ניאַ־ניע האָט אונז אָנדערצעהלט מעשיות פון שדים, פון רויבער און

בלוטיגע מלחמות, צי זי האָט געזונגען מיט אונז ליעבעס־ליעדלעך און האָט אונז אריינגערוימט די סודות פון בלומען־גאָרטען. צוגעגעבען אַז דאָס איז ריכטיג, אַז די אָרומיגע פאַרהעלטענישען מאַכען טאַקע אַן איינדרוק אויפ'ן קינד און העלפען ווירקליך בילדען זיין צוקינפטיגען כאַראַקטער. עס איז אָבער ניט ווייניגער אַ זיכערער פאַקט, אַז אַ ביסעל אָריענטאַליש בלוט פון דער עלטערבאָבע'ס צד, וואָס פליסט אין די אָדערן פון קינד, האָט אָפט מעהר צו זאָגען ווי אַלע מעשיות און אַלע ליעדלעך פון דער ניאַניע, מיט די פענסטער פון שלאָפצימער צוזאַמענגענומען. צו האָבען געהאַט אַן עלטער־זיידע אַ געזונטען, נאָרמאַלען מענשען מיט גוטע מדות, אָדער אַ מטורף, אַ שכור, אַן עפילעפּטיק — איז אַ חילוק ביז גאָר, וואָס לאָמבראָזאָ'ס געגענער אָפילו וועלען ניט אָפּלייקענען. איך וויל אָבער אין אַזעלכע טיפע חקירות ניט אריינגעהן. איך האַלט ניט מיט די וואָס זאָגען, אַז דער פאַרברעכער איז אַ *געבאָרענער* פאַרברעכער, ניט מיט די וואָס זאָגען, אַז יעדער פאַרדאָרבענער מענש איז אַ *געוואָרענער* פאַרדאָרבענער דורך די אומשטענדען.

יעדע זייט פאַר זיך איז צופיעל איבערטריבען געוואָרן. די האָבען דעם מענשען ניט געזעהן צוליב די אומשטענדען, די אַנדערע האָבען פאַרגעסען די אומשטענדען צוליב דעם מענשען. אין געזעלשאַפטליכע פאָרשונגען אָבער מוז מען אויסמיידען איינזייטיגקייט נאָך מעהר ווי אויפ'ן געביט פון ריינער וויסענשאַפט. פון דעם סאָציאַליזם האָבען מיר גענומען דעם איינזייטיגען גלויבען אין דער אַלערוויכטיגקייט פון די געזעלשאַפטליכע אומשטענדען — עס איז געווען אַ טעות. מיר האָבען לאַנג גענוג געדינט צו פרעמדע געטער; לאַנג גענוג האָבען מיר זיך געשטיצט אין אונזערע אַנאַרכיסטישע אויספיהרונגען אויף סאָציאַליסטישע גרונטלאַגען, וועלכע זיינען דער היפוך פון אונזער דענקען און ניט ריכטיג אַן און פאַר זיך. זייענדיג „באַגייסטערט" איז אַלץ רעכט געווען; ווערנדיג קאָנסעקווענט מוז מען קאָנען זיך צעשיידען מיט אַלטע „פריינד", אויפגעבען דער שוויגער'ס קעסט און מאַכען פאַר זיך שבת. מיר קאָנען ניט באַהויפּטען אין איין אָטעם, אי אַז די פּערזענליכע שטרעבונגען און דעם איינצעלנעמ'ס גייסטיגען צושטאַנד איז דער וויכ־

טיגסטער עלעמענט אין געזעלשאַפטליכען לעבען — אַי אַז דער מענש איז אין די הענט פון די אומשטענדען כחומר ביד היוצר: וואָס פאַר אומשטענדען אַזעלכע מענשען, וואָסערע אינסטיטוציעס אַזעלכע פערזאָנען. מיר קאָנען שעצען זייערעביידענס וויכטיגקייט, מיר מוזען אָנערקענען די ווירקונג פון איינעם אויף דעם אַנדערן — שטענדיג אָבער האַלטענדיג אין אויג די ראָלע פון דער פערזאָן, קיינמאָל ניט פאַרגעסענדיג, אַז מיר דאַרפען ווירקען פונקט אַזוי פיעל, אויב ניט מעהר, פאַר אַ רעוואָלוציע אין די גייסטער, ווי פאַר אַ רעוואָלוציע אין די מאַטעריעלע אומשטענדען פון געזעלשאַפטליכען לעבען.

„קבל את האמת ממי שאמרו" (נעהם אָן די וואָהרהייט, ווער דאָס זאָל ניט זאָגען), איז אַ גוטער, אַלטער רעגעל. אַ געוויסער געלערנטער, איינער וויליאַמס, * קריטיקירט אָט די איינזייטיגקייט פון סאָציאַליסטישען דענקען אומגעפעהר אין דעם פאָלגענדען זין: „דער סאָציאַליסטישער ארגומענט איז, אַז אַ מענש איז וואָס ער איז צוליב זיינע אומשטענדען, און דאַרום פעהלט נאָר מען זאָל ענדערן די אומשטענדען, וועלען די מענשען שוין אויך ווערן געענדערט. די באַהויפּטונג איז, אַז אַלע פאַרברעכענס זיינען אַ פאָלגע פון אָרימקייט, אַז עגאָאיזם, ענגהערציגקייט קומט אַרוים פון דעם קאָנקורענץ־סיסטעם; זאָל מען נאָר אָפּשאַפען דעם סיסטעם, וועלען די פאַרדאָרבענהייטען שוין ממילא פאַרשווינדען א. אַז. וו. דער ארגומענט קלינגט אַפּילו גאַנץ שעהן, עס ציהט אויך זעהר, אָבער? — עס קאָן זיין ריכטיג אין איין פּרט, דהיינו אַז מען זאָל נעהמען אַ הייניגען מענשען און אריינזעצען איהם אין א געזעלשאַפט וואו אָרימקייט עקזיסטירט ניט, וואָלט ער אודאי ניט געהאַט קיין אורזאַך צו ווערן אַ גנב; מען קאָן אָבער דערפון ניט מאַכען קיין כלל און באַהויפּטען, אַז ווען מען זאָל איבערזעצען די גאַנצע געזעלשאַפט אין נייע אומשטענדען, איינפיהרענדיג פאַר דעקרעט אַ נייעם סיסטעם, כדומה למשל, וועלען אַלע מענשען גלייך ווערן גוט און פרום און פטור. ענדערן די אומשטענדען איז טאַקע זעהר

* אין זיין בוך: A Review of Evolutional Ethics

א גוטע זאך, מען דארף אבער ניט פארגעסען, אז פון אלע אומשטענדען זיינען די וויכטיגסטע פאר'ן מענשען אלע איבעריגע מענשען גופא, מיט וועמען יעדער איינער קומט אין באריהרונג! יעדער איינער טוט על פי רוב וואס אלע איבעריגע טוען; כדי ווירקליך צו האבען געענדערט די אומשטענדען, מוז מען אלזא ענדערן דעם מענשענ'ס כאראקטער און די מאראלע באציהונגען פון איינעם צום אנדערן“.

„דער טעות פון ארגומענט ליגט עבען דעריין, וואס מען נעהמט צוויי גלייכע זייטען (Concomitants) פון דער פראגע, און מען שטעלט זיי פאר, איין זייט אלס די איינציגע אורזאך און די אנדערע זייט אלס די איינציגע פאלגע פון דער גאנצער זאך. עס איז ריכטיג, אז אויב מיר זאלען קאנען אויסראטען ארימקייט, וועלען מיר האבען אויסגעראט פארדארבענקייט און פארברעכען; עס איז אבער אויך ניט ווייניגער ריכטיג, פארקעהרט רעדענדיג, אז אויב מיר זאלען קאנען אויסראטען פארדארבענקייט און פארברעכען, וועלען מיר האבען פארניכטעט ארימקייט. די מעשה איז אבער, וואס מען קאן קיין איינציגע פון ביידע פארניכטען פריהער, כדי די אנדערע זאל דורכדעם אויסגעראט ווערן נאכדעם: מען מוז ביידען אויף אמאל אטאקירן גלייך. דעם מענשענ'ס נאטור קאן מען ניט מעהר באטראכטען פאר א פאלגע פון געזעלשאפטליכע אומשטענדען, וויפיעל מען קאן באטראכטען די געזעלשאפטליכע אומשטענדען פאר א פאלגע פון דעם מענשענ'ס נאטור. קיינע פון די ביידע איז ניט די איינציגע אורזאך פאר דער אנדערער, ניט די פאלגע פון דער אנדערער: אלע אין דער געזעלשאפט זיינען באדינגונגען וועלכע הענגען־אפ איינע פון די אנדערע; מענש און אומשטענדען זיינען קאנדיציעס, דורכגעפלאכטענע הין און צוריק“.

אט דער בליק איבער די אומשטענדען און די מענשען איז זיכער מעהר וויסענשאפטליך, מעהר דורכגעטראכט, ווי די אויבערפלעכליכקייט, מיט וועלכע מיר האבען זיך געשמאקעוועט אין אונזערע יונגע יאהרן. עס לאזט זיך ניט אזוי לייכט אלץ אנהענגען אן איין פונקט; דאס געזעלשאפטליכע לעבען איז א צו קאמפליציר־

טע זאַך, צופיעל פּאַרקניפּט אין יעדער באַציהונג, מען זאָל עס קאָנען אַזוי לייכט אָפּקניפּען און אַנדרעהען אַלץ אויף איין אָרט, ווי א מאַטיק פּאָדים. דער מענש איז וואָס ער איז צוליב מעהר ווי איין אורזאַך. דריי אַלגעמיינע אורזאַכען, קאָן מען זאָגען, טראָגען־ביי דערצו. ער איז וואָס ער איז, ערשטענס, ווייל זיין כאַראַקטער איז גע'ירש'ענט פון זיינע עלטערן; צווייטענס, ווייל דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען ווירקט אויף איהם אין געוויסע וועגען; און דריטענס, ווייל זיינע אייגענע אומשטענדען באַאיינפלוסען זיין ענטוויקלונג אויף פאַרשיידענערליי אופנים. דעם פּועל־יוצא פון די דריי אורזאַכען קאָן מען פאַרגלייכען, למשל, צו אַ געוויסען קאָליר, וואָס קומט אַרויס, ווען מען פאַרמישט דריי געוויסע פאַרבען: עס איז אַ גרויסער חילוק ניט נאָר וואָסערע פאַרבען, נאָר אויך וויפיעל פון יעדען פאַרב עס איז פאַרמישט געוואָרן צוזאַמען. ווען געוויסע מיטגעבאָרענע אייגענשאַפטען זיינען ביי איינעם זעהר שטאַרק אויסגעשפּראָכען, וועלען זיי איבערשטייגען אין ווירקונג אי דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען אי די פּערזענליכע אומשטענדען. פאַרקעהרט, זעהר גינסטיגע אָדער זעהר אומגינסטיגע אומשטענדען קאָנען האָבען אַ גרעסערן איינפלוס, ווי דער גע'ירש'ענטער כאַראַקטער וואָלט זאָנסט געהאַט. די פּראָפּאָרציע אַזוי גוט ווי די עלעמענטען זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר'ן רעזולטאַט.

דער פונדאַמענט פון דער ענטוויקלונגס־לעהרע איז געבויט אויף די פאַקטען פון געבאָרענע אייגענשאַפטען (Heredity) און פון די געוואָרענע דורך דער אומגעבונג (Environment). אַ קינד איז גלייך און ניט־גלייך צו זיינע עלטערן, ווייל דער פּועל־יוצא פון צוויי סיבות מוז זיין עפּעס אַ נייעס, עפּעס אַ געענדערטע זאַך (Variation) די געזעלשאַפט, וועלכע איז אַ פאַקט פון ענטוויקלונג אַזוי גוט ווי יעדער אַנדער פאַקט, מוז באַטראַכט ווערן פון שטאַנדפּונקט פון ירושה, אַזוי גוט ווי פון שטאַנדפּונקט פון דער אומגעבונג. געזעלשאַפטען ענדערן זיך און ענטוויקלען זיך, ניט נאָר ווייל די מאַטעריעלע אומשטענדען האָבען זיך געענדערט, נאָר דערפאַר ווייל די גע'ירש'ענטע אייגענשאַפטען האָבען אַזוי געווירקט אויף דער אומגעבונג און די אומשטענדען האָבען אַזוי באַאיינפלוסט דעם

מיטגעבארענעם כאראקטער, אז ווירקענדיג איינע אויף די אנדערע האבען זייביידע זיך געענדערט, האבען ביידע געקראגען א נייעם עצם, אנגעקליידט אין א נייעם געשטאלט.

די אויסערליכע פארמען פון געזעלשאפטליכען לעבען און דער אינערליכער גייסט פון יעדען איינצעלנעם כאראקטער וואקסען און ענטוויקלען זיך צוזאמען. ניט נאר אינסטיטוציעס זיינען אונטער־ווארפען דעם פראצעס פון ענטוויקלונג, — מיינונגען, געדאנקען און געפיהלען זיינען פונקט אזוי אונטערווארפען דעמזעלבען ענט־וויקלונגס־פראצעס. כדי צו דערגרייכען א פרייע און גערעכטע גע־זעלשאפט, מוז פארקומען אי אן אינערליכע ענטוויקלונג, אזוי צו זאגען, אי אן אויסערליכע ענטוויקלונג; און פון די ביידע מוזען מיר לעגען מעהר געוויכט אויף דער אינערליכער ענטוויקלונג, צוליב צוויי טעמים: ערשטענס, ווייל אין אונזער טעארעטישען דענקען וועגען מענש און געזעלשאפט גיבען מיר אפ, מיט פולער גערעכטיגקייט, דעם ערשטען פלאץ צו דער ווירקונג פון מענשען; און צווייטענס, ווייל אין אונזער פראקטישען באגריף פון א פרא־גרעסיווער סאציאלער ענדערונג קאנען מיר זיך ניט פארשטעלען אז ענטוויקעלטע אינסטיטוציע, אהן שוין פון פריהער ענטוויקעלטע מענשען.

פון די צוויי — מענש און אומשטענדען — געפינען מיר, אז די אקטיווע ווירקונג געהערט צום מענשען, בעת די אומשטענדען ווירקען בלויז פאסיוו. געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס זיינען ניט מעהר ווי די ראמען, וועלכע באגרעניצען דעם מענשענ'ס טע־טיגקייטען: אויב זיי זיינען ענגע ראמען, שטערען זיי איהם, אויב זיי זיינען ברייטע, שטערן זיי איהם ניט; דער מענש אבער, מיט זיין גייסט און כאראקטער, איז דער א ק ט י ו ו ע ר טוער, וועלכער שאפט און באשטימט אי זיינע אייגענע טעטיקייטען, אי דעם קרייז וואו זיי אויסצואיבען. די ווירקונג פון די אומשטענדען איז מייסטענטייל גלייך צו די ווירקונג פון א שווערער משא, וואס הענגט איינעם אויפ'ן האלז אן שלעפט איהם צו דר'ערד. דער מיטעל איז, דאכט זיך, גאנץ איינפאך, איבערשניידען די שטריק און א סוף — מען

דאַרף אָבער זיין אַ מענש דאָס צו וועלען און קאָנען טאָן, און דאָס עבען ציינגט־אָן וואו דער הונט איז באַגראָבען.

די היינטיגע געזעלשאַפטליכע אָרדענונג מיט איהרע אינסטיטו־ציעס פון פּריוואַט־אייגענטום אין לאַנד און פּראָדוקציאָנס־מיטלען, פון פּראָפיט־מאַכעריי אָן דעם אַנדערענ'ס ארבייט, פון גייסטיגער פאַרשקלאַפונג צו געטליכע און געזעצליכע אויטאָריטעטען, פון באַר־באַריי אין געשלעכטליכע באַציהונגען, פון פּריווילעגירטער מאָראַל, פּראָסטיטואירטער קונסט, באַגרינדעט אין אַלגעמיין אויף אַ שלע־פערשען באַגריף וועגען די צוועקען פון לעבען, — דאָס אַלץ שטערט געוויים דעם מענשענ'ס פרייע טעטיגקייט און מאַכט אָפט דעם דורכ־שניטסמענשען פאַר אַ נידעריגע בריאה. ווער אָבער קאָן אָט די אַלע שלעכטע אומשטענדען ענדערן, אויב ניט די מענשען גופא, יעדער איינער פאַר זיך? און ווען אַפילו עס וואָלט מעגליך געווען, אַז אַן אומזיכטבאַרע האַנט זאָל קומען און אַפּשניידען די משא פון יעדענ'ס האלז, זאָל ברייטער מאַכען די ראַמען פון לעבען — וואָס פאַר אַ פּעולה וואָלט דאָס געווען, אויב די מענשען וואָלטען אריינ־געטראָטען אין די נייע אומשטענדען מיט דערזעלבער ענגהערציג־קייט, מיט דערזעלבער קליינליכקייט, ווי מיר זעהען זיי איצט?

אַ ס אָ צ י אַ ל ע רעוואָלוציע מיינט אייגענטליך אַזויפיעל מעהר, האָט אַזאַ טיפערע באַדייטונג איידער אַ פּ אָ ל י ט י ש ע רעוואָלוציע, אַז מען קאָן זיי ביידען גאָר ניט פאַרגלייכען; דער סאָציאַליסט אָבער, וועלכער זעהט אין דער געזעלשאַפט ניט מעהר ווי די אינ־סטיטוציעס, און הינטער זיי די פיהרער און קאָנטראָלירער — דענקט אַז עס פעהלט ניט מעהר ווי „איבערנעהמען" די מאַכט און אַרויס־לאָזען אַ פאָרמעלע דערקלערונג, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע, איז שוין געקומען; דאַן אַפּשאַפען די שלעכטע אומשטענדען און היי־סען דעם פאָלק לעבען ברידערליך און גליקליך! אַזוי אָבער קאָן נאָר פאַסירן אין אַ קינדערגאָרטען, ניט אין אַן ענטוויקעלטער מענש־ליכער געזעלשאַפט. סאָציאַלע ענדערונגען קומען ניט דורך אַ פ אָ ר מ ע ל ע ר ע ר ק ל ע ר ו נ ג, נאָר דורך אַ ג ר י נ ט ל י כ ע ר א ו י פ ק ל ע ר ו נ ג. אַ פאָלק, אַ מאַסע קאָן מען ניט הייסען לעבען ברידערליך און פריי; מען קאָן פאַרזייהען אין זיי מעהר מענשליכע

געפיהלען, מען קאַן פאַרשפּרייטען צווישען זיי פרייע געדאַנקען — און ווען זיי זיינען מענשליך גענוג און שעצען פרייהייט גענוג, דאַן ענדערן זיי אַליין זייערע אומשטענדען און ווערן רעוואָלוציאָנירט.

וואָלטער, רוסאָ, דידעראָ און די איבעריגע ענציקלאָפּעדיסטען האָבען מעהר בייגעטראָגען ארויסצורופען די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, ווירקענדיג אויף די גייסטער, פאַרשפּרייטענדיג אויפ־קלערונג צווישען פאָלק, איידער אַלע מאַטעריעלע און עקאָנאָמישע אומשטענדען צוזאַמענגענומען. עס איז איבעריג צו ווידערהאָלען, אַז אַ מענש מוז פריהער אָנהויבען צו דענקען און פיהלען אַנדערש איידער ער הויבט אָן צו האַנדלען אַנדערש. אַפילו אין דער ווירקונג פון ריין עקאָנאָמישע אורזאַכען קאָן מען זעהר אָפט געפינען אַ גייס־טיגען עלעמענט: נייע לעבענס־באַדינגונגען מאַכען אַ מענשען נאָכ־צודענקען און איבערצוקלערן, די נייע געדאַנקען פיהרן איהם דאַן ווייטער צו פרישע ענדערונגען, וועלכע האָבען מיט די עקאָנאָמישע אורזאַכען גאָרנישט צו טאָן.

די איבלען פון דער היינטיגער געזעלשאַפט זיינען ניט נאָר די אינסטיטוציעס, זאָנדערן אויך די פאַרדאָרבענקייט פון די מאַסען, וועלכע אונטערשטיצען זיי. ניט נאָר די שלעכטע אומשטענדען מוז מען אָפּשאַפען, — די שלעכטע מענשען מוזען צו דערזעלבער צייט בעסער ווערן: עס מוזען אויסגעוואָרצעלט ווערן אַלערליי פאָראורטיילען; דער גלויבען אין רעליגיעזער און געזעצליכער אוי־טאָריטעט, דאָס געפיהל פון אונטערטעניגקייט צו פאַרצייטיגע טראַ־דיציעס, די מאָראַלע געמיינהייט, יעדע גייסטיגע פאַרשקלאַפונג מוז אַטאַקירט ווערן צוזאַמען מיט די אומשטענדען, וועלכע זיינען פּונקט אַזויפיעל אַ פאָלגע וויפיעל זיי זיינען אַן אורזאַך פון מענשען׳ס כאַראַקטער. דער גיפט פון די צרה׳דיגע אומשטענדען איז אריין אין מענשען׳ס בלוט, ווי אַ קרעבס האָט זיך עס איינגעפרעסען אין זיין גאַנצער קאָנסטיטוציע; מיר מוזען אָוועקשניידען דאָס פאַר־פוילטע וויפיעל מעגליך. כדי צו קאָנען ווידער אויפלעבען איז נויטיג פריער פאַר אַלץ — פ ר י ש ע ל ו פ ט און פ ר י ש בלוט!

# דאַרוויניזם און קאָמוניזם

ווען מיר הויבען אַן צו דענקען וועגען ענדערן די געזעלשאַפט, ווען מיר דריקען נאָר אויס אונזער האָפענונג, אַז אין דער צוקונפט וועט זיין אַן אַנדערע, אַ בעסערע געזעלשאַפט, דערלאַנגט מען אונז גלייך אַ פרעג, וואָס זיינען די וויסענשאַפטליכע באַגרינדונגען פאַר אונזער דענקען און האָפען? די פאַרטיידיגער פון דער היינטיגער אָרדענונג, ווי אויך געוויסע רעפאָרמער פון דעם ליבעראַל־אינדי־ווידואַליסטישען סאָרט, שמייסען אונז אין פנים מיט'ן דאַרווינישען געזעץ פון „קאַמף אום'ס דאַזיין" און זאָגען אונז, אַז דער נאַטיר־ליכער אויסוואַהל, וועלכער ברענגט־מיט אַז די אומפעהיגע, די שוועכלינגע, די נישטווירדיגע ווערן אויסגעראָט און נאָר די בעסטע בלייבען, קאָן אַנדערש ניט אויסגעפיהרט ווערן, סיידען דורך אַ קאַמף פון איינעם קעגען אַנדערן, פון איין ראַסע קעגען דער אַנ־דערער.

עס איז אַ ביאָלאָגישער געזעץ, טענה'ן זיי צו אייך, אַ געזעץ פון לעבען, אַז דעם שטאַרקען קומט אַלץ וואָס ער קאָן אַריינכאַפּען, דעם שוואַכען — ניט מעהר וויפיעל ער קאָן אויסאַרבייטען. דאָס איז אַ דעקרעט פון דער נ אַ ט י ר ל י כ ע ר אויסוואַהל, און ווער קאָן קעמפען קעגען דער נאַטור? וואָרים זאָל עס אַנדערש זיין, זאָגט הערבערט ספּענסער, זאָלט איהר וועלען בויען אַזאַ געזעלשאַפט, וואו אַלע האָבען גלייך צו געניסען און יעדערער שאַפט וויפיעל ער קאָן, וועט דאָך אויסקומען, אַז דער אומפעהיגער וועט זיין גלייך מיט דעם פעהיגען, אַז דעם אומפעהיגענ'ס קינדער וועלען האָבען די־זעלבע מעגליכקייט צו וואַקסען און ענטוויקלען זיך ווי דעם פע־

היגענ׳ס קינדער — און דאָס איז דאָך פּונקט אַקעגען די געזעצען פון ביאָלאָגיע! אַזאַ געזעלשאַפט מוז אונטערגעהן, טענה׳ט ספּענ־סער. די שוואַכערע זאָלען לעבען אויף דעם חשבון פון די שטאַר־קערע, הייסט שאַפען אַ געזעלשאַפט פון שוועכלינגען, פון נישטוויר־דיגע מענשען, וועלכע וועלען מוזען פאַלען אין קאַמף מיט אַ גע־זעלשאַפט פון שטאַרקע, פעהיגע מענשען.

אויב דאָס איז וויסענשאַפט, די איינציגע ריכטיגע וויסענשאַפט פון לעבען, פון דער נאַטור — טאָ וואָס טויג אונז פּראָפּאַגאַנדירען סאָלידאַריטעט און קאָמוניזם? און דאָך דאַרפען מיר ניט פאַר־צווייפלען. די ריכטיגע וויסענשאַפט איז גראַד אויף אונזער זייט, און מיר האָבען זיך ניט וואָס צו שרעקען אַפילו פאַר ספּענסער׳ן. מיר לייקענען ניט אָפּ דעם נאַטירליכען אויסוואַהל, מיר לייקענען ניט אָפּ די געזעצען פון ביאָלאָגיע. מיר גיבען צו, אַז די אַלע „גע־זעצען" זיינען ריכטיג אויף ווי ווייט זיי געהען; אַלץ וואָס מיר טוען איז — מיר מאַכען אַן אונטערשייד און שטעלען אַ גרעניץ. מיר מאַכען אַן אונטערשייד פון דער נאַטור אין אַלגעמיין, וועלכע אַרבייט בלינד, ניט־צוועקמעסיג, — און די נאַטור ווי זי צייגט זיך אַרויס אין דער ענטוויקעלטער מענשליכער געזעלשאַפט, וועלכע אַרבייט מיט איבערלעגונג און יאָ צוועקמעסיג. מיר שטעלען אַ גרעניץ צום „קאַמף אום׳ס דאַזיין" גלייך ווי מיר קומען צו דער גע־זעלשאַפט, דען עס איז גוטע וויסענשאַפט צו באַהויפּטען, אַז דער געזעלשאַפטליכער אויסוואַהל שטייגט אַריבער דעם „נאַ־טירליכען" אויסוואַהל. די חיה אָדער דער מענש, שטעהענדיג אַליין, אָפּגעזונדערט, איז אונטערוואָרפען דעם „גרויסען קאַמף" אויף יעדען שריט און טריט; און אויב ער איז שוואַך, אומפעהיג און קאָן זיך ניט צופּאַסען צו די אומשטענדען, מוז ער פאַלען, אונטערגעהן, שטאַרבען. קוים אָבער פאַראייניגט ער זיך מיט זיינע נאָהנטע אין אַ געזעלשאַפט, דאָן איז אויס קאַמף, אויס געזעץ פון איינער קעגען אַלעמען אַלס אַ מיטעל צו קאָנען עקזיסטירען; דאָן קומט אַריין דער געגענגעזעצטער פּרינציפּ, די סאָלידאַריטעט, וועלכע דינט בעסער די צוועקען פון אויסוואַהל: דאָס הייסט, די געזעלשאַפט, וועלכע פיהרט זיך מעהר סאָלידאַריש, וועלכע העלפט איינער דעם

אַנדערן וואָס מעהר, די האָט אַ בעסערן ערפאָלג, די בלייבט עקזיס־טירן.

מיר האָבען געננוג „אויטאָריטעטען פון וויסענשאַפט" וועלכע לערנען אונז צו מאַכען אָט דעם אונטערשייד און צו שטעלען אָט די גרעניץ. דער ערשטער פון אַלע איז דער גרויסער ביאָלאָג האָקסלי, וועלכער האָט געזאָגט וועגען דעם פונקט דאָס פאָלגענדע:

„די געזעלשאַפט איז גאַנץ געוויס אַ טייל פון דער נאַטור, זי אונטערשיידט זיך אָבער פון דער אַלגעמיינער נאַטור דערמיט, וואָס זי האָט אַ באַשטימטען מאָראַלען צוועק. דערפון קומט ארויס, אַז דער וועג, וואָס דער געזעלשאַפטליכער מענש קלייבט זיך אויס, איז פונקט דער היפוך פון דעם וועג, אויף וועלכען עס געהט דער פרי־מיטיווער ווילדער, וואָס האָט ניט קיין געזעלשאַפטליכע געוועהנ־הייטען. דער ווילדער וועלכער לעבט ניט אין געזעלשאַפט, קעמפט אין דער מלחמה פון לעבען ביז'ן לעצטען טראָפען בלוט, אַזוי ווי יעדע אַנדערע חיה; דער געזעלשאַפטליכער מענש אָבער ווענדט אָן אַלע זיינע קרעפטען צו געפינען מיטלען, ווי צו מאַכען אַן ענד פון דעם קאַמף. די געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע איז דורכאויס ניט מעהר ווי די געשיכטע פון פאַקטען, וואָס פאַרצייכענען ווי די מענשהייט האָט זיך געמאַטערט ארויסצוואַוקסען פון דער לאַגע, אין וועלכער אַ ברוטאַלער קאַמף באַשטימט ווער עס זאָל לעבען און ווער עס זאָל שטאַרבען. דער ערשטער מענש וואָס האָט אויסגעפונען, אַז לעבען אין פרידען איז בעסער ווי צו האַלטען מלחמות, דער, קאָן מען זאָגען, האָט באַשאַפען די מענשליכע געזעלשאַפט. און יעדע־רער קאָן איינזעהן, אַז עטאַבלירן שלום צווישען מענשען הייסט דאָך באַגרעניצען דאָס געזעץ פון קאַמף אום'ס דאַזיין. עס איז אויך אַ פאַקט, אַז פון אַלע פאָרמען, וואָס די געזעלשאַפט האָט אָנגענומען זינט זי עקזיסטירט, איז יענע די בעסטע, די פולקאָמענסטע, וועל־כע האָט אָוועקגעשטעלט די שטאַרקסטע גרעניץ צום קאַמף פון איין מענשען קעגען דעם אַנדערן".

נאָך איינער, ניט וועניגער אַ געלערנטער ווי אַלפרעד ר. וואָ־לייס, דריקט זיך אַזוי אויס אין איין פלאַץ: „דער מענש — דאָס איז אַ וועזען פאַר זיך, ניט גלייך אין דער נאַטור צו קיין אַנדער

באַשעפעניש. אויף איהם האָבען די אַלע גרויסע געזעצען פון ביאָלאָגיע קיין איינפלוס ניט, וואָרים ער קאָן אַליין ענדערן די נאַטורגעזעצען. וואו עס איז קאַלט, אַז קיין לעבעדיג וועזען קאָן ניט עקזיסטירן, דאָרט מאַכט ער זיך אַ פייער און פיהלט וואַרים; וואו די נאַטור איז קאַרג אין לעבענסמיטלען, קאָן ער געפינען ווי צו מאַכען אַ שטיין זאָל געבען וואַסער און אַ דאָרן גוטע פרוכט. אַ שוואַכע חיה קאָן ניט דערהאַלטען איהר לעבען און אויפהאָדעוועןן קינדער; דער מענש אָבער קאָן עס יאָ, ווייל ער קאָן קאָנטראָלירן די נאַטור".

עס איז אַ פאַקט, אַז דאַרווין אַליין גיט־צו, אַז „וואָס אָנבאַלאַנגט צו דער ענטוויקלונג פון די בעסערע טיילען פון דער מענשליכער נאַטור, זיינען דאָ אַנדערע פאַקטאָרן, אַ סך מעהר וויכטיגע ווי דער קאַמף אום׳ס דאַזיין. צום ביישפּיל, אויף די מאָראַלע אייגענשאַפטען פון מענשען האָט דער געזעלשאַפטליכער אויסוואַהל מעהר איינפלוס ווי דער נאַטירליכער אויסוואַהל". אַזוי זאָגט אויך לעסלי סטעפען, נאָך אַן אָנגעזעהענער דאַרוויניסט, אַזוי צו זאָגען: „אַ העכערע ראַסע מוז טאַקע אויך קעמפען, אָבער אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן. די העכערע ראַסע שטייגט אַריבער די נידעריגערע ניט דורך ברוטאַלער קראַפט, זאָנדערן דורך מיטלען פון גערעכטיגקייט, הומאַניטעט און אינטעליגענץ".

מיר זעהען אַלזאָ, אַז די בעסטע דאַרוויניסטען אַליין גיבען־צו אַז זייער „נאַטירליכער" קאַמף אום׳ס דאַזיין האַלט נאָר גוט צווישען דער ברוטאַלער וועלט און די פּרימיטיווע ווילדע: זיי זעהען, אַז מען קאָן דאָס געזעץ פון שטרייט ניט אַריינפיהרן אַלס פאַקטאָר אין דער געזעלשאַפט, ווייל זי האָט איהרע אייגענע געזעצען, איהר אייגענע פאָרם פון אויסוואַהל. אפילו אַ געזעלשאַפט פון חיות, ווי קראָפּאָטקין האָט אַזוי דייטליך אָנגעצייגט, פיהרט מעהר אויס מיט דעם פרינציפּ פון געגענזייטיגער הילף, ווי מיט׳ן קאַמף פון איינע קעגען די אַנדערע.

עס איז וויכטיג פאַר אונז צו הערען אַזעלכע מיינונגען פון די ביאָלאָגען אַליין, ווייל נאָך אַלץ וואָס די קאַפּיטאַליסטישע שריי־

בער, און אפילו די אינדיווידואליסטישע דענקער, האָבען אויסצו־זעצען קעגען אונזערע אידעאַלען, בלייבט זיי דאָך ניט מעהר ווי דער שרעקליכער „קאמף אום'ם דאַזיין"־געזעץ, וועלכען זיי ווילען איינ־פיהרען אין דער געזעלשאַפט. אַט איז דערזעלבער ספענסער, וועל־בער איז כמעט באלד אַ גאנצער אנארכיסט אליין, געפינט ער ניט קיין אַנדער ארגומענט קעגען קאָמוניזם, ווי נאָר דעמזעלבען ביאָ־לאָגישען געזעץ פון דער ענטוויקלונג. „מיט דער הויכער געזעל־שאַפט פון מענשען, אזוי גוט ווי מיט די נידעריגע גאַטונגען פון חיות, געהט אַן", זאָגט ער, „דער זעלבער רעגעל, אז דער שטארקער דאַרף האָבען אַלץ און דער שוואַכער גאָרנישט, כדי דער שטאַרקער זאָל זיך ווייטער ענטוויקלען און דער שוואַכער זאָל טאַקע געהן צו גרונט". האַקסלי האָט אָבער גענטפערט אויף דעם ארגומענט גאַנץ גוט מיט די ווערטער: „עס איז קיין חכמה ניט צו זעהן אַז די שטאַרקע זאָלען וואַקסען; אדרבא, אַ גוטע מדה איז צו זעהן, אַז שוואַכע זאָלען ווערן שטאַרק, כדי זיי זאָלען אויך קאָנען וואַק־סען".

פראָפעסאָר ריטשיע (Darwinism and Politics) געהט נאָך ווייטער און זאָגט אזוי: „איהר קאָנט זיך דורכאויס ניט פארלאָ־זען אויף דעם ביאָלאָגישען „קאַמף אום'ם דאַזיין", אויב איהר ווילט אַפילו, אַז די בעסערע זאָלען איבערלעבען די שלעכטערע. מיר דארפען ניט פארגעסען, באַטראַכטענדיג די געזעלשאַפט, אַז מיר האָבען דאַ צו טאָן מיט אַ זעהר קאָמפליצירטער רייהע פון ערשיי־נונגען. דער וואָס איז פעהיג אין איין הינזיכט איז ניט פעהיג אין אַן אַנדער הינזיכט; איינער האָט שטאַרקע מוסקולען, צ. ב., און דער אַנדערער איז אַ גרויסער שווינדלער; דער שווינדלער קאָן ניט טאָן אַ שטאָך נוצליכע ארבייט, ער קאָן אָבער אראָפּדרעהען דעם קאָפּ טויזענט זעהר גוטע ארבייטער. ווער פון זיי האָט מעהר שאַנ־סען איבערצולעבען ועמען? נאָך דער טעאָריע פון „נאַטירליכען אויסוואהל" הייסט דער שווינדלער דער פּאַסענדסטער (the fittest), — קאָן אָבער אַ געזעלשאַפט עקזיסטירן אויף אַזעל־כע געזעצען? ניט אַלץ איז גאָלד וואָס דער נאַטירליכער אויס־וואהל ברענגט ארויס: די נאַטור שאַפט אומצעהליגע מיליאָנען

פּאַראַזיטען; מיר האָבען זיי אין היינטיגער געזעלשאַפט, ווייל זי איז געבויט גראַד אויף אַזעלכע שטרענג „נאַטירליכע", ניט־געזעל־שאַפטליכע פּרינציפּען. דער פּרינציפּ פון דער נאַטירליכער אויס־וואהל־טעאָריע, ווי אויך פון היינטיגער געזעלשאַפט, איז — אַז ערפאָלג האָט דער ערפאָלגרייכער (Nothing succeeds like success) מיט וועלכע מיטלען — דאָס געהט די פילאָזאָפען ניט אָן".

„מיר מוזען", זאָגט ריטשיע ווייטער, „באַטאָנען דעם פאַקט, אַז דער קאַמף פון איין מענשען קעגען דעם אַנדערען, די אינדיווי־דועלע קאָנקורענץ, פון וועלכער ספּענסער (און אַנדערע אינדיווידו־אַליסטען) איז אַזוי שטאַרק ענטציקט, איז דער נידעריגסטער סאָרט קאַמף פון אַלע. ווען מיר באַטראַכטען דעם העכערן סאָרט קאַמף צווישען ראַסען, געפינען מיר דאָרט פאַרטראָטען גאַנץ נייע עלעמענ־טען. עס איז ריכטיג, אַז די שטאַרקערע ראַסע זיעגט, דאָס הייסט די וואָס קאָן אָנווענדען טיכטיגערע מיטלען אין שטרייט, וועט אי־בערלעבען דער געמיינערער ראַסע — אָבער פאָלגט דען דערפון, אַז די איינצעלנע פערזאָנען פון דער זיעגרייכער ראַסע זיינע אַלע פאַר זיך שטאַרקער און טיכטיגער פאַר די איינצעלנע פון דער געפאַלע־נער ראַסע? איז דען יעדערער פון די זיעגער ווערט איבערצולע־בען יעדען איינעם פון די באַזיעגטע? — עס איז אַן אויסגעצייי־כענטער פּלאַן צו פאַרדאַמען די גרויסע מאַיאָריטעט צוליב די נוצען פון אַ קליינער צאָהל אתה־בחרתנו'קעס: אָבער איך בעט אייך, בלאָפט אונז ניט מיט דער גוטסקייט פון דעם פּלאַן; רעדט אונז ניט איין, אַז עס ד אַ ר ף אַזוי זיין!"

דער אמת איז, אַז מיר ווייסען בעסער. מיר ווייסען ניט נאָר, אַז דער פּלאַן איז אַ שלעכטער, אַז עס דאַרף אַזוי נ י ט זיין, נאָר מיר ווייסען אפילו, אַז דער גאַנצער באַגריף פון דער געזעלשאַפט'ס טעטיגקייט אין דעם דאַרווינישען זין איז גרונט־פאַלש; אַז אין דער געזעלשאַפט פיהרט זיך ניט אַזוי ווי אין דער ריין אָרגאַנישער נאַטור. מיר קאָנען ניט צוגעבען, אַז די ביאָלאָגישע געזעצען, איינ־ציג און אַליין, קאָנען ערקלערן א ל ע געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען. אין דער געזעלשאַפט האָבען מיר נייע, אַ חוץ ביאָלאָגישע ערשיי־

נונגען, וועלכע פאָדערן אנדערע ערקלערונגען. און ניט נאָר קאָן מען ניט ערקלערן סאָציאָלאָגישע פאַקטען מיט ריין ביאָלאָגישע גע־זעצען, נאָר אפילו דיזעלבע ביאָלאָגישע ערשיינונגען ווערן אנדערש, מעהר קאָמפּליצירט, צוליב די פּסיכישע (גייסטיגע) און סאָציאַלע פאַקטאָרן, וועלכע ווירקען אויפ'ן לעבען און שטרעבען פון דעם גע־זעלשאַפטליכען מענשען. דער איינזאַמער וואָלף אין די וויסטעני־שען פון סיביר, צ. ב., און אן ענטוויקעלטער מענש היינטיגען טאָג דאָ אין ניו יאָרק זיינען ביידע אונטערוואָרפען דעם ביאָלאָגישען געזעץ, אז נאַהרונג איז אבסאָלוט נויטיג צו דערהאַלטען דאָס לע־בען און צו קאָנען פאָרטפּלאַנצען נייע דורות. פונדעסטוועגען איז די ווירקונג פון אָט דעם שטרענג ביאָלאָגישען געזעץ אנדערש אין די ביידע פאַלען. אן עהרליכער, רעכטדענקענדער מענש, מיט שטאַרק ענטוויקעלטע געזעלשאַפטליכע געפיהלען, וועט בעסער פאָר־ניכטען זיין ביאָלאָגישען טריב און שטאַרבען פון הונגער, איידער דערהאַלטען זיין לעבען מיט דיזעלבע מיטלען ווי דער סיבירישער וואָלף טוט עס.

דער מענש, פונקט ווי דער וואָלף אָדער אן אנדער ווילדע חיה, איז א ביאָלאָגישער אָרגאַניזם, און א פונדאַמענטאַלער ביאָלאָגישער געזעץ איז, אז יעדער לעבעדיגער אָרגאַניזם וויל דערהאַלטען זיין לעבען; פונדעסטוועגען הערן מיר אָפט פון דענקענדע מענשען, וואָס לאָזען זיך ממית'ן פאַר אן אידעע, — דאָס איז א ביישפּיל פון א גייסטיגען פאַקטאָר, וואָס ענדערט דעם ביאָלאָגישען גע־זעץ. מיר האָבען אויך געהערט פון מענשען, וועלכע האָבען אויף אַזויפיעל ליעב געהאַט די מענשהייט, די געזעלשאַפט, דהיינו אונ־זערע שיקאַגאָער מאַרטירער, אז זיי האָבען אָפּגעגעבען זייער לעבען צוליב זייערע געזעלשאַפטליכע געפיהלען. אין דעם פאַל זעהען מיר ווי דער סאָציאַלער פאַקטאָר שטייגט־אריבער דעם ביאָלאָ־גישען געזעץ. דער איינפלוס פון נייע פאַקטאָרן, וועלכע טרעטען אריין אין געזעלשאַפטליכען לעבען, ענדערן אינגאַנצען די ווירקונג פון די ריין ביאָלאָגישע געזעצען. דענקענדע מענשען קאָנען צוועק־מעסיג באַשטימען די וועגען פון זייער לעבען; זיי קאָנען ענדערן די פאָרמען פון קאַמף, אָדער מאַכען אן ענד פון אַלערליי קאַמפען,

ווען זיי קומען צום פאַרשטאַנד, אַז אַרבייטענדיג איינע פאַר די אַנדערע וועלען זיי קאָנען דערגרייכען אַ בעסערן דאַזיין. ניט־געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזמען זיינען אונטערוואָרפען דעם פּראָצעס פון „נאַטירליכען אויסוואַהל"; געזעלשאַפטליכע מענשען אָבער וואַרפען אַרונטער דעם פּראָצעס פון „נאַטירליכען אויסוואַהל".

די געזעלשאַפט מוז מען שטענדיג באַטראַכטען אַלס אַ געוויסע אָרגאַניזאַציע, וואָס אין איהר פונדאַמענט ליגט אומבאַדינגט דער פּרינציפּ פון סאָלידאַריטעט צווישען איין אינדיווידום און דעם אַנדערן. דאָס הייסט, אַ פּרינציפּ וואָס פאַרניכטעט, אָדער לפּחות באַגרעניצט, דעם קאַמף אום'ם דאַזיין צווישען זיי. און לאָמיר אַפילו צוגעבען, אַז די געזעלשאַפטליכע סאָלידאַריטעט דינט אויך אַלס אַ מעטאָדע פון אויסוואַהל; איז זי דאָך אָבער, אַז־און־פאַר־זיך, אַ קראַפט וואָס פאַרניכטעט דעם קאַמף אין מיטען פון דער געזעלשאַפט.

די ריין דאַרווינישע שול פון סאָציאָלאָגיע, ווי אויך די אַזוי־גערופענע „אָרגאַנישע" שול, וועלכע געהט אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די איינצעלנע זיינען אונטערוואָרפען די צוועקען פון דעם „העכערן" וועזען, דעם געזעלשאַפטס־אָרגאַניזם — דיביידע האָבען אָפּגעלעבט זייער צייט. דער ענגלישער דענקער האָבס (אין 17טען יאָהרהונדערט) האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם מענשען ווי אַ רויב־ח'יער, „ווי אַ וואָלף איינער צום אַנדערן", וועלכער ענטזאַגט זיך פון זיינע טיערישע רעכט, צו גונסטען פון דעם גרויסען „לויתן", די געזעלשאַפט. די אינדיווידואַליסטישע שרייבער, איבערהויפּט די עקאָנאָמיסטען פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט, האָבען איבערגעזעצט דעם קאַמף אום'ם דאַזיין אַלס אַ קאַמף פון פּערזענליכע אינטערעסען אין דער פאָרם פון עקאָנאָמישער קאָנקורענץ. אַדאַם סמיט, אַנערקענענדיג פון איין זייט די גרויסע וויכטיגקייט פון די סימפּאַטישע געפיהלען און פון דער אַנדער זייט דאָס עגאָאיסטישע שטרעבען נאָך פּערזענליכע אינטערעסען, האָט געזוכט צו מאַכען אַ פּשרה און האָט אַגיטירט פאַר עקאָנאָמישער קאָאָפּעראַציע דורך פרייער קאָנקורענץ, אַלס אַ וועג ווי צו האַרמאָנירן די געזעלשאַפטליכע אינ־

טערעסען. אָבער די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דער בורזשואַ־זער פּאָליטישער עקאָנאָמיע צעשטערט אפילו אָט דעם באַגריף פון שלום דורך מלחמה, פון אַ האַרמאָניע דורך עקאָנאָמישער האַלז־שניידעריי.

דעם ערשטען קלאַפּ האָט געגעבען דער גלח מאַלטוס מיט זיין באַריהמטער „ערפינדונג“, אַז די מענשען פרוכפּערן זיך אַ סך שנעלער ווי די פּראָפּאָרציע פון לעבענסמיטלען, און דערפאַר זעהט מען באַשיינפערליך, אַז די גרויסע מאסע קבצנים, וועמען די נאַטור האָט ניט איינגעלאַדען אויף איהר מאָלצייט, מוזען קראַפּירן פון הונגער. דעם צווייטען קלאַפּ אין דער טעאָריע פון אַ האַרמאָנישער קאָנקורענץ האָט געגעבען, מיט פולקאָמענעם רעכט, דער גרויסער עקאָנאָמיסט ריקאַרדאָ. ער האָט ריכטיג באַוויזען, אַז צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט איז ניט מעגליך עס זאָל עקזיסטירן שלום, ווייל זייערע אינטערעסען זיינען דירעקט קעגענגעזעצט איינע אַקעגען די אַנדערע. ערשט נאָכדעם איז געקומען דאַרווין, דער גרויסער נאַטור־פאָרשער און האָט צוגעפּאַסט מאַלטוס'עס איינפאַל פון הינטישער געשלעגעריי פאַר אַ שטיקעל ברויט צו דער גאַנצער אָרגאַנישער נאַטור, און האָט פאַרמולירט זיין באַריהמטען קאַמף אום'ס דאַזיין. די דאַרווינישע טעאָריע האָט אַלזאָ ניט אריינגעפיהרט קיין נייעם פּרינציפּ אין דער סאָציאָלאָגיע, דען די אידעע פון קאַמף פון איינעם קעגען אַנדערען האָט האָבס שוין אַרויסגעזאָגט מיט צוויי הונדערט יאָהר פריהער פאַר דאַרווין'ען.

אָבער אפילו האָבס גופא האָט איינגעזעהן, אַז אזאַ קאַמף קומט נאָר פאָר ווען דער מענש שטעהט אַליין, איידער ער פאַראייניגט זיך מיט זיינע מיטמענשען אין אַ געזעלשאַפט. און דאָס איז אויך אַלץ וואָס דער דאַרוויניזם קאָן באַהויפּטען. ער קאָן אָנווענדען זיין קאַמף־געזעץ נאָר צו גאַטונגען פון חיות, ווען זיי שטעהען פאַר־איינצעלט; צו מענשען אין געזעלשאַפט קאָן זיך דער געזעץ ניט אָנווענדען מעהר, ווייל דער מענש איז אַרויסגעוואַקסען פון זיין רשות און האָט אַנדערע, העכערע פאָדערונגען נאָכצוקומען. מאַל־טוס'עס באַפעלקערונגס־געזעץ קאָן אויך זיין ריכטיג אין דער אַל־געמיינער, לעבעדיגער נאַטור; אין דער ענטוויקעלטער מענשלי־

כער געזעלשאַפט אָבער זיינען דאָ אַנדערע פאַקטאָרן, וועלכע דיס־קאַנטירן זיין ווירקונג. ערשטענס, האָבען מיר אַנטקעגען איהם דעם „געזעץ" וואָס ספּענסער האָט פעסטגעשטעלט, אַז „אינדיווידואַליטעט און רעפּראָדוקציע זיינען אַנטאַגאָניסטיש" — ד. ה., אַז וואָס מעהר דער אינדיווידום ווערט אויסגעבילדעט גייסטיג, וואָס מעהר זיין מאָרך ווערט ענטוויקעלט, אַלץ וועניגער ווערט די פרוכטבאַרקייט, אַלץ וועניגער פעהיג ווערט ער מקיים צו זיין די מצוה פון פּרו ורבו. און צווייטענס, איז גאָר ניט אמת, אַז די לעבענסמיטלען בלייבען הינטערשטעליג, נאָר אדרבא, עס שיינט גאָר קיין ענד ניט צו זיין צו דעם מענשענ'ס פעהיגקייט צו פּראָדוצירן, ווי אַלע וואָס האָבען אַן אידעע פון די פאָרטשריטען אין אַגריקולטור און אינדוסטריע קאָ־נען זיך איבערציינען.

אין דעם גייסטיגען און געזעלשאַפטליכען לעבען פון מענשען הויבען־אָן די טיף־איינגעוואָרצעלטע אַלטרואיסטישע געפיהלען צו שפּילען אַ גרעסערע ראָלע ווי די שטרייטהאַפטיגע עגאָאיסטישע גיי־גונגען. און אַפילו ספּענסער אַליין זוכט זעהר שטאַרק צו איבער־ציינען, אַז אין דער צוקונפט, ווען מענשען וועלען זיין פ ו ל ק א ם ענטוויקעלט, וועט אינגאַנצען פאַרשווינדען דער געגענזאַץ צווישען אַלטרואיזם און עגאָאיזם. „גאָר ניט פיהלענדיג, אַז עס קאָן זיין שעדליך צו זיינע אייגענע אינטערעסען, וועט דער מענש, ניט פאַר־קלערענדיג זיך אויף אַ סעקונדע, שטענדיג אויסוועהלען צו טאָן דאָס וואָס איז גוט פאַר דעם אַנדערן. אַזוי פאַראייניגט וועלען ווערן די עגאָאיסטישע מיט די אַלטרואיסטישע געפיהלען, אַז אַלץ וואָס אַ מענש וועט דענקען, טוענדיג גוטס צו דעם אַנדערן, וועט זיין נאָר יענעם צופרידענצושטעלען, שאַפען פאַר יענעם פאַרגעניגען, ניט דענקענדיג וועגען זיך, וועגען דעם פאַרגעניגען וואָס ער פיהלט אַליין פון דער טאַט, אינגאַנצען".

אָט אַזאַ איז ספּענסער'ס אידעאַל פון דעם צוקינפטיגען מענ־שען. איצט פרעגט זיך: וועלען דען ניט אַזעלכע מענשען קאָנען לעבען קאָמוניסטיש צווישען זיך, אויב זיי וועלען נאָר וועלען? און אויב דער „נאַטור־געזעץ" פון קאַמף וועט דאָן בטל ווערן, טאָ וואָס שטערט אונז פון קאָנען מבטל זיין אָט דעם „געזעץ" אַפילו

היינט, שוין אין דער איצטיגער געזעלשאַפט, וואו ספּענסער גופא געפינט שוין די אָנלאַגען, דעם שורש, פון דער צוקינפטיגער ענט־וויקלונג? איבערהויפּט זעהט מען דאָך דערפון, אַז קאַמף און קאָנ־קורענץ איז ניט קיין עיקר פון לעבען, ניט קיין אומבאַדינגטער צו־שטאַנד פון ענטוויקלונג, וואָרים דער אידעאַלער צושטאַנד איז אַ לעבען, וואו שטרייטיגקייטען וועלען זיין אַן אוממעגליכקייט — איז דאָך אַלזאָ אונזער שטרעבען צו אַזאַ אידעאַל גאַנץ נאַטירליך, אונזער דענקען און האָפען אויף אַ סאָלידאַרישער געזעלשאַפט גאַנץ שטאַרק באַגרינדעט, און טאַקע עכט וויסענשאַפטליך!

עס איז דערמיט ניט געזאָגט, אַז די ענטוויקלונג מוז פיהרן דוקא צום קאָמוניזם, אָדער אַז אָהן קאָמוניזם וועלען מענשען ניט קאָנען לעבען גליקליך און צופרידען; דער איינציגער פּונקט וואָס איך האָב געוואָלט אויספיהרען איז, אַז עס איז ניטאָ קיין ריכטיגער גרונד צו באַהויפּטען, אַז עס קאָן ניט זיין קיין קאָמוניזם, לפחות זיינען די ביאָלאָגישע אויסזעצונגען ניט קיין וויכטיגע; וויל ענטוויקעלטע מענשען מיט איבערלעגונג, מיט אידעען, מיט אידעעלע עטישע באַגריפען און שטאַרק געזעלשאַפטליכע אָדער אַלט־רואיסטישע נייגונגען, פאָלגען אַן אַנדער אינערליכען טריב ווי פּרי־מיטיווע ווילדע, וועלכע זיינען נאָך ניט געזעלשאַפטליך.

היינטיגע סאָציאָלאָגען גיבען־צו די גרעסטע וויכטיגקייט אין דער ענטוויקלונג פון געזעלשאַפטליכען לעבען צו די ערשיינונגען פון סאָלידאַריטעט און ניט פון קאָנקורענץ. די פאַקטען פון סאָלי־דאַריטעט צייגען זיך אַרוים אפילו אין די נידעריגסטע ענטוויקלונגס־שטופען פון טיערן־רייך. אין דער מענשליכער געזעלשאַפט ווערט די דאָזיגע ערשיינונג אַלץ דייטליכער און קלערער, וואָס מעהר די געזעלשאַפט ווערט ענטוויקעלט. אָט דער געפיהל פון סאָלידאַרי־טעט איז אַ גייסטיגע אייגענשאַפט, וואָס שטאַמט־אַרוים פון דער ליעבשאַפטליכער צוציהונג, וואָס איין לעבעדיגער וועזען פיהלט צו דעם אַנדערן פון זיין אייגענעם מין (גידיננגס); און די דאָזיגע צו־ציהונג איז דער גרונטשטיין פון אַלע געזעלשאַפטען. דער אידעאַל פון אַלע געזעלשאַפטליכע רעפאָרמער איז געבויט אויף אָט די סאָלי־

דאַריטעט־ערשיינונגען, וועלכע זיינען סאָציאַלע פאַקטען און אַ סך וויכטיגערע מאָטיוען פון לעבען ווי די אַזוי־גערופענע „ביאָלאָגישע געזעצען".

קאָמוניסטישע סאָלידאַריטעט איז אַן אידעאַל, וועלכער קאָן פאַרווירקליכט ווערן, ווען די מענשען וועלען קומען צו דער איבער־צייגונג, אַז אין דעם סאָרט פאַרהעלטענישען וועלען אַלע זייערע פאָדערונגען בעסער באַפרידיגט ווערן ווי אין אַן אַנדער פאָרם פון צוזאַמענלעבען. אויב די גאַנצע מענשהייט וועט ווען־עס־איז קומען צו אַזאַ איבערצייגונג, אָדער נאָר אַ טייל פון דער מענש־הייט, איז אַ פראַגע, וואָס די צוקונפט אַליין וועט קאָנען פאַרענט־פערן. יעדענפאַלס איז עס ניט אַ פראַגע וואָס האָט אַ גרויסע ווי־סענשאַפטליכע באַדייטונג; אַלץ וואָס איז יאָ וויכטיג, איז פעסט־צושטעלען דעם פונקט, אַז אויב די מענשהייט וועט ווען־עס־איז יאָ אָננעהמען דעם קאָמוניזם, וועלען זיי חלילה ניט בדלות ווערן, ווי ספּענסער זאָגט נביאות. אויב זייערע סאָלידאַרישע געפיהלען וועלען זיין אַזוי שטאַרק ענטוויקעלט, אַז זיי וועלען ניט באַטראַכטען איינעם'ס אינטערעסען געגענגעזעצט צו דעם אַנדערנ'ס; אויב זיי וועלען זיין אַזוי גוטמוטיג, אַז זיי וועלען גערן אָננעהמען האָק־סלי'ס עצה צו שטיצען דעם שוואַכערן מיט אַלע מעגליכקייטען, כדי ער זאָל ווערן שטאַרקער און פעהיגער; אויב זיי וועלען ניט האַלטען פאַר נויטיג צו פיהרען אַ געגנויע בוכהאַלטעריע וויפיעל איינער האָט אויסגעאַרבייט און וויפיעל ער האָט פאַרברויכט — וועלען זיי זיין קאָמוניסטען, ווי דער קאָמוניזם האָט געבאָטען. די וואָס וועלען האָבען אַנדערע איבערצייגונגען, וועלען אודאי זיך פיהרען אַנדערש; די דאַרוויניסטישע טענות אָבער וועלען מיט דער צוקונפט גאַנץ ווייניג האָבען וואָס צו טאָן.

# די פיזיאָלאָגיע און דער אַנאַרכיזם

אין אונזערע קרייזען איז אָפט דיסקוטירט געוואָרן די שווערע אָבער אינטערעסאַנטע פראַגע: איז די געזעלשאַפט אַן אָרגאַניזם אָדער ניין? די פראַגע איז ווירקליך אַ שווערע פאַר מענשען, וואָס זיינען ניט באַקאַנט מיט דעם אַנאַטאָמישען געבוי און דעם פיזיאָלאָגישען ווירקען פון אַ לעבעדיגען קערפער; וואָרים כדי צו קאָנען פאַרשטענדיג באַהאַנדלען דעם פונקט, מוז מען אָפט זיך באַציהען אויף זאַכען, וועלכע דער לעזער פאַרנעהמט ערשט צום ערשטען מאָל. אָבער אַזוי ווי די פראַגע איז אינטערעסאַנט מכמה טעמים, דאַרף מען ערוואַרטען, אַז די באַהאַנדלונג וועט פאַרדינען דעם לעזער'ס גענויערע אויפמערקזאַמקייט, און דאַן וועט ער האָפענטליך ארויסטראָגען אַ קלערערן געדאַנק איבער דער גאַנצער זאַך.

מען דענקט געוועהנליכערווייז, אַז די גלידער אָדער אָרגאַנען פון אַ רעכט־ענטוויקעלטען קערפער, הגם זיי זיינען זעהר ניצליכע גלידער, זיינען זיי אָבער ניט קיין זעלבסטשטענדיגע מיטגלידער פון דעם גרויסען פאַראיין וואָס הייסט אָרגאַניזם. דער צוועק פון זייער עקזיסטענץ, שטעלט מען זיך פאָר, איז לטובת הכלל, — דער כלל, דער אָרגאַניזם, זאָל קאָנען עקזיסטירן, אָבער ניט פון זייער אייגענער טובה וועגען. נו, אַלזאָ, אויב די געזעלשאַפט איז נאַטירליכערווייז געבויט פונקט ווי אַן אָרגאַניזם, דאַן מוז מען צוגעבען, אַז עס איז גאַנץ נאַטירליך, אַז דעם איינצעלנעמ'ס ראָלע אין דער געזעלשאַפט זאָל זיין אונטערוואָרפען אונטער די אינטערעסען פון דעם כלל. מען מוז דאַן צוגעבען, אַז שעפלע, דער פילאָזאָף פון סאָציאַליזם, וועלכער באַהויפטעט, אַז „אַלץ וואָס איז וויכטיג אין דעם איינצעלנעם מענשען איז נאָר זיינע געזעלשאַפטליכע פונקציעס, זיין לעבען פאַר דער געזעלשאַפט און דורך איהר", האָט די לאָגיק אויף זיין זייט און איז באַרעכטיגט

אין זיינע אויספיהרונגען צו גונסטען פון א סאציאל־שטאאט. פארקעהרט ווידער, אויב די געזעלשאפט איז נאטירליכערווייז ניט געבויט ווי אן ארגאניזם, דאן איז דער איינצעלנער על פי טבע ניט מחויב צו זיין אונטערווארפען אונטער'ן כלל, און ווען ער האט שכל, באשטעהט ער אויף זיין אומאפהענגיגקייט, ווי א גלייכער צווישען גלייכע.

דער איינפאל פון פארגלייכען די געזעלשאפט צו אן ארגאניזם איז אייגענטליך א גאנץ אלטער — א סך עלטער פון ספענסער, שעפלע און די סאציאליסטישע דענקער בכלל. אין א לעהר־ביכעל פאר קינדער ווערט דערצעהלט פון אן אלטען קעניג, וועלכער האט געזוכט צו בארוהיגען זיין פאלק, וואס איז אומצופרידען געווארן מיט זיין שווערן יאך, דורך א משל ווי אזוי די באזונדערע גלידער האבען גענומען רעוואלטירן אנטקעגען דעם קערפער. דער מאגען האט געזאגט, איך וויל ניט פארדייען דאס עסען פאר'ן גאנצען ארגאניזם; די פיס האבען גע'טענה'ט, אז זיי זיינען שוין מיעד געווארן צו טראגען דעם קערפער אויף זיך; די הענט האבען זיך ענטזאגט צו ארבייטען פאר'ן כלל; דער מארך האט זיך אפגעזאגט צו דענקען, און אזוי ווייטער. דער סוף איז געווען, אז דער גאנצער קערפער איז שטארק אפגעצערט געווארן און אלע גלידער האבען אזוי שרעקליך געליטען, אז זיי האבען איינגעזעהן די נארישקייט פון זייערע טענות און זיי זיינען, פון דאן אן און ווייטער, געווארן גוטע און פרומע גלידער, ווי גאט האט געבאטען.

דער נמשל איז דא פון אויבענאויף: איהר, איינצעלנע מענשען, איהר זייט די גלידער פון קערפער, איהר לעבט פאר'ן כלל און דורכ'ן כלל, און איהר זייט נאר אויף אזויפיעל וויכטיג, אויף וויפיעל איהר גיט דער געזעלשאפט א מעגליכקייט צו עקזיסטירן און פונקציאנירן. פרובירט איהר נאר זיך שטעלען זעלבסטשטענדיג און ווילט זיין אומאפהענגיג פון דער געזעלשאפט; הערט איהר נאר אויף צו דענקען וואס איז גוט פאר דער געזעלשאפט און האלט נאר אין זינען דאס וואס איז גוט פאר אייך אליין, — דאן וועט אי די געזעלשאפט אונטערגעהן אי איהר וועט קיין קיום ניט האבען. פארקעהרט אבער, ווען איהר זייט גוטע און פרומע בירגער און לאזט

אייער פערזענליכקייט פארבויגען, דאן בליהט די גאנצע געזעלשאפט און וואקסט אין שטארקייט און אין רייכקייט, און איהר, איינצעל־נע, קאָנט דאן שטאָלץ זיין וואס איהר זייט גלידער פון אזא מעכ־טיגער קערפערשאפט.

די מענשהייט אָבער איז, זינט דער צייט פון יענעם קעניג, א סך עלטער געוואָרן און אויך א ביסעל קליגער. מען פיהלט איצט, אז עפּעס איז דאָ ניט גלאט, אז דער משל, די אנאלאָגיע, קאָן זיך זיין גאַנץ שעהן, די גאנצע מעשה קאָן אָבער ניט זיין קיין אמת. ספּענ־סער'ן האָט די אנאלאָגיע געפּאסט צו קאָנען דערמיט מאכען פּאָ־פּולער די טעאָריע פון עוואָלוציע אין דער סאָציאָלאָגיע. ער האָט געוואָלט ערקלערן, אז די אָרגאניזאציע פון דער געזעלשאפט ענט־וויקעלט זיך נאָך דיזעלבע פּרינציפּען ווי די אָרגאניזאציע פון קער־פּער, אויסבילדענדיג באזונדערע אָרגאנען; ער האָט זיך אָבער ערנסט אָפּגעשטעלט גלייך ווי ער איז געקומען צום פּונקט פון א נערוועז־סיסטעם. עס איז ניטאָ קיין איינציגער טייל פון דער גע־זעלשאפט, וואָס פיהלט פאר אלעמען, אזוי ווי עס איז דאָ א טייל, וואס ארבייט פאר אלעמען. אלזאָ, וויבאלד אז יעדער איינער פיהלט פאר זיך, הייסט עס דאָך, אז יעדער איינער לעבט פאר זיך,— דעריבער מוז מען שליסען, אז קיין איינצעלנער איז ניט מחויב צו אָפּפערן זיך פאר דער געזעלשאפט. שפּעלע אָבער האָט אָנגענומען דעם משל דברים כהויתן ווערטער ווי ברעטער: א גליד איז ניט מעהר ווי א גליד, אן אָרגאן איז א קנעכט צום אָרגאניזם, — אזוי האָט אויך דער איינצעלנער מענש ניט מעהר דעם ווערט ווי א צעלע אין גוף, ווארים די געזעלשאפט איז אלץ און מעהר קיינער ניט.

אויף דער אנדער זייט ווידער האָבען מיר דעם גרויסען קעמ־פער פאר אינדיווידואליטעט, דעם רוסישען דענקער מיכאילאָווסקי, ער האָט אָבער געלאָזען די פראגע אָפען. יאָ אן אָרגאניזם ניט אן אָרגאניזם, איהם איז גאנץ גלייך: איך וויל ניט, זאָגט ער — און פּטור. ער שרעקט זיך ניט אָפּ פאר דעם משל פון די קינדערשע לעהר־ביכלעך; איך פּראָטעסטיר, טענה'ט ער — און אן עק. איך קעמף קעגען אָרגאניזם ווי באלד נאָר ער גרייפט מיך אָן, וויל איך

*ווייל* און *מוז* זיין פריי! נו, אַ טענה איז דאָס אפילו; די קשיא אָבער בלייבט ווידער די איינענע: *איז* די געזעלשאַפט אַן אָרגאַניזם, העלפט ניט פּראָטעסטירן און העלפען ניט די טענות. אונזער קראָפּאָטקין פּטר'ט אָפּ די פראַגע גאַנץ איינפאַך. ער רופט אָן די געזעלשאַפט אַן *אַגרעגאַט* (אַ הויפען, אַ מאַסע), ד. ה. זי איז ניט קיין אָרגאַניזם, וואו די גלידער זיינען קנעכט צום כלל, נאָר פּשוט אַ מאַסע מענשען, וועלכע דערגרייכען זייערע ציעלען בעסער אין אַחדות. די איינצעלנע דאַרפען און קאָנען זיין פריי פון דער הערשאַפט פון דער געזעלשאַפט, ווייל זיי שטעהען ניט צו איהר אין דער באַציהונג פון אַ גליד צו אַ קערפּער, זאָנדערן פון אַ מיטגליד צו אַ פריינוויליגען פאַראיין: ווען עס געפעלט זיי, בלייבען זיי אין דעם געזעלשאַפטליכען פאַרבאַנד, ווען ניט — זיינען ייי פריי צו טאָן וואָס זיי ווילען.

די לעצטע סברא איז אַ גאַנץ שעהנע, מען מוז אָבער צוגעבען, אַז זי איז ניט מעהר ווי אַ באַהויפּטונג, ניט מעהר ווי אַ מיינונג, וואָס איז ניט שטאַרק גענוג צו איבערציינען די געגנער, וואָס דענקען אַנדערש. וואָרים זאָל עס טאַקע זיין אַז די געזעלשאַפט איז אַן אַגרעגאַט, קאָן מען דאָך ניט אָפּלייקענען אַז זי איז אַן *אָרגאַניזירטער* אַגרעגאַט; און די נאַטור פון דער זאַך איז, אַז וויבאַלד אַן אַגרעגאַט ווערט דויערהאַפט, מוז ער ענטוויקלען אַלע אייגענשאַפטען פון אַ ריכטיגען אָרגאַניזם. די פראַגע, אַלזאָ, לאָזט זיך נאָך דיסקוטירן, כל זמן זי ווערט געשטעלט אין אָט דער פאָרם. אַזוי לאַנג ווי מיר נעהמען אַלע אָן, אַז אַן אָרגאַניזם איז דער אמת'ער קבר פון דעם גליד'ס פרייהייט, קאָנען מיר אַנדערש ניט טאָן ווי — ענטוועדער אָפּלייקענען אַז די געזעלשאַפט איז אַן אָרגאַניזם, אָדער זיך מאַכען ניט־הערנדיג און שרייען פאַר פערזענליכע פרייהייט. גליקליכערווייז איז דאָ נאָך אַ וועג, זעהר אַ גוטער, און ווי עס שיינט דער ריכטיגסטער.

די באַהויפּטונג איז אָפּט געמאַכט געוואָרן, אַז דער אַנאַרכיסטישער געדאַנק האָט דורכגעדרונגען די מאָדערנע וויסענשאַפטען — לאָמיר אַלזאָ פּרובירן ציהען שלוסען פון דער מאָדערנער וויסענשאַפט צו גונסטען פון דער אַנאַרכיסטישער אידעע. פיזאָלאָגיע איז

די וויסענשאַפט וואָס באַשעפטיגט זיך מיט נאָכפאָרשען די ווירקונגען פון אַן אָרגאַניזם: זי איז די לעהרע פון פונקציעס. די לעהרע ווי אַזוי אַ לעבעדיג וועזען האַלט־אויף זיין עקזיסטענץ, ווי אַזוי ער פאַרריכט זיין אַרבייט, ווי ער פאַרצעהרט און ווי ער געניסט די פרוכטען פון לעבען. ביי דער פיזיאָלאָגיע דאַרפען מיר אַלזאָ קאָנען אויסגעפינען, וואָס די איינצעלנע טיילען פון אַן אָרגאַניזם מאַכען, ווי אַזוי די גלידער פון קערפּער פיהלען זיך, וואָס פאַר אַ פאַרהעלטענישען עס געפינען זיך צווישען זיי, און אין וועלכע באַציהונגען שטעהען זיי איינע צו די אַנדערע. דאָס וואָס מיר וועלען לערנען פון דער דאָזיגער וויסענשאַפט, וועלען מיר דאַן קאָנען אַנווענדען אויף די באַציהונגען פון דעם איינצעלנעם מענשען צו דער געזעלשאַפט, און אויף דעם אופן וועלען מיר שטעלען די פראַגע, „איז די געזעלשאַפט אַן אָרגאַניזם אָדער ניין?“ אין אַ נייעם ליכט.

„מיט אַ יאָהר זעכציג צוריק, ווען די יונגע שול פון פיזיאָלאָגען פון יענער צייט האָבען צובראָכען דעם אָפּגאָט „לעבענסקראַפט“ (Vital force) צו וועלכען די אַלטע האָבען געדינט בלינדערהייט, האָבען זיי שוין דערמיט אַליין געטאָן אַ גרויסע טובה דער וויסענשאַפט, ווייל זיי האָבען אויפגעעפענט די פינסטערע חדרים פון לעבען, כדי דער מאָדערנער פאָרשער זאָל דאָרטען קאָנען אריינברענגען זיין פלאַמענדען ליכט און נעהמען שטודירן די לעבענס־פּראָבלעמען נאָך די לעצטע מעטאָדען פון דער וויסענשאַפט. דער דאָזיגער פאַרדינסט ווערט היינט אַנערקענט פון אַלעמען: ער באַשטעהט אין דער אָפּשאַפונג פון דער אידעע פון „וויטאַליזם“. *

* ניט וויסענדיג בעסערס, האָבען די אַמאָליגע זיך ערקלערט דעם פּראָצעס פון לעבען מיט די פּוסטע ווערטער: עס לעבט, ווייל עס האָט אין זיך לעבען, וויטאַליטעט. אַזוי געפינט מען אין די אידישע חקירות א כח החי, כח היצירה, כח הצמיחה וכדומה. דער גרויסער בעמי־קער ליעביג האָט נאָך אין די 40 יאָהרען פאַרטראַטען די אידעע פון וויטאַליזם. מאָלעשאָט און זיין שול, ווי אויך פאָכט און אַנדערע האָבען שטאַרק באַקעמפט דעם וויטאַליזם און זיינען געוועזען די ערשטע גרינדער פון דער נייער פיזיאָלאָגיע.

אָבער די וויסענשאַפט־רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט האָבען גע־דינט דער נייער פיזיאָלאָגיע אויף נאָך אַ זעהר וויכטיגען וועג, וועל־כער, ווי מיר שיינט, איז ניט גענוג באַקאַנט געוואָרן. דער פּונקט איז נעמליך דער: ווען זיי האָבען אָבגעשאַפט די מלוכה פון ווי־טאַליטעט, די אומפאַראַנטוואָרטליכע רעגירונג פון דער אַזוי גערו־פענער לעבענס־קראַפט, האָבען זיי ניט געזוכט ארויפצוזעצען אַן אנדער זעלבסטהערשערישע קראַפט אויף'ן טראָן פון פריהערדיגען סאַמאָדערזשעץ, — זיי האָבען ניט נאָר ארונטערגעזעצט אַ פאַלשען קעניג, זאָנדערן זיי האָבען לחלוטין אָפּגעשאַפט דעם גאַנצען מאָ־נאַרכישען סיסטעם און האָבען עטאַבלירט אַ רעפּובליקאַני־שע אָרדענונג אין געזעלשאַפטליכען לעבען פון אָרגאַניזם".

„זינט דאַן, אין פאַרלויף פון לעצטען האַלבען יאָהרהונדערט, איז נאָך ניט געבליבען אַ שפּעלטעלע אין מענשליכען אָרגאַניזם, וואָס ערנסטע און איבערגעגעבענע פיזיאָלאָגען האָבען ניט אריינגע־בראַכט דעם פלאַקער פון וויסענשאַפטליכער פאָרשונג. און דאָך האָט קיינער נאָך ניט געקאָנט אָנצייגען אויף איין־איינציגען אָר־גאַן, איין אָרגאַנישען סיסטעם, אָדער איין לעבענס־פּראָצעס, וועל־כער זאָל זיין דער הויפּט־גייסט, דער רעכטער אָנפיהרער פון דעם לעבענס־מעכאַניזם. ניט די צעלען, ניט דאָס בלוט, ניט דער פאַר־דייאונגס־פּראָצעס, ניט דער צירקולאַציאָנס־סיסטעם, ניט אפילו דער נערווען־סיסטעם—קורץ, קיין איינציגער פאַר זיך אַליין איז ניט פאָרטרויט געוואָרן צו זיין דער פיהרער פון דעם גאַנצען, דער הויפּט־דירעקטירער פון גאַנצען אָרגאַניזם!" *

ניט אמת? דער דאָזיגער בליק גיט אונז אַ גרונט־נייעם באַ־גריף פון דעם לעבען פון אַן אָרגאַניזם! אָהן פיהרער, אָהן די־רעקטירער קאָנען דאָך ניט זיין קיין געפיהרטע, קיין דירעקטירטע; וואו זיינען אַלזאָ די געקנעכטע, די פאַרשקלאַפטע אָרגאַנען, צו וועלכע מען וויל פאַרגלייכען אונזערע ברידער, די זינדיגע מענשען? אפילו דער נערווען־סיסטעם, דער מאַרך, דער קאָפּ פון קערפּער,

* ציטירט פון דר. מעלצער'ס פאָרטראַג, געהאַלטען אויף'ן קאָנגרעס פון אַמעריקאַנער דאָקטוירים, מאַי 1900.

רעגירט ניט איבער די גלידער, הייסט דאָך אַז אַלע טיילען פון אָר־גאַניזם זיינען גלייכע יחסנים, טאָ וואו איז דאָ דער שרעק וואָס מען שרעקט זיך צו פאַרגלייכען די געזעלשאַפט צו אַן אָרגאַניזם? די ענטדעקונג אַליין, אַז יעדער גליד און יעדער געוועב באַשטעהט פון קליינע אינדיווידומען (צעלען) האָט שוין אומגעביטען אונזער באַ־גריף פון אַ באַלעבטער אָרגאַניזאַציע; וואָרים דער פאַקט האָט אונז מיטגעבראַכט צו שטודירען אָט די קליינע בירגער און איינצו־זעהן די גרויסע ראָלע, וואָס זיי שפּילען אין די אונטערנעהמונגען פון זייער געמיינדע. דאָך האָבען מיר געמיינט, אַז זייער גאַנצע וויכטיגקייט באַשטעהט נאָר אין זייער צאָל, אָבער ווייטער זיינען זיי ניט מעהר ווי קנעכט, אָדער האָריגע, צוגעבונדען צו זייער אומגעבונג און פאַרשקלאַפט צום באַפעהל פון די העכערע אָרגאַנען, — אויך אָט די מיינונג מוזען מיר איצט בייטען, צוליב די ריכטיגערע באַגרי־פען וואָס די נייע פיזיאָלאָגיע האָט אונז געליפערט.

ווען די פיזיאָלאָגען האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פּאָליטיש עקאָנאָמישען פּרינציפּ פון „צעטיילונג דער אַרבייט“ און האָבען איהם אַריינגעפיהרט אין דער עקאָנאָמיע פון קערפּער, האָבען זיי געזעהן פאַר זיך נאָר די אינטערעסען פון אָרגאַניזם, אַזוי ווי די עקאָנאָמיסטען האָבען זיך באַשעפטיגט נאָר מיט די אינטערעסען פון דער נאַציע — די רייכקייט פון דער נאַציע, איהר „באַלאַנס און טרייד“, איהר אומאָפּהענגיגקייט א. אַז. וו. און אַזוי ווי אונטער די אומשטענדען פון אומגלייכהייט, איז די נאַציאָנאַלע גרויסקייט גע־שטיגען פּראָפּאָרציאָנעל צו דער דערנידעריגונג פון די איינצעלנע, האָבען די עקאָנאָמיסטען דערפון געשלאָסען, אַז די איינצעלנע מוזען דערנידעריגט ווערן, כדי די נאַציע זאָל זיין גרויס. די פיזיאָלאָ־גען זיינען זיי נאָכגעגאַנגען אפילו אין דער פאַלשער שלום־פאָלגע־רונג אויך און האָבען געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די פולשטענדיגע ענטוויקלונג פון אָרגאַניזם פאָדערט אומבאַדינגט, אַז זיינע טיילען זאָלען ווערן אונטערייאָכט אונטער איהם. דערפון האָט זיך געגור־מען די באַקאַנטע פאָרמולע: וואָס מעהר אָפּהענגיג די אָרגאַנען, דעסטאָ פולקאָמענער דער אָרגאַניזם.

עס איז פאַרגעבראַכט געוואָרן אַלס באַווייז, אַז דער אָרגאַניזם

פּראָגרעסירט דורכדעם וואָס ער ספּעציאַליזירט די פונקציעס פון זיינע גלידער. און וואָס מיינט עס, אַז אַ גליד איז ספּעציאַליזירט? דאָס מיינט דאָך, אַז דער גליד ווערט אַלץ אומפעהיגער צו פאַרריכטען מעהרערע לעבענס־פונקציעס, אַז ער ווערט דערנידעריגט צו דער שטופע פון אַן איין־זאַך־מאַכער, צו דער מדרגה פון בלויז אַ שרייפעלע אין אַ גאַנצען סיסטעם פון מאַשינעריע. אַקעגען דעם קעמפט עס מ'כאַילאָווסקי — אָבער לײדער נאָר מיט ווערטער, מיט פּראָטעסטען, אָנשטאָט מיט פאַקטען און מיט אַ בעסערער פאַרשטענדעניש. אָט לאָמיר נעהמען דעם העכסט ענטוויקעלטען אָרגאַניזם, דעם מענשליכען קערפּער. אָטעמען איז אַ וויכטיגע זאַך און עס איז דאָ דערויף אַ ספּעציעלער אָרגאַן, די לונגען; עס איז אָבער באַקאַנט, אַז די לעבער העלפט אַ סך מיט אין דעם פּראָצעס. דער מאָגען איז ספּעציאַליזירט צו פאַרדייהען דאָס עסען, די אונטערשטע קישקע קאָן אויך באַנוצט ווערן פונדעסטוועגען צו דעמזעלבען צוועק; און דאָ ניט לאַנג, ווען אַ פּאָר כירורגען האָבען געוואַגט אויסצושניידען דעם גאַנצען מאָגען, האָט מען אויסגעפונען, אַז די אויבערשטע קישקע קאָן פולשטענדיג פאַרנעהמען דעם מאָגען'ס פּלאַץ. די דיסטילעריע פון קערפּער זיינען די נירען—איינע פון די קאָמפּליצירטסטע אָרגאַנען פון קערפּער,—צו דערזעלבער צייט העלפט די הויט אויך אַ סך מיט, און ווען די נירן זיינען קראַנק איז פּשוט אַ גליק פאַר'ן קערפּער, וואָס די הויט קאָן פאַרנעמען טיילווייז זייער פּלאַץ—קאָן מען דערפון ניט דרינגען פונקט פאַרקעהרט, אַז דער קערפּער וואָלט געווען אַ סך פולשטענדיגער און דויערהאַפטיגער, ווען ער וואָלט געהאַט אַ סך מעהר אָרגאַנען וואָס קאָנען פאַרבייטען איינער דעם אַנדערענ'ס אַרבייט?

דאָס אייגענע וועגען די צעלען און די אָרגאַנען. מיר וועלען צוגעבען, אַז איניגע צעלען זיינען מעהר ענטוויקעלט ווי אַנדערע, אין ז י י ע ר לאַגע אָבער זיינען זיי אַלע פונקט אַזוי זעלבסטשטענדיג און אומאָפּהענגיג, ווי צ. ב. — די פיש אין וואַסער. אמת, זייער חיונה הענגט־אָפּ פון דער לימפע און דאָס בלוט, וואָס די צירקולאַציע ברענגט זיי: אַזוי הענגען אויך אָפּ די פיש פון די נאַהרונגסשטאָפען וואָס שווימען אַרום אין וואַסער, און אַזוי הענגען אויך אָפּ

די העכסט ענטוויקעלטע וועזענס פון דער לופט, וואס רינגעלט זיי ארום. איהר וועט זאגען, זיי קאנען ניט עקזיסטירן אויסער דעם קערפער, אויסער דעם געוועב, צו וועלכען זיי זיינען צוגעבונדען? אבער דער מענש קאן אויך אנדערש ניט עקזיסטירן ווי אויף דער ערד! דער קערפער איז פאר דער צעלע, וואס די ערד איז פאר דעם מענשען: נעהמט דעם מענשען און טראנספארטירט איהם אריבער אויפ'ן פלאנעט מארס, צ. ב., וועט ער שטארבען, אזוי מוז אויך אונטערגעהן די צעלע, ווען איהר נעהמט איהר ארויס פון קערפער. פון שטאנדפונקט פון דער צעלע עקזיסטירט, העכסט וואהרשיינליך, דער קערפער פאר איהר, און ניט זי פאר'ן קערפער. זי קען נאר זיך, אויב זי באזיצט דערקענטניש איבערהויפט, און זארגט נאר פאר זיך, אויב זי קאן זארגען איבערהויפט.

די צעלען פיהרן אן גאנץ אליין א קאמף קעגען זייערע פיינד, די מיקראבען, וועלכע קומען זיי פארניכטען, און ווארטען ניט מיט דער אטאקע אויף א באפעהל פון א העכערער אינסטאנץ. אייניגע צעלען (די פאגאציטען, מעטשניקאפ'ס) פרעסען איינפאך אויף זייערע פיינד, אנדערע פאבריצירן אין זייער אינווענינ אזא גיפט, מיט וועלכען זיי טויטען זייערע געגנער. ווי נוציג אבער זייער מלחמה מיט די מיקראבען איז פאר'ן גאנצען ארגאניזם, דאך איז ניט ריכטיג צו באהויפטען, אז די דאזיגע וויכטיגע ארבייט איז זייער אויפגאבע, מיט וואס זיי דינען דעם ארגאניזם. ניט די איבעריגע סיסטעמען און גלידער פארלאזען זיך אויף זיי, ניט זיי גיבען זיך איבער איינציג און אליין מיט דער דאזיגער סאלדאטסקער ספעציאליטעט. אלע טיילען פון ארגאניזם טוען וואס זיי קאנען פאר זיך, ממילא ווערט שוין אלץ אפגעטאן; און דוקא ווייל יעדער איינער זארגט פאר זיך — איז דאס גאנצע פארזארגט.

עס איז פאראן אין קערפער א קליין ארגאנעלע (וועלכער הייסט עפיגלאטיס), וואס זיין עובדא איז צו פארדעקען דעם קנה יעדעס מאל וואס מיר ווילן ארונטערשלינגען א ביסען אין ושט אריין. איהר ווייסט אלע, אז דאס הארץ איז זעהר א וויכטיגער ארגאן, און ווען עס הערט אויף שיקען בלוט מוז אלץ אפשטארבען; מעגט איהר אויך וויסען, אז ווען דער קלייניקער עפיגלאטיס זאל זיך פאר-

שלאָפען, ווי עס טרעפט אמאָל דער אָנשטעלער פון די רעלסען ביי דער אייזענבאהן פארשלאָפט זיך, און ניט צומאכען דעם קנה בשעת דער ביסען געהט אין ושט — וועט ניט נעהמען קיין צוויי מינוט און מיר וועלען גאַנץ מיאוס שטאַרבען. מיינט איהר אפשר אז יענער וועכטערל ווייסט ווי וויכטיג זיין אַרבייט איז פאַר'ן כלל? לחלוטין ניט! ער ווייסט ניט און וויל עס ניט וויסען. עס איז גוט פאַר'ן אָרגאַניזם וואָס ער האָט אַ עפּיגלאָטיס, ער קאָן אָהן איהם ניט לעבען, — די מוסקולען, די צעלען אָבער פון יענעם אָרגאַן עקזיסטירן און ווירקען אָהן קיין אַנדער צוועק, ווי זייער אייגענע עקזיסטענץ. פונקט ווי די בלום בליהט און גיט־ארויס אַ פּאַרפיום ניט מיט'ן צוועק צו דערנעהרן די ביהן, אָדער צו דערקוויקען דעם חוש הריח פון שמעקער; פונקט ווי דעם מענשען'ס קאָפּ גופא, וועלכער זעהט אודאי אויס ווי אַן ערדקוגעל פאַר דער חיה'לע וואָס קריכט אין איהם אַרום ווען ער איז לאַנג ניט געקאַמט, עקזיסטירט ניט מיט דעם צוועק צו זיין פאַר איהר אַ וואָרימע אכסניא. יע־דער באַלעבטער וועזען, עס מעג זיין אַ מיקראָסקאָפּישע צעלע, אַ צוזאַמענגעשטעלטער געוועב פון צעלען, אַן אָרגאַן אָדער אַן אָרגאַ־ניזם, האָט נאָר איין אבזיכט אין זיין עקזיסטענץ, נעמליך — צו עקזיסטירן.

דאָס בוך דערצעהלט אייך מכח דעם ענין ווי אַזוי דער עפּיגלאָ־טיס דערקט־צו דעם קנה אַזאַ מעשה: ווען דאָס עסען קומט צו אַ געוויסען פּונקט, ווערט יענער פּונקט אויפגערעגט און ער שיקט אַוועק אַ דעפּעש אויף אַ נערוועז־דראָט, וועלכע געהט דורך מעה־רערע סטאַנציעס, ביז זי קומט אָן אין צענטראַל קאָנטאָר. דער באַאמטער פון יענעם דעפּאַרטמענט, וועלכער איז ממונה אויף שלינגען, אַזוי באַלד ווי ער קריגט אַזאַ ידיעה, שיקט באַלד אַ באַ־פעהל צום עפּיגלאָטיס, דער שומר הקנה, ער זאָל זאָפאָרט צומאַ־כען דעם טויער, ביז דער ביסען וועט אַרונטער בשלום. דאָס אָפּ־געטאָן, עפענט ער זיך ווידער, און אַזוי ווייטער. דאָס איז די ביוּ־ראָקראַטישע אויסטייטשונג פון דער זאַך. די מעטאָדע פון דעם סאָרט דענקען איז אַ גזרה שוה: אַ מענש איז געגליכען צו אַ קליין וועלטעל. ווי פיהרט זיך אין דער וועלט? מען שיקט אַ פּראָשעניע

קריגט מען אַ ראַזורעשעניע, אַזוי איז מסתמא אין קערפּער אויך. היינט ווידער, אַז אַזוי פיהרט זיך אין קערפּער, איז דאָך אַ סימן אַז דאָס איז נאַטירליך, דאַרף מען זיך דאָך טאַקע אין דער וועלט אויך פיהרען אַזוי! די מעשה איז אָבער גאַר פּשוט: אין עפּי־גלאָטים זיינען דאָ אַלערליי צעלען, מוסקול־צעלען, נערוו־צעלען און אַנדערע צעלען; די נערוו־צעלען פיהלען און גיבער־איבער דעם געפיהל ווייטער אַרויף, די מוסקול־צעלען פיהלען אַז עס קיצעלט זיי און ציהען זיך זאַפאַרט צוזאַמען, די אַנדערע צעלען טוען צוליב דערזעלבער אורזאַך עפּעס אַנדערש — און דערווייל טוען זיי אַלע צוזאַמען אַפּ אַ שטיקעל אַרבייט וואָס איז זעהר וויכטיג פאַר'ן אָרגאַניזם. דער גאַנצער פּראָצעס הייסט אַ רעפלעקס־טאַט. — וואו מיר באַפעהלען? וואָס מיר באַפעהלען? פרעגט זיי באַחרים וואָס פאַר אַ רעזולטאַט זייער אַרבייט ברענגט!

לאָמיר הערן ווייטער וואָס דער געלערנטער פיזיאָלאָג דערצעהלט אונז פון דעם לעבען פון אַן אָרגאַניזם. „דער לעבעדיגער קערפּער באַשטעהט אין אַלגעמיין פון אַ גרויסער צאָהל מעכאַניזמען, וועלכע אַרבייטען האַרמאָניש צוזאַמען. יעדער געוועבע, יעדער סיסטעם, נעהמט אַ גלייכען אַנטייל אין זייער קאָמפּליצירטער צוזאַמענשטעלונג. אונטער אַ מעכאַניזם פאַרשטעה איך, די מיטווירקונג (קאָאָפּעראַציע) פון עטליכע אומאָפּהענגיגע פאַקטאָרן אויסצופיהרן אַ געמיינשאַפטליכען צוועק. קיין איינציגער ספּעציעלער מעכאַניזם אָבער ווערט ניט אָנגעטרויט צו זיין דער פיהרער פון די איבעריגע. דער מעכאַניזם פון אָטעמען, צ. ב., ווערט באַאיינפלוסט ניט נאָר פון אַזעלכע וויכטיגע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין פּראָצעס פון פאַרדייהען, אין צושטאַנד פון בלוט, און די נערווען־צעלען פון מארך א. אז. וו. נאָר אַפילו די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין די וועניג ענטוויקעלטע עלאַסטיק־פּעדים פון די לונגען, אָדער אַפילו אין די פּראָסטע כראָמשקע פון די ריפּען, מאַכען אויך אַן איינדרוק אויף דעם גאַנצען מעכאַניזם פון אָטעמען".

„קורץ געזעדט: די איינינקייט פון לעבען — דער אָרגאַניזם — איז אַן אידעאַלע געמיינדע, וועלכע האָט ניט קיין קעניג און אַפילו ניט קיין מעכטיגען פּרעזידענט. די געמיינדע פון קערפּער ווערט

רענירט פון אַלע בירגער, איינגעטיילט אין קאָמיטעטען (גרופּען), אין וועלכען יעדער איינער דערפילט זיין אויפגאבע, סיי גרויס סיי קליין, פּינקטליך און אַקוראַט. די אַבזיכט פון יעדען איז — פריי־הער ווי אַלע צו דערגרייכען זיינע אייגענע צוועקען, דאָן אויך צו שטעהן אין פאַרבינדונג און מיטצואַרבייטען מיט אַלע אַנדערע קאָ־מיטעטען אָדער גרופּען. דורכדעם (דורך אַט די פּריוויליגע קאָאָ־פּעראַציעס) קומט צו שטאַנד די האַרמאָניע און די איינינקייט פון לעבען און געזונט." *

שוין האַקסלי האָט, מיט יאָהרען צוריק, פאַרגליכען די שוואָם (ספּאַנדזש) צו אַ פאָלשטענדיגער געזעלשאַפט, אין וועלכער די איינ־צעליגע חיה'לעך האָבען צו זאָרגען יעדער פאַר זיך. עס קומט אָבער ניט צו אָט דעם נייעם, גלענצענדען, באַגריף פון דעם אָרגאַניזם אַלס אַ קאָאָפּעראַטיווע געמיינדע פון גלייכע בירגער, אָרגאַניזירט אין גרופּען! מיר לערנען איצט צו שעצען יעדע צעלע, יעדען גליד, יעדען טייל פון אָרגאַניזם פאַר זיך אַליין; מיר לערנען צו באַ־טראַכטען יעדע אינדיווידועלע צעלע אַלס אַ פריי־בירגער אין איהר קרייז, אַלס אַ מיטגליד פון איהר לאַנד — אַ קינד פון דער גרויסער פאַמיליע, וועלכע באַוואוינט דעם פּלאַנעט וואָס הייסט אָרגאַניזם.

די פיזיאָלאָגיע און דער אַנאַרכיזם זיינען, לויט אָט דעם באַגריף פון אָרגאַנישען לעבען, אַזוי ענג פאַרבונדען, אַז עס איז כמעט שווער צו זאָגען, ווער האָט דורכגעדרונגען וועמען, צי די פי־זיאָלאָגיע דעם אַנאַרכיזם, צי דער אַנאַרכיזם די פיזיאָלאָגיע? פון איין זייט זעהט עס אויס, ווי דער אָרגאַנישער קערפּער האָט גע־בויט זיין לעבען אויף דעם פונדאַמענט פון אַנאַרכיסטישע פּרינצי־פּען; פון דער אַנדער זייט ווידער קאָן מען מאַכען די באַהויפּטונג, אַז דער אַנאַרכיזם האָט גענומען פאַר אַ מוסטער דאָס לעבען פון אַן אָרגאַניזם, כדי צו בויען מיט דעמזעלבען געדאַנק די ברייטע מענשליכע געזעלשאַפט. יעדענפאַלס שטעקט קיין סכנה ניט אין דעם פאַרגלייך פון אַ געזעלשאַפט מיט אַן אָרגאַניזם פאַר די אַנאַר־כיסטישע אויספיהרונגען. די עטליכע שטריכען, אין וועלכע ספּענ־

* פון דעם דערמאָנטען דאָקטאָר'ס פאָרטראַג.

סער געפינט א גלייכקייט צווישען זייביידען, מעגען זיך זיין זעהר גוט באַגרינדעט, — עס פאָלגט אָבער בשום אופן ניט דערפון, אפילו חוץ דעם פאַקט וואָס עס איז ניטאָ אין דער געזעלשאַפט קיין טייל וואָס פיהלט פאַר די איבעריגע, אַז די איינצעלנע מוזען זיין אונ־טעריאָכט צום כלל. צו זיין ספּעציאַליזירט מיינט ניט, אויף דער זייט פון די איינצעלנע, צו זיין דערנידעריגט, אַזוי ווי עס מיינט ניט אויף דער זייט פון כלל צו זיין דערהויבען, אין ריכטיגען זין פון ענטוויקלונג; אַזוי אויך צו זיין אָרגאַניזירט מיינט בשום אופן ניט צו זיין סוביעקטירט, ד. ה. אונטערוואָרפען אונטער וועמען עס איז.

אַלזאָ, ווי בלייבט, איז די געזעלשאַפט אַן אָרגאַניזם און די איינצעלנע מוזען זיין אונטערטעניג צום כלל, אָדער ניין? — איך וועל אייך געבען א משל: אמאָל האָט א קעניג געשיקט רופען די זיבען גרעסטע חכמים פון לאַנד און האָט זיי געפרעגט, פאַרוואָס א פיש אין וואַסער וועגט ווייניגער ווי א פיש ארויס פון וואַסער? די זיבען חכמים האָבען גענומען זיבען וואָכען צייט צו געבען א באַ־שייד. ווען עס איז געקומען די צייט, האָט יעדער איינער געבראַכט א פּאַק מיט סברות צו ערקלערן, יעדערער אויף אַן אַנדער אופן, פאַרוואָס א פיש אין וואַסער מוז וועגען ווייניגער ווי א פיש ארויס פון וואַסער. ווען דער קעניג האָט אויסגעהערט אַלע זייערע חקירות, האָט ער גענומען א פיש און האָט איהם אָפּגעוואויגען אין וואַסער, דאַן האָט ער איהם אָפּגעוואויגען אויסערן וואַסער, און האָט געצייגט זיינע חכמים, אַז אין ביידע פאַלען וועגט דער פיש אַלץ איינס...

# עס קען, עס מעג, נאר עס מוז ניט

אין דער „פרייע געזעלשאפט" * זיינען געווען צוויי ארטיקלען, וועלכע האבען באהאנדעלט די פארבינדונג, אנארכיע מיט קאמוניזם. דער ערשטער איז געווען פון קארלא קאפיערא, דער בעסטער מענש אלס פערזאן, אן אידעלע נשמה, וועלכער האט אוועקגעגעבען, אין ענד פון די 60גער יאהרן, זיין גאנץ פארמעגען (150 טויזענט פראנק) פאר דער באוועגונג און האט זיך אליין אנגעטאן אן ארבייטער־בלוזע צו פארדינען עהרליך זיין שטיקעל ברויט. דער אנדערער איז געווען פון דר. זשיאוואני ראסי, א געלערנטער און טרייער אנארכיסט, וועלכער האט זיך געאפפערט צו גונסטען פון דער אידעע און האט געגרינדעט אין ארגענטינע אן אנארכיסטיש־קאמוניסטישע קאלאניע פון גענאסען. קאפיערא איז געווען דער ערשטער וואס האט געפרעדיגט, ראסי איז געווען דער ערשטער וואס האט געזוכט צו פארווירקליכן די באהעפטונג פון קאמוניזם מיט אנארכיע. די לעזער האבען געלעזען דעם ערשטענ'ס טעארעטישע ארגומענטען, ווי אויך דעם אנדערנ'ס פראקטישע איינווענדונגען; אזוי ווי איך האב די עהרע ניט איינצושטימען מיט קיינעם פון זיי, נעהם איך מיר די פרייהייט ווייטער פארטצוזעצען די באהאנדלונג פון דער דאזיגער אינטערעסאנטער טעמע.

מיין אייגענע פאזיציע איז, ווי איך האב שוין אמאל געשריבען וועגען דעם, — און איך זאג עס דא ארויס בכיון גלייך פון אנ־

* מאנאטליבער זשורנאל פאר סאציאלע וויסענשאפט, ליטעראטור און צייט־פראגען, אויגוסט 1900, וואו אויך אט דער ארטיקעל איז געווען געדרוקט.

הויב, — אַז קאָמוניזם מעג על פי סברא, און קאָן על פי פּראַק־טיק, געהן צוזאַמען מיט אַנאַרכיזם, נאָר — עס מוז ניט דוקא געהן צוזאַמען; וואָרים אויב אַז ניט אַפילו, איז אויך רעכט, אי אין טעאָריע אי אין פּראַקטיק.

קאָן איך עס איבערצייגען? — אָט לאָמיר זעהן.

קאַפּיערע זאָגט: אַנאַרכיע און קאָמוניזם „קאָנען ניט זיין אַנדערש ווי צוזאַמען, ווייל אָט די צוויי ווערטער, וועלכע האָבען איינגענטליך דיזעלבע באַדייטונג וואָס „פרייהייט“ און „גלייכהייט“, זיינען די צוויי נויטיגע און אומצעטיילבאַרע טערמינען פון דער רע־וואָלוציע“. צוגעגעבען, אַז דאָס איז ריכטיג: אַז די רעוואָלוציע האָט צוויי טערמינען, אומצעטיילבאַרע, און דאָס זיינען פרייהייט און גלייכהייט; פרעגט זיך נאָר, ווי פאַרטייטשט מען די צוויי טער־מינען פרייהייט און גלייכהייט? פרייהייט איז פאַרטייטשט געוואָ־רען אין צוויי וועגען, לאָמיר אָנכאַפּען פּרודאָן און באַקונין: פּרו־דאָן האָט עס פאַרטייטשט אין דעם זין אַלס „די פרייהייט צו האַנד־לען אין אַלץ ווי איינער וויל, אויסער וואו ער גרייפט דערמיט אַן די פרייהייט פון דעם אַנדערן“. באַקונין האָט עס אויסגעדריקט אַזוי: „די פרייהייט פון יענעם צושטאַנד, אין וועלכען די נעמליכע פרייהייט פון דעם אַנדערן מאַכט מיין פרייהייט נאָך פולקאָמענער, אָנשטאָט זי צו באַגרעניצען“. גאָר אינגאַנצען געפעלען זיי מיר ביי־דע ניט. פּרודאָנס דעפיניציע — ווייל זי האָט דעמזעלבען חסרון וואָס ספּענסערס פאָרמולע פון „גלייכע פרייהייט“ דערמיט, וואָס זי דעפינירט ניט גענוי דעם „אויסער“, די באַגרעניצונג, הייסט עס; און באַקונינס — ווייל זי איז ניט דייטליך און קלינגט אַ ביסעל מיט מעטאַפיזיקע. אַזוי צי אַזוי אָבער, די כונה איז אַ גוטע, און די ריכטיגע פאַרשטענדעניש פון פרייהייט בלייבט אַלץ דער עיקר פון אַנאַרכיזם. אַנדערש אָבער שטעהט עס מיט דער גלייכהייט.

עס זיינען דאָ צוויי וויכטיגע דעפיניציעס פון גלייכהייט. איי־נע איז די גלייכהייט פון פאַרמעגען; דאָס הייסט אַלץ איז אַלע־מענס אָדער קיין זאַך איז קיינעמס ניט: יעדער נעהמט וויפיעל ער וויל און גיט וויפיעל ער קאָן. די אַנדערע איז די גלייכהייט פון

געלעגענהייט; דאָס הייסט אַלץ איז אַלעמענס אַלס געלעגענהייט צו באַארבייטען און באַנוצען; וואָס אָבער און וויפיעל איינער האָט אויסגעאַרבייט איז זיינע און ניט מעהר, — יעדער נעהמט וויפיעל ער האָט געגעבען, ניט מעהר און ניט וועניגער. די ערשטע דעפי־ניציע איז די גלייכהייט פון קאָמוניזם, די אַנדערע איז די גלייכ־הייט פון קאָלעקטיוויזם. איינע איז לאָגיש אַזויפיעל באַגרינדעט ווי די אַנדערע; ביידע זיינען בארעכטיגט צום נאָמען גלייכהייט. ווען מיר גיבען אַלזאָ צו, אַז גלייכהייט איז איינע פון די טערמינען פון דער רעוואָלוציע, קאָן עס פונקט אַזוי גוט זיין קאָלעקטיוויזם ווי עס קאָן זיין קאָמוניזם; און דערפאַר איז קאָפּיעראָ׳ס באַהויפּטונג, אַז וויבאַלד גלייכהייט איז אַ טערמין פון דער רעוואָלוציע, איז דאָס אַ באַווייז, אַז אָהן קאָמוניזם קאָן די רעוואָלוציע ניט זיין אַנאַר־כיסטיש, ניט מעהר ווי אַ פראַזע, וואָס האָט ניט קיין לאָגישען גרונט.

ווייטער זאָגט ער אַזוי: „לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז די רעוואָלוציע איז געמאַכט געוואָרן. די גאַנצע מאַשינעריע און די רויהע שטאָפען ווערן געזעלשאַפטליך אייגענטום. אויב יעדער איינער זאָל קאָנען דאַן האַלטען פאַר זיין פּריוואַט אייגענטום דאָס וואָס ער שאַפט, וואָס־זשע וועט זיין דער פּועל־יוצא דערפון? וואָס וועלען מיר האָבען דאָ אויפגעטאָן? אויף אַזאַ אופן, דורך מעהר אַרבייט אָדער גרעסערע פעהיגקייטען וועט עס איינעם געלינגען אָנ־צוזאַמלען רייכטימער. די גלייכהייט וועט פאַרשטעהט זיך, פאַר־שווינדען; דער וואָס וועט האָבען מעהר, וועט זיין אַ גרעסערער יחסן. די דאָזיגע זאַמלער פון אייגענטום וועלען נאָר דאַרפען מאַ־כען איין שריט, כדי ווידער איינצופיהרן דאָס רעכט פון ירושה, און עס איז לייכט צו באַגרייפען וואָס דערפון קאָן מיט דער צייט ארויסקומען.“

נו, אדרבא, וואָס קאָן מיט דער צייט דערפון אַרויסקומען? איך געדענק, איך האָב ערגעץ־וואו געלעזען אין קראָפּאָטקין׳ס אַ בראָשורע, וואו ער זוכט צו איבערצייגען, אַז מיר דאַרפען דאָס גאָלד פון די מיליאָנערן אויף כפרות, און ער זאָגט וועגען דעם פאָלגענ־דעס (איך ציטיר פון קאָפּ, איך האָב ניט די בראָשורע ביי דער האַנט): לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז דער שטאַאַט איז אָפּגעשאַפט

געוואָרן און מיט איהם אַלע פּריווילעגיעס און אַלע אומגלייכהייטען אין די געלעגענהייטען צו מאַכען אַ לעבען. מיר קאָנען פריי באַנוצען די ערד און אַלע רויהע מאַטעריאַלען און מיר קאָנען פריי אויסטוישען די פּראָדוקטען איינער מיט'ן אנדערן. צו דערזעלבער צייט איז ראָטשילד געבליבען ביי זיינע מיליאָנען, און אויך ער איז פריי צו טאָן מיט זיין געלט וואָס ער וויל. וואָס וועט ער טאָן מיט זיין רייכטום? אויפעסען דעם קרן איז קיין פּלאַן ניט, ער וויל לעבען אויפ'ן ריוח. פּראָצענט קריגט ער ניט, ווייל קיינער דאַרף ניט זיין געלט. נו, בויט ער אַ פאַבריק און שטעלט ארויס אַ צעטעל, אז ער דאַרף ארבייטער. „איהר ווילט מיר זאָלען אַרבייטען ביי אייך, מר. ראָטשילד", זאָגען זיי צו איהם, „זעהר שעהן, אָבער אונז לוינט ניט צו ארבייטען פאַר וועניגער ווי דעם פולען איינטראָג פון אונזער ארבייט, וואָרים מיר זיינען דאָך ניט משוגע אוועקצוגעבען אייך אַ טייל פון אונזער ארבייט, בעת מיר האָבען אַלערליי געלעגענהייטען צו אַרבייטען פאַר זיך און האָבען דעם פולען איינטראָג. אַלזאָ, ווילט איהר אזוי, איז רעכט, אז ניט, דאַרף מען ניט." עס פאַרשטעהט זיך, אז ראָטשילד וויל עס ניט, וואָרים וואָס וועט ער האָבען דערפון? וואָס דען אָבער בלייבט איהם צו טאָן? בייטען זיין גאָלד, אין וויפיעל מען וועט עס אָננעהמען — אויף ברויט, קליידונג און נאָך אַזעלכע נויטיגקייטען, ביז זיין גאָלד וועט זיך אויסנעהמען, פריהער אָדער שפּעטער; און אויב עס וועט קלעקען פאַר זיין לעבען, וועלען אָבער זיינע קינדער אודאי מוזען זוכען עפּעס צו אַרבייטען, כדי צו האָבען פון וואַנען צו לעבען.

אַט דאָס איז דער סוף פון רייכטימער אין אַ געזעלשאַפט, וואו יעדער איינער האָט אַ גלייכע געלעגענהייט צו טאָן וואָס־עס־איז און פאַרדינען בכבוד זיין ברויט! אַלע ווייסען, אַפילו ניט קיין עקאָנאָמיסטען, אַז פון אייגענער ארבייט ווערט מען ניט קיין מיליאָנער; אַז אום אָנצוקלייבען רייכטימער מוז זיין אַזאַ צושטאַנד, וואָס ערלויבט איינעם צו רויבען דעם איינטראָג פון דער אַרבייט פון פיעלע. אַזאַ צושטאַנד קאָן געשאַפען ווערן ענטוועדער דורך ברוטאַלער מאַכט, האַלטענדיג אַ טייל מענשען אין פּראָסטער שקלאַפעריי, אָדער דורך דער מאַכט פון געזעץ, שאַפענדיג פּריווילעגיעס, אומגלייכע

געלעגענהייטען, וועלכע צווינגען אַ טייל מענשען אָפּצוגעבען איין העלפט פון זייער אַרבייט פאַר דער מעגליכקייט צו באַהאַלטען כאָטש די אַנדער העלפט. די אַנאַרכיע, וועלכע שיצט פון ברוטאַלער און געזעצליכער מאַכט, וועלכע שאַפט פאַלגליך גלייכע געלעגענהייטען, האָט זיך ניט וואָס צו שרעקען, טאָמער וועט דער פעהיגער, וואָס קאָן באַארבייטען מעהר ערד, אָדער קאָן מאַכען מעהר רעק, אָדער קאָן צופרידענשטעלען מעהר קונדען, ווי אַן אַנדערער אַ שוואַכע־רער, אָנקלייבען רייכטום און שאַדען דערמיט זיינע מיטמענשען. די סברא איז מחייב, אַז אַזאַ פעהיגער, וואָס זאָרגט ניט פאַר'ן מאָר־גען, וועט פיהלען דעם גרעסטען פאַרגעניגען אויסצוהעלפען מיט זיין איבערפלוס די קראַנקע און די שוואַכע, וועלכע קאָנען ניט אויס־אַרבייטען גענוג, אויב זיי וועלען נאָר וועלען אָננעהמען פון איהם אַ טובה. אויב, ווידער, איינער איז בטבע אַ קאַרגער און באַהאַלט אַלץ וואָס ער האָט אויף שפּעטער, טאָ זאָל ער: פּראָדוקטען וואָס ווערן ניט צירקולירט זיינען קיינמאָל ניט קיין קאַפּיטאַל אין דעם זין, וואָס מאַכט עס זאָל וואַקסען ווי אויף הייוועז, ווי פּראָצענט.

אין אַ וכוח מיט מיר, טאַקע איבער דעמזעלבען פּונקט, האָט מיין געגנער אַמאָל אויסגעשריען מיט טריאומף די גרויסע קלאָץ־קשיא: ס'טייטש, ווי אַזוי קאָן דער מענש זיין פּערזענליך פריי, אויב ער איז ניט פריי צו געניסען אַלץ וואָס ער וויל? אויב זיי־נע באַדערפענישען זיינען מעהר וויפיעל איהם קומט, וועט ער דאָך מוזען זיך ענטזאַגען פון דער באַפרידיגונג פון זיינע פאָדערונגען, הייסט עס, אַז אין אַן אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפט, אויב זי איז ניט אויך קאָמוניסטיש, וועט אַזאַ איינער זיין אַ פרייער קבצן! נו, קאָן מען זאָגען ערשטענס, אַז אַ פרייער קבצן איז טאַקע ניט קיין פאַרשקלאַפטער קבצן, און דערפאַר גם זו לטובה. אָבער לאָמיר אדרבה טאַקע אַליין פאַרשטעהן די זאַך גענויער. ווי וועלען מיר אָנרופען דעם יעניגען אין אַן אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישער געזעל־שאַפט, וואָס וועט אין איין שעהנעם אָווענט ליידענשאַפטליך זיך פאַרוועלען דאָס, וואָס מען רופט „דאָס טעלערל פון הימעל"? ווי ווייט דער קלאָרער פאַרשטאַנד געהט, שיינט מיר, וועט מען איהם אָנרופען אַ פרייער אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישער משוגע'נער. אָדער

לאָמיר זאָגען, אַז אַ בלינדען וועט זיך טאַקע פאַרוועלען זעהן די ליכטיגע שיין אין אַן אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישער געזעלשאַפט — וועט ער זיין פריי אָדער ניין? פאַרוואָס זאָלען מיר זיך מעהר באַקימערן פאַר יענעם, וואָס איבט אוים זיין פרייען ווילען ניט צו אַרבייטען, ווען עס פאַרווילט זיך איהם צו דערזעלבער צייט צו לעבען אויף דאָס פעטע פון לאַנד?

איהר וועט זאָגען: דאָס „טעלערל פון הימעל“ קאָן אַ קלאָרער מענש ניט וועלען, ווייל עס איז אוממעגליך. און לעבען אויף יענעמ'ס פראַצע קאָן אַ קלאָרער מענש וועלען? עס איז, דאַכט זיך, פונקט אַזוי אוממעגליך אַ געזעלשאַפט זאָל עקזיסטירן, וואו יעדער איינער איז פריי צו באַפרידיגען זיינע באַדערפענישען ניט אַרבייטענדיג, ווי אַרונטערצונעהמען טאַקע דאָס „טעלערל פון הימעל“. געבראָטענע טייבעלעך וועלען אין מויל ניט אַריינפליהען אפילו אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט; אַרבייט וועט מוזען אויפגעטאָן ווערן, צי פון איינעם צי פון אַן אַנדערן — פרעגט זיך: וועט די געזעלשאַפט, וועלכע מוז פראָדוצירן, ווען עס איז זיין פריי אָדער ניין? אויב אַ מענש, וועלכער האָט אַלע געלעגענהייטען, אַלע מעגליכקייטען צו באַפרידיגען זיינע באַדערפענישען, נאַטירליך דורך דעם איינציגען וועג, וואָס איז מעגליך, ד. ה. דורך אַרבייט; אויב אַלזאָ אַזאַ מענש הייסט ניט פריי, ווייל איהם קאָן זיך פאַרוועלען צו געניסען ניט שאַפענדיג, דאַן וועט קיין געזעלשאַפט קיינמאָל ניט זיין פריי אויף דער וועלט, וואָרים יעדע געזעלשאַפט וועט שטענדיג מוזען שאַפען, כדי צו קאָנען געניסען! און דאָסזעלבע וועגען דעם בלינדען אויך: אַזוי לאַנג ווי קיינער שטערט איהם ניט צו זעהן, קיינער צווינגט איהם ניט צו האַלטען פאַרמאַכט די אויגען, קיינער רויבט פון איהם ניט אַוועק קיין געלעגענהייט, קיין נאַטירליכע מעגליכקייט צו ווערן זעהענדיג — איז ער אַ פרייער בלינדער. אַ פרייער קראַנקער, אַ פרייער שוואַכער, אַ פרייער אומפעהיגער מענש — מעג זיך זיין, אַז ער איז אומגליקליך, אין אַ סך הינזיכטען אומבאַפרידיגט; אָבער פריי איז ער, אַזוי לאַנג ווי אין דער אורזאַך פון זיין אומגליק איז ניט שולדיג קיין צוואַנג, וואָס שטעהט אויסער איהם און איבער איהם, קיין באַוואוסטע הערשענדע

מאַכט, וועלכע האַלט איהם אין קנעכטשאַפט צוליב איהרע אייגע־נע צוועקען.

אַגב, אַז מיר האַלטען דערביי, וויל איך באַריהרען נאָך אַ פּונקט אויך. קראַפּאָטקין זאָגט: „מיר ווילען, אַז דאָס פאָלק זאָל איבערנעה־מען דאָס גאַנצע עקזיסטירנדע אייגענטום" א. אַז. וו. גוט וואָס מיר ווילען; ווייסען מיר אָבער ניט, אַז דאָס „פאָלק" איז אַ פיעל־קעפּיגע חיה, וואָס האָט אַזויפיעל באַזונדערע דעות וויפיעל באַזונדערע נעזער? קאָן אונז גאָר אַרויף אויף'ן געדאַנק אויסצואַרבייטען אַ פּלאַן און אַנהענגען איהם אויף אַלעמען'ס העלזער גלייך? דער וואָרט ביז דאָס גאַנצע פאָלק, ביז אַלע פעלקער, ביז די גאַנצע מענש־הייט וועט האָבען איין דעה, איין געדאַנק ווי אַזוי צו לעבען, דער וואָרט אומזיסט. די מענשליכע ענטוויקלונג פיהרט צו פאַרשיידענ־קייט, ניט צו איינהייט. אויב פרייהייט איז דער עיקר פון לעבען, איז גלייכהייט ניט מעהר ווי דער מיטעל ווי צו לעבען, אַלע ווילען גלייך לעבען; די לעבענסמיטלען אָבער זיינען זיסער וואָס פאַרשיידענער זיי זיינען. מיר קאָנען דענקען, אַז יעדער געזונטער מענש וויל, און וועט תמיד ווילען, זיין פריי און קאָנען טאָן וואָס ער וויל, ניט געשטערטערהייט פון אַ באַוואוסטער טיראַנישער מאַכט; דער פאַקט איז, אַז מען קאָן אַנדערש גאָר ניט דענקען וועגען דער מענשליכער נאַטור. עס איז אָבער זעהר שווער צו דענקען, אַז אַלע געזונטע מענשען ווילען וועןעס־איז זיך אייניגען אויף איין געוויסער מעטאָדע ווי צו באַפרידיגען זייערע באַדערפעניסען. דער פאַקט איז, אַז אַזאַ פאַל איז ווירקליך אומדענקבאַר. דאָס גוטע אין דעם אַנאַרכיזם איז, וואָס אונטער איהם קאָנען בליהען אַלערליי בלומען. און טאַקע דערפאַר ווייל די ענטוויקלונג האָט אונז געבראַכט די דערקענטניש, אַז איין מענשען'ס געשמאַק איז אַזוי באַרעכטיגט און אַזוי וויכטיג ווי דעם אַנדערנ'ס, דערפאַר זעהען מיר אַלץ קלערער איין די נויטיגקייט פון פולשטענדיגער אַנאַר־כיע. וואָלטען אַלע מענשען געטראָגען איין הוט, וואָלט, ווי שטירנער זאָגט, קיינער ניט געדאַרפט אַרונטערנעהמען דאָס היטעל פאַר דעם אַנדערן; איין אַנדערע ווערטער: די אַנאַרכיע וואָלט דאַן גע־ווען אַן איבערפליסיגקייט.

איהר מעגט זיך האָבען איינגעלעבט מיט די פּראָזען זינט לאַנ־
גע יאָהרען, אָבער פּרובירט זיי אַנאַליזירען, וועט אייך אָנהויבען
שווינדלען דער קאָפּ. „עס וועט קומען די רעוואָלוציע"; „דאָס
פאָלק וועט אָפּשאַפען דעם שטאַאט מיט איין האַנט און פאַרנעהמען
אַלע רייכטימער מיט דער אַנדער האַנט"; „וועט פּראָקלאַמירען אַ
וואוילשטאַנד פאַר אַלע", און זעהט — עס לעבע די אַנאַרכיע און
דער קאָמוניזם! עס וועט קומען די רעוואָלוציע — ווי אַזוי וועט
זי קומען? דענקט איהר נאָך אַלץ פון די טעאַטראַלנע באַריקאַדען
און באָמבאַסטישע פּראָקלאַמאַציעס? דאָס פאָלק — ווער איז דאָס
פאָלק? מיינט איהר נאָך אַלץ, אַז די אַרבייטער זיינען דאָס גאַנצע
פאָלק? זיי וועלען דאָס פאַרנעהמען אַלע רייכטימער — און וואָס
טאָן מיט זיי? ערקלערען עס פאַר הפקר, פריי פאַר אַלעמען! און
די איבעריגע פון פאָלק, דורכשניטליך צוויי דריטעל פון פאָלק, וועל־
לען דאָס מוזען פון דאַן אָן און ווייטער זיך פיהרען ווי די נייע מאַכט־
האָבער וועלען באַשטימען? — אַ שעהנער יאַקאָבינער־אַנאַרכיזם,
כ'לעבען!

מען קאָן לייכט פאַרשטעהן דעם היינטיגען סאָציאַליסט. דאָס
פאָלק מיינט ביי איהם זיין פּאַרטיי; די רעוואָלוציע מיינט טאַקע
פּשוט, צעברעכען אַלע אַנדערע פּאַרטייען דיביינער; אַריינכאַ־
פּען די מאַכט, האָט טאַקע ביי איהם אַ וואַזשנע ממשות; רעאָר־
גאַניזירען די פּראָדוקציע, הייסט טאַקע ביד חזקה; פּראָקלאַמירען
קאָמוניזם אָדער קאָלעקטיוויזם, מיינט טאַקע פשוטו כמשמעו:
אָט אַזוי וועט איהר זיך מוזען פיהרען און ניט אַנדערש! מיר
אָבער, פּרינציפּיעלע אַנאַרכיסטען, וואָס פאַרשטעהען מ י ר און־
טער די דאָזיגע סקאַרבאָווע פּראָזען? מיר וועלען ניט קאָנען שטערען
די צוויי אָדער דריי מיליאָן סאָציאַליסטען פון איינפיהרען אַ פאָלקס־
שטאַאט און רעגולירען די פּראָדוקציע. מיר וועלען ניט קאָנען, איך
מיין פּ ר י נ צ י פּ י ע ל ניט קאָנען, שטערען די עטליכע הונדערט אינ־
דיווידואַליסטען פון גרינדען אַ שטירנערשען אינדיווידואַליסטען־
באַנד, צ. ב., און לעבען אויפ'ן באַזיס פון פּריוואַט אייגענטום. נאָך
וואָס זאָלען מיר זיך איינרעדען, אַז מיר מיינען דאָס אַלץ ווען משיח
וועט קומען, ווען אַלע סאָציאַלדעמאָקראַטען וועלען ווערען אַנאַרכיס־

טען און אַלע אינדיווידואַליסטען וועלען ווערן קאָמוניסטען? וואָס זיינען מיר, אתה־בחרתנו׳קעס, וואָס מיר זאָלען בויען אויפ׳ן סמך, אַז אַלע וועלען קומען צו אונז, אַלע וועלען אָנהויבען דענקען ווי מיר, אַלע וועלען זיך אַ הויב טאָן מיט איין געדאַנק, אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, אַ זאָג טאָן מיט׳ן מויל און זיך צוריק אוועקזעצען אין אַ פולשטענדיגער קאָמוניסטישער אַנאַרכיע?

מיר אַנאַרכיסטען קאָנען נאָר רעדען אין נאָמען פון אונז אַליין. מיר קאָנען אָפּשאַפען דעם שטאַאט פאַר זיך, פאַר אונז אַלע, וועלכע דענקען אַז מיר דאַרפען איהם ניט; מיר וועלען איהם ניט אָנערקענען, מיר וועלען זיך אָרגאַניזירן ווי אונז וועט געפעלען זיין, און אַז מיר וועלען זיין שטאַרק גענוג, וועלען מיר קאָנען ווידערשטעהן יעדע אַטאַקע פון זיין זייט. דערצו איז נויטיג צו פראָפּאַגאַנדירן ווי ווייט מעגליך אונזערע אידעען, צו געווינען וואָס מעהר גענאָסען, וואָס מעהר סימפּאַטיזירער, כדי מיר זאָלען קריגען די מעגליכקייט צו לעבען ניט געשטערטערהייט אויף אונזער אייגענעם אופן. מיר דערוואַרטען, אַז אונזער ערפאָלג וועט דינען אַלס גוטער ביישפיל פאַר אַ סך אַנדערע; מיר האָבען אָבער ניט קיין אַנדערע מיטלען ווי איינצופיהרן אונזערע אידעען, קיין מאַכט צו פאַרכאַפּען, קיין מאַכט אויסצואיבען. אַזוי ווי אין דער טעאָריע, אַזוי אויך אין דער פּראַקטיק געהען מיר אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט פון איינצעלנעם, פון דער גרופּירונג פון איינצעלנע, און ניט פון כלל, ניט פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אַלגעמיינקייט, ניט פון אַבסטראַקט פון דער מענשהייט, אָדער די פעלקער, אָדער דאָס פאָלק.

עקספּראָפּריאַציע — יאָ; אָבער ניט ען־גראָס, ניט האָלסייל. מיר קאָנען ניט דענקען פון אַ גאַנצען פאָלק האַנדלענדיג איינשטימיג. אַ דעקרעט אין נאָמען פון פאָלק, שמעקט מיט דיקטאַטור. ווער עס דענקט, אַז עס איז רעכט און געשייט צו נעהמען אין באַזיץ, פאַר׳ן אייגענעם געברויך, אַ שטיק לאַנד, אַ הויז, פּאַרטיגע פּראָדוקטען, וואָס דינען ניט צום אייגענעם געברויך פון גענענווערטיגען אייגענטימער, — דער וועט עס טאָן, ווען ער וועט זיין זיכער אויף דער שטיצע פון אַ גענוגענדער צאָהל קאַמעראַדען און סימפּאַטיזירער. אויפהערן צאָהלען רענט, ווען אַ גרופּע מענשען זיי־

נען שטאַרק גענוג דאָס צו קאָנען אויספיהרן, הייסט עקספּראָפּרי־אַציע. די מינען פאַר די מינען־אַרבייטער, די פּראָדוקטען פאַר די פּראָדוצירער — איז גוט געזאָגט, ווען דאָס זאָגען און טוען די מי־נען־אַרבייטער, די פּראָדוצירער אַליין. איהר קאָנט ניט דעקרעטירן אוועקצונעהמען ביים פּאַרמער זיין שטיקעל לאַנד, וואָס ער באַאַר־בייט אַליין, מיט זיין אייגענער מיה; איהר קאָנט ניט אוועקנעה־מען ביים קליינעם הענדלער זיין קרעמעל, אין וועלכען ער שטעהט אַליין און אַרבייט אַ גאַנצען טאָג. איהר קאָנט זיי ניט אָפּשאַ־פען, אַזוי לאַנג ווי זיי שאַפען זיך אַליין ניט אָפּ צוליב עטוואָס בע־סערעס; איהר קאָנט צווישען זיי ניט איינפיהרן קיין קאָמוניזם, אַזוי לאַנג ווי זיי פיהרן עס אַליין ניט איין, ווייל עס געפעלט זיי בעסער.

עס איז זיכער ווי דער טאָג, אַז עס וועלען זיך איינגעפינען מיט דער צייט אַ היבש ביסעל פּאַרמערס און קליינע קרעמער און אַרביי־טער, וועלכע וועלען שליסען צווישען זיך אַ קאָמונע און אויסטיילען פריי זייערע פּראָדוקטען איינע מיט די אַנדערע און לעבען אַ גוטען־טאָג, אָהן חשבונות און אָהן בוכהאַלטעריע. עס איז אָבער ניט ווע־ניגער זיכער, אַז עס וועלען זיך איינגעפינען אַן אַנדער צאָהל פּאַר־מערס און קרעמער און אַרבייטער, וואָס וועלען לעבען אַ גוטען טאָג, ניט צאָהלענדיג קיינעם קיין שטייערן, רענט און פּראָצענט, ניט בוי־גענדיג זייער ווילען פאַר קיין גאָט, קיין מענשען און קיין טייפעל, און דאָך פיהרען חשבונות און איינפיהרען אפילו די אַזוי־גערופענע איטאַליענישע טאָפּעל־בוכהאַלטעריע. וואָס קאָן מען מאַכען? אַזוי איז שוין די מענשליכע נאַטור: וואָס איינעם שמעקט זיס, קאָן דעם אַנדערן שמעקען ביטער, — אַ דאַנק דעם אַנאַרכיזם, וואָס קיין **מוז איז ניטאָ!**

זשיאַוואַני ראָסי, ווען ער רופט אָן דעם קאָמוניזם אַ מ י ט ע ל, און די אַנאַרכיע דעם ע נ ד־צ י ע ל, האָט ער פולשטענדיג רעכט. ווען אָבער ער זאָגט: „ער וואָלט צווייפלען, אויב דער אַנאַרכיס־טישער קאָמוניזם איז פעהיג צו באַפרידיגען די וואונשען פון דער מענשהייט", באַגעהט ער אויך דעם געוועהנליכען פעהלער צו ווע־לען שאַפען אַ פאָרמולע, וועלכע זאָל באַפרידיגען די גאַנצע מענש־

הייט. ער דארף גאר ניט צווייפלען, ער מעג זיין פאזיטיוו זיכער, אז עס איז ניטא קיין איינציגע פארמולע וואס זאל קאנען באפרידיגען די גאנצע מענשהייט. קיין מיטעל, קיין מעטאדע קאן ניט אלעמען צופרידענשטעלען גלייך. ווען איין מיטעל, אפילו דער בעסטער, ווערט איינגעפיהרט פאר אלעמען, מוזען זיין אומצופרידענע. דער עסענץ פון אנארכיזם איז, יעדער איינער זאל האבען די מעגליכקייט, זאל ניט ווערן פון קיינעם געשטערט, צו געברויכען אירגענד וועלכען מיטעל, אירגענד וועלכע לעבענס־מעטאדע, צו באפרידיגען זיינע וואונשען אויף זיין אייגענעם וועג.

פארקעהרט ווידער דארף ער ניט צווייפלען, אז א געוויסע צאהל מענשען, פאר א געוויסער צייט, וועלען זיבער זיך באפרידיגען מיט דער קאמוניסטישער מעטאדע. און אויב ער זוכט א גאראנטיע פאר דער פרייהייט, האט ער עס אין דער אנארכיע, וועלכע מאכט מעגליך פאר יעדען מענשען אויפצוזוכען די קאמוניסטישע מעטאדע און אנצונעהמען אירגענד אן אנדער מעטאדע, אזוי באלד ווי דער קאמוניזם באפרידיגט ניט מעהר זיינע וואונשען. דער קאמוניזם, זאגט ער, איז מעגליך אנגעווענדעט צו ווערן; ער האט איהם אליין באאבאכט אין דער קאלאניע סיסילא; ער גלויבט אבער ניט, אז ער וועט אלעמען צופרידענשטעלען. עס איז אבער ניט נויטיג צו גלויבען יא צי ניין; עס איז נויטיג צו פארשטעהן, אז ער וועט יא צופרידענשטעלען איין סארט מענשען און וועט ניט צופרידענשטעלען אן אנדער סארט מענשען. זאגט ער ניט אליין, אז דער קאמוניזם איז א מיטעל, פארוואס ניט דענקען, אז ער קאן צופרידענשטעלען ווענען עס איז?

ראסי דענקט, אויפ'ן גרונט הפנים פון זיינע ערפאהרונגען אין יענער קאלאניע, אז דער קאמוניזם איז א מעגליכער אבער א שלעכטער מיטעל צוליב צוויי אורזאכען, — ביידע, דעם אמת געזאגט, זעהר וויכטיגע. ערשטענס, פיהלט ער זיך אומפריי פראדוצירענדיג, צוליב דעם געפיהל פון יוצא זיין קעגען די איבעריגע. עס ווילט זיך אמאל ניט ארבייטען, און איהר זייט דאכט זיך פריי ניט צו ארבייטען ווען איהר ווילט ניט, אבער איהר האט מורא טאמער זייט איהר ניט יוצא געגען אייערע קאמעראדען, טאמער קוקט איינער

קרום אויף אייך, טאָמער דענקען זיי אז איהר עקספּלואַטירט זיי. עס איז פּאָזיטיוו אומאָנגענעהם. צווייטענס, פיהלט איהר זיך אומפריי ביים גענוס, אויך מחמת אייער איידעלקייט, איבערדרעכענענדיג, טאָמער בארויבט איהר די אַנדערע, וועלכע ווילען אויך אַזוי שטאַרק ווי איהר באַזיצען אַ געוויסען זעלטענעם אַרטיקעל. אין די צוויי פּונקטען קוקט דער קאָמוניזם צו קורץ; ער האָט אָבער דערפאַר אַנדערע מעלות, וועלכע שטייגען אַריבער די צוויי חסרונות. דערצו איז קיין חסרון ניט אַזוי שרעקליך, ווען די הילף איז גלייך ביי דער האַנט: איז אייך אומאָנגענעהם — טוט עפּעס אַנדערש!

דערפאַר קאָן אונז ראָסי ניט אָפּרעדען, אַזוי ווי קאַפּיעראַ קאָן אונז ניט איינרעדען דעם קאָמוניזם. עס איז רעכט מיט איהם, אַזוי ווי עס איז רעכט אָהן איהם.

דער געדאַנק פון אַנאַרכיזם ווערט מיט יעדען יאָהר מעהר אויסגעלייטערט. פון אָנהויב האָט מען איהם פאַרשטאַנען אלס די פאַרניינונג פון הערשער און געזעצגעבער. שפּעטער האָט מען איהם אָנגעהויבען פאַרשטעהן אלס די פאַרניינונג פון הערשאַפט און געזעצגעבריי. נאָך שפּעטער איז ער געוואָרן די אידעע, וואָס פאַרוואַרפט יעדע הערשאַפט און אויטאָריטעט אין אלע מענשליכע באַציהונגען פון איינעם צום אַנדערן. היינט האָט דער אַנאַרכיזם דערגרייכט די ברייטקייט פון אַן אַלגעמיינער וועלטאַנשויאונג. זיין פילאָזאָפישער אויסדרוק איז — די ווירקונג פון פּערזענליכען עלעמענט אין לעבען בכלל און אין דער מענשליכער געזעלשאַפט בפרט.

דער אינדיווידועלער שטאַנדפּונקט ווערט אַלץ מעהר אָפּגעשאַצט היינטיגע צייטען אומעטום: אין געשיכטע, אין קונסט, אין די לעבענס־וויסענשאַפטען, אין דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע. די פּערזענליכע באַפרידיגונג ווערט, וואָס ווייטער אַלץ זיכערער, דער פונדאַמענט פון אַלע עקאָנאָמישע באַטראַכטונגען. נאָך מעהר, מיר לעגען היינטיגען טאָג שוין ניט מעהר אַזויפיעל געוויכט אויף דעם, וואָס איז בעסער פאַר מענשען, ווי איבערהויפּט אויף דעם, וואָס וויל בעסער דער מענש פאַר זיך. יעדענ'ס גליק איז זיין אייגענע זאַך; דאָס באַזאָרגען יענעם, דאָס שאַפען אַ וואוילשטאַנד

פאר אַלעמען, ווערט אַלץ מעהר באַטראַכט אַלס אַן אומגעבעטענע טובה, זאָגאַר אַלס אַ גראָבקייט, וועלכע דער מענש מיט כאַראַקטער וויל ניט פאַרליידן.

# עגאָאיזם און אַלטרואיזם *

דאָס וואָרט עגאָאיזם, ווי די ווערטערביכער פּאַרטייטשען עס, באַצייכענט אַ צושטאַנד פון איבערטריבענער אָדער ליידענשאַפט־ליכער ליעבע צו זיך, וואָס באַטראַכט אַלצדינג פון דעם שטאַנד־פּונקט פון די אייגענע פּערזענליכע אינטערעסען; זעלבסטזיכטיג־קייט, אָדער נאָכמעהר: עקסטרעמע זעלבסטזוכט. אַלטוראיזם איז אַ וואָרט, וואָס איז געשאַפען געוואָרן פון אָגוסט קאָנט, און ווערט פאַרשטאַנען אין דעם זין ווי כמעט דער היפך פון אַלץ, וואָס עגאָ־איזם באַטייט: איבערטריבענע אָדער ליידענשאַפטליכע ליעבע צו אַנדערע, וואָס באַטראַכט דעם וואוילזיין פון אַנדערע העכער ווי די אייגענע אינטערעסען א. אז. וו. נעהמט מען די ווערטער אין אָט דעם זין, קאָנען מיר נאָרמאַל ניט זיין קיין פולשטענדיגע עגאָ־איסטען און ניט קיין פולשטענדיגע אַלטרואיסטען. אַ צושטאַנד פון איבערטריבענער ליעבע צו זיך אָדער צו אַנדערע איז אַן אַבנאָר־מאַלער צושטאַנד פון עקזיסטענץ, אַ גייסטיגער צושטאַנד, וואָס קאָן זיך לאַנג ניט האַלטען, אַן מוז פריער אָדער שפּעטער גרייכן יענעם גלייכגעוויכט, וואָס באַשטעהט סיי פון געפיהלען וואָס נעהמען אין באַטראַכט זיך, סיי פון געפיהלען וואָס נעהמען אין באַטראַכט אַנ־דערע. אין דעם זין פון פּשוט'ער ליעבע צו זיך, האַלט איך, אַז עגאָאיזם איז דער נאַטירליכער צושטאַנד פון יעדער לעבעדיגער באַ־שעפעניש; אָבער אַזוי, ניט מעהר און ניט ווייניגער, איז אויך אַלטרואיזם, באַטראַכט אין דעם פּשוט'ן זין פון ליעבע צו אַנדערע.ביידע געפיהלען זיינען נאָרמאַלע באַשטאַנדטיילען פון דער חיה'־שער און מענשליכע נאַטור. יעדער איינער, ביי וועמען איינער פון

---

* „פרי סאָסייטי", סעפּטעמבער 9, 1899, איבערזעצט פון ד. אַ.

די צוויי געפיהלען פעהלט, איז פסיכיש ניט נארמאל. נעמט א מענשען וואס האט ניט קיין שום געפיהל פאר דעם וואוילזיין פון זיינע מיטמענשען, און איהר וועט זיכער געפינען אין איהם סמנים אדער פון אן אפגעשטעלטער ענטוויקלונג, אדער פון פולשטענדי־גער דעגענעראציע. פארקעהרט, נעהמט איינעם, וואס הויבט זיך ניט אן צו קימערן פאר זיך, נאר וועט אוועקווארפען זיין לעבען צוליב אנדערע ביי דער ערשטער געלעגענהייט — וואס דען וועט איהר איהם אנרופען, אויב ניט א שוטה און א חסר דעה? אין א געזונטען גייסט זיינען די דאזיגע צוויי אויבענאויפיג קעגענגעזעצטע געפיהלען ריכטיג באלאנסירט; דער פאקט פון דעם מענשנס עק־זיסטענץ גופא אין דער געזעלשאפט זעצט שוין פאראויס, אז ער איז באשאנקען מיט ביידע געפיהלען.

אט דער בליק אויף עגאאיזם און אלטרואיזם קאן אויבערפלעכ־ליך באטראכט ווערען ווי א פשוט'ע פשרה אדער מיטעל־וועג־פאזיציע צווישען די צוויי עקסטרעמע שולען פון אינדיווידואליזם און אב־סאלוטען קאמוניזם; דער אמת איז, אז ער איז מעהר וויסענ־שאפטליך פאר זיי ביידען, ווארים יעדער איינער פון זיי איז איינ־זייטיג און, אין בעסטען פאל, בלויז א האלבער אמת.

די לעהרע פון אינדיווידואליזם, וועלכע באטראכט די עגאאיס־טישע אינטערעסען פון מענשען אלס די איינציגע ענטשיידענדע מאטיוון פון אינדיווידועלע און סאציאלע האנדלונגען, איז גע־צוואונגען צו פארטייטשען עגאאיזם אזוי, אז עס זאל אויך ארייג־נעהמען אלע האנדלונגען פון אן אלטרואיסטישען כאראקטער; זי מוז פאקטיש אננעהמען צוויי סארטען עגאאיזם, א נידעריגען און א העכערן. שטילען דעם אייגענעם הונגער, ניט קימערנדיג זיך ווי הונגעריג דער חבר זאל ניט זיין, ווערט פאררעכענט אלס א טאט פון א נידעריגערן סארט עגאאיזם; בעת דאס טיילען דעם ביסען מיט דעם אנדערן, בלייבענדיג דערביי אליין הונגעריג, ווערט גע־לויבט אלס א העכערער סארט עגאאיזם, ווייל דאס באוואוסטזיין פון אפפערן זיך פאר דעם נויטבאדערפטיגען, קאן זיין אנגענעהמער איידער צופרידענשטעלען דעם אייגענעם הונגער. אבער אזא הע־כערער פארגעניגען קאן קומען בלויז רופענדיג צו הילף א צושטאנד

פון טיפען זעלבסטבאַוואוסטזיין, און וועגענדיג אויף'ן בעזמען פון שכל, אזוי צו זאָגען, וועלכע האַנדלונג עס וועט זיין פאַר איהם מעהר אנגענעהם; דערצו מוז ער פיהלען, אז דאָס גליק פון זיין מיטמענשען איז זיין אייגענער גליק, ווארים אויב ניט, איז פאַרוואָס זאָל אַן אומבאַוואוסטזיניגע טאַט, הגם א וואוילטעטיגע, אָנגערופען ווערן „העכער" איידער אַן איינפאַכע זעלבסטזיכטיגע טאַט? היינט, ווען מיר זעהען טאַטען, וואָס ווערן באַגאַנגען פון דעם אַנדערנס טובה וועגען, אונטער אַזעלכע אומשטענדען וואָס שליסען אויס אַלע מעגליכע אויסרעכענונגען וועגען זיך, האָבען מיר פאָלגליך קיין גרונט ניט אָנצורופען זיי עגאָאיזם פון וועלכען עס איז סאָרט, נאָר מיר מוזען אָנקומען צו דער אידעע פון אַלטרואיזם אַלס א מיט־עקזיסטירנדער געפיהל אין דער נאַטור פון יעדער געזעלשאַפטליכער באַשעפעניש.

פון דער אנדער זייט, די לעהרע פון דאָס, וואָס איך רוף אַן אַבסאָלוטער קאָמוניזם, ד. ה. די לעהרע, אַז פערזענליכען גליק קאָן מען דערגרייכען בלויז אַפּווישענדיג יעדען פערזענליכען אינטערעס און לעבען אינגאַנצען פאַר אַנדערע, קאָן קיינמאָל ניט זיין אינגאַנ־צען אמת, הגם זי ענטהאַלט א טייל פון דעם אמת. ווארים צוגע־בענדיג אפילו, אַז זאָרגענדיג זיך פאַר אַנדערע ווערן אונזערע אייגענע אינטערעסען פאַרזאָרגט אַמבעסטען, דערקלערן מיר דאָך אין דער אייגענער צייט, אַז אונזערע אייגענע אינטערעסען זיינען אַמ־וויכטיגסטען ביי אונז, אַז אונזער אייגענער וואוילזיין איז דער לעצטער ציעל, און אַז דאָס זאָרגען פאַר אַנדערע איז בלויז א מיטעל ווי איהם אַמבעסטען צו רעאַליזירן. מיט אַנדערע ווערטער, דער ריינער אַלטרואיזם מוז זוכען זיך אָנצושפאַרן אָן דעם ריינעם עגאָ־איזם.

מיר אַנאַרכיסטען, הגם מיר זיינען אין דער אייגענער צייט קאָמוניסטען, האָבען א געוויינהייט אויסצוטייטשען אַלע מענשליכע אויפפיהרונגען פון דעם שטאַנדפּונקט פון ריינעם עגאָאיזם. האָבענ־דיג פאַרוואָרפען די אידעע פון התחיבות'ן צו דער געזעלשאַפט, צו־זאַמען מיט דער אידעע אז די געזעלשאַפטליכע אינטערעסען שטע־הען העכער איידער די אינטערעסען פון די יחידים, האָבען מיר

אָנגענומען אָהן שום באדינגונגען דעם געדאַנק, אז בטבע זוכט דער מענש בלויז זיין אייגענע צופרידענשטעלונג, און פאָלגליך ווערט ער געפינען זיין רעאַליזירונג אין יענעם געזעלשאַפטליכען צושטאַנד, וואָס דערלאָזט די ברייטסטע געלעגענהייטען פאַר יעדען איינעם צו זאָרגען אזוי גוט ווי ער קאָן פאַר זיך אליין. די דאָזיגע פילאָזאָפיע פון עגאָאיזם איז געוועזן דער ערשטער באַזיס פון אַנאַרכיזם. די עגאָאיסטישע פילאָזאָפיע פון דעם אַכצעהנטען יאָהרהונדערט האָט געשאַפען די אַנאַרכיסטישע אידעע פון פערזענליכער פרייהייט, פון גלייכע רעכט און אַלע אַנדערע אויסגעצייכענטע געדאַנקען, וואָס טרעטען אַרויס קעגען טיראַניי און לייקענען אָפּ אויטאָריטעט. אבער נעהמענדיג אין אַנבאַטראַכט דעם אומגעהויערן פּראָגרעס, וואָס די וויסענשאַפטען וועלכע האָבען אַ שייכות צום מענשליכען לעבען— פּסיכאָלאָגיע, אַנטראָפּאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע — האָבען געמאַכט זינט יענער צייט, איז עס אוממעגליך געוואָרן פאַר דער אַנאַרכיס־טישער לעהרע צו בלייבען שטעהן אויף איהר ספּעקולאַטיווען באַזיס; זי מוז בויען איהר פונדאַמענט ניט בלויז אויף טעאָריעס, נאָר הויפּט־זעכליך אויף פאַקטען, און די פאַקטען, וואָס האָבען אַ שייכות מיט דער פראַגע וועלכע ליגט דאָ פאַר אונז, שיינט גיכער צו אונטער־צושטיצען די אַנזיכט, וואָס איך האָב אויסגעדריקט גלייך אין אָנ־פאַנג.

זאָגט ספּענסער („דאַטאַ אָוו עטיקס", קאַפּ. 12) : „אויב מיר פאַרשטעהן אונטער אַלטרואיזם יעדע האַנדלונג, וועלכע, אין דעם נאָרמאַלען גאַנג פון זאַכען, ברענגט נוצען אַנדערע אַנשטאָט צו ברענ־גען נוצען זיך, דאַן איז אַלטרואיזם, פון דעם באַגינען פון לעבען, געוועזן ניט וועניגער וויכטיג ווי עגאָאיזם. הגם תחילת איז אַלטרו־איזם אָפּהענגיג פון עגאָאיזם, ווערט אָבער עגאָאיזם דערנאָך אָפּהענ־גיג פון אַלטרואיזם.

„אונטער אַלטרואיזם, אין אָט דעם אומפאַסענדען זין, נעהם איך אַריין די האַנדלונגען, דורך וועלכע קינדער ווערן אָפּגעהיט און דער מין ווערט דערהאַלטען... אירגענד וועלכע האַנדלונג, אַ באַוואוסט־זיניגע אָדער אומבאַוואוסטזיניגע, וואָס ענטהאַלט אין זיך אַ פאַר־שווענדונג פון אינדיווידועלען לעבען, כדי צו פאַרשטאַרקען דאָס

לעבען אין אנדערע אינדיווידומס, איז בלי ספק אַלטרואיזם, אין א געוויסן זין, אויב ניט אין דעם געוועהנליכען זין". און נאָכדעם ווי ער ברענגט א פּאָר ביישפּילען, אָנהויבענדיג פון אורשפּרינגליכען לעבען ביז ווייטער ארויף אויפ'ן לייטער פון עוואָלוציע, וואו אזא אַלטרואיסטישע פארשווענדונג פון לעבען איז א גרונט-באַדינג פון ענטוויקלונג, זאָגט ער ווייטער: „די יעניגע, וואָס פארשטעהען אונטער אַלטרואיזם בלויז די באוואוסטזיניגע זעלבסטאויפּאָפּפערונג פאַר אנדערע ביי מענשליכע ברואים, ווען זיי האַלטען פאַר מאָדנע אָדער אפילו נאַריש אויסצוציהען זיין באַדייטונג אַזוי ברייט. אָבער די באַרעכטיגונג דערפאַר איז גרעסער ווי דאָס האָט זיך ביז איצט אויסגעוויזען. איך מיין ניט בלויז, אז אין דעם גאַנג פון עוואָלוציע איז פאָרגעקומען א פּראָגרעס, דורך אומענדליך קליינע איבערגאַנגען, פון ריין פיזישע און אומבאוואוסטזיניגע אויפּאָפּפערונגען פון דעם איינצעלנעם פאר דעם וואוילזיין פון דעם מין, ביז צו א שטופע, וואו די אויפּאָפּפערונגען זיינען געבראכט געוואָרן באוואוסטזיניג. איך מיין, אז פון דעם ערשטען ביז דעם לעצטען פאַל זיינען די קרבנות, ווען מען רעדוצירט זיי צו זייערע לעצטע אויסדרוקען, בעצם פון דעם אייגענעם כאַראַקטער: אין דעם לעצטען ווי אין דעם ערשטען פאַל, ענטהאַלטען זיי א פּאַרלוסט פון קערפּערליכען שטאָף". און ווייטער זאָגט ער: „אזוי ווי עס איז געווען א שטופּענווייזער פּאָרטשריט פון אן אומבאוואוסטזיניגען אַלטרואיזם פון די עלטערן צו א באוואוסטזיניגען אַלטרואיזם פון די עלטערן פון דעם העכסטען סאָרט, פּונקט אזוי איז געווען א שטופּענווייזער פּאָרטשריט פון דעם אַלטרואיזם פון דער פאַמיליע צו דעם געזעלשאַפטליכען אַלטרואיזם".

באמת, די בעסטע ביישפּילען פון אַלטרואיסטיש האנדלען געפינען מיר אין געזעלשאַפטליכען לעבען פון חיות אזוי גוט ווי פון מענשען. דער פּאַקט אליין פון געגענזייטיגער הילף, אָהן וועלכער עס וואָלט אוממעגליך געווען זיך פּאַרצושטעלען די עקזיסטענץ פון וועלכער עס איז אמת'ער געזעלשאַפט, זעצט שוין פאָראויס א הויכען גראַד פון אַלטרואיסטישע געפיהלען.

נאָכמעהר, ביי די נידעריגע געזעלשאַפטליכע חיות, וואו מיר קאָ-

נען ניט אפ'פטר'ן די אלטרואיסטישע האנדלונגען מיט דער השערה, אז די באשעפעניש וועגט די נוצען, וואס זי וועט האבען אין דער צוקונפט פון א פריינדליכער האנדלונג צו אנדערע, זיינען מיר גע־צוואונגען צוצוגעבען, אז עס איז פאראן אין זיי א נאטירליכע נייגונג צו האנדלען אלטרואיסטיש אין געוויסע פאלען, ווי צו האנדלען עגא־איסטיש אין אנדערע פאלען. אלטרואיסטישע האנדלונגען, מוזען מיר קומען צום שלום, שטאמען פון מאטיוועז וואס זיינען אינגאנצען אומאפהענגיג פון יענע מאטיוועז, וואס האבען פאר זייער צוועק די פערזענליכע צופרידענשטעלונג. דער אמת'ער מאטיוו פון אלטרו־איזם איז פשוט דער פארלאנג צו טאן גוטס צו אנדערע.

צו אילוסטרירן די ריכטיגקייט פון דער דאזיגער פאזיציע וועל איך דערמאנען א פאר ביישפילען פון אומצווייפעלהאפטען אלטרו־איזם, וואס איך נעהם צופעליג ארויס פון ראמאנעס'עס בוך איבער „טיערישע אינטעליגענץ" („אנימאל אינטעלידזשענס"). לאבאק האט איינמאל באאבאכטעט א געוויסע מוראשקע, וועלכער עס האט פון געבוירן אן געפעהלט פיהלהערנדלעך, וואס איז אנגעגריפען און פארוואונדעט געווארן פון א מוראשקע פון אן אנדער מין. ווען ער האט זיי פאנאנדערגענומען, איז אנגעקומען א צווייטע מוראשקע פון איהר מין. זי האט פארזיכטיג אונטערזוכט די נעבאך ליידענדע, האט איהר צערטליך אויפגעהויבען און אוועקגעטראגען אין נעסט. עס וואלט שווער געווען — גיט לאבאק צו — פאר עמיצען, וואס האט בייגעוואוינט די דאזיגע סצענע, צו פארלייקענען דער דאזיגער מוראשקע דעם באזיץ פון מענשליכע געפיהלען. עדווארד, דער נאַ־טורפארשער, ווען ער האט געשאסען א ים־שוואלב, וועלכע איז מיט א צעבראכענעם פליגעל אריינגעפאלען אין וואסער, האט באמערקט ווי איהרע באגלייטער, וואס האבען ארומגעפלאטערט איבער דעם שווימענדען פויגעל, האבען ארויסגעוויזען א סך קענטיגע באזארגט־קייט. ער איז ניט געווען זיכער צי די אויפרעגונג וואס זיי האבען ארויסגעוויזען איז טאקע געווען פוןווירקליכער סימפאטיע אדער ניט מעהר ווי פון נייגעריגקייט, האט ער זיך גענומען באאבאכטען זייערע באוועגונגען. „צו מיין גרעסטער ערשטוינונג און איבעררא־שונג" — שרייבט ער — „האב איך דערזעהן ווי צוויי פון די ניט־

פּאַרוואונדעטע ים־שוואַלבען האָבען אָנגענומען זייער שוואַכער חבר'טע, יעדערע פּאַר אַ פליגעל, האָבען איהר ארויסגעהויבען פון וואַסער און געטראָגען ווייטער אַרויס אין ים. צוויי אַנדערע פויג־לען האָבען זיי באַגלייט. נאָכדעם ווי זיי האָבען איהר אָפּגעטראָגען אַ זיבען אָדער אַכט פוס, האָבען זיי איהר פּאַמעלעך אַרונטערגע־לאָזט, און זי איז איבערגענומען געוואָרן אויף אַן עהנליכען אופן פון די אַנדערע צוויי, וואָס האָבען פריהער גאַרנישט געטאָן. און אַט אזוי האָבען זיי, איבערבייטענדיג זיך, איהר געטראָגען ביז זיי האָבען איהר געבראַכט צו אַ פעלז, אַ היבשען מהלך אוועק, אויף וועלכען זיי האָבען איהר ארונטערגעלאָזט אין זיכערקייט". נאָכדעם ווי ער באַשרייבט זייער ווייטערדיגע טעטיגקייט באריכות, פאַרענ־דיגט עדוואַרד זיין דערצעהלונג מיט די ווערטער: „איך האָב זיי גערן געלאָזט אַנגעהן אומגעשטערט מיט זייער ארבייט פון רחמנות און גרויסאַרטיגען ביישפּיל פון מיטגעפיהל, וואָס דער מענש אַליין דאַרף זיך ניט שעמען נאָכצוטאָן".

אַ ביישפּיל פון סימפּאַטישע געפיהלען, וואָס אַ קאַץ האָט אַרויס־געוויזען צו אַ פּאַפּוגיי, מיט וועלכען זי איז געווען אין פריינדליכע באַציהונגען, ווערט דערצעהלט ווי פאָלגט: „איין אווענט איז קיי־נער ניט געווען אין קיך. די קעכין איז אוועק אין איר צימער אַ פּאָר טרעפּ אין דער הויך און האָט איבערגעלאָזט ביים פייער אַ בעקען פול מיט טייג צום אויפגעהן. אַ ווײַלע שפּעטער איז די קאַץ אַרויפגעלאָפען צו דער קעכין, מיאַקענדיג און מאַכענדיג אַלע ציי־כענס, וואָס זי האָט געקאָנט, אַז די קעכין זאָל ארונטערגעהן; זי איז אונטערגעשפּרונגען און אָנגעכאַפּט איהר פאַר'ן פאַרטוך און האָט געזוכט איהר ארונטערצושלעפּען. זעהענדיג ווי די קאַץ איז אין אַזאַ צערודערטען צושטאַנד, איז די קעכין אַרונטער און האָט געטראָפען „פּאָלי'ן" אַ שרייענדיגע, רופענדיג הויך, פּאַטשענדיג מיט די פליג־לען און אַנשטרענגענדיג אַלע כחות זיך ארויסצורייסען פון דעם טייג, וואו זי איז אריינגעקראָכען איבער די קנעכלעך און געבליבען שטעקען פעסט. עס איז קיין ספק ניט, אַז ווען מען וואָלט איהר ניט אַרויסגעראַטעוועט, וואָלט זי פאַרזונקען אין דעם טייג און דער־שטיקט געוואָרן".

דזשיימס פּאַרבס, אין זיין „אָריענטאַל מעמואַרס", וואָס ראָ־מאַנעס ציטירט, דערצעהלט דעם פאָלגענדען מערקווירדיגען ביישפּיל פון מיטגעפיהל און זאָרג, וואָס א מאַלפּע האָט ארויסגעצייגט צו א טויטען חבר. איינער פון א יאגד־פּארטיע האָט דערשאָסען א נקבה־מאַלפּע און האָט איהר אוועקגעטראָגען צו זיך אין געצעלט. באלד איז דאָס געצעלט ארומגערינגעלט געוואָרן פון א 40 אדער 50 פון איהר שטאַם, וועלכע האָבען אנגעמאַכט א ליארם און זיינען קענ־טיג געווען גרייט אָנצוגרייפען זייער פּאַרפאָלגער. זיי האָבען זיך צוריקגעצויגען, ווען ער האָט זיי געוויזען די ביקס, די שרעקליכע ווירקונג פון וועלכער זיי האָבען אקאַרשט געזעהן און קענטיג גאַנץ גוט פאַרשטאַנען. דער הויפּט פון דער מחנה אָבער איז געבליבען שטעהן אויף אַן אָרט און בייז געפּלאַפּעלט. ענדליך איז ער צוגע־קומען צו דער טיר, און ניט אָפּשטעלענדיג זיך פאַר קיינע סטראָ־שונקעס, האָט ער אָנגעהויבען יאָמערליך וואָיען און מיט א העכסט אויסדרוקספולער זשעסטיקולאַציע קענטיג געבעטען דעם טויטען קערפּער. מען האָט עס איהם געגעבען; א דערשלאָגענער האָט ער איהם גענומען אין זיינע אָרעמס און אוועקגעטראָגען צו זיינע וואַר־טענדיגע חברים. די יעגער, וואָס האָבען בייגעוואוינט די דאָזיגע אויסערגעוועהנליכע סצענע, האָבען באַשלאָסען מעהר קיינמאָל ניט צו שיסען אויף איינער פון דער אַפּען־ראַסע".

די דאָזיגע פּאָר ביישפּילען, ארויסגענומען פון א מאַסע עהנ־ליכע פאַלען, לאָזען ניט איבער קיין פּלאַץ פאַר צווייפעל מכח דעם הויך ענטוויקעלטען געפיהל פון זעלבסט־אויפאָפּפערונג, וואָס איז בנמצא ביי די נידעריגע אזוי גוט ווי ביי די העכערע חיות. מיר קאָנען זיכער ניט אננעהמען, אַז די קאַץ איז באַשאַנקען מיט דאָס, וואָס מיר וואָלטען געקאָנט אָנרופען א חוש פאַר א העכערן עגאָאיזם; מיר קאָנען אויך ניט צושרייבען די אמת פריינדשאַפטליכע געפיה־לען פון דער מוראַשקע, דער ים־שוואַלב, אָדער אפילו דער מאַלפּע, צו די אימפּולסען פון אַן אַזוי־גערופענעם העכערן סאָרט זעלבסט־זיכטיגקייט. מיר קאָנען זיך ניט העלפען צו זעהן דעם אמת'ן אַל־טרואיסטישען מאָטיוו פון אַזעלכע האַנדלונגען, וואָס צייגט זיך ארויס אין דעם פאַל פון די דאָזיגע חיות ווי א פּשוט'ע נאַטירליכע צוניי־

גונג פון זייער געזעלשאפטליכען כאראקטער. מעגליך אז זיי, פונקט ווי דער מענש, פיהלען א מין פארגעניגען, וואָס קומט מיט דער דורכפיהרונג פון זייערע סימפּאטישע פונקציעס; גאַנץ וואהרשיינ־ליך פיהלען זיי זיך געטריבען, אונטער די אומשטענדען, צו טאָן ווי זיי האַנדלען, און ווען זייער אימפּולס זאָל מיט גוואלט אונטער־דריקט ווערן, וואלט עס זיי פארשאפט שמערצען; אבער דער פאקט בלייבט דער איינענער, אז די פריינדליכע טאט ווערט באגאנגען צו־ליב דער טאט גופא און ניט צוליב פערזעלניכער גליקזעליקייט.

„סימפּאטיע", ציטירענדיג ווידער ספּענסער'ן, „איז דער שורש פון יענעם העכערן אלטרואיזם, וועלכע רופט ארויס דעם וואונש נאך דעם גליק פון אנדערע. עס איז א צושטאַנד פון דעם איינצעלנעם, וואָס קאָן איינמאָל זיין אַנגענעהם און א צווייטען מאָל פּיינליך, לויט דעם צושטאנד פון די ארומיגע ברואים. ווען אין דער סביבה איז פאראן א גרויסע מאָס ליידען, קאָן עס ארויסרופען ביי דעם וואָס באזיצט סימפּאטיע, מעהר שמערץ איידער אנגענעהמקייט; פארקעהרט, אין לויף פון דער אלגעמיינער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט אין דער געזעלשאפט, קומט פאַר אלץ מעהר, אז די צושטאנדען ביי די ארומיגע זיינען מעהר אַנגענעהמע, און לויט דעם וועט דער רעזולטאט פון סימפּאטיע זיין א פארגרעסערונג פון פאר־געניגען".

מיר קאָנען ניט אַפּלייקענען, אז א וואוילטעטיגע טאט ווערט באגלייט פון אַן אַנגענעהמען געפיהל; אָבער מוזען מיר דען צוליב דעם פארגעניגען, וואָס איז פארבונדען מיט דער טאט, לייקענען, אז דער געפיהל פון סימפּאטיע, וואָס רופט ארויס די וואוילטאט, האָט ניט קיין באזונדערע עקזיסטענץ נאָר איז אָפּהענגיג פון זעלבסט־זיכטיגקייט? מיר וועלען צוגעבען, אז אונזער אומשטערבליכער אַלבערט פּארסאָנס, בעת ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבען די פּעטיציע צום גובערנאטאָר פון אילינאָי, און האָט דערביי מקריב געוועזן זיין איינענעם לעבען פאר זיינע חברים, דענקענדיג אז די אויסזיכטען זיי צו ראטעווען וועלען דורך זיין אונטערשרייבען שוואכער ווערן, — מיר וועלען צוגעבען, זאָג איך, אז פּארסאָנס האָט געהאַט א אומגעהויערן פארגעניגען אין דעם מקריב זיין זיין לעבען

פאר זיינע חברים. אזוי איז אויך זיכער געווען פארגעניגען דער מאטיוו, וואס האט געטריבען יענע „פיינע לייט", די „סמעטענע" פון דער אפיציעלער פראנצויזישער געזעלשאפט, צו טראמפלען מיט די פיס אויף פרויען און קינדער, כדי צו ראטעווען זייערע אייגענע לעבענס פון דעם פייער אויף דעם „וואוילטעטיגען באזאר". קאנט איהר אבער אנרופען מיט איין נאמען יענע ביידע האנדלונגען? וואלט איהר אימיצען געקאנט איבערצייגען, אז פארסאנס איז בעצם געווען אזא עגאאיסט ווי יעדערער פון יענע פראנצויזישע „קאוואַלערן"? פרובירט זיך מאכען א גייסטיג בילד פון דעם מין געזעלשאפט, וואס מיר וואלטען געהאט, ווען אלע זאלען זיין ווי פארסאנס, און א צווייטען בילד, ווען אלע זאלען זיין ווי יענע פראנצויזישע „אדעללייט"!

צוגעגעבען איינמאל פאר אלעמאל, אז יעדע אלטרואיסטישע טאט איז באגלייט פריהער אדער שפעטער, דירעקט אדער אינדירעקט, פון אן אנגענעהמען געפיהל; און צוגעגעבען אויך, לשם ארגומענט, אז סיי ווען איינער גיט זיינע מיטמענשען אדער סיי ווען ער נעהמט פון זיינע מיטמענשען איז זיין מאטיוו צו דערגרייכען א פערזענליכע צופרידענשטעלונג, — פרעגען מיר: איז דען ניט פאראן אן אונטערשייד ווי פון טאג צו נאכט צווישען דער טאט פון געבען און דער טאט פון נעהמען? איז דען ניט פון דער העכסטער וויכטיגקייט אויסצוגעפינען, דורך וועלכע האנדלונגען מענשען זוכען זייער פארגעניגען — דורך געבען אדער דורך נעהמען? איך זעה ניט קיין גרונט פארוואס איהר זאלט ניט איינשטימען מיט מיר, אז דער וואס געפינט זיין צופרידעשטעלונג אין דער רגילות צו נעהמען איז אן עגאאיסט, און יענער וואס געפינט זיין צופרידענשטעלונג אין געבען, איז אן אלטרואיסט. מיר קומען, הייסט עס, ווידער צו דער פראגע וועגען דער דעפיניציע פון די ווערטער. איינער דערזעהענדיג די געפאהר פון א קויל, וואס איז בעצילעוועט געווארן אויף איהם, כאפט אן זיין פריינד, וואס איז צופעליג געשטאנען לעבען איהם און שטעלט איהם אוועק ווי א שירעם צווישען זיך און דעם שיסער, כדי צו שיצען זיין אייגענעם לעבען, — מיט וואס פאר א נאמען וועט איהר אנרופען זיין האנדלונג?

א צווייטער, זעהענדיג א גאַנץ פרעמדען מענשען טרינקענדיג זיך אין טיפען וואַסער, שפּרינגט אריין אין וואַסער און שטעלט איין זיין אייגענעם לעבען, כדי צו ראַטעווען דעם אַנדערנ׳ס — מיט וואָס פאַר א נאָמען וועט איהר אָנרופען זיין האַנדלונג? דער פאַקט, וואָס זיי ביידע פיהלען א געוויסען פאַרגעניגען אין זייערע טאַטען, מוז אויס־געלאָזט ווערן פון באַטראַכטונג, ווייל ער גיט ניט קיין כאַראַקטע־ריסטישע באַשטימונג, — איהר קאָנט צום ביישפּיל ניט ציהען קיין שלוס, אַז אַלע מענשען זיינען גלייך, דערפאַר וואָס זיי אַלע עסען ווען זיי זיינען הונגעריג. עס איז קלאָר, אַז מיר האָבען דאָ צווייער־ליי סאָרטען האַנדלונגען: איינע נעמט זיך פון דעם אורשפּרינג־ליכען אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג, די צווייטע פון דעם ניט וועניגער טיעף איינגעוואָרצעלטען אינסטינקט פון זעלבסט־אָפּפערונג אָדער מיטגעפיהל. פאַלגליך מוזען מיר קומען צום שלוס, אַז יעדע האַנדלונג וואָס ווערט באַגאַנגען מיט דעם איינציגען צוועק צו זיין ניצליך פאַר זיך, ניט אַכטענדיג צי עס וועט דירעקט ברענ־גען שאָדען צו אַנדערע אָדער אפילו אינדירעקט זיי ברענגען נוצען — יעדע האַנדלונג אַזעלכע איז ריין עגאָאיסטיש. פון דער אַנדער זייט, יעדע טאַט, וואָס ווערט געטאָן מיט דעם איינציגען צוועק צו זיין ניצליך צו אַנדערע, אומגעאַכטעט צי עס וועט זיין דירעקט אדער אינדירעקט ניצליך פאַר זיך — איז א ריין אַלטרואיסטישע טאַט. פאַרשטעהט זיך, צווישען די דאָזיגע צוויי אַלגעמיינע קלאַסען זיי־נען פאַראַן א גרויסע צאָהל האַנדלונגען, וואָס זיינען אינמיטען, ווי אַזוינע וואָס האָבען דעם טאָפּעלען צוועק פון זיין ניצליך אי פאַר זיך, אי פאַר אַנדערע. מיר קאָנען זיי אָנרופען עגאָ־אַלטרואיסטישע האַנדלונגען, אָדער, אויב איהר ווילט, אַלטרו־עגאָאיסטישע; אָבער דאָס ענדערט ניט דעם פאַקט, אַז עס זיינען פאַראַן האַנדלונגען, וואָס זיינען ריין אַלטרואיסטישע.

די פראַגע, וועלכער סאָרט האַנדלונגען איז דער בעסערער, האָט היינט־צו־טאָג פאַרלאָרן די וויכטיגקייט, וואָס זי האָט געהאַט, ווען סאָציאַל־פילאָזאָפען האָבען מאָראַליזירט מכח וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט בכלל. לויט ווי דאַרווין זאָגט, „וועט א ווילדער איינשטעלען זיין אייגענעם לעבען צו ראַטעווען דאָס לעבען פון א

מיטגליד פון דער אייגענער געמיינדע, אָבער ער וועט זיך לחלוטין ניט קימערן וועגן א פרעמדען. א יונגע און שרעקעדיגע מוטער, געטריבען פון דעם מוטערליכען אינסטינקט, וועט, ניט צוריקהאַל־טענדיג זיך אויף א מאָמענט, נעהמען אויף זיך די גרעסטע געפאַהר צוליב איהר אייגען קינד, אָבער (געוועהנליך) ניט פאַר א פשוט׳ען מיטמענשען. אָבער ניט איין ציוויליזירטער מאַן, אָדער אינגעל, וואָס האָט קיינמאָל פריהער ניט איינגעשטעלט זיין לעבען פאַר אַן אַנדערן, נאָר איז פול מיט מוט און מיטגעפיהל, וועט פאַרבויגען דעם אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג און זיך אריינוואַרפען אין א שטראָם צו ראַטעווען א מענשען, וואָס טרינקט זיך, הגם ער איז איהם א ווילד פרעמדער. אַזעלכע טאַטען שיינען צו זיין דער פשוט׳ער רעזולטאַט פון דעם, וואָס דער געזעלשאַפטליכער אָדער מוטערליכער אינסטינקט איז שטאַרקער איידער וועלכער עס איז אַנדערער אינסטינקט אָדער מאָטיוו; וואָרים זיי ווערן אָפּגעטאָן צו־מאָמענטאַן, מ׳זאָל קאָנען נאָכדענקען, אָדער פיהלען בעת מעשה צופרידענקייט אָדער שמערץ; הגם מען וואָלט זיך מסתמא גע־פיהלט געקרענקט און אפילו אומגליקליך, ווען מען זאָל צוליב וועל־כער איז סבה געשטערט ווערן אין דעם".

גוט אָדער שלעכט בנוגע צו מענשליכע אויפפיהרונגען איז ניט קיין פראַגע פון אבסטראַקטער מאָראַל, נאָר פון עוואָלוציע; וואָרים אפילו „מאָראַליטעט", ווי לעסלי סטעפענס דריקט עס אויס, „וואַקסט און ווערט ניט געמאַכט; דאָס הייסט, מאָראַל איז די פרוכט פון א שטופענווייזער ענטוויקלונג פון דעם אָרגאַנישען אינסטינקט וואָס געפינט זיך אין מענען פון לאַנגע דורות אָן". די אמת׳ע אָדער נאַ־טירליכע מאָראַליטעט, פון וועלכער מיר קאָנען ניט אַנטלויפען אפילו ווען מיר זאָלען וועלען, האָט איהר יסוד אין אונזערע ענטוויקעלטע אַלטרואיסטישע געפיהלען. און ווידער אין סטעפענס־עס ווערטער, „אלטרואיזם איז די פונדאַמענטאַל נויטיגע אייגענשאַפט פאַר׳ן מאַ־ראַלען אויפפיהר, אָבער דער אַלטרואיסטישער געפיהל דאַרף ניט צונויפגעמישט ווערן מיט מאָראַליטעט".

„אָט דער נאַטירליכער געזעץ פון מאָראַליטעט", זאָגט העקעל, „איז א סך עלטער ווי יעדע קירכליכע רעליגיע. ער האָט זיך אַרויס־

ענטוויקעלט פון די געזעלשאַפטליכע אינסטינקטען פון די חיות. דאָס באוואוסטזיין וועגען דער נויטיגקייט פון זעלבסטאויפאָפּפערונג איז ניט קיין אנדער זאַך ווי א געזעלשאַפטליכער אינסטינקט".

אָבער ווען מיר רעדען פון אינסטינקטען מוזען מיר געדיינקען, אז דער אינסטינקט פון וועלכען עס קומען ארויס די האַנדלונגען, ווי סטעפענס דריקט עס אויס, איז ניט עפּעס אַן אויסערליכער כח וואָס באוועגט דעם מענשען; מען קאָן ניט זאָגען דער מענש א ו ן זיין אינסטינקט: דער גאַנצער מענש באַשטעהט פון זיינע אינסטינקטען. אזוי זיינען מיר געוועהנט צו זאָגען, אז א מענש האָט גע־ירש'ענט געוויסע אייגענשאַפטען; אָבער דער מענש און די גע־ירש'ענטע אייגענשאַפטען זיינען ניט קיין צוויי באַזונדערע זאַכען; דער גאַנצער מענש איז גע'ירש'נט.

די מאָדערנע סאָציאָלאָגיע קוקט אויף דעם געזעלשאַפטליכען מענשען אקוראט פון אָט דעם שטאַנדפּונקט: ווי אויף א גאַנצען מענשען, וועלכער איז דער סך־הכל פון אַלע זיינע אינסטינקטען און אַלע זיינע סענטימענטען. די אַלטע סאָציאַל־פילאָזאָפיע פון מיטעל־אַלטער האָט בסדר געצימבעלט אויף די סטרונעס פון מענשליכער סימפּאַטיע: גליקליך איז דער, וואָס מאַכט אַנדערע גליקליך; זייט גוט, דאָס לעבען איז ווערט צו לעבען בלויז ווען איהר לעבט פאַר אַנדערע, עס איז ארויסגעוואָרפען, ווען איהר לעבט בלויז פאַר זיך... — דאָס זיינען געווען די אקסיאָמען פון דער אַלטער סאָציאַל־פילאָזאָפיע. אין דעם סוף פון דעם זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט און אין דעם גאַנצען אכצעהנטען יאָהרהונדערט האָט זיך דאָס פענדעל פון דענקען אריבערגעוואָרפען אויף דער אַנדער זייט, האָט פאַרוואָרפען יעדע אידעע פון זעלבסטאויפאָפּפערונג און אָנגענומען דעם געגענ־געזעצטען בליק אויפ'ן לעבען, — די פילאָזאָפיע פון עגאָאיזם. די דאָזיגע נייע באוועגונג איז היסטאָריש געווען א רעאקציע קעגען דער אַלטער אויפפאַסונג פון לעבען און קעגען דער רעליגיעזער מאָראַלי־טעט. דער קווינט־עסענץ פון דער נייער לעהרע איז געווען: לעבט פאַר זיך; אַלצדינג אין אונזער וועלטעל איז פאַלש, אחוץ די זעלבסט־ליעבע; קיין זאַך אין דער וועלט איז ניט וויכטיגער ווי

אייערע פּערזענליכע אינטערעסען; קענט זיך און זוכט אייער אייגע־נעם גליק!

די מאכט פון דער נייער פילאָזאָפיע איז באמת געווען אן אומ־געהויערע. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז געווען דער שטורעמדיגער אויסדרוק פון דער טיפער איבערקערעניש, וואָס די דאָזיגע בליץ־אידעען האָבען געמאכט אין די מוחות פון מענשען. זיי האָבען געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר די אַנאַרכיסטישע געדאַנקען פון „קיין גאָט און קיין האר", די פרייהייט פון דער פּערזאָן און פּער־זענליכען גליק.

דידאָזיגע פילאָזאָפיע האָט געצילט ווייט און איז געווען אמת'־דיג, אָבער צום באַדויערן איינזייטיג. ארויסברענגענדיג אין פאָדער־גרונט נאָר איין זייט פון דער מענשליכער עקזיסטענץ, די עגאָאיס־טישע זייט; בויענדיג אויף דעם פּרינציפּ, אז דאָס טירישע לעבען איז דורכאויס עגאָאיסטיש, האָבען זיי זיך ניט געקאָנט ארויס־דרעהען פון דער געפעהרליכער לאָגיק, אז אויב אזוי, דאַן אַנערקע־נען מיר ניט קיין אנדער רעכט אחוץ מאַכט־רעכט. און פאַקטיש איז דער דירעקטער פועל־יוצא געווען דאָס ענטשטעהן פון דעם בור־זשואזען סיסטעם, וואָס טראָגט אויף זיין שוואַרצער פאָהן דעם שטאָלצען אויפשריפט: „מאַכט איז רעכט און צום טייוועל מיט'ן פאָלק!"

די אזוי־גערופענע קריסטליכע פילאָזאָפיע פון מיטעלאַלטער, פּרעדיגענדיג עקסטרעמען אלטרואיזם, האָט סאַנקציאָנירט און געשטיצט די באַרבאַרישע טיראַניי און דעם שקלאַפישען פאַ־טערנאַליזם; די רעוואָלוציאָנערע פילאָזאָפיע פון אכצעהנטען יאָהרהונדערט, אריבערגעהענדיג צו דעם אנדער עקסטרעם און אָפּ־לייקענענדיג אַלע אנדערע מאָטיווען אחוץ זעלבסטזיכטיגקייט, האָט באַשאַפען אַ פּאָליטישע עקאָנאָמיע, וואָס האָט באַ'גזל'ט צוויי־דריטעל פון פאָלק און האָט אפילו דעם איבעריגען דריטעל ניט געקענט געבען קיין אמת'ן גליק.

„אין דעם לעצטען יאָהרהונדערט", זאָגט לאַנגע אין זיין „געשיכ־טע פון מאַטעריאַליזם" איז דער אלגעמיינער שטייגער געווען צו דערקלערען, אז דאָס גוטע, וואָס געפינט זיך אין דער וועלט איז אַ

פועל יוצא פון אלע עגאָאיסטישע ווירקונגען, וואָס ארבעטען צוזאמען. עס איז געווען לייכט צו פּראָטעסטירן אנטקעגען די איבערגעטריבענע באהויפּטונגען אין מאנדעווילס באקאנטען בוך „די פאבעל פון די ביהנען", אבער דער פּרינציפּ, אז אפילו פארדאָרבענקייטען ברייגען זייער בייטראג צו דאס אלגעמיין גוטע, איז ביז א געוויסען גראַד געווען א געהיימער אויפקלערונגס־ארטיקעל, ספּעציעל אויף דעם געביט פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

העלוועציוס׳עס סאָפיזמען אין זייער פינקעלדיגען שלייער פון מליצה קאָן מען נאָך לייכט ארויסזעהן; און יעדער פארזוך צו דערקלערן מיט דעם פּרינציפּ פון אייגענליבע אפילו די טוגענדהאפטיגע געפיהלען פון פּאטריאָטיזם, פון אָפּפערן זיך פאר דעם נעקסטען, פון בראַווקייט, מוז צעקלאַפּט ווערן פון דעם פאקט, וואָס דער שכל הישר, איינשטימענדיג מיט דער וויסענשאפטליכער קריטיק, ווידערשפּרעכט דידאָזיגע דערקלערונג. ניט אזוי אבער אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. דאָ זעהט עס אויס אזוי נאַטירליך אנצונעמען, אז דער פּראָגרעס פון דעם גאנצען קאָלעקטיוו איז פּשוט די סומע פון יעדען פּראָגרעס פון די איינצעלנע, און דער איינצעלנער קאָן דערגרייכען מאטעריעלען וואוילזיין נאָר דורך א ריקזיכטלאָזען יאָגען זיך נאָך זיינע אייגענע אינטערעסען: איז, זאָל די טוגענד אויסגעאיבט ווערן אויף אנדערע געביטען, אויף וויפיל אונזערע מיטלען וועלען עס דערלויבען!"

אָט דאָס זיינען געווען די באדויערליכע רעזולטאַטען, צו וועלכע אָן איינזייטיגער עגאָאיזם האָט געפיהרט; אָבער גאָר גיך איז א נייע רעאקציע נאטירליך ארויסגערופען געוואָרן דורך די איבערטרייבונגען פון דער אַלטער. אין די ערשטע צעהנדליגער יאָהרען פון דעם איצטיגען יאָהרהונדערט האָט זיך באַוויזען דער אזוי־גערופענער אוטאָפּיסטישער סאָציאליזם און האָט באַשאַפען א נייע אַלטרוריע, פארווארפענדיג אינגאַנצען די פילאָזאָפיע פון עגאָאיזם צוזאַמען מיט איהרע בעסטע אויספיהרן — פּערזענליכע פרייהייט און אינדיווידועלען גליק. סען סימאָן און זיינע נאָכפאָלגער האָבען ווידער געבויט אויף דער מיטפיהלענדער נאַטור פון מענשען; לויט זיי נאָך מוז די אינדיווידואליטעט זיך פארלירן אין די אינטערעסען

פון דער מענשהייט, דער עגא מוז פארשלונגען ווערן פון דער אלטרויע. דער גרעסטער דענקער פון זיין צייט, אָגוסט קאָנט, דער גרינדער פון פּאָזיטיוויזם און סאָציאָלאָגיע, איז פונדעסטוועגען אין זיינע פּאָליטישע לעהרן געווען אן אמת׳ער תּלמיד פון סט. סימאָן. ער האָט אויסגעטראַכט דעם נייעם טערמין פון אַלטרואיזם און האָט געגרינדעט די רעליגיע פון הומאַניטעט — א פּאָזיטיווע פארניינונג פון דעם אינדיווידום.

פארשטעהט זיך, די וואָס זיינען באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון אידעען וועלען פארשטעהן, אַז איך מיין ניט צו באַהויפּטען, אַז עס זיינען גאָר קיין קעגענגעזעצטע אנזיכטען ניט ארויסגעבראַכט געוואָרן אחוץ די וואָס האָבען געהערשט אין יעדער פון די פעריאָדען, וואָס איך האָב דערמאָנט. איך וועל דעריבער זיך ניט אָפּשטעלען אויף דעם פאַקט, וואָס אַלע מעגליכע וואַריאַציעס פון עגאָאיזם און אַלטרואיזם האָבען געפונען זייערע פארטיידיגער דורך דער צייט פון די דאָזיגע יאָהרהונדערטען. די מאַנטשעסטער שול פון אינדיווידואַליזם, די ערשטע קאָמוניסטען אונטער די דייטשען, דער פוריעריזם, דער מאַרקסיזם, דער אינדיווידועלער אָדער עגאָאיסטישער אַנאַרכיזם, — אָט די אַלע „איזמס“ זיינען איינזייטיגע פּראָדוקטען אָדער פון עגאָאיזם אָדער פון אַלטרואיזם, און האָבען זייער מקור אין די אידעען פון דעם לעצטען און דעם אָנהויב פון דעם איצטיגען יאָהרהונדערט ביז צו קאָנט׳ן. דער אַלגעמיין כאַראַקטעריסטישער צייכען אָבער פון דעם ערשטען העלפט פון דעם איצטיגען יאָרהונדערט איז דאָס ווידעראויפלעבען פון הומאַניזם, דער דירעקטער ווידערשפּרוך צו דעם עגאָאיזם פון דעם אכטצעהנטען יאָהרהונדערט. די צווייטע העלפט פון אונזער יאָהרהונדערט, וואָס האַלט זיך ביים ענדיגען, צייכענט זיך אוים מיט דער ערשיינונג פון דער עוואָלוציאָנס טעאָריע און איהר אָנווענדונג אויף די וויסענשאַפטען פון זאָאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, אַנטראָפּאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע. די דאָזיגע טעאָריע האָט געוואָרפען א נייעם ליכט אויף די אַלע פאַקטען פון לעבען; און ניט נאָר האָט זי אריינגעבראַכט ליכטיגקייט דאָרט, וואו ביז אהער האָט געהערשט פינסטערניש, דערמיט וואָס זי האָט אויפגעעפענט נייע צוגאַנגען פאַר פאָרשונג, נאָר

נאָכמעהר, איהר הויפּט פאַרדינסט באַשטעהט אין דעם פאַקט, וואָס דורך איהר אַלע ארומנעהמענדיגען כאַראַקטער האָט זי אוממעג־ליך געמאַכט פאַר וועלכער עס איז איינציגער וויסענשאַפט צו זיין פּאַרטייאיש און איינזייטיג.

קורץ, די מאָדערנע סאָציאָלאָגיע נעהמט אָן אַלץ מעהר און מעהר א סינטעטישען כאַראַקטער. זי נישטערט דורך אַלע פאַקטען פון לעבען פון זייערע אַלע פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטען; די עגאָ־איסטישע אזוי גוט ווי די אַלטרואיסטיע נייגונגען פון געזעלשאַפט־ליכען מענשען ווערן גענומען אין באַטראַכט און פּינקטליך באַלאַנ־סירט אין א וויסענשאַפטליכען באַריכט פון זיין דעביט און קרעדיט. אַלע סאָציאַלע טענדענצען מוזען אָפּגעשאַצט ווערן, און יעדער סאָ־ציאַלער אידעאַל, יעדער סאָציאָלאָגישער „איזם" — אַנאַרכיזם אריינגערעכענט — מוז זוכען זיין בארעכטיגונג אין די פאַקטען פון סאָציאָלאָגיע, מוז געפינען זיין באַזיס אין דער מאָדערנער סינטע־טישער — אַנשטאַט דער אַלטער ספּעקולאַטיווער — פילאָזאָפיע.

אָבער קומענדיג צוריק צום פּונקט: די פראַגע פון עגאָאיזם און אַלטרואיזם, הגם זי איז קודם כל א פּסיכאָלאָגישע פראַגע, ווערט אָמבעסטען פאַרשטאַנען און דיסקוטירט אויף דעם פעלד פון סאָציאָלאָגיע. אין דעם געזעלשאַפטליכין לעבען פון מענשען, אזוי גוט ווי פון די נידעריגערע און העכערע חיות, זעהען מיר ווי עס אַרבייטען די בײדע נייגונגען, דאָ אין דער פאָרם פון א גע'ירש'ענ־טען אינסטינקט, דאָרט איז דער פאָרם פון אַן אבזיכטליכער טאַט. דער סאָציאַלער אָפּקלייב פאַרהעלפט געוועהנליך דאָס וואַקסען פון סימפּאַטישע און אַלטרואיסטישע געפיהלען מיט דעם, וואָס די יע־ניגע, מענשען אָדער חיות, וואָס זיינען וויליג צו אָפּפערן טיילען פון זייער עגאָ צו גונסטען פון אַנדערע פון זייער מין, וועלען זיין מעהר גרייט זיך צו פאַרבינדען און, דורך זייער געגענזייטיגער הילף, דער־גרייכען א גרעסערן און העכערן גענוס איידער די אַנדערע, וואָס שאַפען ניט אזעלכע געגענזייטיגע פאַרבינדונגען. זייערע שטאַרק ענטוויקעלטע אַלטרואיסטישע געפיהלען וועלען אריבערגעהן בירושה צו זייערע קינדער א. אז. וו. ביז, אין עטליכע דורות שפּעטער, ווע־לען זיך די דאָזיגע אַלטרואיסטילע נייגונגען באַווייזען אַלס גוט

פאָרמירטע אינסטינקטען, וועלכע וועלען טרייבען די וואָס באזיצען זיי, צו באַגעהן טאַטען פון גוטסקייט, ניט דענקענדיג אויף א האָר וועגען זיך. נאַטירליך, בעת איינער האנדעלט אַלטרואיסטיש פיהלט ער א געוויסע באַפרידיגונג, אַן אַנגענעהמען איינדרוק, לאָמיר זאָגען אַ פאַרגעניגען פון דעם מין, וואָס איינער האָט בעת ער פיהרט דורך אַ וועלכע עס איז אַנדערע נאַטירליכע פונקציע. אָבער עס איז זיכער, אז יעדער פארגעניגען אדער נוצען, וואָס קאָן קומען מיט א גוטער טאַט, איז בלויז א באַגלייטענדע ווירקונג און באין אופן ניט די אורזאך פון דער טאַט.

ווי אַ ביישפּיל, וואָס קאָן אילוסטרירן דעם דירעקטען נוצען, וואָס קומט ארויס פון אַן אלטרואיסטישער טאַט, וועגען וועלכער מען האָט פריהער ניט געטראכט, וועל איך דאָ דערמאָנען דאָס פאָלגענדע: עס ווערט דערצעהלט וועגען א שלאכט אין שפּאַניע, אז די דראַגונער פון א רעגימענט, וועלכע זיינען צוריקגעטראָטען אונטער א שטאַרקער שיסעריי פון שונא, האָבען ביים אריבערגעהן א טייך זיך אָפּגעשטעלט אריבערצונעהמען איינינע פון די פרויען וואָס זיינען געגאַנגען מיט דער ארמיי. באַלד דארויף האָבען זיי זיך געפונען באַגלייט פון הורא־געשרייען, אנשטאָט די קוילען פון דעם פראַנצויזישען שונא. עס איז זיכער געווען א זעלבסטאָפּפערונג מצד די דראַגונער, ווען זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט צו העלפען די הילפלאָזע פרויען; און דער פאַקט, וואָס זיי איז גלייך ארויסגעקומען א טובה דערפון, קאָן ניט פארוואַנדלען די אלטרואיסטישע טאַט אין אַן עגאָאיסטישער.

מיט דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט קומט פאָר א לפי ערכ׳דיג גרעסערע ענטוויקלונג פון אלטרואיסטישע געפיהלען ביי די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט. דורך די נאָהנטע און אינטימע באַציהונגען, וואָס געהען אָן צווישען מענשען אין אַן ענטוויקעלטער געזעלשאפט, קומען פאָר געלעגענהייטען אָהן א צאָהל, וואו דירעקטע און אָפטע הילף, וואָס ווערט מיט א ברייטער האַנט אָנגעבאָטען און מיט דעמזעלביגען געפיהל אָנגענומען, ווערט א שטענדיגע נויטווענדיגקייט. דער קלוגער געשעפטס־מענש ווערט זיך אפשר ווען עס איז אָפּשטעלען צו באַרעכנען די נוצען, וואָס א

גוטע טאַט וועט ברענגען; דעם פילאָזאָף וועט וואהרשיינליך באַלד איינפאַלען דער געדאַנק, אז א פריינדליכע טאַט וועט זיך באַצאָה־לען מיט פראָצענט אין די קומענדיגע דורות; דער פשוט'ער מענש אָבער טוט און רעכענט ניט. ווען ער זעהט, אז א מענש טרינקט זיך, פאַרכאַפּט איהם באַלד ביים האַרצען, און פאַרקאַשערענדיג די אַרבעל שפּרינגט ער אריין אין וואסער און פּרובירט איהם ראַ־טעווען. ער ווייסט אז ער שטעלט־איין זיין אייגענעם לעבען, — און וואָלט עם אמת געווען, אז בלויז עגאָאיסטישע מאָטיווען האָבען די אויבערהאַנט איבער'ן מענשען, וואָלט ניט געווען קיין איין זאַך אויף דער וועלט וואָס זאָל קאָנען באַאיינפלוסען אימיצען צו ריזי־קירן זיין לעבען, — די איינציגע זאַך אונטער דער זון, וואָס מען קאָן ניט צוריקכאַפּען. פאַרקעהרט, אויב מיר גיבען־צו, ווי מיר מוזען עס יעדענפאַלס טאָן, אז דאָס געפיהל פון זיך מקריב זיין לטובת אַנדערע איז פּונקט אַזוי נאַטירליך און פאַרוואָרצעלט אין דעם מענשליכען כאַראַקטער ווי דאָס געפיהל פון זעלבסט־דערהאַל־טונג, דאַן נויטיגען מיר זיך ניט מעהר אין קיין אויסטייטשונג פון אַלטרואיזם לויט די באַגריפען פון עגאָאיזם.

דער געזעלשאַפטליכער אינסטינקט גופא, אַהן וועלכען מיר וואָלטען ניט געקאָנט דערקלערן אפילו די עלעמענטאַרסטע געזעל־שאַפטליכע האַנדלונגען, איז אליין א דירעקטע אָפּשטאַמונג פון דעם פּרימיטיווען געפיהל פון סימפּאַטיע און אַלטרואיזם. די נאַטירליכע מאָראַל, וואָס מיינט בעצם די אייגענע זאַך, וואָס קראָפּאָטקין באַ־שרייבט אלס אַנאַרכיסטישע מאָראַל, באַשטעהט אין דער צופרי־דענשטעלונג פון אונזער גאַנצער נאַטור דורך עגאָאיסטישע אַזוי גוט ווי אַלטרואיסטישע האַנדלונגען. די פילאָזאָפיע פון עגאָאיזם האָט אונז געפיהרט צום אַנאַרכיזם — און וואו איז דער באַזיס פון קאָמוניזם, אויב ניט אין אַלטרואיזם?

# טאָלסטאָי אלס רעפאָרמער

עס זיינען דאָ צוויי ערליי סאָרטען רעפאָרמער, אייניגע רעדען אין נאָמען פון וויסענשאַפט און באַהויפּטען, אַז די ענדערונג וואָס זיי פּרעדיגען מוז און ווערט קומען; אַנדערע רעדען אין נאָמען פון זייערע עטישע און מאָראַלע געפיהלען און ווענדען זיך צום מענשען, גלויבענדיג, אַז יעדער איינער קאָן ברענגען די גאולה, צושטעהענדיג צו דער נייער מאָראַלער לעהרע. זיי האָבען ביידע אַ מעלה און א חסרון. די „וויסענשאַפטליכע" רעפאָרמער, אויב זייער אויפפאַסונג איז אַ ריכטיגע, האָבען די מעלה, וואָס זיי שטעהען אויף אַ שטאַרקען פונדאַמענט; דער חסרון איז אָבער, וואָס זיי זיינען צו זיכער, כמעט פאַטאַליסטיש, רעכענענדיג נאָר אויף די בלינדע סאָציאַלע טענדענצען, וועלכע מוזען פאַרווירקליכט ווערן, נאָך זייער מיינונג, צי איהר ווילט, צי איהר ווילט ניט. די עטישע אָדער מאָראַלע רעפאָרמער שטעלען זייער זאַך, ווי שטירנער האָט זיך אויסגעדריקט, אויף ניכטס, אויסער זייער אייגענעם באַגריף, וואָס דאָס איז אַ שטיקעל חסרון; זיי האָבען אָבער די מעלה, וואָס זיי רעדען פון לעבען צו לעבעדיגע, וואָס זיי גיבען זיך ניט אָפּ מיט אויסדייטונגען פון „בלינדע טענדענצען", נאָר זיי אַדרעסירען דירעקט די פּערזאָנען און סטאַרען זיך צו ווירקען אויף זיי צום גוטען.

טאָלסטאָי איז אַ רעפאָרמער פון עטישען סאָרט: ער איז אַ מאָראַליסט. איהר געפינט אין זיינע לעהרן אַ היבש ביסעל קלוגע רייד, אָבער אויך אַ סך נאַרישקייט; פיעל זאַכען, וועלכע זיינען ערהאַבען און אמת, און אויך אייניגעס וואָס איז פשוט ניט ריכטיג. זיין גרעסטער פעהלער באַשטעהט דעריין, וואָס ער איגנאָרירט און

פאַראַכטעט די רעזולטאַטען פון דער וויסענשאַפט און רעדט נאָר פון זיין אייגענער איבערצייגונג, צו וועלכער ער איז געקומען — לייי־ענענדיג דאָס עוואַנגעליום (ברית חדשה)! זיין גרעסטער פאַר־דינסט באַשטעהט אין דעם, וואָס ער פאַנגט אָן די אַרבייט פון רע־פאָרם פון יעדען איינצעלנעם מענשען גופא, וואָס ער אַפּעלירט צום מענשען, ניט צו זיינע געזעלשאַפטליכע פאַרטרעטער, צום אינדיוויי־דום, ניט צו דעם קלאַס. צווישען זיין גרעסטען פעהלער און זיין גרעסטען פאַרדינסט געפינט איהר אין איהם אַ זעהר ערנסטען מענ־שען, אַ גרויסען קינסטלער, אַ זאָנדערבאַרן גלויביגען, אי נאַאיוו, אי טיפזיניג, אי גרויסאַרטיג, אי עובר־בטל׳דיג.

טאָלסטאָי, ווי אַלע רעפאָרמער, געפינט, אַז אונזער לעבען איז אַ טרויעריגעס, אַ צרה׳דיגעס, אָהן אַ תכלית, אָהן אַ צוועק, פול מיט ביטערניש און אומגערעכטיגקייט. עס איז אַן אמת. אָבער ווי אַזוי געפינט ער דאָס? ניט ווי אַלע רעפאָרמער, זוכענדיג די סיבות פון די מענשליכע פיהרונגען, די אומשטענדען פון געזעלשאַפטלי־כען לעבען, די אורזאַכען פון דער אומגלייכהייט, פון דער פאַרקנעכ־טונג, פון דער פאַרדאַרבענקייט, — ער געפינט דאָס לערנענדיג די ביבעל און איינזעהענדיג, אַז די מענשען פיהרן זיך ניט ווי איינער, אַ געוויסער מאַן, מיט ניינצעהן הונדערט יאָהר צוריק, האָט געהייי־סען מען זאָל זיך פיהרן! דאָס הייסט, אויפהענגען אַ וועלט אויף אַ צווייגעלע און וואונדערן זיך, פאַרוואָס עס האַלט זיך ניט. און דאָך קאָן מען ניט אָפּלייקענען, אַז אין די פעהלערן, וואָס ער זעצט־אויס אין אונזער לעבען, איז ער גאָר אינגאַנצען גערעכט, אין איין הינזיכט מעהר אַפילו פאַר די „וויסענשאַפטליכע“ רעפאָרמער. ער דערצעהלט, בדומה למשל, אַזאַ מעשה:

„מענשען זיינען געקומען אויף אַ פאַרם; זיי געפינען דאָרט אַלץ וואָס איז נויטיג צום לעבן, — אַ גוט צוגעקליבען הויז, שפּייכ־לערס פול מיט תבואה, קעלערן אָנגעפילט מיט עסענוואַרג, אַלערליי זאַכען מיט וואָס צו באַאַרבייטען די ערד, אָקסען און פערד, — מיט איין וואָרט, אַלץ וואָס מען באַדאַרף צו לעבען בכבוד און אין נחת. יעדערער וויל פראָפיטירן פון דער שפע, אָבער יעדער איינער פאַר זיך, קיינעם ניט אַרנדיג פאַר דעם אַנדערן. יעדערער וויל די גאַנ־

צע פאָרם פאַר זיך, און אַלע הויבען אָן צו כאַפּען אַלץ וואָס זיי קאָ־נען. עס ווערט א מהומה, א געשלעג, אן אַלגעמיינע כאַפּעריי; מען צעקוילעט די בהמות, מען צעברעכט די וועגען און די סאָכעס; זיי צעשלאָגען זיך פאַר די מילך און די קאָרן; יעדערער סטאַרעט זיך אַריינצוכאַפּען מעהר וויפיעל ער קאָן פאַרברויכען. קיינער קאָן זיך ניט אָוועקזעצען מיט א רוהיגען קאָפּ געניסען וואָס ער האָט, וואָרים ער האָט מורא טאָמער וועט ווער קומען און אָוועקנעהמען פון איהם דעם רויב וואָס ער האָט אָנגערויבט. דער סוף איז, אַז זיי פאַרלאָזען אַלע די פאָרם צעקיילטע און צעביילטע, אויסגעהונ־גערטע און פאַרמאַטערטע, גלייך ווי זיי וואָלטען גאָר ניט געלעבט...“

דער משל איז אָן אויסגעצייכענטער: דער נמשל איז גלייך אויפ׳ן אויג. איהר זעהט איין גלייך די גאַנצע דומהייט פון אונזער פאַרהאָוועטען לעבען, דעם אומגליק, די פאַרדאָרבענקייט, דעם טו־מעל פון א פאַלשער געזעלשאַפט, די משוגעת פון אָן עכטען דול־הויז. וואָס איז די סיבה פון דער מעשה? פאַרוואָס רייסען מיר זיך אַזוי ווי די פאַרריקטע? — טאָלסטאָי דערצעהלט אייך ניט פון קלאַסען־קאַמף, פון קאַפּיטאַל און ארבייט, פון מעהר־ווערט, פון אָיי־זערנע לוין־געזעצען, פון נאָכפרעג און אָנבאָט: קיין וואָרט ניט פון דעם אַלעמען; מיר זיינען נאַרן, פאַרדאָרבענע מענשען און ווייסען ניט וואָס גוט איז, דאָס איז אַלץ. אָבער ער דערצעהלט אונז ווייטער, אַזוי צו זאָגען:

„די פאָרם האָט ווידער אויפגעלעבט און אַנדערע מענשען זיי־נען דאָרט אָנגעקומען און האָבען אָנגעהויבען זיך רייסען צווישען זיך ווי די פריהערדיגע. ביז עס איז אויפגעשטאַנען איינער און גע־זאָגט צו זיי: „ברידער, זעהט ווי נאַריש מיר זיינען! זעהט וואָס פאַר א שפע עס איז דאָ אויף דער פאָרם, ווי גוט אַלץ איז איינגע־אָרדענט געוואָרן! עס איז דאָ גענוג פאַר אונז און פאַר די וואָס וועלען קומען נאָך אונז; לאָמיר זיך פיהרען אויף א פאַרשטענדיגען אופן. אנשטאָט צו בארויבען איינער דעם אַנדערן, לאָמיר בעסער זיך העלפען איינע די אַנדערע. לאָמיר ארבייטען, פלאַנצען, פי־טערן די פיה, און יעדערער פון אונז וועט זיין צופרידען“. א טייל מענשען האָבען זיך צוגעהערט און פאַרשטאַנען וואָס דער קלוגער

מענש האָט זיי געזאָגט; זיי האָבען אויפגעהערט זיך ארומצושלאָגען און ראַבעווען איינער פון דעם אַנדערן און האָבען זיך גענומען צו אַרבייטען. דער גרעסטער טייל אָבער האָט איהם ניט געהערט און ניט געוואָלט הערן... דערווייל, אַנשטאָט צו פאָלגען די עצה פון דעם קלוגען מאַן, ראַנגעלט זיך נאָך אַלץ יעדער איינער מיט דעם אַנדערן און זיי ממית'ן איינע די אַנדערע אָהן רחמנות, טענה'נדיג: דער קאַמף אום'ס דאַזיין איז אומפאַרמיידליך, מיר קאָנען זיך אַנדערש ניט העלפען".

אָט האָט איהר אייך טאָלסטאָי'ס גאַנצע פילאָזאָפיע פון לעבען, דעם דיאַגנאָז פון די ליידען און די תרופה ווי געזונט צו ווערן. פרידריך ענגעלס האָט בעסערע מענשען פאַר טאָלסטאָי'ן אַנגערופען אוטאָפיסטען פאַר אַזעלכע מיינונגען, און האָט זיך אויסגעלאַכט פון זיי, וואָס „זיי שטעלען אַוועק די גאַנצע וועלט אויפ'ן קאָפּ". איך האָב אָבער אַמאָל געהערט אַ גוטען אַנאַרכיסט אונזערן, גאָר ניט קיין טאָלסטאָיסט, זאָגענדיג אין אַ לעקטשור במעט דעמזעלבען תוכן, וואָס טאָלסטאָי מיינט אויסצופיהרן איז זיין משל, נעמליך, אַז אונזער געזעלשאַפט איז משוגע און אַז אַלץ וואָס מען האָרף איז, אַריינדרומלען די מענשען אין די מוחות אונזערע אידעען פון ברידערליכקייט אָהן הערשאַפט, פון אחדות אָהן אויבערהאַרן, כדי מיר זאָלען קאָנען לעבען גליקליך און צופרידען אויף אימער און אייביג.

אין גרונט גענומען איז טאַקע ניטאָ אַזוי שטאַרק וואָס אויסצולאַכען זיך פון דער מעטאָדע פון שטעלען די וועלט אויפ'ן קאָפּ, אומגעאַכט אויף ענגעלס'ן מיט זיין אַזוי־גערופענער וויסענשאַפט. וואָרים מיט וואָס איז בעסער פרודאָן? ער, פאַרקעהרט ווי טאָלסטאָי, האָט ניט גערעדט אין נאָמען פון ליעבע, אָבער ער האָט אויך גע'טענה'ט: לערנט זיך חשבונ'ען, רעכענט אויס, וועט איהר זעהן, אַז עס לוינט זיך ניט אַרומצורייסען צווישען זיך! קומט צום פאַרשטאַנד, וועט איהר לעבען ווי מענשען! שטעלען די זאַך אויפ'ן קאָפּ האָט די מעלה, וואָס מיר קומען אָן דירעקט צום מ ע נ ש ע ן, ניט בלויז צום אַבסטראַקט פון מענשען, צו זיין קלאַס, צו זיין עקאָנאָמיע, צו זיין פּראָדוקציע, צו זיין פּאָליטישער מאַכט א. אַז. וו. אַ געוויסער סאָרט וויסענשאַפט האַלט דעם מענשען בלויז פאַר אַ

בלינדען אינסטרומענט אין די הענט פון עקאָנאָמיש געזעצען אָדער סאָציאַלע טענדענצען; מיר האַלטען ניט פון אַזאַ װיסענשאַפט; מיר באַהױפּטען גראָד פאַרקעהרט, אַז דער מענש מאַכט די עקאָנאָמישע געזעצען פאַר זײנע בלינדע אינסטרומענטען און שאַפט אַלײן די סאָציאַלע טענדענצען פון זײן צײט. טאָלסטאָי איז דערפאַר גאָרנישט אַראָפּ פון װעג, װען ער זאָגט:

„אַט דער פאַלשער באַגריף (אַז מיר קאָנען ניט פאַרבעסערן אונזער לעבען דורך אײגענער אָנשטרענגונג) האָט געמאַכט אַ זעהר קלעגליכען אײנפלוס אױף אַלע פ אַ ר ש ט ע נ ד י ג ע מענשליכע טעטיגקײטען. די דאָגמע פון דעם זינד־פאַל און דער ערלײזונג האָט אָפּגעהאַלטען דעם מענשען פון זײן װיכטיגסטער און גערעכטיגסטער טעטיגקײט — די פּערזענליכע אױסאיבונג פון זײנע קרעפטען; עס האָט בײ איהם אַװעקגענומען אינגאַנצען דעם געדאַנק, אַז ער קאָן טאָן פון זיך אַלײן (פון זײן אײגענער איניציאַטיװע, הײסט עס) עפּעס װאָס זאָל מאַכען זײן לעבען בעסער, גליקליכער. װיסענשאַפט און פילאָזאָפיע, װעלכע האַלטען זיך אַזױ שטאָלציג פײנדליך צום קריסטענטום, זײנען אין אמת׳ן ניט בעסער פאַר איהם: די װיסענשאַפט און פילאָזאָפיע גיבען זיך אָפּ מיט אַלץ, אַ חוץ מיט דער טעאָריע, אַז דער מענש קאָן פּערזענליך עטװאָס אױפטאָן, װאָס זאָל מאַכען זײן לעבען בעסער און גליקליכער. עטישע און מאָראַלע לעהרען זײנען אינגאַנצען פאַרשװאונדען געװאָרען פון אונזער פאַלש־קריסטליכער געזעלשאַפט".

פּלאָנטערט פאַנאַנדער דעם געדאַנק פון זײן קריסטליכקײט און דיסקאָנטירט טאָלסטאָי׳ס פאַראַכטונג צו אַלע װיסענשאַפטען, װעט איהר אױסגעפינען, אַז דער עצם פון זײנע מאָראַלע רעפאָרמען איז אין תוך גאַנץ פאַרנינפטיג. ער װענדעט זיך צו יעדען מענשען און זאָגט צו איהם: ברודער, זײ אַן עהרליכער מאַן; פאַרלאָז זיך ניט אױף זײטיגע גליקען, אױף פרעמדע אױסלײזער װאָס זאָלען קומען און דיך אַרױסשלעפּען פון זומפּ אין װעלכען דו ביזט פאַרזונקען; איב אױס פּערזענליך דײנע קרעפטען און שטאַרק זיך מיט דעם באַשלוס קײנעם קײן עולה ניט צו טאָן, קײן ליגען ניט צו זאָגען, ניט זיך אַלײן און ניט דעם אַנדערן; רױב ניט, הרג׳ע ניט קײנעם

א. אז. וו. איהר זעהט, ער האָט די פּערזאָן פאראַנטוואָרטליך פאַר איהרע טאַטען, און ער נעהמט ניט אָן דעם תירוץ, אַז די אומ־שטענדען זיינען שולדיג אין אַלץ. טו וואָס רעכט איז און הער קיי־נעם ניט, טענה'ט ער צו יעדען מענשען פאַר זיך; פאָלג ניט דער רעגירונג, צאָהל ניט קיין שטייערן, זוך ניט צו לעבען אויף יענעמ'ס רעכענונג; שטעל זיך העכער פאַר דיינע אומשטענדען, אויף ווי ווייט מעגליך...

איז ער איינגאַנצען אומגערעכט? ווי דען קאָנען מיר דערוואַר־טען צו קומען צו אַ בעסערן לעבען און אַ בעסערער געזעלשאַפט, אויב ניט דורך אונזער פּערזענליכער איניציאַטיווע, וואָס מיר ווע־לען איגנאָרירן די היינטיגע פאַלשע אינסטיטוציעס און סטאַרען זיך צו פאַרווירקליכען אונזערע אַנשויאונגען, אונזערע אַנאַר־כיסטישע, קאָמוניסטישע אָדער סאָלידאַרישע אידעאַלען, אונזערע עהרליכע און גערעכטע באַשטרעבונגען? דער איינציגער וועג איז צו שטעלען זיך העכער פון די אומשטענדען. איך האָב אַליין צוגע־לעגט די ווערטער „אויף ווי ווייט מעגליך"; ביי טאָלסטאָי'ן איז גאָר ניטאָ קיין „ניט מעגליך", — מיר וועלען עס צורעכענען צו זיין גרויסען פּעקעל פון קריסטליכען ענטוזיאַזם, וועלכער האָט ביי אונז קיין ממשות ניט, — דער וועג זיינער, די מעטאָדע אָבער, ווי ער נעהמט זיך צו רעפאָרמירן די געזעלשאַפט, אָנהויבענדיג פון יעדען איינצעלנעם מענשען, אויפמונטערנדיג אין איהם עהרליכע, מענשלי־כע געפיהלען, קעגען דעם קאָנען מיר גאָרנישט האָבען; דער גייסט איז אונזערער, און מיר האָבען בדעה צוצולעגען אַ האַנט אויך... בשעת ער, טאָלסטאָי, בלייבט שטעהן אַ צוגעשמידטער און לאָזט ניט מיט אַ פינגער אפילו אַ ריהר טאָן.

אָט איז נאָך אַ פּראָבע פון עהרליכע רייד, וואָס ווענדען זיך דירעקט צו דער פּערזאָן:

„איך וויל רעדען וועגען דעם אַרבייטער'ס פאַראַנטוואָרטליכ־קייט פאַר דער אַרבייט וואָס ער טוט. היינטיגע צייטען ווערט גאָר ניט אָנערקענט, אַז דער אַרבייטער האָט וועלכע עס איז פאַראַנט־וואָרטליכקייט. מיר באַטראַכטען יעדען מענשען וואָס אַרבייט פאַר לוין פאַר אַן עהרליכען מאַן — אָהן אונטערשייד וואָס ער טוט.

עס איז כמעט ניטאָ קיין באַשעפטיגונג, ווי נעמיין און העסליך זי איז נים, וואָס ווערט טיכטיג פּאַראַכט, אַזוי אַז עס זאָל אָפּהאַלטען אין ערנסט וועמען עס איז פון באַשעפטיגען זיך דערמיט. עס געפינען זיך שטענדיג גענוג מענשען אָנצונעהמען די ארבייט פון אַ הענקער, — און איז עס ניט די העכסטע אַמביציע ביי אַ סך צו ווערן אַ פּאָליסמאַן? סאָלדאַטען, וואָס טרעטען אריין אין דינסט מיט'ן אייגענעם ווילען, ווייסען גאַנץ גוט, אַז מען דאַרף זיי ניט צו „פאַרטיידיגען זייער פאַטערלאַנד", וועלכען קיינער אַטאַקירט ניט, — מען דאַרף זיי, און זיי ווייסען עס, צו דערשטיקען אַן אויפשטאַנד פון זייערע אייגענע ברידער, וועלכע קעמפען פאַר אַ שטיקעל ברויט. זיי שעמען זיך ניט פונדעסטוועגען צו זיין סאָלדאַטען, און די מאַסען פון פאָלק שעמען זיך ניט צו זיין זייערע פריינד, זייערע קאַמעראַדען. עס פעהלען אויך ניט קיין אָנגעשטעלטע ביי פּראָצענטניקעס, קיין רענט קאָלעקטאָרס, קיין שטייערן קלייבער, קיין אַגענטען פון שווינדעל קאָמפּאַניעס און דערגלייכען. די אַזוי גערופענע עפענטליכע מיינונג, וואָס רעדט אַזוי פיעל פון מענשליכקייט, פון ציוויליזאַציע, קימערט זיך ניט וועגען די אַלע פאַרדאַרבענע, אדרבה, זי האָט נאָך מיטלייד מיט זיי, ווארים עס איז ניט זייער שולד".

„נאָך מעהר, עס זיינען דאָ שענדליכע פאַכען און באַשעפטיגונגען, אָנגעפיהרט פון גרויסע מאַסען ארבייטער, קעגען וועלכע קיינער זאָגט לחלוטין אַ וואָרט ניט. איך מיין די גאַנצע מאַסע ארבייטער, וועלכע פּראָדוצירן די שטרויענע טענעמענט-הייזער, די טאַנדעטנע קליידער, די געפעלשטע עסענוואַרג און אַזוי ווייטער, וואָס רואינירן און פאַראומגליקען דאָס לייב און לעבען פון זיך אליין און זייערע ברידער מיטארבייטער. און ווער זיינען די פאַרקויפער פון די אַלע געפעלשטע פּראָדוקטען? אַלץ ארבייטער, וואָס רעדען איין מיט ליגענס, מיט פאַלשע שבועות, מיט שווינדעל, דעם עולם, זייערע אייגענע מיטארבייטער, צוליב דעם פּראָפיט וואָס זייערע בעלי-בתים מאַכען, הגם פאַר זיך אַליין בלייבט זיי קדחת. דער אויסרייד איז תמיד דער אַלטער: איך מוז, איך האָב קיין ברירה ניט, אַז איך וועל עס ניט טאָן, וועט עס טאָן אַן אַנדערער; איך

אַליין וואָלט בעסער געוואָלט טאָן אמת'ע גוטע אַרבייט, אָבער עס איז ניט מיין שולד, די פּראָנטוואָרטליכקייט ליגט אויפ'ן בעל־הבית, וועלכער צווינגט מיך אַזוי צו טאָן.

„מיין מיינונג איז, אַז אַזוי לאַנג ווי אַלע וועלען אָננעהמען אָט דעם קליינליכען אייגעננוציגען תירוץ, וועט אַלץ אַזוי ווייטער געהן ווי איצט און קיין בעסערע צוקונפט וועט קיינמאָל ניט קומען. די בעלי־בתים וועלען אַלעמאָל קאָנען קריגען איין העלפט אַרבייטער, וואָס וועלען זיין גרייט צו אונטערדריקען און באַשווינדלען די אַנדערע העלפט אַרבייטער. די דירעקטע מערדעריי פון סאָלדאַטען וואָס שיסען אויף סטרייקערס, און די אינדירעקטע מערדעריי פּראָדוצירנדיג מיט'ן אייגענעם שוויים די אַלע שרעקליכע אומשטענדען, וועלכע רואינירן אי קערפּערליך אי גייסטיג זייערע אייגענע מיטאַרבייטער — די ביידערליי סאָרטען האַנדלונגען ברענגען גלייכע שעדליכע פאָלגען, און מען מוז דאָס אָנערקענען איידער מען קאָן גאָר אָנהויבען טראַכטען פון אירגענד וועלכער פאַרבעסערונג".

די דאָזיגע ווערטער האָבען דעם קלאַנג פון טאָלסטאָי'ס פּזמון, געזאָגט האָט זיי אָבער ניט טאָלסטאָי, נאָר אַ געלערנטער אַנאַרכיסט, דר. נעטלאַו פון לאָנדאָן; און מיר ווילט זיך אונטערשרייבען זיך אונטער זיי מיט ביידע הענט. עס איז מאָראַל — און מוסר זאָגען, האָבען מיר שוין לאַנג באַשלאָסען, איז ניט וויסענשאַפטליך,—עס איז אָבער אַן אמת, און דאָס וואָס איז אַן אמת, קאָן ניט זיין ניט־וויסענשאַפטליך. טאָלסטאָי און דער אַנאַרכיסט זיינען זיך צוזאַמענגעפּאָהרען — איינער קומענדיג פון מזרח־זייט, דער אַנדערער פון מעריב־זייט — אין איין אכסניא: ביי אונז אין די אויגען פאַלט דער אַנאַרכיסט ניט אַראָפּ דערפאַר וואָס ער שטעהט צוזאַמען מיט'ן קריסטליכען טאָלסטאָי; פאַרקעהרט, טאָלסטאָי ווערט ביי אונז העכער, פאַרוואָס ער שטעהט צוזאַמען מיט'ן אַנאַרכיסט.

טאָלסטאָי, טרינקענדיג פון „געטליכען קוואַל פון וואַנגעליום", מיינט, אַז ער ווייסט ברוח הקודש פּונקט אויפ'ן האָר ווי אַ מענש דאַרף זיך פיהרן אונטער אַלע מעגליכע אומשטענדען; מיר, איינפאַכע שטערבליכע, קאָנען זיך ניט אונטערנעהמען צו מאַכען רעגע־

לען פאר יעדען איינציגען מענשען—אין דעם געהען מיר זיך פאַ־נאַנדער מיט איהם. מיר מוזען זיך אויך אויסלאַכען פון טויזענט אַנדערע מיינונגען זיינע, וועלכע האָבען קיין טעם און קיין ריח ניט און וועלכע עס איז ניט כדאי דאָ צו ברענגען און פארנעהמען פלאַץ מיט זיי, — עס איז אָבער דאָך אַ מערקווירדיגע זאַך, אַז דער אַל־טער טאָלסטאָי, וועלכער מאַכט אייך פיהלען פשוט איבעל מיט זיין קריסטליכער אָנשויאונג איבער'ן לעבען, קומט סוף־כל־סוף צו דער אידעע פון אַ קלאָרן, באַגרייפליכען קאָמוניזם; און ניט קיין פארקנעכטעטען, קירכען־קאָמוניזם, נאָר דוקא אַ פרייען, כמעט אַן אַ נ אַ ר כ י ס ט י ש ע ן קאָמוניזם! איז ער ניט, נאָך דעם אַלעמען, אַ מערקווירדיגער רעפאָרמער?

אָפט, ווען איהר לעזט איהם און איהר זעהט ווי ער לעגט אריין ניי־צייטיגע געדאַנקען אין פארשימעלטע ביבעל־פסוקים, און נעהמט זיי ארויס פון דאָרטען צוריק און ווערט שטאַרק נתפעל פון דעם אוצר, דעם לעבענס־קוואַל וואָס ער האָט ענטדעקט פאַר דער שמאַכ־טענדיגער מענשהייט — טראַכט איהר זיך: זאָל ער, דער אַלטער! אפשר וועט ער, אין ז יי ן וועג, גרייכען אַזעלכע מענשען, וואָס זיי־נען ניט צוגענגליך צו אונז מיט אונזערע קאַלטע, טרוקענע, וויסענ־שאַפטליכע פאָרמולעס. ווידער אָבער, ווען איהר זעהט ווי ער מאַ־טערט זיך אויסצוטייטשען די פאַקטען פון געשיכטע אַזוי, אַז זיי זאָלען זיך צופאַסען צום פסוק; דהיינו למשל, אַז מיט גוואַלט־מיט־לען איז קיינמאָל ניט געהאָלפען געוואָרן די זאַך פון פּראָגרעס, וואָ־רים אין פסוק שטעהט, אַז מען דאַרף ניט אַנווענדען גוואַלט, און אַז קריסטוס האָט געזאָגט, מן הסתם האָט ער דאָך געוואוסט, דאַן דערמאָנט איהר זיך ניט ווילענדיג אָן דעם רוסישען שפּריכוואָרט: „יעדער גענעראל געהט אראָפ פון זינען אויף זיין אייגענעם אופן" און וואונדערט זיך, וואָס איז געוואָרן פון דעם גרויסען טאָלסטאָי.

דאָ קומען מיר צו זיין לעהרע פון ניט־ווידערשטאַנד („נאָן־רעזיסטענס"), ד. ה. ניט צו געברויכען קיין גוואַלט קעגען גוואַלט, נאָר יעדער עהרליכער מענש זאָל זיך געהן זיין וועג, און ניט נעה־מענדיג קיין אנטייל אין גוואַלט־טאַטען, וועט די גוואַלט גופא אויפ־הערען צו ווירקען. עס איז אַ שעהנער חלום, כ'לעבען; איז ניט

אָבער אַ סך וויכטיגער, אויפ'ן וואָהר, ווי איינער האָט אַמאָל גע־
זאָגט: „ווילט איהר שלום, טאָ גרייט זיך צו אַ מלחמה!"? ווען
דער בייזער מענש, וואָס אונטערדריקט דיך מיט גוואַלט, וועט ווי־
סען, אַז דו ביזט גרייט זיך צו שטעלען איהם אַנטקעגען נאָך מיט
אַ שטאַרקערער גוואַלט, וועט ער גיכער דיך אָפּלאָזען איידער ווי ווען
ער ווייסט, אַז דו ביזט אַזאַ קריסטליכער פויגעל, אַז ווען ער גיט דיך
אַ פּאַטש אין איין באַק, שטעלסטו איהם אויס העפליך די אַנדערע
אַבי ער זאָל נאָר פּאַטשען. אַ חוץ וואָס די זאַך איז ניט פּראַק־
טיש, וואָס עס איז איינפאַך קעגען דער נאַטור פון זעלבסטבאַשי־
צונג, האַלט די דאָזיגע לעהרע ניט אויס קיין קריטיק אַפילו פון
דעם ריין טעאָרעטישען שטאַנדפּונקט.

לאַווראָוו האָט גוט פּאַנאַנדערגעלעגט דעם אומזין פון אָט דעם
שטאַנדפּונקט, אין זיין קריטיק איבער טאָלסטאָי'ס לעהרע (אין
„וויעסטניק נאַראָדנאַי וואָלי", נום. 5), מיט דער פאָלגענדער באַ־
טראַכטונג: „גוואַלט איז אַ טאַט, וואָס מען טוט אַ מענשען קע־
גען זיין ווילען. עס פאַרשטעהט זיך אַליין, אַז יעדער דענקענדער
מענש וועט אויסמיידען אַנצואווענדען גוואַלט וואו מען קאָן דער־
גרייכען דעם ציעל מיט גוטען, מיט אַרגומענטען, מיט איבערציי־
גונגען א. אז. וו. די פראַגע אָבער וועגען געברויכען גוואַלט איז נאָר
דאַן וויכטיג, ווען אויף ווי וויט מיר קאָנען אורטיילען, קאָנען מיר
אונזער ציעל אָהן גוואַלט ניט דערגרייכען. ווען איך רייס אַרויס,
למשל, ביי אַ מענשען פון האַנט אַ מעסער, מיט וועלכען ער וויל
זיך אַליין אָדער אַן אַנדערן דערשטעכען, באַגעה איך אויף איהם אַ
גוואַלט־טאַט. ווען איך ראַטעווע אַרויס פון אַ שכור'ער חברה אויס־
געלאַסענע יונגען אַ פרוי, וועלכער זיי ווילען פאַרגוואַלטעווען, האַנ־
דעל איך גוואַלט־טעטיג קעגען זיי. אין אַזעלכע פאַלען קען מען ניט
צווייפלען, אַז קיין פּרעדיגער פון „ניט־ווידערשטאַנד" וואָלט מיין
האַנדלונג ניט פאַרדאַמט; צו דערזעלבער צייט איז גאָר קיין ספק
ניט, אַז איך האָב געברויכט אַ ריכטיגע, ריינע גוואַלט־טאַט. עס
זיינען אָבער דאָ אַנדערע פאַלען, וועלכע האָבען דיזעלבע באַדייטונג,
נאָר אונטער אַן אַנדער פאָרם. עטליכע מענשען ווילען אַריינגעהן
אין מיין הויז, כדי צו נעהמען מיין פריינד און אַוועקשלעפען איהם

אין טורמע און פאר׳משפט׳ן איהם צום טויט. איך פארשליס די טיר, איך בוי אויף א באריקאַדע פון פאַרנט פון מיין הויז און העלף מיין פריינד אנטלויפען דורך א הינטערשטער טיר. מיין פּאַסיווע אבער ענערגישע פארטיידיגונג שליסט גאנץ געוויס אין זיך איין א גוואלט־טאַט קעגען מיינע פארפאָלגער. און איז עס ניט פונקט דיזעלבע פארטיידיגונג ווי ווען איך וואלט, אַנשטאַט מאַכען א באַריקאַדע, אוועקגעשטעלט זיך אין טיר מיט א רעוואָלווער אין האנט און געסטראַשעט מיין פריינד׳ס פארפאָלגער זיי צו דערשיסען, און ווען נויטיג טאַקע דערשיסען אויך, כדי צו געבען מיין פריינד א געלעגענהייט דערווייל צו אַנטלויפען? וואו איז דאָ די נפקא־מינה?

„לאָמיר נעהמען נאָך א ווייטערען פאַל. איך זעה אז געוויסע מענשען האנדלען טיראַניש קעגען אַנדערע מענשען, אַז זיי זיינען שעדליך פאַר דער געזעלשאַפט, און איך שרייב אַן א בוך דעריבער, אָדער האַלט א פייערדיגע רעדע, וואו איך פארדאַם זייערע טאַטען, — איך אליין געה ניט טאָן זיי קיין גוואלט־טאַט, אָבער איינינגע פון די לעזער אדער צוהערער געהען איבער פון טעאָריע צו דער פּראַקטיק און גרייפען אָן גוואַלטטעטיג יענע פּערזאָנען. איז עס ניט גלייך ווי איך אליין וואלט באגאנגען א גוואלט־טאַט קעגען זיי? טאָר איך דען, אלס געגנער פון גוואלט, ניט אָנשרייבען אפילו קיין בוך קעגען שלעכטע מענשען, קיין רעדע ניט האלטען קעגען פאלשע לעהרען? טאָ ווי אזוי קאָן איך בלייבען אַן עהרליכער מאַן און דערפילען מיין אויפגאַבע צו לערנען און אויפקלערן מיינע מיטמענשען? מיר זעהען אלזאָ, אז יעדער איינער וואָס איז א געגנער פון גוואלט אונטער אלע אומשטענדען מוז אריינפאלען אין א געפעהרליכען ווידערשפּרוך, פון וועלכען עס איז לאָגיש אוממעגליך זיך ארויסצודרעהען“.

אין אָט דעם ווידערשפּרוך איז טאָלסטאָי טאַקע אריינגעפאַלען, פאַרדאַמענדיג מיט אזא „געטליכען“ פייער די דריי צענטראַלע זיילען פון אונזער געזעלשאַפט: פּריוואַט אייגענטום, דעם שטאַאַט און די קירך. טאָלסטאָי גרייפט זיי אָן מיט דער פעדער, ניט מיט׳ן קולאַק; אָבער זיינע רייד מוזען מאַכען מעהר רעוואָלוציאָנערען וויפיעל וועמעס עס איז דירעקטע גוואלט־טאַט, און ער מעג זיכער

שטאָלץ זיין פאַר דער פאַראַנטוואָרטליכקייט וואָס זיין וואָרט־פּראָפּאַגאַנדע לעגט אויף איהם ארויף.

עס איז קיין נייעס ניט צו כאַפּען ביי טאָלסטאָי'ן א ווידער־שפּרוך; אָבער אַ גרויסער מענש מעג זיך אַכצעהן מאָל ווידער־שפּרעכען און דאָך בלייבען גרויס. ווי וועניג ער האַלט ניט פון רע־וואָלוציאָנערער טעטיגקייט, האַלט ער נאָך וועניגער פון די „פרידלי־כע נשמות, וועלכע ארבייטען פאַר געזעצליכע פּאָליאַטיוועז און אַלערליי קאָמפּראָמיסען. „די טעטיגקייט פון די ליבעראַלען", זאָגט ער, „וועלכע ארבייטען מיט דער רעגירונג, איז ניט נאָר ניט קלוג און ניט ניצליך, נאָר זי איז אויך פּאָזיטיוו שעדליך. ערשטענס, איז עס שעדליך דערפאַר, ווייל דערמיט וואָס געבילדעטע, גוטע און עהר־ליכע מענשען טרעטען אריין אין די רייהען פון דער רעגירונג, גיבען זיי איהר צו אַ מאָראַלע ווירדע, וואָס אָהן זיי האָט זי ניט געהאַט. ווען עהרליכע מענשען וואָלטען קיין אָנטייל ניט גענומען אין דער רעגירונג, וואָלטען ביי איהר געבליבען נאָר די גראָבע מערדער, די אייגענננוציגע און פאַלשע יונגען, וועלכע זיינען דער שורש פון יעדער רעגירונג, און דאַן וואָלט זי ניט געקאָנט האָבען קיין קיום. און צווייטענס איז די געזעצליכע טעטיגקייט שעדליך דערפאַר, ווייל די עהרליכע לייט גופא, מאַכענדיג קאָמפּראָמיסען, ווערען בים־לעכווייז אַליין פאַרדאָרבען און געוועהנען זיך צו צום געדאַנק, אַז צוליב אַ גוטען ציעל מעג מען אַביסעל אָפּטרעטען פון דעם אמת, אי אין ווערטער אי אין טאַטען. עס קאָן זיך זיין זעהר ניצליך דורכצופיהרען אין פּאַרלאַמענט אַן אַכט־שטונדען ארבייטס־געזעץ; אָבער אויב דער מיטגליד פון פּאַרלאַמענט מוז צוליב דעם שווערן פאַלש, זאָגען ליגען און שעצען לפּנים דאַס, וואָס אין הארצען פאַר־אַכט ער, פאַרלירט ער דאַן מעהר דערמיט וואָס ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין מענשליכער ווירדע, איידער ער געווינט מיט זיין געזעץ".

טאָלסטאָי איז אַן אמת'ער מענש אונטער אַלע אומשטענדען, ער מיינט מיט'ן גאַנצען הארצען, אַז „דער איינציגער צוועק פון לע־בען איז צו לעבען פאַר אַנדערע"; ער באַהאַלט פאַר זיך נאָר איין זאַך, און דאָס איז — זיין מענשליכע ווירדע. עס זיינען דאָ אַנדערע רעפאָרמער, וועלכע מיינען, אַז דער איינציגער צוועק פון לעבען איז

צו לעבען פאר זיך; קיינע פון זיי זיינען ניט גערעכט. ווייל יעדער פון זיי איז איינזייטיג. טאָלסטאָי האָט אָבער דעם פאַרדינסט, וואָס לעבענדיג פאר אַנדערע פאַרגעסט ער ניט אָן זיין בעסטען „איך", זיין מענשליכע ווירדע, בעת אַ סך פון די עגאָאיסטישע רעפאָרמער זיינען אַזויפיעל פאַרטאָן מיט זיך, אַז זיי פאַרלירן אָפט דעם מענשען אין זיך.

טאָלסטאָי איז אַ כאַראַקטער־רעפאָרמער, ניט קיין רעפאָרמער פון אינסטיטוציעס. עס איז אַ שווערע אָבער אַ „שטענדיגע באַשעפטיגונג", אַן אומדאַנקבאַרע אָבער אַ ניצליכע אַרבייט...

# בערנשטיינ׳ס „אויסזעצונגען“ קעגען דעם עקאָנאָמישען מאַטעריאַליזם

(געווידמעט די יעניגע אידישע סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען ניט בכח צו לייענען בערנשטיינ׳ען אין אָריגינאַל).

דער סאָציאַליזם אַלס אַן אידעאַל צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבייטער, אָדער אַפילו אין זיין ברייטערן זין, צו שאַפען אַ גליקליכען צושטאַנד פאַר דער גאַנצער מענשהייט, האָט זיך אויסגעדריקט אין פאַרלויף פון ניינצעהנטען יאָהרהונדערט אין פאַרשיידענע רעפאָרם־פּלענער פון די פאַרשיידענע גרויסע רעפאָרמער אין אַלע לענדער. אין דער צווייטער העלפט פון דעם יאָהרהונדערט איז אויפגעשטאַנען קאַרל מאַרקס און האָט דיסקרעדיטירט אַלע פריהערדיגע רעפאָרם־פּלענער, אָנרופענדיג זיי אוטאָפּיעס, און האָט געשאַפען אַ נייע, וויסענשאַפטליכע טעאָריע פאַר׳ן סאָציאַליזם, וועלכע האָט געהייסען „די מאַטעריאַליסטישע אָנשויאונג איבער געשיכטע“. און פונקט ווי די מאַטעריאַליסטישע אָנשויאונג איבער דער ענטשטעהונג פון דער וועלט האָט אָפּגעלייקענט דעם ווילען פון גאָט און האָט אַוועקגעשטעלט אויף זיין פּלאַץ די נאַטור־געזעצען, אַזוי האָט אויך די מאַטעריאַליסטישע אָנשויאונג איבער דער געשיכטע אָפּגעלייקענט דעם ווילען פון מענשען און האָט אויפגעשטעלט די „עקאָנאָמישע אומשטענדען“ אַלס די איינציגע אורזאַך, וואָס בויט און מאַכט חרוב געזעלשאַפטען. אַט די מאַרקסיסטישע פילאָזאָפיע האָט געקראָגען דעם נאָמען „דער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם“.

פאַר מאַרקס׳עס נאָכפאָלגער און פאַר אַלע וואָס רופען זיך סאָציאַליסטען, איז דער „עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם“ געוואָרן אַ

תורת משה, הייליג און אומבאשטרייטבאר. דעם, וואס האט געוואגט צו דענקען אנדערש ווי אין מארקס׳עס תורה איז געשטאנען, האט מען פארשריען ענטוועדער פאר א בורזשוא, אדער פאר אן אומוויסענדען אינגעל. עס האט אבער אייביג אזוי ניט געקאנט פארבלייבען: אין נייע צייטען ערשיינען נייע פויגלען, ווי דער פאעט זאגט. מיר וויסען אלע וואס די נ י י ע זינגען (אנארכיסטען האבען גענוג געזאגט און געזונגען וועגען דעם); עס וועט אבער זיין אינטערעסאנט איבערצוגעבען וואס אן אלטער פויגעל ווי בערנשטיין, וועלכער האט אויפגעגעסען זיינע צייהן אויף דער אלטער וויסענשאפט, האט צו זאגען און צו זינגען איבער דעם היסטארישען מאטעריאליזם.

בערנשטיין טיילט צוערשט אפ אין דעם מארקסיזם דעם טייל וואס הייסט ר י י נ ע וויסענשאפט פון דעם טייל וואס איז נאר א נ ג ע ו ו ע נ ד ט ע וויסענשאפט. דער ריין וויסענשאפטליכער טייל איז דער געשיכטליכער מאטעריאליזם, וועלכער ענטהאלט די לעהרע פון קלאסענקאמף אין אלגעמיין און דעם קלאסענקאמף צווישען קאפיטאל און ארבייט ספעציעל; די טעאריע פון מעהר־ווערט, מיט דער לעהרע פון קאפיטאליסטישער פראדוקציע און די ענטוויקלונגס־טענדענצען פון היינטיגער געזעלשאפט, וואס זיינען געבויט אויף דער פראדוקציע. דאס, זאגט ער, בילדעט די גאנצע געבײדע פון דער מארקסיסטישער ריינער וויסענשאפט, און דער גרונטגעזעץ וואס דורינגט־דורך דעם גאנצען סיסטעם איז די ספעציעל מארקסישע מאטעריאליסטישע אויפפאסונג פון דער געשיכטע. אויף דער ריכטיגקייט פון אט דער אויפפאסונג, זאגט בערנשטיין אויסדריקליך, האלט זיך די גאנצע געביידע; אויב זי פאלט, פאלט דער גאנצער סיסטעם מיט איהר. — און אט וועלען מיר זעהן ווי בערנשטיין אליין זעהט־איין, אז די אויפפאסונג שאקעלט זיך, ווייל זי האלט ניט אויס קיין קריטיק.

„די פראגע אויב די מאטעריאליסטישע געשיכטס־אויפפאסונג איז ריכטיג“, פאנגט אן בערנשטיין, „איז דיזעלבע פראגע וואס מען קאן שטעלען אויף וויפיעל איז ריכטיג די טעאריע פון נויטוועדיגקייט אין דער געשיכטע. צו זיין א מאטעריאליסט הייסט אייגענט־

ליך צו באהויפטען, אז אלץ וואָס האָט פּאַסירט איז געווען נויטווענ־דיג. נאָך דער מאַטעריאַליסטישער לעהרע מוז דער שטאָף זיך באַ־וועגען מיט דער נויטווענדיגקייט פון באַשטימטע געזעצען, וואָרים עס קאָן ניט זיין קיין אורזאַך אָהן איהר נויטווענדיגער ווירקונג, און קיין זאַך קאָן ניט געשעהן אָהן אַ מאַטעריעלער אורזאַך. און אַזוי ווי די באַוועגונג פון שטאָף באַשטימט אויך דעם געשטאַלט פון אידעען און די ריכטונג פון ווילען, דערפאַר איז אַ ל ץ וואָס קומט פאָר אין דער מענשען־וועלט נויטווענדיג און אַנדערש אומ־מעגליך. דער מאַטעריאַליסט איז אַלזאָ אַ קאַלוויניסט אָהן אַ גאָט— אויף אידיש געזאָגט: אַ מורא'דיגער ירא־שמים וואָס האָט ניט קיין רבונו־של־עולם. אויב ער גלויבט ניט, אַז גאָט האָט אַלץ אין פאָראויס באַשטימט, גלויבט ער דאָך און מ ו ז גלויבען, אַז די באַ־ציהונג פון קראַפט און שטאָף אין וועלכער עס איז צייט זיינען באַ־שטימט פון דיזעלבע באַציהונגען פון אַ פריהערדיגער צייט.

איבערטראַגענדיג דעם מאַטעריאַליזם אויף דער אויפקלערונג פון געשיכטע, הייסט אַלזאָ, אַז עס ווערט אריינגעטראָגען שוין אַ פאַרטיגע באַהויפּטונג, אַז אַלע פאַרגאַנגען און אַלע ענטוויקלונגען פון דער געשיכטע זיינען געווען נויטווענדיג. איין שטופּע האָט געמוזט קומען פריהער, די אַנדערע שפּעטער, פּונקט ווי אַ מזמור! די איינציגע פראַגע, וואָס דער מאַטעריאַליסט שטעלט זיך, איז נאָר: אויף וועלכען אופן האָט זיך די נויטווענדיגקייט דורכגע־זעצט אין דער מענשליכער געשיכטע? וועלכע קראַפט־עלעמענטען, וועלכע פאַקטאָרען האָבען צו ענטשיידען אז די זאַך זאָל דורכגעזעצט ווערן? וועלכע ראָלע שפּילט אין דער געשיכטע די נאַטור, די עקאָ־נאָמיע, די פּאָליטישע איינריכטונגען, די אידעען פון מענשען? און אויף דעם ענטפערט מאַרקס פּאָזיטיוו, אַז דער באַשטימענדיגער פאַקטאָר זיינען די פּראָדוקטיווע קרעפטען און די פּראָדוקציאָנס־פאַרהעלטנישען פון יעדער צייט.

„אין דער פאָררעדע פון זיין בוך: „צור קריטיק דער פּאָליטי־שען עקאָנאָמיע", שרייבט מאַרקס אַזוי:

פון דעם אופן פון דער פּראָדוקציע און מאַטעריעלען לעבען הענגט־אָפּ די פאָרם פון סאָציאַלען, פּאָליטישען און גייסטיגען לעבען איבער־

הויפּט. ניט דעם מענשענ׳ס באַוואוסטזיין באַשטימט זיין עקזיסטענץ, נאָר פאַרקעהרט, די עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט באשטימט דעם מענשענ׳ס באַוואוסטזיין. עס קומט א צייט אין דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, ווען איהרע פּראָדוקטיווע קרעפטען שטימען ניט מעהר מיט דער פּראָדוקציאָנס־פארהעלטעניש, אָדער, ווי די יוריסטען דריקען זיך אויס, מיט די אייגענטומס־פארהעלטענישען, מיט וועלכע זיי זיינען פריהער געגאנגען האנט־אין־האנט. — ווען אזא אומאיינשטימיגקייט קומט פאָר, דאן ווערט א סאָציאלע רעוואָלוציע. ווי נאָר די עקאָנאָמישע גרונט־לאגע ווערט געענדערט, אזוי באלד ווערט איבערגעביטען די גאנצע גע־בײדע וואָס רוהט אויף דעם עקאָנאָמישען פונדאמענט: די פּאָליטישע איינריכטונגען, דער באגריף פון רעכט און דער גאנצער גייסט פון דער געזעלשאַפט. קיין געזעלשאַפטס־פאָרם געהט ניט אונטער, איידער אלע איהרע פּראָדוקטיווע קרעפטען זיינען איינגאנצען ענטוויקעלט; און אזוי אויך קאָנען ניט פאָרקומען קיין נייע, העכערע פּראָדוקציאָנס־פארהעל־טענישען, איידער דער באָדען פאר זייער עקזיסטענץ ווערט ניט פאָר־בארייטעט נאָך אין דער אלטער געזעלשאַפט גופא. די פּראָדוקציאָנס־פארהעלטענישען, ווי מיר געפינען זיי איצט אין דער בורזשואזער געזעל־שאפט, זיינען די ל ע צ ט ע פאָרם, וועלכע איז קעגענגעזעצט צו א געזעלשאַפטליכען אופן פון פּראָדוקציע. . . . אָבער די פּראָדוקטיווע קרעפטען, וועלכע ענטוויקלען זיך שוין אין דער היינטיגער געזעלשאַפט, גיבען אונז די מאטעריעלע מעגליכקייט אָפּצושאַפען דעם דאָזיגען קעגענ־זאץ. מיט דער דאָזיגער געזעלשאַפטס־פאָרם, אלזאָ, ענדיגט זיך דער לעצטער קאפּיטעל פון דער פאָרגעשיכטע פון מענשליכע געזעלשאַפטען.

„פארבייגעהענדיג“, זאָגט בערנשטיין, „קאָן מען מאכען די באַמערקונג, אז דער גאנצער לעצטער זאץ און דער אויסדרוק „ל ע צ ט ע“ אין דעם זאץ פאר דעם לעצטען זיינען ניט גאנץ וויסענשאפטליך, וואָרים מען קאָן עס ניט באווייזען... נאָר עס מאכט ניט אוים“.

און ער געהט ווייטער:

„פון מארקס׳עס ווערטער אין דעם צווייטען זאץ, וועלכע זיינען אזוי טרוקען אוועקגעשטעלט געוואָרן, קאָן מען ציהען דעם שלוס, אז די מענשען ווערן באטראכט בלויז ווי לעבעדיגע אגענטען פון (ניט לעבעדיגע) געשיכטליכע קרעפטען, וועמעס ארבייט די מענשען מוזען דערפילען זאָגאר קעגען זייער אייגענעם ווילען און

קעגען זייער אייגענעם וויסען! ווייטער אהין ענדערט ער א ביסעל זיין מיינונג און ווארפט ארויס א פּאר ווערטער, אזוי אַגב אורחא, אין וועלכע עס הייסט, אז עס איז נויטיג צו אונטערשיידען, אין די ציייטען פון סאָציאלע אומענדערונגען, צווישען די געענדערטע אומ־שטענדען פון דער פּראָדוקציע און די נייע פאָרמען פון דענקען. „ווען די מענשען הויבען־אָן צו פארשטעהן דעם קאמף וואס קומט פאר און קעמפען דערפאר". איינגאַנצען גענומען אבער קומט־אויס נאך מארקס'ן, אז דאס מענשליכע באוואוסטזיין און זיין ווילען שפּילען די קלענסטע ראָלע אין דער גרויסער מאטעריעלער ענטוויקלונג".

דאָ האט בערנשטיין געזאָלט פארשטארקען זיין אויסזעצונג מיט עטליכע קלאָרע ווערטער, ארויסזאָגענדיג אפען וואס ער מיינט וועגען אזא שלום, וואס מען קאן ציהען פון יענע ווערטער; אבער צי פון פּחד פאר'ן רבי'ן, צי פשוט צוליב דעם וואס ער איז אליין נאך אויך ניט ענטשלאָסען וועגען דער פראגע, ענדיגט ער מיט גאָר־נישט, און וויל הפּנים מיר זאָלען אליין פארשטעהן וואס מען דארף דערצו זאָגען. אבער אַט אזוי געלאסענערהייט גראבט ער דאך אונ־טער ביסלעכווייז דעם פונדאמענט פון מארקס'עס וויסענשאפטליכער געביידע. אין אן אנדער זאץ צייגט ער ווידער אן אויף א שוואכ־קייט און א ווידערשפּרוך אין מארקס'עס א באהויפּטונג:

„אין פאָרוואָרט צום ערשטען באנד פון „קאפּיטאל" געפינען מיר נאך א זאץ, וועלכער איז אויך אויפגעפאסט זעהר „מאטעריא־ליסטיש". רעדענדיג פון די „נאטורגעזעצען" פון קאפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע זאָגט מארקס, „עס האנדעלט זיך דאָ וועגען טענדענצען, וועלכע ווירקען און שפּארען זיך דורך מיט אן אייזערנער נויט־ווענדיגקייט". וואו ער האט אנגעהויבען פון הארטע געזעצען, אויס־צולאָזען מיט אזא בויגזאמען באגריף ווי איינפאכע טענדענצען, נייגונגען, איז א ביסעל צו שוואך. און דאן, אויפ'ן נעקסטען בלעט־טעל, שטעהט דער אפּט ציטירטער זאץ, אז „די געזעלשאפט קאן אפּקירצען און פארמילדערן די געבורטסוועהען פון די נאטירליכע ענטוויקלונגס־שטופען".

דער פּונקט איז זעהר א גוטער. ווארים ממה־נפשך: קאן די געזעלשאפט אפּקירצען און מאכען לייכטער, מילדער, די וועהען

פון דער געבורט פון דער נייער אָרדענונג, הייסט דאָך, אַז וויבאַלד די מענשען קאָנען לענקען די בלינדע קרעפטען פון דער עקאָנאָמיע, מסתמא זיינען דאָך זייער ווילען, זייער פאַרשטאַנד, זייער מאָראַלער באַגריף העכערע קרעפטען, וויכטיגערע פאַקטאָרען, ווי די עקאָנאָמישע טענדענצען. און אויב פאַרקעהרט, די עקאָנאָמישע געזעצען שפּאַרען זיך דורך אין דער געשיכטע מיט אַן אייזערנער נויטווענדיגקייט, טאָ ווי אַזוי קאָן די געזעלשאַפט אָפּקירצען די געבורטס־וועהען פון אַ נייער עקאָנאָמיע אַפילו אויף אַ האָר?!

בערנשטיין שרייבט ווייטער:

„דעם מענשענ'ס אָפּהענגיגקייט פון די פּראָדוקציאָנס־פאַרהעלטנישען שטעלט ענגעלס שוין פאַר עטוואָס וועניגער אַבסאָלוט — אין זיין שריפט קעגען דיהרינג'ן, וואָס ער האָט פאַרפאַסט בעת מאַרקס האָט נאָך געלעבט און אין פולער איינשטימונג מיט איהם. ענגעלס זאָגט דאָרט: „די לעצטע אורזאַכען פון אַלע געזעלשאַפטליכע אומענדערונגען דאַרף מען ניט זוכען אין די מענשענ'ס קעפּ, זאָנדערן זיי זיינען צו געפינען אין די געענדערטע פאָרמען פון פּראָדוקציע און אויסטויש". לעצטע אורזאַכען שליסען דאָך איין אַנדערע מיטווירקענדע אורזאַכען אויך; און עס איז קלאָר, אַז וואָס מעהר מען קאָן איינשליסען אורזאַכען פון אַן אַנדער סאָרט, אויסער די עקאָנאָמישע, אויף אַזויפיעל ווערט דאָך אַלץ וועניגער די וויכטיגקייט, אי אין קוואַנטיטעט, אי אין קוואַליטעט, פון די דאָזיגע עקאָנאָמישע אורזאַכען גופא. עס בלייבט טאַקע די טאַטזאַך, אַז די עקאָנאָמישע אורזאַכען ווירקען, אָבער די ענדליכע געשטאַלט פון דער נייער געזעלשאַפטס־פאָרם קאָן דאָך ניט אָפּהענגען פון זיי אַליין. אַ ווירקונג, וועלכע איז אַ רעזולטאַט פון פאַרשיידענע קרעפטען, קאָן מען נאָר דאַן גענוי אָפּשאַצען, ווען אַלע קרעפטען זיינען גענוי באַקאַנט און מען קאָן אויסרעכענען וויפיעל יעדע באַזונדער טראָגט־מיט צום אַלגעמיינעם רעזולטאַט. איגנאָרירענדיג אַפילו איין קראַפט, אַפילו אַזעלכע וואָס האָט נאָר די קלענסטע באַדייטונג, מוז פיהרען, ווי יעדער מאַטעמאַטיקער ווייסט, צו זעהר אַ פאַלשער פאַרשטענדניש פון דער גאַנצער זאַך.

„אין זיינע שפּעטערדיגע ווערק האָט פרידריך ענגעלס נאָך

ווייטער פאַרמינדערט די וויכטיגקייט פון די פּראָדוקציאָנס־פאַר־העלטענישען אַלס די באַשטימענדע קראַפט פון געזעלשאַפטליכע ענדערונגען. אין זיינעם אַ בריעף, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1895, רעדט ער פון פּאָליטישע, יוריסטישע און פילאָזאָפישע טעאָריעס און רעליגיעזע דאָגמעס, וועלכע האָבען געהאַט אַן איינ־פלוסרייכע ווירקונג אויף דעם לויף פון געשיכטליכע קאַמפען און אין אַ סך פאַלען האָבען זיי „מעהר ווי אַלע אַנדערע אורזאַכען באַ־שטימט די פאָרם פון דער אומענדערונג אין דער געזעלשאַפט". „עס זיינען דאָ אַ גאַנצע מאַסע קרעפטען, אַ פּאַראַלעלאָגראַם פון קרעפטען, וועלכע ברענגען אַרויס אַ רעזולטאַט — די עראייגנישען פון געשיכטע — און דער רעזולטאַט גופא קאָן ווערן באַטראַכט אַלס אַ פּראָדוקט פון אַ באַוואוסטלאָזער און ווילענלאָזער ווירקענדער מאַכט. וואָרים וואָס יעדער איינצעלנער וויל ווערט געהינדערט פון אַלע אַנדערע, און וואָס עס קומט אַרויס, איז עטוואָס אזעלכעס וואָס קיינער האָט ניט געוואָלט". „די פּאָליטישע, רעכטליכע, פילאָזאָ־פישע, רעליגיעזע, ליטעראַרישע, קינסטלערישע און אַלע אַנדערע ענטוויקלונגען רוהען אויף דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג. אָ ב ע ר זיי אַלע ווירקען איינע אויף די אַנדערע און ענדערן אויך דעם עקאָנאָמישען באַזיס". „מען מוז צוגעבען", פיהרט אויס בערנשטיין, „אַז די ווערטער קלינ־גען אַ ביסעל אַנדערש ווי מאַרקס'עס באַהויפּטונגען, וועלכע מיר האָבען ציטירט באַלד פון אָנפאַנג".

„מען קאָן ניט זאָגען, מען געפינט אין איינִיגע שטעלען ביי מאַרקס און ענגעלס, אַז ניט־עקאָנאָמישע פאַקטאָרן האָבען אויך אויסגעאיבט אַן איינפלוס אין דער געשיכטע. אָבער די פראַגע איז עבען, ווי ג ר ו י ס איז דער איינפלוס? וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבען זיי פאַר דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג? און אין דער הינזיכט קאָן מען ניט אָפּלייקענען, אַז מאַרקס און ענגעלס האָבען אין זייערע ערשטע שריפטען צוגעגעבען צו די ניט־עקאָנאָמישע פאַקטאָרן אַ פיעל קלענערע וויכטיגקייט ווי ענגעלס האָט עס געטאָן אין זיינע שפּעטערע שריפטען. יעדערער, וואָס ווענדט אָן דעם מאַטע־ריאַליזם צו דער געשיכטע איז פאַרפליכטעט עס אָנצואווענדען אין

זיין אויסגעבילדעטסטע פארם; דאס הייסט, יעדער איינער איז פארפליכטעט זיך צו רעכענען, א חוץ מיט דעם איינפלוס פון דער עקאנאמיע, מיט דעם איינפלוס פון די מאראלע באגריפען, פון די געשיכטליכע און רעליגיעזע טראדיציעס פון יעדער עפאכע, פון געאגראפישע און אנדערע נאטור־איינפלוסען ווי אויך מיט דער נאטור פון מענשען גופא און זיין גאנצען גייסטיגען כאראקטער.

„דעם מענשענ׳ס נאטור איז זעהר עלאסטיש, אין דעם זין וואס זי איז פעהיג זיך צוצופאסען צו די נאטור־פארהעלטענישען. איין פונקט אבער דארף מען קיינמאל ניט פארגעסען: ווען מען רעדט וועגען גרויסע מאסען מענשען, אין וועלכע עס זיינען איינגעוואקסען געווארן, אין פארלויף פון טויזענדער יאהרען, געוויסע לעבענס־געוועהנהייטען, קאן מען ניט ערווארטען א שנעלע ענדערונג אין דער מענשליכער נאטור אפילו פון די גרעסטע עקאנאמישע רעוואלוציעס, שוין אליין דערפאר, ווייל די עקאנאמישע און די אייגענטומס־פארהעלטענישען שטעלען צוזאמען נאר איין טייל פון די געזעלשאפטליכע אומשטענדען, וועלכע האבען א באשטימענדע ווירקונג אויפ׳ן מענשליכען כאראקטער. מען מוז דורכאויס נעהמען אין אנבאטראכט א גאנצע מאסע פאקטארען; די פארמען פון פראדוקציע און אויסטויש, וואס דער היסטארישער מאטעריאליזם לעגט אויף זיי די הויפט־געוויכט, ווערען אליין באווירקט פון א סך אנדערע געזעלשאפטליכע פארהעלטענישען“.

די לעצטע באמערקונג בערנשטיינ׳ס איז א פארטרעפליך גוטע. מען הערט שטענדיג יעדען סאציאליסט טענה׳נדיג (און צו קיין גנאי זאל ניט זיין א היבשע ביסעל „סאציאליסטישע“ אנארכיסטען אויך), אז מיט דער אפשאפונג פון פריוואט אייגענטום וועט ווערען געלייזט די גאנצע סאציאלע פראגע. מען דארף נאר ענדערען די עקאנאמישע אומשטענדען, וועט זיך שוין אלץ ענדערען, אפילו די פאליטישע פארמען. דער שטאאט וועט פארניכטעט ווערען; אלע מענשליכע באציהונגען וועלען אנדערש ווערען, בעסער ווערען; אלע שלעכטע געוועהנהייטען וועלען זאפארט פארשוואונדען ווערען; דער מענש וועט ארייגשפרינגען אין א נייער הויט, אזוי באלד ווי עס וועט ווערען אן ענד פון פריוואט־אייגענטום. ליידער געהט עס

ניט אַזוי שנעל צו. אַ חוץ אַן ענדערונג אין די עקאָנאָמישע אומ־שטענדען, און אפילו אין אַלע אַנדערע אומשטענדען, מוז מען האָבען אַן ענדערונג אין די מענשען גופא! אין יעדען מענשען, דורכ־שניטליך, שטעקט אפשר אַ דריי־פּערטעל פון זיין אור־אור־עלטער־זיידען. אַלטע, פאַרשימעלטע יאָהרהונדערטען קוקען ארויס פון די ווינקעלעך פון די אויגען פון אַ מאַסע יונגע קערלען, וועל־כע האָבען נאָך קיין צייט ניט געהאַט זיך זאַט אָנצוקוקען אויף דער וועלטעל פון זייער אייגענעם לעבען. די מוחות דאַרפען זיך ענדערן; אַנדערע מיינונגען, אַנדערע מאָראַלע באַגריפען דאַרפען דאָרט אריינקריכען, איידער אַ גרויסער טייל פון היינטיגע מענשען וועלען קאָנען לעבען מענשליך, ברידערליך, אין עהרליכע באַציהונ־גען צו זייערע מיטמענשען. מען מוז ענדערן ניט נאָר די עקאָנאָמי־שע פאַרהעלטענישען, זאָנדערן די פּאָליטישע פאַרהעלטענישען, די געשלעכטליכע פאַרהעלטענישען און אַלע אַנדערע געזעלשאַפטליכע פאַרהעלטענישען אויך, כדי צו האָבען געלייזט די סאָציאַלע פראַגע.

אָנצייגענדיג ווייטער פון ענגעלס'עס שריפטען די וויכטיגקייט פון אַנדערע, אויסער עקאָנאָמישע סיבות, זעצט־פאָר בערנשטיין ווי פאָלגט:

„אָבער יעדענפאַלס זיינען דאָ אַ גרויסע צאָהל אורזאַכען, וועל־כע ווירקען אין דער געזעלשאַפט, און עס איז ניט אַלעמאָל אַזוי לייכט אויסצורעכענען וועלכע איז די שטאַרקערע קראַפט אין דער סומע פון ווירקונגען, און וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג עס באַשטעהט צווישען די אַלע פאַרשיידענע קרעפטען. די ריין עקאָנאָמישע אור־זאַכען שאַפען נאָר די אָנלאַגע פאַר דעם אויפנעהם פון באַשטימטע אידעען; ווי די אידעען קומען־אָן, ווי זיי פאַרשפּרייטען זיך און וועלכע פאָרם זיי נעהמען־אָן, העננט אָפּ פון דער מיטווירקונג פון אַ גאַנצער רייה אורזאַכען. מען שאַדט דעם היסטאָרישען מאַטע־ריאַליזם מעהר וויפיעל מען ברענגט איהם נוצען, אויב מען לעגט ניט גענוג געוויכט אויף דעם איינפלוס פון אַנדערע אויסער די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן".

„וואָס מעהר אַנדערע געזעלשאַפטליכע קרעפטען אַ חוץ עקאָנאָמי־שע עס האָבען אַן איינפלוס אויפ'ן געזעלשאַפטליכען לעבען, אַלץ

מעהר פארענדערט זיך די הערשאפט פון דאס וואס מיר רופען די „היסטארישע נויטווענדיגקייט". אין דער היינטיגער געזעלשאפט האבען מיר אין דער הינזיכט צו אונטערשיידען צווי גרויסע שטרע־מונגען. פון איין זייט וואקסט אלץ מעהר די אנערקענונג פון די געזעצען פון דער עקאנאמישער ענטוויקלונג; פון דער אנדער זייט ווידער באמערקט מען, אז עס וואקסט אין דער געזעלשאפט די פעהיגקייט צו לענקען די עקאנאמישע געזעצען. אזוי ווי די פיזישע נאטור־קרעפטען, אזוי אויך די עקאנאמישע מאכט, וויבאלד מען הויבט אן צו פארשטעהן איהר כאראקטער, ווערט זי באהערשט פון די מענשען און דיענט צו זיי, אנשטאט צו הערשען אי־בער זיי. די איינצעלנע און גאנצע פעלקער באפרייען זיך אזוי פון דעם איינפלוס פון אזוי־גערופענער „געשיכטליכער נויטוועג־דיגקייט", וועלכע פלעגט פריהער זיך דורכזעצען אין לעבען קעגען זייער ווילען".

„אזוי ווי אבער מענשען שענקען שטענדיג מעהר אכטונג צו די עקאנאמישע פאקטארן, האט מען זיך איינגעבילדעט, אז זיי שפי־לען היינטיגע צייטען א גרעסערע ראלע ווי פריהער. עס איז אבער ניט אמת. דער עקאנאמישער מאטיוו שטעלט זיך היינטיגע צייטען קלערער ארויס ווי אמאל; אין גרונט אבער איז די היינטיגע געזעל־שאפט פיעל רייכער אין אידעען און אנדערע גייסטיגע ענטוויק־לונגען, וועלכע זיינען גאר ניט אפהענגיג פון די עקאנאמישע אומ־שטענדען. די וויסענשאפט, די קונסט און אנדערע סאציאלע בא־ציהונגען זיינען היינט פיעל ווייניגער אפהענגיג פון דער עקאנא־מיע, ווי זיי זיינען וועו־עס־איז געווען".

בערנשטיין דערמאנט אויך דעם מארקסיסט וואלפגאנג היינע, וואס זוכט צו פארטיידיגען דעם היסטארישען מאטעריאליזם קעגן פאול בארט׳ס קריטיק אויפ׳ן מארקסיזם, וועלכער וויל מארקס׳עס אויפפאסונג באצייכענען מיט דעם נאמען די עקאנאמישע, אנשטאט די מאטעריאליסטישע אויפפאסונג פון גע־שיכטע. אבער היינע לאזט אויך ניט אויס די פראגע אויף וויפיעל די געזעלשאפטליכע ענדערונג ווערט צושטאנד־געבראכט דורך אנ־דערע אורזאכען, אויסער די עקאנאמישע, און בערנשטיין באמערקט

דערויף, אַז „פּרינציפּיעל איז די דאָזיגע פראַגע־שטעלונג אומבאַ־
דינגט ריכטיג. עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען אַ גרעניץ־פּראַגע, ד. ה.
וואו אַוועקצושטעלען די גרעניץ צו דער ווירקונג פון די עקאָנאָמישע
פּאַקטאָרן; אַזוי האָט אויך קאַרל קאַוטסקי געשטעלט די פּראַגע
אין זיין ווערק: „וואָס קאָן די מאַטעריאַליסטישע געשיכטס־אויפ־
פּאַסונג לייסטען?“. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז אורשפּרינגליך
האָט זיך די פּראַגע ניט געשטעלט אין אַזאַ באַגרעניצונג, זאָנדערן
מען האָט אויסדריקליך צוגעשריבען כמעט אַן אומבאַשרענקטע וויר־
קונג צו די עקאָנאָמישע פּאַקטאָרן“.

„צום סוף“, זאָגט בערנשטיין, „הויבט זיך אויף די פּראַגע, אויף
וויפיעל די מאַטעריאַליסטישע געשיכטס־אויפפּאַסונג פאַרדינט נאָך
איינגאַנצען צו טראָגען דעם נאָמען, אויב עס זאָל אַזוי ווייטער אָנ־
געהן די אַרבייט פון ברייטער מאַכען דעם באַגריף, אריינגעהמענדיג
אַלערליי אַנדערע פּאַקטאָרן אויסער די עקאָנאָמישע? דער פּאַקט איז,
אַז נאָך ענגעלס'עס לעצטע ערקלערונגען אַליין איז שוין די מאַטע־
ריאַליסטישע אַנשויאונג געוואָרען ניט נאָר ניט ריין מאַטעריאַליס־
טיש, זאָנדערן אַפּילו אויך ניט ריין עקאָנאָמיש. איך קאָן ניט אָפּ־
לייקענען, אַז איך אַליין זעה ניט איין אַז דער נאָמען דעקט ריכ־
טיג די זאַך; אָבער איך זוך דעם פּאָרטשריט ניט פאַרשמירענדיג
דעם באַגריף, זאָנדערן ערקלערענדיג איהם וואָס פּינקטליכער, און
דערפאַר וואָלט איך איינשטימען מיט פּאָול באַרטה, אַז דער נאָמען
„עקאָנאָמישע אויפפּאַסונג“ פּאַסט זיך פיעל ריכטיגער פאַר דער
מאַרקסיסטישער טעאָריע פון געשיכטע“.

עד כאן אומרים... אַזוי ווייט געהט בערנשטיין אין זיין קריטיק
איבער דער באַריהמטער, ספּעציעל־מאַרקסיסטישער אויפפּאַסונג פון
דער געשיכטע. ער געהט ניט ווייט גענוג און זאָגט ניט אַלץ וואָס
עס איז דאָ צו זאָגען וועגען דעם. עס איז אָבער ניט אַזויפיעל וויכטיג
וואָס ער זאָגט, ווי דער פּאַקט אַז ער זאָגט עס, ער, בערנשטיין,
איינער פון די אָנגעזעהענסטע סאָציאַלדעמאָקראַטען פון אונזער
צייט. ליעבקנעכט און בעבעל און די אַנדערע האָבען געקריצט מיט די
צייהן אויף'ן האַנאָווער קאָנגרעס, האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ

און געוואָלט אין חרם אריינלעגען דעם אפיקורוס בערענשטיין, וועל־
כער האָט געוואָגט צו צווייפלען אין דער אומפעלבאַרקייט פון דעם
אַלטען, זכרונו לברכה׳ס טעאָריעס. עס איז באמת משיח׳ס־צייטען:
אַלץ ענטוויקעלט זיך, אפילו דער סאָציאַליזם אויך...

# איינינע פאַלשע באַגריפען פון אַנאַרכיזם *

עס זיינען פאַראַן אַן ערך דריי שולען אין אַנאַרכיזם: 1) די רעוואָלוציאָנערע שול פון באַקונין און קראָפּאָטקין, אויך באַקאַנט אַלס קאָמוניסטישער אַנאַרכיזם; 2) דער עטישער אָדער פילאָזאָפישער אַנאַרכיזם פון גאָדווין, פּרודאָן און טאָקער; און 3) דער רעליגיעזער אַנאַרכיזם פון טאָלסטאָי.

דערפאַר, ווען מען רעדט פון די פאַלשע באַגריפען, וואָס זיינען שטאַרק פאַרשפּרייט וועגען אַנאַרכיזם, איז נויטיג צו האָבען אין זינען, אַז ניט נאָר ווערט יעדע שול באַזונדער מיסרעפּרעזענטירט, נאָר אַז עס קומט אויך אַרויס אַ צעמישעניש שוין צוליב דעם אַליין, וואָס עס איז פאַראַן מעהר ווי איין שול, וועלכע אונטערשיידעט זיך נויטיגערווייז אין געוויסע פּרטים פון די אַנדערע.

ווייטער, די וואָס באַגרייפען פאַלש דעם אַנאַרכיזם, זיינען אויך פון פאַרשיידענע טיפּען. צו מאַכען עס פּשוט'ער, וועלען מיר זיי איינטיילען אין דריי קאַטעגאָריעס: 1) די קאָנסערוואַטיווע, וועלכע שרעקען זיך פאַר יעדען ראַדיקאַלען פאָרשלאַג פאַר אַ סאָציאַלער ענדערונג; 2) סאָציאַליסטען און אַנדערע רעפאָרמער, וועלכע קאָנען ניט, דערפאַר ווייל זיי ווילען ניט, זעהן דעם צווייטענ'ס שטאַנדפּונקט; און 3) פאַרטייאישע אַנאַרכיסטען אַליין, וועלכע גלויבען, אַז זיי האָבען אַ מאָנאָפּאָל אויפ'ן אמת.

---

* אַ פאָרטראַג, וואָס איז געלעזען געוואָרן פאַר דעם „ראַדיקאַל קלאָב", ניו יאָרק, יאַנואַר 1904, און פאַרעפענטליכט אין „פרי סאָסייטי" (אין ענגליש) פון אַפּריל 1904. איבערזעצט אין אידיש פון ד. א.

עס איז, אַלזאָ, קלאָר, אַז די פֿאַלשע באַגריפֿען מוזען זײַן פֿיעל און פֿאַרשיידען, און צו רעדען װעגען זיי אַלע װאָלט געהייסען צו־פֿיעל מיסברויכען אייער געדולד. איך װעל דעריבער באַשרענקען מיינע באַמערקונגען בלויז אויף איינגע פֿון זיי, און באַזונדערס אויף די פֿאַלשע באַגריפֿען װעגען דער רעװאָלוציאָנערער שול, — די װאָס מאַכט אַן דעם גרעסטען טומעל און װערט אַם מייסטען געהאַסט און מיסרעפּרעזענטירט.

דער ערשטער און װיכטיגסטער פֿאַלשער באַגריף, װאָס װערט איבערגעגעבען בשוגג אָדער במזיד פֿון פֿריינד און שונא צוגלייך, איז, אַז די דריי־איינגקייט פֿון אַ נ אַ ר כ י ז ם, ק אָ מ ו נ י ז ם און ר ע װ אָ ל ו צ י ע איז אומאויפֿלעזבאַר; אַז אַנאַרכיזם איז אין זײַן עצם פֿאַרבונדען מיט בלוטיגער רעװאָלוציע פֿון איין זייט, און מיט דעם ברידערליכסטען קאָמוניזם פֿון דער צװייטער; מיט איין װאָרט, אַז אַנאַרכיזם זעצט־פֿאָראויס רעװאָלוציע און שטעלט־פֿעסט דעם קאָמוניזם אַלס אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישע נויט־װענדיגקייט.

אַז עס איז פֿאַראַן אַ געװיסער גרונט פֿאַר אַזאַ פֿאַלשען באַגריף, װאָס לאָזט זיך אַרויסדרינגען פֿון די לעהרען גופֿא פֿון געװיסע פֿרעדיגער פֿון אַנאַרכיזם, קאָן מען אינגאַנצען ניט אָפּלייקענען. אַזוי װי יעדע גענעראַליזאַציע, װאָס איז ניט געבאָרן פֿון ערפֿאַהרונג (אינדוקציע), איז דער אַנאַרכיסטישער באַגריף געװען דרייסט אָבער אומקלאָר. און אַ חוץ דעם, האָט ער, פּונקט װי אַ סך אַנדערע טעאָריעס, לכתחילה ניט געקאָנט אויסמיידען דעם איינפֿלוס פֿון זײַן סביבה.

די געבורט־פּעריאָדע פֿון דעם אַנאַרכיזם פֿאַלט צונויף מיט דער רעװאָלוציאָנס־פּעריאָדע פֿון 1848־71. די טראַדיציע פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעװאָלוציע איז דאַן נאָך געװען פֿריש אין די מוחות פֿון פֿאָלק; די לופֿט איז געװען אָנגעפֿילט מיט פּאָליטיש־סאָציאַלע ענדערונגען; די מענשליכע שטרעבונגען זיינען געפֿלויגען הויך, און דאָס בויען פֿון באַריקאַדען איז דעמאָלט געװען אַ בליהענדע אינדוסטריע. עס איז געװען אַ צייט, װען פֿאַפּירענע קאָנסטיטוציעס און סאָציאַלע סיסטעמען זיינען געמאַכט געװאָ־

רען על רגל אחת, — און דעמאָלט איז דאָס געבאָרן געוואָרן דער סיסטעם פון א געזעלשאַפט אָהן אויטאָריטעט.

די שאַרפסטע קריטיקער פון די טיראַנייען פון שטאַאט זיינען נאַטירליכערוויז געווען די אָם מייסטען אומגעדולדיגע און אָם מייסטען פאַרפאָלגטע רעוואָלוציאָנערן פון דער צייט. דער אידעאַל פון קיין־אויטאָריטעט האָט זיי אינספירירט נאָך עקשנות'דיגער ארויסצוטרעטען קעגען די עקזיסטירענדע הערשער; בעת זייער ברענענדיגע ליעבע פאַר דער אונטערדריקטער מענשהייט האָט ניט געקאָנט געפינען קיין צופרידענשטעלונג, ווי נאָר אין דעם העכ־סטען אויסדרוק פון מענשליכער סאָלידאַריטעט — די עקאָנאָמישע אומבאַזאָרגטקייט פון ברידערליכען קאָמוניזם.

אָבער, בעת עס איז היסטאָריש ריכטיג, אַז די ערשטע אנאַר־כיסטען זיינען קודם כל געווען רעוואָלוציאָנערע קאָמוניסטען, איז נאָך ניט קיין מוז צו דרינגען דערפון, אַז אַנאַרכיזם איז אוממעגליך אָהן דער עקאָנאָמיע פון קאָמוניזם און אָהן דער מעטאָדע פון געוואַלט־רעוואָלוציעס. טעאָרעטיש איז זיכער ניט פאַראַן קיין עצמ'דיגע פאַרבינדונג צווישען די דריי, אַפילו ווען אַ געוויסע צאָהל פערזאָנען גלויבען יאָ אין דער דריי־אייניגקייט אַלס גאַנצע. מענשען, וואָס גלויבען ניט אין דער נויטווענדיקייט פונ'ם שטאַאט, מעגען יאָ אָדער ניט זיין קיין פּרעדיגער פון רעוואָלוציע און דער פּראָפּאַגאַנדאַ דער טאַט, מעגען יאָ גלויבען אָדער ניט גלויבען אין קאָמוניזם. די פאַרטיידיגונג פון פרייהייט אין געזעלשאַפט־ליכע באַציהונגען, דער פּרינציפּ פון וואָלונטאַריזם, אָדער דאָס רעכט פון צוריקציהען זיך פון דער געגעבענער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע, זעצט־פאָראויס — ווי איך וועל באַלד ערקלערן אויס־פיהרליכער — בלויז איין פונדאַמענטאַלען עקאָנאָמישען באַדינג, און דאָס איז — גלייכע געלעגענהייט צו פאַרזיכערן זיך מיט עקאָ־נאָמישער זעלבשטענדיגקייט.

און ווייטער, עס איז א פאַקט, אַז דער ריינער אַמעריקאַנער אַנאַרכיזם, ווי ער איז באַשריבען געוואָרן פון זיין באַגרינדער דזשאָסוא וואָרן (און אויך קרעפטיג אויסגעדריקט פון טהאָראָ), איז אינגאַנצען פריי אי פון קאָמוניזם, אי פון דער רעוואָלוציאָנע־

רער טאקטיק. דער אנארכיזם פון בענדזשאמין ר. טאקער, געווהנליך דער לאגישסטער און אויסגעהאלטענסטער, איז שטארק געגנעריש צום קאמוניסטישען סיסטעם און איז אויסערסט פרידליך אין זיינע מעטאדען. אפילו פרודאן, דער פראנצויז, האט געזוכט איינצופיהרן אנארכיע דורך די פרידליכע מיטלען פון דער פאלקס־באנק און דער ארבייטס־בערזע.

עס איז, אלזא, קלאר, אז אידענטיפיצירן אנארכיזם מיט רעוואלוציע אדער מיט קאמוניזם מיינט האבען א פאלשען באגריף פון דער טעאריע און געהן להיפך צו די פאקטען פון דער געשיכטע פון אנארכיזם. פונדעסטוועגען הערן מיר עס ווידער און ווידער איבערגע׳חזר׳ט בשוגג פון די סימפאטיזירער, וועלכע האבען געמעגט וויסען בעסער, און במזיד פון רעאקציאנערען און פאליטישע סאציאליסטען, וועלכע ווילען ניט וויסען בעסער, ווייל עס דינט זייער צוועק צו דיסקרעדיטירן דעם אנארכיזם פאר׳ן פאלק.

אלס א מוסטער פון אזא בייזוויליגער אומוויסענקייט, וואס איז פארשפרייט וועגען אנארכיזם, וועל איך ציטירן א פאר פאראגראפען פון א בוך, וואס איז ערשינען מיט עטליכע חדשים צוריק, וועלכער איז שטארק געלויבט געווארן פון דער סאציאליסטישער פרעסע און איז פון דעם רעדאקטאר פון „דהי קאמרייד“ אנגערופען געווארן „א מערקווירדיגער בוך פון א מערקווירדיגען מענשען“. אויף זייט 332 פון דער „געשיכטע פון סאציאליזם אין די פאראייניגטע שטאאטען“ לעזען מיר ווי פאלגט:

„ניט אנערקענענדיג דעם ארגאנישען כאראקטער פון דער מענשליכער געזעלשאפט, לייקענט דער אנארכיסט אפ דעם שטופענווייזען און לאגישען גאנג פון איהר ענטוויקלונג. די וועלט איז צו אלע צייטען גרייט פאר די ראדיקאלסטע רעוואלוציעס, און אלץ וואס עס פאדערט זיך פאר זייער ערפאלגרייכער דורכפיהרונג איז א הייפעל ענטשלאסענע מענשען, וואס זאלען זיין גרייט איינצושטעלען זייערע לעבענס פאר דעם וואוילזיין פון דער אונטערדריקטער באפעלקערונג.

„אין איינקלאנג מיט אט די אנזיכטען, פארווארפען אנארכיסטען די פאליטישע טעטיגקייט אלס א נוצלאזען פורים־שפיל און לאכן אויס די באמיהונגען פון טרייד־יוניאנס און סאציאליסטען צו פארבעסערן די לאגע פון דעם ארבייטער־קלאס אלס א רעאקציאנערע טעטיגקייט, וואס

האַלט צוריק די רעוואָלוציע, פאַרשטיקענדיג די אומצופרידענקייט פון די ארבייטער מיט זייערע היינטיגע באַדינגונגען. זייער ארבייט האָט דעם צוועק צו פאַרזייהען די זאַמען פון רעוואָלט צווישען די אָרימע און אָנצופיהרן א פ ע ר ז ע נ ל י כ ע מלחמה מיט די, וועמען זיי באַטראַכטן אלס פאַראַנטוואָרטליך פאַר אלע געזעלשאַפטליכע אומגערעכטיגקייטען, די שטאַרקע און מעכטיגע פון אלע פעלקער. זייערע וואַפען זיינען די פראָפּאגאנדא פון וואָרט און די פּראָפּאגאנדא פון טאַט."

עס זעהט אויס, אז דער דאָזיגער „מערקווירדיגער" מענש האָט קיינמאָל זיך ניט אַריינגעטראַכט עטוואָס טיעפער אין דעם אַנאַרכיזם. כמעט יעדער זאַץ אין אָט די צוויי פּאַראַגראַפען איז א פשוט'ע פאַרדרעהונג פון פראַזען, וואָס ער האָט מסתמא אויפגעכאַפּט פון די התלהבות'דיגע רעדעס פון דעם וועטראַן-רעוואָלוציאָנער, יאָהאַן מאָסט, אַ ערך פופצעהן יאָהר צוריק. אָבער אומגליקליכערוויז ווערט די טעאָריע פון אַנאַרכיזם אזוי שלעכט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ מישמאַש פון אומזיניגקייטען ווערט אָנגענומען פאַר גוט-געלט אַפילו צווישען שריפטשטעלער, שוין ניט צו רעדען פון די פּרומע לעזער, וועלכע ווערן פשוט אויפגעשוידערט פון די „געפעהרליכע טעאָריעס פון יענע שרעקליכע משוגעים, די אַנאַרכיסטען".

אַ צווייטער פאַלשער באַגריף, פון וועלכען איך וויל רעדען, איז א באַגריף, וואָס האָט צו טאָן מיט דעם פונדאַמענטאַלען פּרינציפּ פון אַנאַרכיזם — אינדיווידועלע פרייהייט.

דער אויסדרוק איז זייער פיעל מיסברויכט געוואָרן. אין דעם נאָמען פון פרייהייט פאַרטיידיגט דער זעלבסט-צופרידענער בורזשואַ די סאַמע „שקלאַפעריי פון אונזער צייט"; און אין דעם מוח פון זיין זעלבסט-באַשטימטען נאָכפאָלגער, דעם סאָציאַל-דעמאָקראַטישען שטרעבער צו דער פּאָליטישער מאַכט, פּאַרט זיך פרייהייט גאַנץ גוט צונויף מיט דער „קומענדער שקלאַפעריי". דער אַנאַרכיזם איז פאַרהאַסט, ווייל מען מיינט, אַז ער שטעלט זיך איין פאַר אומגעצוימטער פרייהייט, פאַר פּראָסטער הפקרות, וואָס מאַכט אַ חורבן פון יעדען געזעלשאַפטליכען לעבען; בעת אַנאַרכיסטען אליין זיינען צעטיילט בנוגע דער דעפיניציע פון

פרייהייט. די פילאָזאָפישע" שול בלייבט צופרידען מיט דער ספענסערישער פאָרמולע פון „גלייכער פרייהייט", ד. ה., אז יעדער איינער איז פריי צו טאָן ווי איהם געפעלט, בתנאי אויב ער שטערט ניט די אייגענע פרייהייט פון אנדערע. אָבער דאָס פּראָבלעם איז דערמיט ניט געלייזט, עס ווערט בלויז אָפּגעשטופּט א טריט ווייטער; ווארים די פאָרמולע ענטהאַלט ניט אין זיך קיין אויסטייטש פון איהר באַשרענקענדען זאַץ, נעמליך: אין וואָס באַשטעהט א שטערונג אָדער אַן אָנגריף? א חוץ דעם ווערט געמאכט נאָך אַן איינוועגדונג, און זי שיינט צו זיין גאַנץ באַגרינדעט, אַז מיט אזא באַשרענקונג איז עס ניט מעהר דער פּ ר י נ צ י פּ פון פרייהייט, וואָס דינט אלס וועגווייזער אין אונזער אויפפיהר, נאָר גיכער די ב אַ ש ר ע נ ק ו נ ג פון פרייהייט, וועלכע איז דער זעלבער אַלטער בורזשואזער באַגריף פון פרייהייט געשיצט דורכ'ן געזעץ.

די וואָס געהערען צו דער „ניט־פילאָזאָפישער" שול פון אנאַרכיזם, קוקען דעריבער אויף דער דאָזיגער פאָרמולע מיט פאַראַכט. פאר זיי ענטהאַלט פרייהייט ניט וועניגער ווי יענעם אידיילישען צושטאַנד, אין וועלכען יעדער איינער איז פולשטענדיג פריי ניט נאָר צו טאָן, נאָר צו ג ע נ י ס ע ן אַלצדינג. זיי פאַרלאָזען זיך, גאַנץ ניט־פילאָזאָפיש, אויף דער איינגעבאָרענער גוטסקייט פון דער מענשליכער נאַטור און ענטזאָגען זיך אויפצושטעלען וועלכען עס איז גרעניץ צו פרייהייט. אַט די שטרעבונג פון די קאָמוניסטישע אנאַרכיסטען צו פולשטענדיגער אידילישער פרייהייט איז עס, וואָס טרייבט דעם גוטהערציגען, נאָר פאַרזיכטיגען, רעפאָרמער זיך אַרויסצודרעהען מיט דער סימפּאַטישער באַמערקונג, אַז אנאַרכיזם איז זיכער א שעהנער אידעאַל, נאָר ליידער, אזוי אומפּראַקטיש!

אַט אזוי געפינען מיר, אַז דער אנאַרכיזם ווערט פון איין זייט פאַרשאָלטען אַלס א העלישע טעאָריע פון כאאָס, און פון דער אנדער זייט ווערט ער אידעאַליזירט אַלס א הימלישער נאָר אוממעגליכער טרוים.

דער אמת איז, אַז די פרייהייט, וואָס דער אנאַרכיזם פּרעדיגט, איז ניט אזוי שרעקליך, אַז זי וועט ברענגען כאאָס, און ניט אזוי

הימליש, אַז זי זאָל ניט קאָנען פאַרווירקליכט ווערן. די צרה איז נאָר וואָס מען פאַרשטעהט זי שלעכט. מיר רעדען שטענדיג פון פרייהייט אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ פּאָזיטיווע קראַפט, אַזוי־צו־זאָגען אַ וואָפע, וואָס איינצעלנע קאָנען געברויכען צו גוטען אָדער צו בייזען. מיר הערען אָפט זאָגענדיג: „גיב אַ מענשען פרייהייט און ער וועט זי מיסברויכען, און שעדיגען דעם אַנדערן"; אָדער פאַרקעהרט, „גיט אַ מענשען פרייהייט און ער וועט זיין פריינד־ליך און האָבען איינזעהענייש מיט אַנדערע". אָבער פרייהייט איז ניט אַ זאַך צום געבען. עס איז ניט קיין באַזיץ־רעכט אויף אַ שטיק אייגענטום, אָדער אַ „באַפולמעכטיגונג" צו געהן און טאָן וואָס איינעם געפעלט. בעצם איז פרייהייט ניט מעהר ווי אַ רעלאַציע, און בלויז אַ נעגאַטיווער באַדינג, די אַפּוועזענהייט פון עפּעס, וואָס לאָזט זיך פיהלען גאַנץ פּאָזיטיוו, נעמליך, די *אַפּוועזענהייט פון באַשרענקונג*.

נאָך מעהר, פרייהייט איז אַ *געזעלשאַפטליכע פאַרהעלטעניש*, ניט קיין אינדיווידועלע באַגאַבונג. אַרויס פון געזעלשאַפט קאָנט איהר אפשר גאָר ניט האָבען קיין באַגריף פון פרייהייט. איהר קאָנט אַבסאָלוט טאָן מיט זיך אַלץ וואָס איהר ווילט, און דאָך זאָל עס גאָרנישט האָבען צו טאָן מיט דער פראַגע פון פרייהייט. אייערע האַנדלונגען באַקומען אַ באַדייטונג אין דעם זין פון פרייהייט, ווען זיי האָבען אַ באַשטימטע שייכות צו די האַנדלונגען פון אַנדערע מענשען, ד. ה. ווען זיי זיינען *געזעל־שאַפטליכע* האַנדלונגען. ווען מיר זאָגען פרייהייט, כאַראַק־טעריזירן מיר בלויז די שייכות, וואָס אונזערע טואונגען האָבען צו דעם וואָס אַנדערע טוען, און מיר דריקען אויס דערביי, אַז דאָס וואָס מיר טוען, האַלט ניט צוריק אָדער שטערט ניט די טעטיגקייט פון אימיצען אַנדערש. האָבען פרייהייט, אין די באַציהונגען פון מענש צו מענש, מיינט לחלוטין ניט צו זיין באַשאַנקען מיט דער מאַכט יענעם עפּעס אָפּצוטאָן; עס מיינט געניסען די מזל־ברכה פון דעם נעגאַטיווען צושטאַנד, וואָס יענער וועט מיר עפּעס ניט אָפּטאָן.

מיר הערן מענשען זאָגען: „עס איז אַלץ גאַנץ גוט צו רעדען

פון פולקאָמענער פרייהייט פאַר דער צוקונפט, ווען די אַלטרו־איסטישע געפיהלען וועלען זיין אַ סך מעהר ענטוויקעלט איידער די עגאָאיסטישע געפיהלען, און די זאָרג פון מענשען וועט הויפּט־זעכליך באַשטעהן, ווי ספּענסער מאַלט עס אויס, אין העלפען אַנ־דערע. אָבער מיט דער היינטיגער נאַטור פון מענשען, און די קאָמ־פּליצירטע פאַרהעלטענישען פון קעגענזעצטע אינטערעסען, מוז דער לייטענדער פּרינציפּ פון געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע גי־בער זיין באַשרענקונג איידער פרייהייט".

דער טעות שטעקט דאָ ווידער אין דעם פאַלשען באַגריף פון פרייהייט. פרייהייט איז ניט קיין אָפּפער, וואָס איינער ברענגט לטובה פון אַ צווייטען. עס וואַקסט ניט אַרויס פון דעם אַלטרו־איסטישען געפיהל פון געבען הילף, פון זיין ניצליך. עס איז ניט קיין געבאָט פון „טו צו אַנדערע א. אַז. וו.“, עס איז ניט מעהר ווי דער עגאָאיסטישער רוף: נעהם אוועק די הענט! לאָז מיך צו־רוהה!

די דעפיניציע פון אינדיווידועלער פרייהייט איז ניט, יעדער איינער קאָן טאָן ווי איהם געפעלט, מיט דעם שטילען אָדער אויס־דריקליכען באַדינג פון ניט שעדיגען דערביי א. אַז. וו., ווי נאָר: יעדע־רער מעג זיך צ ו ר י ק ה אַ ל ט ע ן פון טאָן זאַכען, וועלכע איהם געפעלען ניט, אָהן קיין שום צוגעטשעפּעטען שטילען אָדער אויסדריקליכען באַדינג.

אויב אינדיווידועלע פרייהייט קאָן ניט געהן צוזאַמען מיט געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע, — אַלץ ערגער איז עס פאַר דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע.

לאָזט געמאַך דעם אינדיווידום. צ ו ו י נ ג ט איהם ניט צו טאָן זאַכען, וואָס ער וויל ניט, און איהר וועט ניט האָבען קיין אורזאַך איהם צ ו ש ט ע ר ן פון טאָן זאַכען, וואָס ער וויל יאָ טאָן.

דער ציעל פון געזעלשאַפט, טעלעאָלאָגיש גערעדט, איז די ענט־וויקלונג פון דעם איינצעלנעם, און ניט אומגעקעהרט. די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע איז נאָר אויף אַזויפיעל וויכטיג, אויף וויפיעל עס דינט די צוועקן פון די איינצעלנע: וואָס פולשטענדיגער עס איז

זיין פּערזענליכע פרייהייט, אַלץ בעסער דינט די סאָציאַלע אָרגאַניזאציע זיין צוועק.

אַנאַרכיזם איז די פאַרניינונג פון געצוואונגענער אָרגאַניזאציע,גאַנץ זיכער ניט פון יעדער אָרגאַניזאציע. ער לייקענט ניט אָפּ דעם אָרגאַנישען כאַראַקטער פון געזעלשאַפט, און זיכער ניט דעם שטופּענווייזען גאַנג פון איהר ענטוויקלונג. אָבער צו אַנערקענען אַן אָרגאַנישען כאַראַקטער אין געזעלשאַפט מיינט דאָך ניט, אַז זי איז אַן אָרגאַניזם אין דעם פּראָסטען זין פון דעם וואָרט, וואו אַלע אָרגאַנען, וואָס שטעלען איהם צונויף, פאָלגען שקלאַפיש אויס דעם ווילען פון דער צענטראַלער אויטאָריטעט, דעם העכסטען סענסאָריום (עמפּפינדונגס־טייל פון געהירן). די פּאָליטישע אָרגאַניזאציע פון געזעלשאַפט איז אַ גאַנץ אַנדער באַגריף איידער די ביאָלאָגישע אָרגאַניזאציע. די געזעלשאַפט איז אַן אָרגאַניזאציע אָהן ספּעציעלע אָרגאַנען; עס איז אָרגאַניזירט בלויז אַ דאַנק דעם פאַקט, וואָס די איינצעלנע שטעהען אין געגענזייטיגע באַציהונגען איינע צו די אַנדערע. וואָס איז דער כאַראַקטער פון די דאָזיגע געגענזייטיגע באַציהונגען — דאָס איז אינאַנצען אַ פּאָליטישע פראַגע. וואָס איז געווען דער גאַנג פון זייער ענטוויקלונג און וואָס זאָל זיין, דער כאַראַקטער פון די דאָזיגע געגענזייטיגע באַציהונגען? דאָס איז אַ פראַגע פון אידעאַל. דער אַנאַרכיזם לערנט, אַז עס דאַרף זיין אַ פרייהייטליכער; אַז די געגענזייטיגע באַציהונגען, ד. ה. די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאציע דאַרף זיין אַ פרייוויליגע און ניט קיין געצוואונגענע.

דער איינצעלנער איז מיט גאַרנישט ניט פאַרפּליכטעט צו וועלכער עס איז פּערזאָן אָדער גרופּע פון פּערזאָנען. ער דאַרף זיין פריי, פולשטענדיג פריי, מיטצואַרבייטען מיט זיינע חברים, פאַר וועלכען עס איז צוועק, אויב איהם געפעלט, אָדער צו שטעהן אַליין און ניט באַטייליגען זיך אין דער אַרבייט און אין די נוצען פון אַזאַ געזעלשאַפטליכער אונטערנעהמונג. דער פּרינציפּ פון אינדיווידועלער פרייהייט איז דאָס רעכט פון אָפּטיילען זיך, דאָס רעכט פון צוריקציהען זיך פון דער באַשטעהענדער פּאָליטישער

ארגאניזאציע, דאס רעכט נ י ט צ ו ט א ן זאכען, וואס ער וויל ניט טאן, דאס רעכט ניט איינצושטימען מיט די באשלוסען פון דער מאיאריטעט; מיט איין ווארט, דאס רעכט אויף דעם אב־סאלוטען באזיץ פון דער אייגענער פערזענליכקייט.

די אידעע פון ארכיזם, פון שטאאט אין אלע זיינע געשטאל־טען און פארמען, איז באזירט אויף דער טעאריע, אז איין טייל פון דער געזעלשאפט — א מינאריטעט אין דער אליגארכישער פארם פון שטאאט, א מאיאריטעט אין דער דעמאקראטישער—האט דאס רעכט צו צווינגען די איבעריגע צו פאלגען איהרע באפעהלען. יעדע פארם פון שטאאטליכער ארגאניזאציע לייקענט פרינציפיעל אפ דאס רעכט פון איהרע באשטעהנדע מיטגלידער זיך צוריקצו־ציהען, איינציגווייז אדער ברבים, פון דער דאזיגער ארגאניזאציע. קיין שטאאט וועט ניט דולדען, אין זיין יורידיקציע, קיין אנדער ארגאניזאציע, וואס איז ניט אפהענגיג פון זיין אויטאריטעט. פאר דעם אנהענגער פון רעגירונג איז קיין זאך ניט אזוי מורא׳־דיג שלעכט, ווי „א שטאאט אין א שטאאט". דער אנארכיזם ערקלערט זיך שולדיג אין האלטען דעם שטאנדפונקט, וואס איז פונקט אנטקעגענגעזעצט דעם שטאנדפונקט פון דעם צוואנג־שטאאט. ער פארטיידיגט דעם פ ע ר ז ע נ ל י כ ע ן אויס־וואהל אנשטאט דער מ א י א ר י ט ע ט ה ע ר ש א פ ט, די פרייהייט נ י ט צ ו ט א ן וואס די אויטאריטעט באפעהלט; מיט איין ווארט: פ ר י י וו י ל י ג ע אנשטאט ג ע צ וו א ו נ־ג ע נ ע ארגאניזאציע.

דאס אלץ איז אנארכיזם — אבער מ ע ה ר ג א ר נ י ש ט. און דאס ברענגט אונז צו דער באטראכטונג פון נאך א פאלשען באגריף פון אנארכיזם.

מען נעהמט שטענדיג אן, אז דער אנארכיזם זעצט־פאראויס א געוויסען ספּעציעלען עקאנאמישען סיסטעם, וואס זאל געהן האנט אין האנט מיט איהם; אז אהן אזא ספעציעלען עקאנא־מישען באדינג איז אנארכיזם אוממעגליך, אדער לוינט זיך ניט. איך רעד דא ניט קעגען אנארכיסטען, וואס ציהען־פאר קאמוניזם, אדער פריוואט־אייגענטום, אדער וועלכען עס איז אנדערן סיסטעם,

אלס א ווינשענסווערטע עקאנאמישע באדינג אין און פאר זיך; איך רעד בלויז קעגען דער אנשויאונג, וואס זעהט אין איינעם אדער אין דעם אנדערן פון די עקאנאמישע סיסטעמען אן אומפארמיידליכען באדינג פאר דעם ריכ־טיגען אנגאנג פון דער אנארכיסטישער ארגאניזאציע; וואס לייקענט אפ די מעגליכקייט פון אנארכיזם אהן דעם צווייטען ערגענצענדען „איזם“. אין דער הינזיכט זיינען אי די קאמוניסטען, אי די אזוי־גערופענע אינדיווידואליסטען גלייכע שולדיגע. דער ארגומענט פון די קאמוניסטען איז, ערשטענס, אז דער מענש קאן ניט זיין פולשטענדיג פריי, כל זמן ער איז ניט פריי צו געניסען אלץ וואס ער דארף פון די זאכען וואס זיינען דא אויף דער וועלט, אומגעאכט אויף זיין חלק אין דער פראדוק־ציע. און, צווייטענס, אז דאס אויסגלייכען פון פארמעגען איז אן אבסאלוטע נויטווענדיגקייט פאר דער פארזיכערונג פון דער אינסטיטוציע פון פרייהייט.

די טענה פון די אינדיווידואליסטען, אויפהאלטענדיג פריי־וואט־אייגענטום, איז, אז קאמוניזם איז בעצם אן עקספלואטי־רונג פון דעם שטארקען פאר דעם שוואכען, וואס, ערשטענס, געהט עס קעגען דעם פראגרעס פון דער ראסע; און, צווייטענס, פאר־שמעלערט עס די פרייהייט פון דעם שטארקערן צו גונסטען פון דעם שוואכערן.

אויף די טענות פון די קאמוניסטען וואלט איך געענטפערט: גאנץ זיכער קאן מען ניט זיין פולשטענדיג פריי אויף דער וועלט, ווארים אפילו אין קאמוניזם קאנט איהר ניט זיין פריי פון אלע דאגות און זארג. איהר קאנט ניט זיין פריי פון קראנקהייטען און פון אומפארמיידליכען טויט, און פון די אומצעהלבארע איבלען און צרות וואס דער מענשליכער קערפער און גייסט האבען אויס־צושטעהן. נאכמעהר, עס איז גאר א גרויסער ספק, צי אפילו א קאמוניסט האט א „פרייען ווילען“.

געוויס, איך לייקען ניט, אז עס וואלט גאנץ גוט געווען צו האבען אט די אלע זארטען פרייהייט; איך לייקען אבער יא גאנץ פא־זיטיוו, אז מיר קאנען ניט האבען קיין אנארכיסטישע

פרייהייט אהן זיי. געדענקט, אז די פרייהייט, וואס דער אנאר־כיזם באשטרעבט, איז די פרייהייט ניט צו טאן געזעלשאפטליך דאס, וואס איינער וויל ניט טאן; ניט צו זיין געצוואונגען פון שטאט, אדער פון וועלכער עס איז ארגאניזאציע צו באטייליגען זיך אין אונטערנעהמונגען, וואס דער מענש האט אליין זיך ניט אויסגע־קליבען. דאס איז אנארכיסטישע פרייהייט, און דאס איז אלע צו וואס דער אנארכיזם שטרעבט; דאס איבריגע איז א פראגע פון געלעגענהייט און פרייוויליגער איינשטימונג.

אלע וואס א מענש האט נויטיג, כדי ווירקליך אויפצוהאלטען זיין פרייהייט און ניט אונטערוואַרפען זיך צו אויטאריטעט, איז, א חוץ א געזונטען פארשטאנד, עקאנאמישע אומאפ־הענגיגקייט. און דאס איז מעגליך, ווען יעדער האט א גלייכע געלעגענהייט אויסצונוצען די ערד און די פרייע מתנות פון דער נאטור. איז דאס פאראנען, קאן דער מענש דורך געגענזייטיגער איינשטימונג אין אן אמת־פרייוויליגער ארגאניזאציע, לעבען פריי און גליקליך אויף אימער און אייביג.

ניט די גלייכהייט פון פארמעגען, נאר די גלייכהייט פון געלע־גענהייט, איז צו־גאב צו פרייהייט, וועט ברענגען ברידערליכקייט. ווארים דער שטארקערער און מעהר אויסגערעכענטער וועט קיינ־מאל ניט האבען די מעגליכקייט צו אונטערדריקען דעם שוואַ־כערן און ווענינגער אויסגערעכענטען, — אויב אפילו די שוואכע און אומבאהאלפענע קאנען זיין שטארק גענוג און ערפינדעריש גענוג, דורך גלייכער געלעגענהייט, צו באשטעהן זייער אייגען שטעדטעל און זיין פריי.

פון דער אנדער זייט, איז ניטא קיין גרונט פאר דעם אינדי־ווידואליסט מורא צו האבען פאר א קאמוניזם, וואס איז פרייווי־ליג ארגאניזירט אויף געגענזייטיגער צושטימונג. עס קאן ניט זיין קיין עקספלואטאציע אונטער געגענזייטיגקייט (מוטואליזם). איהר קאנט קיינמאל ניט עקספלואטירן א מענשען, וואס איז ניט געצוואונגען אנצונעהמען אייערע באדינגונגען; און קיין אנאר־כיסט האט קיינמאל ניט פארגעשלאגען ארויפצוצווינגען קאמוניזם

אויף אימיצען. וואָס איז שייך דעם פּראָגרעס פון דער ראַסע — נו, געווינט אין דער לעצטער צייט אַלץ מעהר באָדען גראָד דער געדאַנק, אַז דער פּראָגרעס ווערט גאָר שטאַרקער, ניט שוואַכער, דורך געגענזייטיגער הילף, און מיר מעגען מיט א ריינעם געוויסען איהם לאָזען צורוה.

נאָך מעהר, דאָס איינשטעלען זיך דורכאויס פאַר איין ספּעציעלען עקאָנאָמישען סיסטעם איז אליין א טרויעריגע מיספאַרשטענדניש וועגען דעם עצם כאַראַקטער פון סאָציאַלען פּראָגרעס. אַלץ אין דער וועלט געהט אין דער ליניע פון קלענסטען ווידערשטאַנד, און וועט געהן אין דער צוקונפט, פּונקט אַזוי אומפאַרמיידליך ווי עס איז געגאַנגען ביז איצט; אָבער ווער קאָן פאַרשרייבען די ליניע, אין וועלכער די פאַרשיידענאַרטיגע מענשליכע נויטען וועלען זיך באַוועגען, כדי צו קריגען זייער צופרידענשטעלונג?

עס וועט זיין גענוג פּלאַץ אי פאַר דעם קאָמוניזם, אי פאַר דעם אינדיווידואַליזם; זאָלען מיר נאָר האָבען אַנאַרכיזם.

# פּאָלעמישעס

# אנאַרכיזם, ווי אַן אַנאַרכיסט פאַרשטעהט אים. *

אנאַרכיזם איז די טעאָריע פון אַ נייער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג, וואָס וועט זיין געבויט אויפ'ן פּרינציפּ פון פ ר י י־ וו י ל י ג ע ר ב א ט י י ל י ג ו נ ג, אָדער סתם געזאָגט — פרייהייט. דער נאָמען אנארכיזם גופא האָט ניט און קאָן ניט האָבען קיין אַנדער באַדייטונג, און איז קיינמאָל ניט געברויכט געוואָרן אין קיין אַנדער זין, ווי פּרודאָן האָט איהם געברויכט צום ערשטען מאָל. די נאַרישקייטען און פאַרלוימדונגען, וואָס קאַפּיטאַ־ ליסטען און אַנדערע טשעפּען־אָן אַן איהם, קלעפּען זיך נאָר צום וואָרט אַנארכיע, וואָס איז לאַנג געברויכט געוואָרן אין דעם זין פון אומאָרדענונג, און ווערט איצט געברויכט אויך אין דעם זין פון אַהן־הערשאַפט.

סיי עטימאָלאָגיש און סיי היסטאָריש מיינט אַנארכיזם — די טעאָריע, און אַנארכיע (אין אונזער זין) — דער צושטאַנד פון אַ געזעלשאַפט געבויט אויף פרייהייט.

אָבער זאָגען סתם פרייהייט מיינט נאָך ניט קיין זאַך באַ־ שטימט. יעדער צופרידענער בירגער טענה'ט, אַז היינטיגע גע־ זעלשאַפט איז געבויט אויף פרייהייט. און יעדער סאָציאַלדעמאָ־ קראַט איז אש להבה אויף ספּענסער'ן, וועלכער זאָגט, אַז אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע וועט הערשען שקלאַפעריי. ס'טייטש פריי־ הייט! ווער וויל דאָס ניט אַזא טייערן פּערל אין האַלזבאַנד פון זיין צוקונפטס־אידעאַל? הגם אפילו קאַוטסקי אַליין זאָגט *), אַז „סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע קאָן ניט געהן האַנט אין האַנט מיט

---

* די „צוקונפט“, מערץ, 1903.

* „דער באַזיס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע“.

פרייהייט פון ארבייט, דאָס הייסט מיט דעם ארבייטער'ס פרייהייט צו שאַפען ווען און ווי ער וויל... אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט", זאָגט ער, „וועלען אַלע מיטלען פון דער פּראָדוקציע זיין קאָנצענטרירט אין די הענט פון שטאַאט, דעם איינציגען ארבייטסגעבער, און קיינער וועט ניט האָבען קיין ברירה. היינטיגען טאָג געניסט דער ארבייטער מעהר פרייהייט ווי ער וועט האָבען אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט". הגם ער זאָגט דאָס, און ער ווייסט וואָס ער זאָגט, וועט אייך יעדער סאָציאַלדעמאָקראַט אויסקראַצען די אויגען אויב איהר וועט איהם זאָגען, אַז אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע וועט ניט זיין קיין פרייהייט.

איז דאָך די קשיא: היינט וואָס וויל דער אנארכיזם? וואָס פאַר אַ נייעס גיט ער אונז, וואָס די גדולי הדור פון דער „איינציגער אמת'ער ארבייטער פּאַרטיי" האָבען שוין לאַנג ניט דערקלערט אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט?

קודם אָבער, איידער מיר קומען צו אַנאַליזירען די באדייטונג פון פרייהייט און די אנארכיסטישע טעאָריע, וויל איך אויף אַ ווייל זיך אָפּשטעלען אויף די פּאַראָרטייל'ען וואָס הערשען וועגען דעם.

## רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדאַ און אנארכיזם

פון דעם גרעסטען ביז דעם קלענסטען כמעט צווישען די סאָציאַלדעמאָקראַטען ווערט דער אנארכיזם אָנגעקלאָגט פאַר זיין שטעלונג בנוגע דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדאַ. בעבעל אין זיין לעצטער רעדע אין רייכסטאַג האָט גענומען נאָכאַמאָל די געלעגענהייט צו פאַר'מסר'ן די אנארכיסטען אַלס היציקפיגע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע אטאַקירן די פּערזאָנען פון הערשער, בעת זיין פּאַרטיי האַלט יעדען הערשער פאַר פּערזענליך אומשולדיג. דאָגעגען, דער שרייבער איבער אנארכיזם אין „צוקונפט" פון לעצטען מאָנאַט, קלאָגט אָן דעם אנארכיזם, אַז „ער איז אַוועק ווייט־ווייט צוריק; ער האָט, נעמליך, איינגאַנצען פאַרלאָזען יענעם באָדען פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וואו דער אנארכיזם פון אַמאָל, ווי אומפּראַקטיש ער איז אויך ניט געווען, האָט דאָך אמוועניג־

סטענס געקאָנט פאַרבלייבען טריי צו זיך זעלבסט און זיין פּי־
לאָזאָפיע“.

דער אַנאַרכיזם, ווי עס איז צו זעהן פון אַט דעם ווידערשפּרוך,
ווערט באַשולדיגט אי פאַרוואָס ער שטעהט יאָ אויף דעם באָדען
פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אי פאַרוואָס ער שטעהט ניט אויף
דעם דאָזיגען באָדען. הצד השוה שבהם איז, אַז זיי האָבען ביידע
אַ טעות, מיינענדיג, אַז די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדאַ האָט
אין עצם אַ פאַרבינדונג מיט דער טעאָריע פון אַנאַרכיזם. אָבער
ניט די לאָגיק פון דער אידעע און ניט דער היסטאָרישער פאַקט
גיט אירגענד וועלכען גרונט פאַר אַט דער מיינונג. פון אַלע לעהרער
פון אַנאַרכיזם זיינען נאָר צוויי — באַקונין און קראָפּאָטקין — פאַר
רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדאַ; אַלע איבעריגע — גאָדווין,
שטירנער, פּרודאָן, טאָלסטאָי און טאַקער — זיינען קעגען רעוואָ־
לוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדאַ, הגם זיי שטימען אַלע איין אין גרונט־
פּרינציפּ פון אַנאַרכיזם. די וואָס פאַרשטעהען דעם אַנאַרכיזם ווייי־
סען, אַז די רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט איז בלויז אַ מ ע ט אָ ד ע
ווי צו פאַרווירקליכען די אידעע, אָבער איז ניט אַ טייל פון דער
אידעע גופא.

עס איז געווען אַ צייט, ווען די רעוואָלוציאָנער־געזאָנענע אַר־
בייטער פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ האָבען ניט געקאָנט איינ־
שטימען מיט די פּאָליטישע טעטיגקייטען פון מאַרקס און זיין
פּאַרטיי און זיינען צוגעשטאַנען צו באַקונין דעם רעוואָלוציאָנער.
אין זייער גאַנצען דענקען וועגען דער געזעלשאַפט בכלל און פּאָ־
ליטישער עקאָנאָמיע בפרט זיינען זיי געווען אַלגעמיין סאָציאַ־
ליסטיש אָדער קאָמוניסטיש, נאָר זיי האָבען פאַרוואָרפען די פּאָ־
ליטישע אַקציאָן און דעם אויטאָריטערן שטאַאַט און האָבען זיך
גערופען אַנאַרכיסטען.

אין דער אידישער באַוועגונג דאָ אין לאַנד, ווי איך געדענק
זי מיט אַ יאָהר פופצעהן צוריק, איידער די אידישע סאָציאַלדע־
מאָקראַטיע איז געבאָרן געוואָרן, זיינען די באַוועגער געווען סאָ־
ציאַל־רעוואָלוציאָנערן אויפ'ן ערשטען פּלאַן, און נאָר איניגע האָ־
בען זיך גערופען אַנאַרכיסטען ספּעציעל. אַזוי פאַרווירט זיינען דאַן

געוועז די אידעען איבער סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם, און אַזוי־פיעל איז דער רעוואָלוציאָנערער טייל געשטאַנען אין פאָדער־גרונט, אַז ביז היינטיגען טאָג זיינען נאָך געבליבען אַזעלכע ווי טשערקעסאָוו, וועלכע פאָרמולירען זייער געדאַנק אין די ווערטער: קאָמוניזם און רעוואָלוציע — איז אַנאַרכיזם.

זינט דאַן אָבער זיינען די געדאַנקען פיעל קלערער געוואָרען; פון סאָציאַליסטען זיינען געוואָרען סאָציאַלדעמאָקראַטען, און פון קאָמוניסטען־רעוואָלוציאָנערן זיינען געוואָרען אַנאַרכיסטען. יעדער לאַגער האָט געשאַפען נייע אָנשויאונגען און טיפערע קריטיקען, און זייערע וועגען זיינען געוואָרען כרחוק מזרח ממערב. די ריפּ־וואַן־ווינקעלס, וואָס שיסען איצט מיט פאַר־צוועלף־יעהריגע האַר־מאַטען, קאָנען פאַרניכטען בלויז פאַנטאָמס, וועלכע האָבען שוין לאַנג אויסגעהויכט דעם גייסט און האָבען געמאַכט פּלאַץ פאַר אַנ־דערע און קליגערע פאַר זיי.

## אינדיווידועלע פרייהייט

**דער** איינציגער פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ פון אַנאַרכיזם איז די פרייהייט פון דעם איינצעלנעם אין דער געזעלשאַפט. ער איז ניט קיין דריי־איינינגקייט, אַזוי ווי ער איז ניט קיין דרייצעהן־איי־ניגקייט. ער איז ניט נאָר קעגען געזעצען, שטאַאַט און אויטאָרי־טעט, נאָר ער איז קעגען יעדען פּלאַן און יעדער איינריכטונג, וועלכע פאָדערט, אַז איטיצער זאָל זיך מוזען פיהרען לויט דעם באַשלוס פון אַנדערע מענשען. ער איז קעגען דעם גאַנצען סאָציאַלדעמאָקראַטישען געזעלשאַפטס־פּלאַן, ווייל נאָך דעם פּלאַן נאָך קאָן דער איינצעלנער ארבייטער ניט געניסען אַפילו אַזוי־פיעל פרייהייט וויפיעל ער האָט איצט. דאָס איז דער פּרינציפּ פון אַנאַרכיזם; זיין טעאָריע ערקלערט די מעגליכקייט דעם דאָ־זיגען פּרינציפּ צו פאַרווירקליכען; און זיין אָנשויאונג גיט דעם פילאָזאָפישען בליק איבער דעם גאַנג פון פּראָגרעס און ענטוויק־לונג, וועלכע פיהרען צום אידעאַל פון אַ פרייער געזעלשאַפט.

אָבער קודם וועט יעדערער פרעגען: וואָס איז אינדיווידועלע פרייהייט? מיינט עס, אַז יעדער איינער איז פריי אָפּצוגעהמען ביי דעם אַנדערן וואָס ער וויל? ניין, ליעבער פריינד, דאָס מיינט עס בשום אופן נישט. דאָס איז טיראַניי, אויטאָקראַטיע, די פאַר־לייקענונג, דער היפּך פון פרייהייט. פרייהייט מיינט נאָר — דאָס רעכט צו טאָן מ י ט ז י ך ז ע ל ב ס ט וואָס איינער וויל, — פרייהייט איבער זיך און נישט איבער קיינעם.

נו, פרעגט ווידער איינער, דאָס איז אַלץ רעכט ווען אַ מענש לעבט איינער אַליין אויף אַן אינזעל, קאָן ער טאָן מיט זיך וואָס ער וויל; ווי איז אָבער אין אַ געזעלשאַפט, צווישען נאָך מענשען, וואו יעדע זאַך וואָס ער טוט באַריהרט אַנדערע מענשען און קומט אָפּטמאָל אין קאָנפליקט מיט זייערע אינטערעסען? ניין, דאָס איז אויך קיין קשיה נישט. אַ מענש איינער אַליין אויף אַן אינזעל האָט גאָרנישט קיין פרייהייט; ער קאָן אפילו דעם ב אַ ג ר י ף פון פרייהייט נישט האָבען ווען ער איז איינער אַליין. דער באַגריף קומט ערשט דורך די פאַרהעלטעגישען פון אַ געזעלשאַפט; ערשט דאַן, ווען זיינע טאַטען באַריהרן אַנדערע מענשען, קאָן ער האָבען די פרייהייט צו טאָן מיט זיך ווי ע ר וויל, אָדער ווי ז י י ווילען.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך גיב דאָ נישט קיין דאָגמעס וועגען פרייהייט; איך לעג דאָ נישט אַוועק קיין הלכה למשה מסיני. איך זאָג נאָר דאָס, וואָס עס פאָלגט פון דער לאָגיק פון דער זאַך אַליין, ווי יעדער מענש מיט אַ גלייכען פאַרשטאַנד קאָן עס פאַר זיך אויס־דענקען. עס זיינען דאָ מענשען, וואָס הערן נישט וואָס זיי רעדען, וועלכע צע'טענה'ן זיך אָפּטמאָל: ס'טייטש! ווי אַזוי בין איך פריי, אַז איך האָב נישט אַלץ וואָס איך וויל? דער ענטפער אויף דעם איז: פרייהייט האָט גאָרנישט צו טאָן מיט האָבען. איך בין פריי, ווען קיינער שטערט מיך נישט צו שאַפען דאָס וואָס איך וויל האָבען. אויב מיר ווילט זיך דאָס טעלערל פון הימעל, אָדער מיר ווילט זיך, למשל, בויען אַזאַ בריק, וואָס קיינעם פאַלט גאָר נישט איין, דאַרף איך זיין משוגע אַ מיינען אַז איך בין נישט פריי, וויל איך קאָן עס נישט באַהויפּטען. דאָס יאָ, איך בין פריי נישט

מיטצוהעלפֿען בויען א משונה'דיגע בריק, ווען איך וויל ניט, און די גאַנצע געזעלשאַפֿט האָט קיין רעכט ניט מיך צו צווינגען דערצו.

הייסט דאָס אַבסאָלוט פֿריי? ניין, עס איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין אַבסאָלוטע פֿרייהייט! מיר רופֿען עס פֿולשטענדיגע פֿרייהייט, פֿולשטענדיג אונטער די געגעבענע באַציהונגען; אָדער פֿולקאָמע פֿרייהייט, ד. ה. פֿולקאָם אונטער די געגעבענע אומשטענדען. ווען אונטער אַלע אומשטענדען און אין יעדער געגעבענער באַציהונג קאָן דער איינצעלנער פֿרייוויליג יאָ נעהמען אַנטייל אָדער ניט נעהמען אַנטייל אין געזעלשאַפֿטליכע אַנגעלעגענהייטען, דאַן איז דער איינצעלנער פֿולקאָם פֿריי, און די געזעלשאַפֿט, וואָס איז געבויט אויף דעם באַזיס, איז אַ פֿרייע געזעלשאַפֿט.

אַהאַ! — צעוואָרטעלט זיך דאָ אַ גוטהאַרציגער קריטיקער: אַ שעהנער אידעאַל, כ'לעבען! זעהר שעהן און גוט פֿאַר מלאכים; אָבער ווי איז דאָס מעגליך צווישען בשר־ודם'ס, אין אַ געזעלשאַפֿט אויף דער וועלט, וואו יעדערער האָט אַנדערע מיינונגען? א. אַז. וו.

איך מיין אָבער גראָד פֿאַרקעהרט: מלאכים, אויב זיי האָבען ניט קיין מיינונגספֿאַרשיידענקייטען צווישען זיך, קאָנען לעבען און מיינען, אַז זיי זיינען פֿריי, אפֿילו אין אַ סאָציאַלדעמאָקראַטישער געזעלשאַפֿט אויך; מענשען אָבער, גראָד דערפֿאַר ווייל זיי האָבען פֿאַרשיידענע מיינונגען, קאָנען צופֿרידען זיין נאָר אין אַ געזעלשאַפֿט, וואו יעדער איינער קאָן האַנדלען לויט זיין אייגענער מיינונג נאָך.

די איבּיגע שרעק פֿון די דאָזיגע קריטיקער איז, אַז געוועהנליכע מענשען וועלען חס־וחלילה מיסברויכען זייער פֿרייהייט. זיי האָבען מורא, אַז געבען מענשען פֿרייהייט איז גראָד ווי דערלאַנגען זיי אַ בולאַווע אין די הענט צו ברעכען איינע די אַנדערע די קעפּ דערמיט. דער טעות שטעקט אין דעם, וואָס זיי מיסברויכען גלייך די מיינונג פֿון פֿרייהייט. זיי רעדען פֿון דעם, אַזוי ווי פֿרייהייט וואָלט געמיינט קאַרט־בלאַנש צו שניידען ווי אין קרויט; אַזוי ווי דאָס וואָלט געמיינט צו געבען אַ וואָפֿען אין די הענט פֿון ישמעאל, וואָס ידו בכל ויד כל בו. אָבער, אין גרונט

גענומען, איז פרייהייט אין ריכטיגען זין דורכאויס ניט קיין פּאָזיטיווע מאַכט. עס איז פיעל מעהר אַ נעגאַטיווע רעכט ניט צו טאָן וואָס איינער וויל ניט. אין אַ פרייער געזעלשאַפט האָט יעדער איינער די פרייהייט צו ענטזאַגען זיך מיטצוהעלפען אין דאָס, וואָס ער וויל ניט עס זאָל געטאָן ווערן.

אין היינטיגער געזעלשאַפט, ווי אויך אין אַ צוקינפטיגער סאָציאַלדעמאָקראַטישער געזעלשאַפט, מוז איך מיטהעלפען בויען אַ בריק, אָדער פלאַסטערן אַ גאַס מיט שטיינער, ווען איך וויל בעסער אַספאַלט, אָדער בויען אַ שול וואָס זעהט אויס ווי אַ קאַזאַרמע — צי איך וויל צי איך וויל ניט. אין אַן אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפט בין איך פריי ניט מיטצוהעלפען, אויב איך וויל ניט. איך האָב ניט קיין פרייהייט צו שטערן יענע, וואָס ווילען עס יאָ, און עס מעג מיר אפילו וועה טאָן דאָס האַרץ צו קוקען אויף יענער שול ווי אַ קאַזאַרמע: איך קאָן קיינעם ניט צווינגען צו טאָן ווי איך וויל, און קיינער קאָן מיך ניט צווינגען צו טאָן ווי ער וויל. דאָס איז וואָס דער אַנאַרכיסט מיינט מיט דעם רעכט „אוועקצוגעהן" ווען ער שטימט ניט איין — ניט ווי דער שרייבער אין „צוקונפט" האָט זיך צוווערטעלט, אַ שטייגער, אַוועקצוגעהן פון האַצעפּלאַץ קיין ארץ־ישראל אָדער אַרגענטינע.

## דאָס רעכט פון דער געזעלשאַפט איבער די איינצעלנע

לאָמיר אַננעהמען, ווי יענער שרייבער זאָגט, אַז „רעכט — איז אַ פוסט פלעשעל", און מיר ווילען זיך ניט אָפּעסען דאָס האַרץ איבער דער פראַגע, צי הונדערט מענשען האָבען אַ גרעסערן רעכט איידער ניין־און־ניינציג מענשען, צי ניין. מיר ווילען די זאַך באַטראַכטען בלויז ווי אַ פראַגע פון פּראַקטישען האַנדלען (עקספּידיענסי). די פראַגע, אַלזאָ, איז — וואָס זאָל אַ געזעלשאַפט אָדער אַ געמיינדע טאָן, ווען עס האַנדעלט זיך דורכצופיהרן אַ נויטיגען פּראָיעקט, ווי למשל, בויען אַ בריק? מיר נעהמען אָן, אַז איינע זיינען געגען דעם פּלאַן און אַנדערע זיינען פאַר — ווי זאָל מען באַשליסען? מען ווייסט, אַז קהל איז קיין גזלן ניט; אַז ווען מענשען האָבען ניט קיין אינטערעס פון איינגעננוצען זיינען זיי גוט־

מוטיג און ברידערליך איינער צום אַנדערן; דאָך אָבער מוז מען האָבען עפּעס אַ פּרינציפּ, אַ מעטאָדע, ווי צו באַשליסען אויף יאָ אָדער ניין.

משה רבינו, ע"ה, האָט געגעבען אַן עצה: אחרי רבים להטות. מיט ווייניג אויסנאהמען האָט די גאַנצע וועלט, ביז היינטיגען טאָג, אָנגענומען די עצה. עס האָט אפילו זעהר אָפט געשאַפען אומצופרידענקייט און מען האָט געמוזט אַמאָל באַשליסען, אז וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אַ וויכטיגער פראַגע איז אַ מאַיאָריטעט פון איינעם ניט גענוג, נאָר מען מוז האָבען אַ מאַיאָריטעט פון צוויי-דריטעל. אין העכסט-וויכטיגע פראַגען טרעפט זאַגאַר, אז מען פּאַרוואַרפט די עצה אינגאַנצען און מען מוז האָבען, אז אַ ל ע זאָלען איינשטימען. בכלל אָבער הערשט היינטיגען טאָג די מעטאָדע פון אחרי רבים להטות, און דער נאַטירליכער רעזולטאַט איז, אז די מינאָריטעט בלייבט אומצופרידען און קאָן זיך ניט העלפען.

איז דען גאָר ניטאָ קיין אַנדער מעטאָדע? די סאָציאַלדעמאָקראַטיע קאָן קיין אַנדערע ניט געפינען. וואָס דען ווילט איהר, טענה'ט זי צו איהרע קריטיקער, אז די מינאָריטעט זאָל אויספיהרן? אָ, איהר זייט די וואָס זאָגען, אז די מאַיאָריטעט איז אימער דום און קאָנסערוואַטיוו; אז די מינאָריטעט איז פּראָגרעסיוו און דעריבער דאַרף זי פיהרן! אַן אָלגיאַרכיע ווילט איהר האָבען! איהר זעהט ניט, אז איהר באַגראָבט זיך אַליין; אז איהר קוילעט זיך, הרג'עט דערמיט אייער אייגענעם אַנאַרכיזם!

לא מיט אַן אלף, מיין פריינד! האָט נאָר קיין פּחד ניט. אונזער לעבען איז ניט אין געפאַהר! די מאַיאָריטעט מעג טאַקע אימער זיין דום, אָבער מיר זאָגען ניט, אז די מינאָריטעט זאָל זי פיהרן; אדרבה, קיינער זאָל ניט פיהרן, ניט אויספיהרן איבער דעם אַנדערן; עס זאָל גאָר דער מין ניט זיין פון אויספיהרן קעגען דעם אַנדערן.

— טאָ ווי וועט איהר בויען אַ בריק, ברוקירן אַ גאַס. שטעלען פּאָקען, קאָכען פיש?...

כאַפּט ניט, איהר קאָנט זיך נאָך ח"ו דערשטיקען מיט אזוי פיעל הארבע קשיות אויף אַמאָל. אָט לאָמיר זעהן: אין אַ געמיינדע קומט ארויף די פאָדערונג צו בויען אַ בריק. קומען זיך צוזאַמען

מענשען אין סיטי האָל, אָדער אויפ׳ן מארק־פלאַץ, און מען דיס־קוטירט וועגען דעם. מען קאָן ניט קומען צו א טאָלק. שטימט מען ווער איז פאַר און ווער איז געגען. צייגט זיך ארויס, אז ניין־צעהנ־טעל זיינען פאַר און איין־צעהנטעל איז געגען. מען זוכט זיי איי־בערצורעדען. עס געהט ניט. וואָס זאָל זיין? פשוט. די ניין־צעהנטעל בויען זייער בריק, קיינער קאָן זיי ניט שטערן, און דער איין־צעהנטעל, וואָס וויל ניט, העלפט ניט — דאָס איז אַלץ. האָט דער איין־צעהנטעל, די מינאָריטעט, בכח אליין צו בויען א בריק, קאָן איהם קיינער ניט פאַרוועהרען; האָט ער עס ניט בכח, איז ווער איז שולדיג דעם בלינדען, וואָס ער קאָן ניט זעהן? וואָלט איהם ווער־עס־איז ניט געלאָזען טאָן וואָס ער קאָן, אָדער פאַר־קעהרט, געצוואונגען טאָן דאָס, וואָס ער וויל ניט — דאן איז ער ניט פריי; אָבער אין אַן אנאַרכיסטישער געזעלשאַפט שטערט איהם קיינער ניט, איז אַלץ רעכט.

נאָך דער מעטאָדע פון אחרי רבים להטות קומט אויס, אז אויב די ניין־צעהנטעל האָבען באַשלאָסען צו בויען א בריק, מוז דער איין־צעהנטעל, וואָס וויל ניט, אויך העלפען בויען: אָדער מען באַשטייערט איהם אינדירעקט, ווי, למשל, היינט, אָדער מען וועט איהם באַשטייערען דירעקט אין דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט. די ניין־צעהנטעל, די מאַיאָריטעט, איז די „געזעל־שאַפט“ און זי באַהויפּטעט, אַז זי האָט אַ רעכט איבער דעם איינ־צעלנעם, די מינאָריטעט, צו צווינגען איהם ער זאָל ביישטייערען צו דער ארבייט, וואָס די „געזעלשאַפט“ באַשטימט, אז זי האָט נויטיג. לויט דער מעטאָדע פון פרייוויליגער באַטייליגונג איז די מאַיאָריטעט ניט מעהר די „געזעלשאַפט“, ווי די מינאָריטעט. א געוויסער טייל פון דער געזעלשאַפט וויל עפּעס טאָן, זאָל ער טאָן; אַן אַנדער טייל פון דער געזעלשאַפט וויל דאָס ניט טאָן, זאָל ער ניט טאָן: קיין טייל איז ניט די גאַנצע געזעלשאַפט. זיי האָבען ביידע פונקט דאָס זעלבע רעכט, אָדער ווי יענער שרייבער זאָגט בלשון שעקספּיער — דאָסזעלבע פּוסטע פּלעשעל. . .

איהר וועט אָבער זאָגען: בויען א בריק איז נאָך ניט די וויכ־טיגסטע אויפגאַבע פון א געזעלשאַפט; אין אזא פאַל קאָן מען נאָך

„ערלויבען“ א געוויסען טייל אָפּצושטעהן פון דער מאַיאָריטעט און בויען אהן זיין הילף. ווי איז אָבער, קאָנט איהר טענה'ן, אין דעם פאַל פון א וויכטיגען צווייג פון דער אינדוסטריע, וואו די פאָדערונג פון דער געזעלשאַפט מוז נעמען אין אנשפרוך אלע קרעפטען פון איהרע מיטגלידער? די ביורא פון סטאַטיסטיקס האָט אויסגעפונ־נען, לאָמיר זאָגען, אז א געוויסע געמיינדע פארברויכט טויזענט לעבלעך ברויט א טאָג, און ווען א טייל בעקער ווילען אָפּשטעהן פון די איבעריגע און ניט ווילען באַקען קיין ברויט גלייך מיט יענע, וועט דער עולם ניט האָבען געגוג צו עסען, — קאָן מען דאָ אַנגעהן מיט דער מעטאָדע פון פרייוויליגער טיילנעהמונג און לאָ־זען די מינאָריטעט בעקער אויספיהרן זייער קאַפּריז? הייגט איז ברויט, מאָרגען וועט זיין א צרה מיט שיך, מיט קליידער, מיט באַלייכטונג, אָדער גאָר מיט בינע־פּילען: א קשיא אויף די לײדאַ־קעס, די אַנאַרכיסטען!

דאָס איז א וויכטיגער פונקט, וועלכער פאָדערט א טיפערע ערקלערונג פון דער אַנארכיסטישער טעאָריע.

אין אַן אנדער פּלאַץ האָב איך אויסגעדריקט דעם אונטערשייד צווישען סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם אין דעם אַלגעמיינעם שטריך, וואָס דער סאָציאַליזם איז אַן אידעאַל פון א געזעלשאַפט, וואָס פאַרזאָרגט די איינצעלנע, בעת דער אַנאַרכיזם איז דער אידעאַל פון איינצעלנע (פריי גרופּירטע), וועלכע פאַרזאָרגען די געזעל־שאַפט. אין פלוג איז עס, דאַכט זיך, דיזעלבע זאַך; באַטראַכט מען עס אָבער טיפער, דערזעהט מען דעם גרויסען חילוק צווישען זיי.

רעדענדיג וועגען איינצעלנע און געזעלשאַפט, מוז מען קודם כל איינזעהן דעם אונטערשייד אין דיביידע באַגריפען. די איינ־צעלנע זיינען ווירקליכע עקזיסטענצען, לעבעדיגע מענשען; די געזעלשאַפט איז בלויז א נאָמען, וואָס דריקט אויס דעם מאָדוס אָדער אופן פון זייער עקזיסטענץ. עס פאַרשטעהט זיך, אז אין דעם זין קאָן דאָך קיין רייד ניט זיין, אז די געזעלשאַפט, וואָס איז ניט מעהר ווי א נאָמען, אַן אבסטראַקציע, זאָל דאַרפען אָדער קאָ־נען פאַרזאָרגען די ווירקליכע, לעבעדיגע איינצעלנע. די מעשה איז אָבער, וואָס די, וועלכע ריידען אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט,

פאַרוואַנדלען מניה וביה אַ באַגריף אין אַווירקליכקייט, אַ נאָמען אין אַ זאַך. די געזעלשאַפט, זאָגען זיי, לעבט אייביג, בעת די איינצעלנע קומען און פאַרגעהען; ממילא קומט ביי זיי אויס, אַז זי איז גאָר אפילו דער עיקר, אַז איהרע אינטערעסען שטייגען אריבער די אינטערעסען פון די פּאַקטישע איינצעלנע; און דער סוף איז, אַז דער כּלל ווערט דער הערשער איבער די פּרטים.

דער אמת איז, אַז די געזעלשאַפט איז ניט מעהר ווי אַ פאָרם פון דעם לעבען פון די איינצעלנע. זייער מיטגעבוירענע געזעלשאַפטליכע נאַטור ברייננגט זיי מיט זיך צו פאַרזאָרגען מיט אַ געזעלשאַפטליכער פאָרם פון צוזאַמענלעבען. דער עיקר איז אָבער סוף כּל סוף דאָס פּערזענליכע לעבען, און עס געפינט נאָר זיין העכסטען אויסדרוק אין דער פאָרם פון געזעלשאַפטליכקייט, וואָס שטאַמט פון דעם מענשענס מיטגעבוירענער נאַטור. דעריבער קומט ממילא אויס, אַז ווען יעדער איינער אָדער יעדע גרופּע זאָרגט פאַר זיך, זיינען אַלע, דאָס הייסט, די גאַנצע געזעלשאַפט, פאַרזאָרגט.

דער סאָציאַליזם זעהט ניט די בוימער צוליעב דעם וואַלד. ער שטעלט זיך אויפ׳ן שטאַנדפּונקט פון כּלל און קוקט אויף אַלץ פון איין צענטער. דער כּלל דאַרף האָבען אַזוי פיעל קליידער, אַזוי פיעל וואוינונגען, א. ד. ג., מוז מען מאָביליזירען די בעקער, די שניידער און די בויער; ארויסגעבען אָרדערס, באַשטימען קאָמאַנדירער, איינפיהרען דיסציפּלין און באַשטראָפען פאַר אומגעהאָרכזאַמקייט. דער אַנאַרכיזם געהט ארויס פון דעם שטאַנדפּונקט פון די איינצעלנע און קוקט אויף דער באַפרידיגונג פון זייערע נויטען ווי אויף אַ זאַך, וואָס געהט זיי פּערזענליך אָן אין לעבען. דער כּח פון נויט פירט יעדען איינעם צו באַזאָרגען זיינע פאָדערונגען אויף דעם אופן ווי עס זעהט איהם אויס בעסער. דער נאַטירליכער גאַנג אין דער ליניע פון קלענסטען ווידערשטאַנד וועט איהם אָפט פיהרען צו פאַראייניגען זיך מיט זיינע חברים, אָבער צו אַלע צייטען דאַרף ער בלייבען דער בעל הבית איבער זיך אַליין. די געזעלשאַפט אַלס גאַנצע וועט שוין ממילא ווערען פאַרזאָרגט. וואָרים ווען יעדער איינער קעהרט אָפּ דעם פאָרענט פון זיין הויז, איז די גאַנצע גאַס ריין. . .

דאַרפֿט איהר אַ גרעסערן עקאָנאָמישען כאָאָס ווי עס הערשט אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט? — דער רבי אליין האָט עס טאַקע ממש אָנגערופֿען די „אַנאַרכישע" פּראָדוקציע — זאָרגט ווער היינטיגען טאָג, אז אלע זאָלען האָבען בולקעס אין דער פֿריה, אָדער אַ גאַנצען בגד אָדער אַ שעהנעם שוך? פֿונדעסטוועגען, אבי מיטלען, בולקעס קאָן מען קריגען, און קליידער און שיך אויך, וואָרים יעדער הענדלער וויים זיינע קונדען; אַ פּשיטא שוין אין דער צוקונפֿט, וואָס צו אזוי צו אזוי וועט יעדער איינער האָבען די מיטלען צו מאַכען אַ לעבען.

די צוקינפֿטיגע געזעלשאַפֿט פֿון פֿרייע מענשען וועט אודאי שטעהן הויך אין גייסט און אין מאָראַל, הגם די השערה, אז מאַנכע איינצעלנע זעהן אימער ווייטער ווי זייערע צייטגענאָסען איז אַ היסטאָרישער פֿאַקט. און די הויכקייט און גרויסקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט וועט באַשטעהן אין דעם, וואָס קיין טייל פֿון איהר, סיי דער גרעסטער סיי דער קלענסטער, וועט זיך ניט פֿיהלען באַרעכטיגט צו קאָנטראָלירען די געזעלשאַפֿטליכע אנגעלעגענהייטען, וואָרים אזא קאָנטראָל מוז ברייגען די מענשהייט שאַדען.

די מאַיאָריטעט הערשאַפֿט איז אַ צרה, וועלכע מען קאָן און מען מוז פֿאַרמיידען. דער אַנאַרכיזם, לערנענדיג דעם פּרינציפּ פֿון פֿרייוויליגער באַטייליגונג, פּלאָנטערט זיך ניט און ווידערשפּרעכט זיך ניט. ער זוכט דעם אמת, און אדרבה, ער וואָרט מיט אומגעדולד אויף דעם סאָציאַל דעמאָקראַט, וואָס זאָל קאָנען איהם פֿאַרטרייבען אין אַ זאַוואַוליק אָדער צושפּאַרען צו דער וואַנט. חוזק מאַכען איז קיין קונץ ניט, דער וואָס דענקט ערנסט, האָט אויף דעם קיין צייט ניט.

## שטאַאַט און געזעץ

וועגען שטאַאַט איז פֿאַראַן פֿיעל צו זאָגען, דאָ איז אָבער ניט דער פּלאַץ אריינצוגעהן אין לאַנגע חקירות וועגען איהם. וואָס עס איז וויכטיג צום פּונקט, איז נאָר צו פֿאַרשטעהן, אז אַנאַרכיזם איז ניט קיין אמונה, און דערפֿאַר איז עס ניט קיין „געבאָט" צו פֿאַרלייקענען דעם שטאַאַט. דער אַנאַרכיזם איז קעגען דער

*אידעע* פון שטאַאט, קעגען דער *נויטווענדיגקייט* פון געזעץ, ניט דוקא קעגען דער אָדער יענער פאָרם פון שטאַאט, קעגען דעם אָדער יענעם געשריבענעם געזעץ. דער עצם פון שטאַאט איז ניט די מעשענע קנעפּלעך אָדער די קוקאַרדעס, עס איז די אַרמיי און די טורמעס; דער עצם פון געזעץ איז ניט דער פּאַר־מעט און די בוכשטאַבען, עס איז דער קלאַב און דער פסק־דין פון ריכטער.

אין דעם אויטאָקראַטישען שטאַאט ליגט די מאַכט אין דער האַנט פון איין הערשער, און זיין איינציגער ווילען איז אויסגע־קריצט אין די געזעצען, וועלכע אַלע מוזען פאָלגען. אין דעם דע־מאָקראַטישען שטאַאט ליגט די מאַכט אין די הענט פון דעם שטאַרקערן טייל פון דער געזעלשאַפט, צי עס איז אַ ווירקליכע אוי־טאָריטעט צי עס איז נאָר אַ שיינבאַרע, און די געזעצען דריקען אויס דעם קלאַב, וואָס די דאָזיגע מאַיאָריטעט האַלט איבער אַלע איבעריגע. אין דעם סאָציאַל דעמאָקראַטישען שטאַאט, וועלכער *וועט ניט אָפּשטאַרבען כל זמן די מאַיאָרי־טעט וועט קאָנען צווינגען די מינאָריטעט מיט גוואַלט אָנצונעמען איהר באַשלוס*, וועט עס ווידער אַמאָל זיין די מיליץ און די טורמעס, מיט׳ן קלאַב און פּסק־דין פון „איספּאָלניטעלנעם קאָמיטעט“, וועלכע וועלען הערשען אין דער געזעלשאַפט.

ווען עס געפעלט אַזאַ אָרדנונג — זאָל איהם וואויל באַ־קומען; נאָר עס איז אומזיסט די טרחה אונז איינצורעדען, אז דאָס הייסט פרייהייט. איהר טענה׳ט, דער סאָציאַל דעמאָקראַטיזם קומט, די אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע פיהרט צו איהם, די עקאָנאָמיטע טעכניק טרייבט איהם אָן! אפשר. אוראַגאַנען, ערד־ציטערנישען און פאַרפלייצונגען קומען אויך אַמאָל אָן — ליידער גאָטעס! איז דען אַלץ גוט וואָס עס קומט? נאָך העלפען עס זאָל קומען? צו־רופען? איינלאַדען? — משוגע, שונאי ציון!

פאַרכאַפּען דעם שטאַאט, כדי איהם אָפּצושאַפען, דאָס הייסט שלאָגען דעם שונא מיט זיין אייגענעם וואַפען? — אַ וואוילע זאַך,

א טייערער איינפּאַל, בנאמנות. אָבער גלויבט דען אפילו א דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַט, אז ער וועט ווען עס איז קריגען א מאַיאָריטעט אין רייכסטאַג? די פאַרשטעהער פון דער פּאַרטיי זאָגען אויסדריקליך, אז עס וועט מוזען ווערן רעוואָלוציע איידער עס וועט האַלטען דערביי צו האָבען א מאַיאָריטעט פון אָפּגעאָרדענטע. פּאַקטיש, רעדען שוין איצט סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין דייטשלאַנד פון א גענעראַל סטרייק, — א מיטעל, וועלכען קאָוטסקי האָט מיט א קנאַפּען יאָהר צוריק אויסגעלאַכט אלס אַן אומזיניגען אַנאַרכיסטישען רעוואָלוציאָנערן איינפּאַל.

פּאַרכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט און אָרגאַניזירן די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציע — איז אויך זעהר א וואוילע זאַך פאר די, וואָס דענקען, אז אין דעם באַשטעהט דער מענשליכער פּראָגרעס. אונזער אַנשויאונג איבער פּראָגרעס איז א גאַנץ אַנדערע. אונז נוצט ניט די פּאָליטישע מאַכט; מיר ווילען ניט צווינגען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיש געזאָנענע מענשען צו פיהרען זיך אַנאַרכיסטיש, אפילו ווען מיר זאָלען האָבען די מאַכט דערצו. מיר דענקען ניט איינצופיהרען דעם קאָמוניזם פּער דעקרעט. די יעניגע פון אונז, וועלכע האַלטען זעהר פון דער עקאָנאָמיע פון קאָמוניזם, האָפען בלויז, אַז סוף כל סוף וועלען מענשען איינזעהן, אַז דאָס איז די בעסטע עקאָנאָמישע מעטאָדע, זיי וועלען דאָס אָבער ניט אַרויפּדרינגען אויף קיינעם מיט גוואַלט.

דער אַנאַרכיזם לערנט מענשען אָפּצושאַפען דעם שטאַאט; צו פאַרשטעהן, אַז אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער געגענוואַרט איז ער געווען און איז א שעדליכע אינסטיטוציע, און פאַר דער צוקונפט איז ער ניט נויטיג. דער אַנאַרכיסט אַטאַקירט דעם שטאַאט מיט אַרגומענטען, דער רעוואָלוציאָנער — מיט באָמבעס. מיר מיינען, אַז אידעען, געדאַנקען, האָבען פּונקט אזא שטאַרקען איינפלוס אויף מענשען, אויב ניט מעהר, ווי די עקאָנאָמישע טעכניק; און מיר דערוואַרטען, אַז אין דעם פּאַראַלעלאָגראַם פון קרעפטען, וועלכע אַרבייטען אויס די צוקונפט, וועט אונזער אידעע אויך האָבען איהר איינפלוס אין דער ריכטונג פון פרייהייט.

איך ווייס, אַז עס לאָזט זיך נאָך פיעל זאָגען אויף ביידע זייטען; עס קאָן אויך זיין, אַז איך האָב אויסגעלאָזען וועלכע עס איז וויכטיגע פונקטען; איך וויל אָבער דעם אַרטיקעל ניט מאַכען צו לאַנג. איין פונקט וויל איך נאָך ווידערהאָלען: דער אַנאַרכיזם וויל קיינעם ניט צווינגען מיט קיין מאַכט אויף דער וועלט, אויסער אין אַן אַרגומענט מיט דער מאַכט פון לאָגיק.

דער שטאַאט, אין אַלע זיינע פאָרמען, האַלט, אַז אַ געוויסער טייל פון דער געזעלשאַפט האָט אַ רעכט צו צווינגען אַלעמען צו טאָן וואָס ער וויל. יעדע שטאַטליכע אָרגאַניזאַציע פאַרלייקענט אין פּרינציפּ דאָס רעכט פון אירגענד וועמען צוריקצוציהען זיך פון דער אָרגאַניזאַציע. קיין שטאַאט דערלאָזט ניט אין זיין קרייז אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע מיט געזעלשאַפטליכע פונקציעס, אומאַפּהענגיג פון זיין אויטאָריטעט. פאַר דעם שטאַאטסמאַן איז ניטאָ עטוואָס שרעקליכערעס ווי אַ שטאַאט אין אַ שטאַאט (מלוכה בתוך מלוכה). קעגען אָט דער אידעע אגיטירט דער אַנאַרכיזם, ניט נאָר קעגען דעם קלאַסען־שטאַאט, וועלכער טיראַניזירט איבער דעם שוואַכערן קלאַס, אי פּרינציפּיעל אי ניט פּרינציפּיעל.

דער אויסדרוק פון דער דאָזיגער מאַכט פון שטאַאט זיינען די געזעצען. זיי ווערן ניט געשריבען אויף שפּאַס: די אַנדערע העלפט פון יעדען געזעץ באַשטעהט פון אַ „קאַפּולער אָנצוהערעניש", וואָס פאַר אַ שמיץ מען וועט געבען, אויב מען וועט ניט פאָלגען. דער, וואָס האָט געלעזען, לכל הפּחות, באָקל'ען, ווייסט, וואָס פאַר אַ שרעקליכען איינפלוס טיראַנישע געזעצען האָבען געהאַט אויף דער גאַנצער ציוויליזאַציע. מען דאַרף אויך ניט זיין קיין יוריסט צו פאַרשטעהן דעם חילוק צווישען שטאַאטס־געזעצען און די ניט־געשריבענע געזעצען אָדער מנהגים פון די אומציוויליזירטע. דער ווילדער, אויף וועמען געוויסע „פּאַר־מענשען" לעגען אזוי דאָס רחמנות, וואָס ער האָט נעבעך געליטען פון זיינע אומגעשריבענע געזעצען, איז אַן אומשולדיגע בריאה, וואָס ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען. ער האָט געהאַלטען זיינע מנהגים, וויל ער האָט געגלויבט, אַז אויב ניט, קאָן זיין אייגענע וועלט אונטערגעהן. זיינע אומגעשריבענע געזעצען האָבען אָפּגעשטאַמט פון זיינע אור־

אור־עלטערען, וועלכע זיינען געווען געטער אין זיינע אויגען. די מנהגים זיינען געווען זיין רעליגיע, און קיין עכט־גלויביגער פיהלט ניט גאָט׳ס געבאָט פאר א לאַסט אָדער א טיראַניי. זיי זיינען גע־ווען איינגעוואקסען אין דעם מארך פון זיינע ביינער; ער האָט זיי ניט געפיהלט אלס א לאַסט אויף זיך, ווייל זיי זיינען געווען א טייל פון איהם.

ניט אזוי אָבער זיינען שטאאטס געזעצען, געוועהנליך געשרי־בענע, וועלכע יעדערער פיהלט, אז זיי זיינען ארויפגעלעגט געוואָרן אויף איהם פון מענשען, ניט בעסערע, אָדער אפילו ערגערע פון איהם. וועגען רעספעקט פאר זיי איז אָפּגערעדט: ענטוועדער זיי זיינען גערעכטע געזעצען און דערפאר איבערפליסיג, ווייל קיינער וואָלט סיי ווי וויי ניט געהאנדעלט אנדערש; אָדער זיי זיינען אומ־גערעכטע, און דערפאר טיראַניש. א רעגולאציע, וועלכע פאסט פאר א באשטימטער געזעלשאפט, — אויב אלע, וואָס באטייליגען זיך אין דער זאך, שטימען איין דערצו און עס האָט ניט דעם זין פון א געזעץ, — האָט קיין זין ניט צו פארשרייבען; מאכט דאָס אָבער פאר א פּאָרמאַלנעם געזעץ לדור דורות, וועט דאָס פריהער אָדער שפּעטער ווערן צו לאַסט און עס וועט אויסאיבען א טיראַנישען איינפלוס. דאָס געזעצבוך איז ניט מעגליך אָהן דער שטאאט־מאכט; וואו עס עקזיסטירט דער עצם פון שטאאט, דאָרט עקזיס־טירט אויך די טיראַניי פון געזעץ.

# שטאַאט אָדער ניט שטאַאט. *

זאָלען די, וואָס מיינען, אַז די גאַנצע וויסענשאַפט ליגט ביי זיי אין קעשענע, דענקען וועגען דער פראַגע וואָס זיי ווילען. איך וויל באַרגען ביים לעזער אַ פּאָר מינוט, כדי נאָכאַמאָל זיך דורכ־צורעדען, צי עס לוינט זיך צו האָבען אַ שטאַאט צי ניט.

„צי עס לוינט זיך!“ — טוען אַ שמייכעל די, וואָס צעטיילען די וויסענשאַפט ביז מאַרקס און נאָך איהם. — „פאַרוואָס ניט פרעגען“ — הער איך זייער סאַרקאַסטישע באַמערקונג — „צי עס לוינט זיך די זון זאָל אויפגעהן מאָרגען? צי דער ים זאָל ווייטער פליסען? צי דער ווינט זאָל בלאָזען פון צפון־זייט?“

מיט אַ פּנים, וואָס גיט זיך ניט אַ קרים, דערקלערן זיי אייך: „אַזוי באַלד ווי דער פּראָלעטאַריאַט וועט פאַרכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט, וועט מניה וביה ווערן פון איהר אוים מאַכט; די קלאַסען־הערשאַפט וועט פאַרשווינדען און דער שטאַאט וועט נעהמען און שטאַרבען — און אוים“.

דאָס איז דער רבנן־קדיש, וואָס זיי זאָגען נאָכ'ן שטאַאט; די תכריכים אָבער, שיינט מיר, נייהען זיי ניט פאַר איהם, נאָר פאַר דער פרייהייט. וואָרים זיי מאַכען מיט'ן שטאַאט ווי יענע פראַנצויזען מיט'ן קיסר: „דער שטאַאט איז טויט — עס לעבע דער שטאַאט!“, נאָר אין אַן אַנדער פאָרם.

איך שטעל בכיון די פראַגע: צי עס לוינט זיך, ווייל איך גלויב ניט אין דעם פּאָקוס און צווייפעל אין דער אומפעהלבאַרקייט פון דער דאָזיגער וויסענשאַפט, אפילו ווען זי טראָגט דעם שטעמפּעל „געמאַכט אין דייטשלאַנד“. די זון וועט טאָקע זיכער אויפגעהן

---

* „צוקונפט“, אָקטאָבער 1905.

און דער ים וועט געוויס ווייטער פליסען; אָבער ווי דער ווינט וועט בלאָזען — ווער קאָן זאָגען? אַליין מאַרקס — אַט רופט ער עס אַן „אייזערנער געזעץ“, אַט בלויז אַ „טענדענץ“, וועלכע זוכט זיך דורכצושלאָגען אין לעבען. סוף־כל־סוף אָבער וועט די רעוואָלוציע געמאַכט ווערן פון לעבעדיגע מענשען, ניט פון דער אַבּסטראַקטער פּאָליטישער עקאָנאָמיע; און לעבעדיגע מענשען האָבען אַ טבע אַ קלער צו טאָן, צי עס לוינט זיך.

דערפאַר זאָג איך: ממה נפשך: דאַרף דער שטאַאַט שטאַרבען, טאָ לאָמיר אַכטונג געבען, ער זאָל זיין טויט אויף אַן אמת. עס איז ניט גענוג צו הרג'ענען זיין קערפּער, דעם חומר; דאָס איז קיין פּעולה ניט. אַז פאַרניכטען, מוז מען דעם גייסט פאַרניכטען, דעם עיקר, דעם עצם שטאַאַט.

און וואָס איז דער עיקר פון שטאַאַט?

אַ סך אומקלאָרקייט עקזיסטירט נאָך היינטיגען טאָג וועגען דעם באַגריף שטאַאַט. עס זיינען פאַראַן חכמים, וועלכע פאַרמישען שטאַאַט מיט געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע; דער שטאַאַט הייסט ביי זיי דער צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט, דאָס לעבען פון דעם כלל — היינט ווי קאָן ער שטאַרבען? ווער זאָל איהם פאַרניכטען? דאָס איז אָבער פּשוט אַ מיספאַרשטענדניש. מיר געברויכען ניט דאָס וואָרט אין אַט דעם זין, און מיר פאַרהאַנדלען ניט וועגען פאַרניכטען די געזעלשאַפט.

אַ פּיעל וויכטיגער פּונקט איז, וואָס דאָס רוב מענשען זעהען ניט איין קיין חילוק צווישען שטאַאַט און רעגירונג. עס פאַלט זיי גאַר ניט איין צו מאַכען אַזאַ חילוק. זיי זעהען, אַז יעדער שטאַאַט איז אַ רעגירונג, שליסען זיי דערפון, אַז יעדע רעגירונג איז אַ שטאַאַט; און אַזוי ווי יעדע געמיינדע האָט תמיד געהאַט עפּעס אַ מין רעגירונג, קאָנען זיי זיך ניט פאָרשטעלען, אַז מען זאָל ווען עס איז קאָנען אויסקומען אָהן אַ רעגירונג, אָדער אין אַנדערע ווערטער, אָהן אַ שטאַאַט. אין אמת'ן איז אָבער דאָ זעהר אַ גרויסער חילוק צווישען דיביידע; און אויב עס קאָן זיין אַ פרייע, אַ פריי־וויליגע רעגירונג, קאָן אָבער קיינמאָל ניט זיין אַ **פרייער** שטאַאַט. אַ „פרייער שטאַאַט“ מוז שטענדיג בלייבען אַ ווידערשפּרוך אין זיך גופא.

דער היינטיגער מאָדערנער שטאאט איז אייגענטליך גאָר ניט אזא זקן ווי מען מיינט. ווען מיר זאָלען אָנפאנגען רעכענען אונזער איירָאָפּעאישע ציוויליזאציע פון דער פּעריאָדע, ווען די נאטור־קרעפטיגע בארבארען האבען פארניכטעט די רוימישע אימפעריע, וועלען מיר געפינען ניט נאָר א קרעפטיגען געזעלשאפטליכען לע־בען, נאָר אויך געוויסע פאָרמען פון רעגירונג, איידער דער שטאאט האָט נאָך בדעה געהאט געבוירען צו ווערען.

די בארבארען־פעלקער האבען אריבערגעטראָגען די טראדיציעס פון זייער אַלטען קאָמוניזם אין זייערע נייע אומשטענדען. זייערע קעניגען און מלחמה־פיהרער זיינען מיט דער צייט געוואָרען די אויבערהאַרען פון לאַנד, דאָס פרידליכע לעבען איז אָבער געפלאָסען אויף די אַלטע וועגען פון די מארק־גענאָסענשאפטען און דער דאָרף־געמיינדע.

יעדע פּראָווינץ האָט געהאט איהרע אייגענע מנהגים, יעדע געמיינדע האָט געהאט איהרע אייגענע ריכטער און אייגענע לאָקאַלע רעגירונג. קאַרל דער גרויסער האָט זיך געמעגט רופען קעניג פון אַלע פראַנקען און גערמאַנען, דאָס אינערליכע לעבען פון די פעלקער האָט זיין מלוכה ניט אָנגעריהרט.

שפּעטער האָבען די פּריצים גענומען פארניכטען די פרייע דאָרף־געמיינדעס. זיי האָבען געמאַכט א טייל פון פאָלק פאר זייערע לייב־אייגענע, האָבען בארויבט זייער פרייהייט און געשטעלט די דערפער אונטער דער מאַכט פון זייער וואָפען. ארום דעם צעהנטען און עלפטען יאָהרהונדערט איז געווען די פינסטערסטע צייט אין איירָאָפּע — דאָך איז דער גייסט פון די פרייע געמיינדעס ניט פאַרלאָשען געוואָרען, און באַלד, אין דעם צוועלפטען יאָהרהונדערט, זעהען מיר א מערקווירדיגע אויפלעבונג פון פרייע געמיינדעס אין די שטעדט.

די דאָזיגע אויפגעקומענע פרייע שטעדט, וועלכע זיינען געוואַקסען אין צאָהל פון טאָג צו טאָג, האָבען ניט געוואוסט פון קיין אויסערליכער מאַכט א חוץ זייער אייגענער אָרגאַניזאציע. אויב זיי זיינען געשטאַנען אונטער דעם שוץ פון פעאָדאַלען באַראָן אָדער קעניג, האָבען זיי איהם געצאָהלט א שטייער; אָבער אין זייערע

אינערליכע עסקים: אין זייער ארבייט און האנדעל, זייערע משפטים און דינים, זייערע קהל׳שע ענינים און צדקות — אויף זייער ווירקליכען געזעלשאפטליכען לעבען — האט דער קעניגליכער הערשער קיין שליטה ניט געהאט.

פון קיין שטאאט איז נאך אלץ קיין זכר ניטא. לאקאלע אויטאנאמיעס, לאקאלע רעגירונגען, פאראיינען און געזעלשאפטען פאר ספעציעלע צוועקען: גילדען פון אלערליי פאך־ארבייטער, פון הענדלער, פון אלערליי פראפעסיעס; אונטערשטיצונגס־פאראייינען, פארטיידיגונגס־פארבאנדען — אלע אזעלכע פרייע גרופען האבען געפיהרט א זעלבסטשטענדיג לעבען. אפילו די שטאדט גופא איז געווען א פרייע פעדעראציע פון עטליכע זעלבסטשטענדיגע קווארטאלען, וואס זיינען אויסגעוואקסען איינער לעבען אנדערן. און יעדער קווארטאל, יעדע גרופע האט געהאט אן אייגענע אסיפה (אסעמבלי), אן אייגענעם טריבונאל, אן אייגענע מיליץ, אן אייגענע פאהן, און אפט אויך אן אייגענעם זיגעל.

ערשט אין זעכצעהנטען יאהרהונדערט האט דער שטאאט אנגעהויבען וואקסען. ער איז ניט אויפגעשטאנען אויף איין מאל, פארטיג מיט אלע כלים; ער איז לאנגזאם געוואקסען, ביסלעכווייז געוואקסען, ווי אלע שטערבליכע. און דער סימן פון זיין אנקומען איז געווען — דאס ערשטע אריינמישען זיך פון אן אויסערליכער הערשאפט אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון דער זעלבסטשטענדיגער געמיינדע.

מיר האבען דא ניט צו טאן מיט די אורזאכען, וועלכע האבען געמאכט מעגליך דאס וואקסען פון דעם שטאאט; מיר לויפען דורך בלויז די פאקטען, און „פון זיינע מעשים וועלען מיר דערקענען זיין כאראקטער“. פון זעכצעהנטען יאהרהונדערט אן האט דער שטאאט אנגעהויבען אויסשטרעקען זיינע לאפעס און פארגוואלטיגען דעם זעלבסטשטענדיגען לעבען פון די געמיינדעס אין די שטעדט. ער האט גענומען מאכען געזעצען, וועלכע האבען צעשטערט די אלטע מנהגים; ער האט געשיקט זיינע ריכטער און

האַט צוגענומען פון די געמיינדעס דאָס רעכט אַליין אויסצוטיילען גערעכטיגקייט; ער האָט זיך אריינגעמישט אין זייער האַנדעל און געשאַפען מאָנאָפּאָלען; ער האָט אוועקגערויבט דאָס קהל'שע לאַנד און האָט עס פאַרוואַנדעלט אין פּריוואַט־אייגענטום.

ער האָט וואָס ווייטער אַלץ מעהר געשטיקט דעם צאַפּעלדיגען לעבען פון די געמיינדעס, ביז ער האָט עס אינגאַנצען דערשטיקט. און ער האָט אויפגעבויט אויף זייערע רואינעס אַ קאָנצענטרירטע מאַכט, אַ צענטראַליזירטע הערשאַפט, וועלכע איז פול אומעטום, וועלכע לעגט אַרויף איהרע הענט אויף יעדער געזעלשאַפטליכער איניציאַטיווע און הרג'עט אַוועק די מענשליכע פּערזענליכקייט גופא.

אַט דאָס איז דער שטאאַט! זעהט איהר אין וואָס זיין כאַראַקטער באַשטעהט? וואָס זיין עצם, זיין עסענץ איז?

„האָט איהר וועלכע עס איז געמיינשאַפטליכע אינטערעסען אין שטאָדט, אין אייער געמיינדע — ווענדט זיך צום שטאאַט, ער וועט שוין אַכטונג געבען. נאָר ניט אַליין! דירעקט זיך פאַראייניגען און עפּעס אָפּטאָן צווישען זיך איז שטרענג פאַרבאָטען!“—אַט דאָס איז די פאָרמולע פון שטאאַט; דאָס דריקט אויס דעם רעכטען עיקר.

אַ הערשער איז דער שטאאַט — אָבער ניט אַליין צוליב דער הערשאַפט איז ער שעדליך. אַ רויבער, אַ מערדער איז דער שטאאַט — אָבער פון רויב און מאָרד מעג ער זיך ריינוואַשען, און בלייבט אַלץ שעדליך אַלס שטאאַט. ניט נאָר ווייל די מאַכט איז קאָנצענטרירט אין איין האַנט, (אבסאָלוטע מאָנאַרכיע) אָדער בלויז אין איניגע הענט (אָליגאַרכיע), איז ער געפעהרליך: זיין מאַכט מעג ליגען אין די הענט אפילו פון אַלערליי פּאָלקס־פאַרטרעטער, בלייבט ער אַלץ דערזעלביגער. געפעהרליך איז ער דערפאַר, ווייל ער, דער שטאאַט, איז אַ קאָנצענטראַציע פון אַ סך פונקציעס פון געזעלשאַפטליכען לעבען אין איין צענטער פון אויטאָריטעט.

און דער סאָציאַליסטישער צוקונפטס־שטאאַט?

איז ניט דער „וויסענשאפטליכער" סאָציאַליזם אויך אַ פיינד פון שטאַאט? — יאָ, פאַר דער „וויסענשאפט" וועט ער אין דער צוקונפט זיין טויט... אָבער וואָס וועט פון איהם אָפּשטאַרבען? שטאַרבען וועט די בייטש, מיט וואָס דער הערשענדער קלאַס שמייסט אונז; דער קערפּער, וועלכער איז צונויפגעשטעלט פון די שם"ה אברים פון דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. אָבער זיין גייסט פון צענטראַליזאַציע, זיין אידעע פון ווירטשאַפטען, באַלעבאַטעווען אי־בער די פונקציעס פון געזעלשאַפטליכען לעבען — דאָס וועט ניט נאָר בלייבען לעבען, נאָר זיך פאַרמעהרן און פאַרשפּרייטען און וואַקסען!

אפשר ניט? — אָט לעזט אין קיצור שולחן ערוך, אין קאוטס־קי'ס „ערפורטער פּראָגראַם", דף 130, די פאָלגענדע אונטערשטראָ־כענע ווערטער:

„ערשט ווען די אַרבייטער־קלאַסען וועלען ווערן די הערשער אין שטאַאט, וועט דער שטאַאט אויפהערן זיין אַ קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונג; ערשט דאַן וועט ווערן מעגליך איהם אומצוגע־שטאַלטען אין אַ סאָציאַליסטישער גענאָסענשאַפט".

„דערפון נעהמט זיך די אויפגאַבע, וואָס די סאָציאַלדעמאָקראַ־טיע האָט זיך געשטעלט: זי וויל, אַז די אַרבייטער־קלאַסען זאָלען אריינכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט, כדי זי זאָל קאָנען מיט זייער הילף אומוואַנדלען דעם שטאַאט אין אַ גרויסער ווירטשאַפט־גענאָסענ־שאַפט".

רעדט מען אַזוי פון אַ טויטער זאַך? איצטער איז דער שטאַאט אַ קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונג, זאָגט מען אייך, אַז לעתיד לבוא וועט ער ווערן אַ סאָציאַליסטישע אונטערנעהמונג. מיט דער הילף פון די אַרבייטער וועט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע דעם שטאַאט איבערמאַכען, איבערניצעווען; אָנשטאָט צו דינען די אינטערעסען פון די קאַפּיטאַליסטען, זאָל ער דינען די אינטערעסען פון אַלעמען. שעהן און עהרליך! אָבער ווי אַזוי זאָל ער עס טאָן? — ער זאָל ווירטשאַפטען מיט דער עקאָנאָמיע פון פאָלק: מיט דעם לאַנד, מיט די מיטלען פון פּראָדוקציע, מיט דער פּראָדוקציע גופא; ער זאָל אָנפיהרן די העכסטע גרויס־פּראָדוקציע און פיהרן דעם פאָלק'ס

חשבונות, וויפיעל מען דאַרף שאַפען, ווי ווער זאָל ארבייטען, א. אז. וו. א. וו.

מיינט דאָס, אז דער עצם שטאאט וועט שטאַרבען? דאַכט זיך, לחלוטין ניט! איצט קאָנטראָלירט דער שטאאט דעם פּאָליטישען לעבען, און נאָר טיילוויז דעם עקאָנאָמישען, און דורכ־אויס אין די אינטערעסען פון די קאפּיטאַליסטען, — ווייל די סאָ־ציאַלדעמאָקראַטיע, ערשטענס, ער זאָל ניט קאָנטראָלירן אין די אינטערעסען פון קאפּיטאַליסטען, נאָר אין די אינטערעסען פון אר־בייטער־פאָלק; וועט ער דאַן הייסען א סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. און צווייטענס, ער זאָל קאָנטראָלירן טאַקע אַלץ, די חיונת גופא פון מענשען. וועט ער הייסען א ווירטשאַפט־געזעלשאַפט.

אין אַנדערע ווערטער: איצטער איז ער א קאפּיטאַליסטישער שטאאט, דאַן וועט ער זיין א סאָציאַליסטישער שטאאט, מיט אַלע זיינע קליפּערלעך. איז אייך ליעבער דער נאָמען געזעלשאַפט? מיר ניט: פון א געזעלשאַפטליכען קאָנטראָל זאָל מען גאָר אפּ־געהיט ווערן...

און פאַרוואָס מיינט איהר, ווייל דאָס אזוי די סאָציאַלדעמאָקראַ־טיע? אויב איהר דענקט, אז זי וויל אזוי, ווייל זי זעהט איין, אז אזוי וועט זיין בעסער פאַר דער מענשהייט, האָט איהר א טעות. ביי „וויסענשאַפטליכע" איז דער ווילען ניט משמש כלום — טוט גאָרנישט אויף. זי וויל אזוי, ווייל עס מוז זיין אזוי; ווייל עס איז א „נאַטור־נויטוועגדיג געבאָטענע זאַך", לפּחות אזוי זאָגט זי.

פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? — אָט הערט:

ווען מענשען האָבען געאַרבייט יעדער פאַר זיך (קליין־באַטריב), האָט יעדערער געהאַט די פּראָדוקציאָנס־מיטלען פאַר זיך. „די איינ־צעל־פּראָדוקציע מאַכט דאָס איינצעל־אייגענטום נויטווענדיג". אין דער היינטיגער פאָרם פון גרויס־אינדוסטריע ארבייטען א סך מענ־שען צו שאַפען איין זאַך, און פונדעסטוועגען זיינען די פּראָדוק־ציאָנס־מיטלען אַלץ פּריוואַט־אייגענטום. איז דאָס א ווידערשפּרוך. אָבער א ווידערשפּרוך קאָן זיך לאַנג ניט האַלטען, דאַרום מוזען

די פּראָדוקציאָנס־מיטלען ווערן געזעלשאַפטס־אייגענטום. דאָס איז מוז נומער איינס.

קאָן דאָך זיין, מען זאָל דערקלערן, אַז די פּאַר־אַרבייטער פון יעדער אינדוסטריע־צווייג זאָלען נעהמען אין באַזיץ די פּראָדוקציאָנס־מיטלען פון זייער צווייג און שאַפען סחורה צום פאַרקויף, ווי היינט די קאַפּיטאַליסטען. דאָס ווילען טאַקע (זאָגט קאוטסקי) די אַנאַרכיסטען, אָבער עס נוצט ניט; וואָרים דאַן וועלען די אַרבייטער־פאַבריקאַנטען קאָנקורירן איינע מיט די אַנדערע, און די גליקליכערע וועלען פאַרשלינגען די ווייניגע גליקליכע, און עס וועט ווידער ווערן אַ קלאַס לוין־אַרבייטער. אַלזאָ „מען מוז געהן אַ שריט ווייטער ווי די אַנאַרכיסטען (?) און אָפּשאַפען די וואַרן־פּראָדוקציע". — מוז נומער צוויי.

נו, אַז ניט „וואַרן־פּראָדוקציע" איז פּראָדוקציע פאַר „זעלבסט־באַדאַרף"; ד. ה. מען זאָל ניט פּראָדוצירן אויף צו פאַרקויפען, נאָר פּראָדוצירן פאַר'ן אייגענעם געברויך. איידער דער קאַפּיטאַליזם איז אָנגעקומען האָט די דאָזיגע מעטאָדע פון פּראָדוקציע טאַקע עקזיסטירט אומעטום (איך געברויך דאָ דורכאויס קאוטסקי'ס אייגענע ווערטער). זי איז געווען פון אייביג אָן. ווען מען זאָל רעדען פון אַ נאַטירליכער פּראָדוקציע, איז זי די נאַטירליכסטע. מענשען האָבען געאַרבייט אין חברותא און האָבען זיך געטיילט מיט די פּראָדוקטען פאַר זייער אייגענעם געברויך. דאָס איז געווען אַן אמת קאָמוניסטישע פּראָדוקציע.

זי איז אָבער געשטאָרבען — און טויטע קאָן מען ניט לעבעדיג מאַכען: טאָ זאָל זי ליגען אין איהר רוה! (זאָגט קאוטסקי.) באַלד ווערט געבאָרן די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע. אָבער זי וועט זיך ניט אָנבינדען אָן דעם „איבערגעוואַקסענעם" קאָמוניזם, זאָנדערן אָן דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע (זאָגט קאוטסקי). זעלבסטשטענדיגע געמיינדעס זאָלען אַרבייטען קאָמוניסטיש פּאַסט זיך נאָר פאַר אַן עקאָנאָמישען קליין־באַטריב; די היינטיגע גרויס־אינדוסטריע פאָדערט אַ צוזאַמענפאַסונג פון אַלע צווייגען, זי מוז ווערן „איין איינציגע גרויסע גענאָסענשאַפט — דער מאָדערנער שטאַאַט".

אַט האָט איהר אייך דעם דריטען און לעצטען מ ו ז, וועלכער פאַרזיגעלט די וויסענשאַפט, פאַרמאַכט דאָס מויל פון יעדער קרי־טיק און—ביט פאָסעמו!

און ווי איז, אַז מען איז אַן אַפּיקורוס און מען גלויבט ניט אין דער גאַנצער מעטאַפיזיק? צו וואָס טויג דאָס פּלאָנטערן זיך אויף אַזא „וויסענשאַפטליכען" אופן? איהר ווייסט פאַרוואָס עס איז אין אמת'ן אַן אומזין? פאַרוואָס די פּראָדוקציאָנס־מיטלען דאַר־פען אויפהערן זיין פּריוואַט־אייגענטום? — ווייל מענשען געהען אוים פון הונגער דורכדעם! ווייל עס איז אוממעגליך אַזוי ווייטער צו עקזיסטירן! ווייל עס לוינט זיך ניט, פון אַ מענשליכען שטאַנדפּונקט באַטראַכט, צו ברענגען אַזויפיעל קרבנות אויפ'ן מזבח פון געלט־גאָט!

איז דאָס ניט אַ קלערערער גרונט איידער דאָס שטיק מעטאַפיזי־קע פון „ווידערשפּרוך"? איהר זעהט דאָך, אַז דער ווידערשפּרוך איז אַ פאַקט און צאָהלט גוטע דיווידענדען, הייסט דאָך, אַז די עקאָנאָ־מיע באַצאָהלט זיך, — אָבער מענשען געהען צו גרונט, דערפאַר לוינט זיך עס ניט, דערפאַר מוז ווערן אָפּגעשאַפט דאָס פּריוואַט־אייגענ־טום פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען!

„וואַארן־פּראָדוקציע מוז אָפּגעשאַפט ווערן", כדי די פעהיגע זאָלען ניט פאַרשלינגען די אומפעהיגע און ווידער שאַפען אַ קלאַס לוין־אַרבייטער — קומט אַט דאָס אויך אויס על פּי פּאָליטיש־עקאָ־נאָמישער וויסענשאַפט? איז דאָס אויך אַ געבאָט פון אַ שטרענגען נאַטור־געזעץ?

ווידער אַמאָל מעטאַפיזיקע! דער פּשוט'ער פאַקט איז, אַז ניט האָבענדיג קיין פּראָדוקציאָנס־מיטלען, מוזען די אַרבייטער פאַרקויפען זייערע כחות צו דעם וואָס האָט די מיטלען, און ער דאַרף זיי נאָר אויף צו פּראָדוצירן וואַארן. וואָלט ער זיי געצאָהלט שכירות פאַר שרייבען מזוזות, וואָלטען זיי געשריבען מזוזות. זיי אַרבייטען ניט ווייל עס געהט זיי אום לעבען צו שאַפען וואַארן, נאָר ווייל זיי דאַרפען עסען. זאָלען זיי נאָר האָבען די מיטלען צו פּראָ־דוצירן, וועלען זיי שוין שאַפען אַלץ וואָס זיי באַדאַרפען און אויס־טוישען זייערע פּראָדוקטען צווישען זיך; און זאָלען די מיטלען

צו פּראָדוצירן שטעהן פריי פאר יעדען איינעם, וועט קיינמאָל קיי־נער ניט זיין געצוואונגען צו ווערן א לוין־ארבייטער ביי דעם אנ־דערן.

און פאַרוואָס זאָלען זיי מוזען אויפגעבען זייער זעלבסטשטענ־דיגקייט? צי דערפאר וויל שפּילקעס קאָן מען פּראָדוצירן זעהר ביליג און א סך, ווען מען צעפּיצעלט די ארבייט (און די ארבייטער אויך) אויף הונדערט פּיצלעך, מוז מען דעריבער האָבען א „מאָדער־נעם שטאַאט“, וועלכער זאָל קאָמאַנדעווען מיט דער גאַנצער פּראָ־דוקציע פון גאַנץ דייטשלאַנד, צום ביישפּיל?

„די גרויס־פּראָדוקציע פאָדערט א צוזאַמענפאַסונג פון אלע צווייגען“. פאַרוואָס פאָדערט זי דאָס? ליגט עס אין דעם וועזען פון דער היינטיגער מעטאָדע ווי צו פאַבריצירן שיך, אז די אינדו־סטריע פון אייזען און די פאַבריציררונג פון ביניין־פילען, למשל, זאָ־לען אלע זיין צוזאַמענגעפאַסט אונטער איין קאָנטראָל? איז עס א נאַטור־נויטווענדיגער געזעץ פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע? ניין. זי פאָדערט עס, וויל מען מיינט, אז דורך א „צוזאַמענפאַסונג“ וועט די פּראָדוקציע קאָסטען דער געזעלשאַפט ביליגער, עס וועט אוועק־נעהמען ווייניגער צייט; קורץ — וויל די סאָציאַלדעמאָקראַטישע טעאָרעטיקער דענקען, אז אזוי לוינט זיך בעסער.

נו, גוט! וויבאלד אז די „וויסענשאַפט“ קומט אויך ענדליך צום פּונקט, וואָס עס לוינט זיך בעסער, טאַ פאַרוואָס זאָלען מיר ניט טאָרן שטעלען א פראַגע־צייכען פון אונזער זייט און א פראַגע טאָן גאַנץ שטאַרק: לוינט זיך עס?! לוינט זיך צו מאַכען אזא טאַראַראַם מיט א מאָדערנעם שטאַאט און „העכסט וויסענ־שאַפטליך“ אוועקרייבען פון יעדען איינצעלנעם, פון יעדער גרופּע, אי די פרייהייט, אי די מיטלען צו פּראָדוצירן זעלבסטשטענדיג? לוינט זיך עס צו פארשאַכערן די פרייהייט פאר א ביליגען טאַפּ לינזען?

אז דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער ווירטשאַפט־שטאַאט נעהמט אוועק ביי די ארבייטער (ביי אלעמען, וואָרים אויסער די באַאמטע וועלען דאָך אלע זיין ארבייטער אין דער צוקונפט) די פרייהייט, איז קאַוטסקי מודה גאַנץ אָפען אין דעמזעלבען „ערפורטער פּראָ־

גראַם“. ער זאָגט: „עס איז ריכטיג, די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע קאָן ניט געהן צוזאַמען מיט דער פולער פרייהייט פון דער אַרבייט; דאָס הייסט מיט דער פרייהייט פון אַרבייטער צו אַרבייטען ווען, וואו און ווי ער וויל“.

„אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט זיינען אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען פאַראייניגט אין איין האַנט; עס איז דאָ נאָר איין־איינציגער אַרבייטסגעבער, וועלכען מען קאָן ניט בייטען“.

אָבער — „שולדיג אין דעם איז די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג גופא, ניט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע; שטערן די ענטוויקלונג וויל זי ניט און קאָן ניט“.

דאָס זיינען קלאָרע דבורים; און ער פאַרדינט אַ דאַנק פאַר זיין אָפענהערציגקייט. נאָר ניט דאָס אַליין בין איך אויסען.

קאַוטסקי צערעדט זיך אין אַ גאַנצען קאַפּיטעל וועגען דער פרייהייט פון דער אַרבייט און סטאַרעט זיך צו באַווייזען, אַז מיט דער צעטיילונג פון דער אַרבייט פון דער גרויס־אינדוסטריע איז פרייהייט איבערהויפּט אַן אוממעגליכע זאַך; דער אַרבייטער איז ניט מעהר ווי אַ קליין רעדעל, ווי אַ שרייפעל, אין אַ גרויסער מאַשין; אויף יעדען שריט און טריט איז ער אָפּהענגיג פון אַלע אַנדערע מיט־אַרבייטער; ער מוז אַרבייטען ווען און ווי די זאַך פאָדערט, ניט ווען און ווי ער וויל, — הייסט עס, אַז ער קאָן ניט זיין פריי.

אָבער מיט אַזאַ רעכענונג קאָן מען דאָך זאָגען, אַז עס קאָן איבערהויפּט ניט זיין קיין פּערזענליכע פרייהייט אין אַ געזעלשאַפט. וואָרים איז דען ניט יעדער מענש דורכגעשרויפט און דורכגעבונדען מיט אַלע מענשען, אַזוי אַז איינער אַליין וואָלט קיינער ניט געקאָנט לאַנג עקזיסטירן? און פאַרוואָס גראָד אין דער געזעלשאַפט? איז אַ מענש פאַר זיך אַליין פריי? איז זיין ווילען ניט אָפּהענגיג פון אַזויפיעל אורזאַכען, איבער וועלכע ער האָט קיין מאַכט ניט?

דער טעות ליגט דאָ אין דער סאַמע באַדייטונג פון פרייהייט. אָט גיט אַ קוק וואָס עס טוט זיך איצט אין רוסלאַנד. די איידעלסטע מענשען, די גרעסטע העלדען, גיבען אַוועק זייער לעבען אין קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון פאָלק, פאַר פרייהייט. וועט איהר זיי

פרעגען צו וואָס זיי טוען עס, לויט דעם חשבון אז עס קאָן גאָר קיין פרייהייט אויף דער וועלט ניט זיין? ניין. איהר פיהלט, אז עס איז ניט גלייך, אז עס איז דאָ אַ חילוק צווישען דער פרייהייט, פאַר וועלכער זיי קעמפּפען און דער פרייהייט, פון וועלכער איהר רעדט דאָ.

איהר רעדט און טראַכט בעת מעשה פון אַבסטראַקטער פרייהייט, פון דעם מעטאַפּיזישען באַגריף פון פרייהייט, — וועגען אַזאַ פרייהייט קאָן מען זיך חקירה'נען און אפשר צוגעבען, אויב איהר ווילט, אַז זי איז ניטאָ און קאָן ניט זיין, ניט אין געזעל־שאַפטליכער ארבייט, ניט אין געזעלשאַפטליכען לעבען, ניט אין דעם מענשענ'ס פּסיכאָלאָגיע גופא. יענע אָבער קעמפּפען פאַר קאָנקרעטער פרייהייט: פאַר פרייהייט צו לעבען און ארבעטן געזעלשאַפט־ליך ניט געשטערט פון הערשער; פאַר פרייהייט צו מעגען זוכען גליק. יעדער איינער אויף זיין אייגענעם וועג; צו זיין אַליין בעל־הבית איבער זיך און ניט זיין אונטערוואַרפען אונטער דעם ווילען פון אַן אַנדערן.

מעג דעם מענשענ'ס ווילען זיין פריי פּסיכאָלאָגיש אָדער ניט, -- איין מענשענ'ס ווילען דאַרף ניט זיין געצוואונגען צו ווערן אונטערוואַרפען אונטער דעם ווילען פון אַן אַנדערן. מיר זוכען ניט קיין „פרייען ווילען“, — מיר זוכען פרייהייט פאַר דעם ווילען ווי ער איז. מיר זוכען פרייהייט פאַר דעם ווילען — אַקעגען דעם ווי־לען פון אַן אַנדערן, ניט אַקעגען אומשטענדען, וועלכע מען קאָן ניט ענדערן. אַ מענש מיט שכל קאָן ניט וועלען אַז אויפעסען דעם בייגעל אַז איהם האָבען.

גרויס־אינדוסטריע פאָדערט אַ צעטיילונג פון דער ארבייט און פאָלגליך אַן אָפּהענגיגקייט פון דעם ארבייטער בעת ער ארבייט — ריכטיג. די פראַגע איז אָבער: ווער פאָדערט די גרויס־אינדו־סטריע? פאָדער איך עס? אויב איך וויל עס, געה איך איין, מיט מיין ניט־געצוואונגענעם ווילען, אויף די אומשטענדען, וועלכע מאַ־כען מיך בעת מעשה אָפּהענגיג פון מיינע מיטאַרבייטער. וויל איך עס ניט, נאָר די געזעלשאַפט גיט מיר קיין ברירה ניט און

איך מוז זיין די הונדערטסטע האַנט אין אַ פאַבריק פון שפּילקעס — דאַן רויבט זיי ביי מיר אַוועק מיין פרייהייט און זי מאַכט מיך פאַר אַ שקלאַף צו איהר ווילען.

„אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט זיינען אַלע פּראָדוק־ציאָנס־מיטלען פאַראייניגט אין איין האַנט" — הייסט עס, אַז זי גיט מיר ניט די ברירה צו אַרבייטען פאַר זיך, אויב איך וויל, נאָר איך מוז אַרבייטען אַלס אַ רעדעל אין אַ גרויסער מאַשין, צי איך וויל, צי איך וויל ניט — הייסט עס, אַז די סאָציאַליסטי־שע געזעלשאַפט רויבט אַוועק מיין פריי־הייט און מאַכט מיך פאַר אַ שקלאַף צו איהר ווילען.

און טאַקע זי, די סאָציאַלדעמאָקראַטיע, איז שולדיג אין דעם, ניט די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג. די מעטאָדען פון גרויס־אינדו־סטריע האָבען אַ סך מעלות — אין די נייערע צווייגען קאָן מען אָהן זיי גאָר ניט אויסקומען, — אָבער די סאָציאַלדעמאָקראַטיע פאַר־געסט, אַז זיי זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר דעם מענשען, ניט דער מענש פאַר זיי.

עס איז דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער שטאַאט, — דאָס פאַר־אייניגען אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין איין האַנט, דאָס רעגולירן פון איין צענטער די פּראָדוקציע פון גאַנצען לאַנד, דאָס קאָנטראָ־לירן די פּראָדוקטיווע טעטיגקייט פון יעדען איינצעלנעם, — אַט דער עקאָנאָמישער שטאַאט־הכולל איז עס, וועלכער באַגראַבט די פריי־הייט און פאַרשקלאַפט די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט!

„מיר גיבען די מענשען" — שרייט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע — „די העכסטע פרייהייט וואָס קאָן געבען: אַנשטאָט די „פריי־הייט דער אַרבייט" מאַכען מיר זיי „פריי פון אַרבייט"! מיר באַ־פרייען זיי פון דאַרפען שווער און ביטער אַרבייטען".

אַ וואָרט־שפּיל איז דאָס אפשר אַ שעהנער, אָבער ניין, מוה־מעלע! פריי פון אַרבייט מיינט ניט פרייהייט. איהר מעגט אונז מאַכען פריי אַפילו פון ציינ[ה]ן־וועהטאָג און פון צער גידול־בנים, — און עס וועט אַלץ ניט הייסען, אַז איהר גיט אונז פרייהייט. פאַר אַ פּאָר שטונדען אַרבייט אין טאָג וועט איהר אונז געבען חיונה

—איהר זייט א גוטע עקאָנאָמקע און א גוטהארציגע בעל־הבית'טע— אָבער דערפאַר ווע̇לען מיר איך מוזען דינען ווי לייבאייגענע און פאָלגען וואָס איהר וועט הייסען.

עס זיינען דאָ מענשען, איך ווייס, וואָס וועלען לעקען די פינגער פון אזאַ מערכה: ס'טייטש א שטעלע — ארבייט ניט מעהר ווי דריי שטונדען אַ טאָג העכסטענס, חיונה בשופע, און אַ קאָנטראַקט אויפ'ן גאַנצען לעבען! אָבער אַזעלכע קאָנען ניט זיין פיעל; איך וויל האָפען, אז אַ דור פון מענשען, וואָס וועט האָבען דעם מוט צו מאַכען אַ רעוואָלוציע און אָפּשאַפען דאָס אייגענטום פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען — וועט ניט פאַרשאַכערן זיין פרייהייט פאַר אַ ביליגען, גרויסען טאָפּ לינזען.

# שטאַאט און פרייהייט

## אן ענטפער אויף אן ענטפער

אין מיין אַרטיקעל „שטאַאט אָדער ניט שטאַאט?" האָב איך געמאַכט פינף באַהויפּטונגען. נומער איינס: די סאָציאַלדעמאָקראַטיע זאָגט, אַז דער שטאַאט וועט שטאַרבען און תיכף ומיד בויט זי אויף אַן אַנדערן. נומער צוויי: שטאַאט און פרייהייט זיינען צוויי הפכים. נומער דריי: די „געזעצע" פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע פיהרן נ י ט דוקא צו אַ צוזאַמענפּאַסונג פון אַלע אינדוסטריע־צווייגען אין איין צענטער פון רעגירונג. נומער פיער: פּערזענליכע פרייהייט שליסט ניט אויס קאָאָפּעראַטיווע אַרבייט. נומער פינף: דער סאָציאַלדעמאָקראַטיש עקאָנאָמישער שטאַאט באַגראָבט די פרייהייט און פאַרשקלאַפט די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט.

איצט לאָמיר באַטראַכטען יעדען פונקט באַזונדער און זעהן צי דר. פאָרנבערג האָט אויף דעם געענטפערט און וו אַ ס ער האָט געענטפערט.

אַז דער שטאַאט וועט שטאַרבען האָט געזאָגט אַליין פרידריך ענגעלס אין זיין בוך: דער סאָציאַליזם פון אויטאָפּיע צור וויסענשאַפט; — אַז דער שטאַאט וועט לעבען האָבען געזאָגט ביידע, אי מאַרקס, אי ענגעלס, אין קאָמוניסטישען מאַניפעסט — „אָפען און קלאָר", ווי דר. פאָרנבערג רוקט מיר אַליין אונטער די ציטאַטע, אַזוי צו זאָגען, אונטערן נאָז. — דאָרטען שטעהט בפירוש: „דער פּראָלעטאַריאַט וועט באַנוצען זיין מאַכט אַלץ מעהר און מעהר אַוועקצונעהמען ביי דער בורזשואַזיע דאָס קאַפּיטאַל און אַלע פּראָדוקציאָנס־אינסטרומענטען, צו צענטראַליזירן אין די הענט פון שטאַאט". — הייסט עס וואָס: יאָ שטאַאט, אָדער נ י ט שטאַאט? נאָך דר. פ. נאָך קומט אויס, אַז אודאי יאָ שטאַאט, דוקא שטאַאט.

שטאַאט איז סאָציאַליזם, ניט־שטאַאט איז אַנאַרכיזם, זאָגט ער. אַי ענגעלס? ענגעלס זאָגט דאָך, אַז דער שטאַאט וועט שטאַרבען? נו, מסתמא מיינט ענגעלס, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער שטאַאט וועט שטאַרבען, און אויף זיין אָרט וועט אויפלעבען דער סאָציאַליסטישער שטאַט. אָבער דאָס האָב איך דאָך אויך געזאָגט, — ניט געמאַכט קיין בלבול — טאָ וואָס בייזערט ער זיך אַזוי, דער דאָקטאָר?

אין כעס איז ער אפּנים פאַר מיין צווייטען פּונקט, וואָס איך צייג אויף, אַז שטאַאט און פרייהייט זיינען צוויי הפכים. פרייהייט איז פאַר אַ סאָציאַלדעמאָקראַט, ווי דער גוי זאָגט, „האַרקאַ יעסטש אי זשאַלקאַ בראָסיטש" — ביטער אַראָפּצושלינגען און אַן עברה אוועקצואוואַרפען. — זאָגען אַז ניין, עס וועט ניט זיין קיין פרייהייט, איז עפּעס סאָוועסטנע, מאַכט מען ווי יענער 48ער טייטש האָט געזאָגט: „פיר דען קייזער אונד אויך פיר די פרייהייט"... איז מיין עובדא געוועזן צו אַרגומענטירן, אַז ענטוועדער — אָדער: ענטוועדער שטאַאט, אָדער פרייהייט;ביידע צוזאַמען איז אַן אוממעגליכקייט.

געטאָן האָב איך דאָס אַזוי: איך האָב געגעבען אַ דעפיניציאָן פון שטאַאט און אַ דעפיניציאָן פון פרייהייט; איך האָב געצייגט מיט לאָגיקע, אַז עס קאָן ניט זיין קיין פרייהייט אין שטאַאט. וואָלט געדאַרפט אַ געלאַסענער קריטיקער מיר אויפצייגען, אַז מיינע דעפיניציאָנען זיינען ניט ריכטיג, דאַן וואָלט ממילא אוועקגעפאַלען מיין לאָגישער שלום. איז אָבער מיין קריטיקער ניט קיין געלאַסענער און, כאָטש ער האָט צוברעקעלט יעדעס וואָרט, וואָס איך האָב געזאָגט, האָט ער דאָך מיינע דעפיניציאָנען אין עצם געלאָזט אומבאַריהרט. טענה איך דערפאַר, אַז מיין לאָגישער שלום איז אַ לאָגישער שלום, און זיין קריטיק איז קיין קריטיק ניט.

מיין דעפיניציאָן פון שטאַאט איז — אַ קאָנצענטראַציע פון אַסך פונקציאָנען פון געזעלשאַפטליכען לעבען אין איין צענטער פון אויטאָריטעט. אין אַנדערע ווערטער: דאָס אַריינמישען זיך פון אַ אויסערן קאָנטראָל אין די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון אַ

זעלבסטשטענדיגער געמיינדע. אויף דארויף זאָגט מ'ין געגענער: אמת, אין די איינהייטס־שטאַאטען ליגען טאַקע אַ סך פונקציאָנען אין איין צענטער פון אויטאָריטעט, אָבער אַפּילו דאָרטען איז אויך דאַ אַ דריי־איינגקייט פון געזעצגעבענדע, ריכטערליכע און אדמי־ניסטראַטיווע צענטרען. מילא, איז דאָס אַ שפּילכעל מיט אַ וואָרט: ער ווייס אַליין, אַז אין גרונט זיינען דאָס דריי דעפּאַרטאמענטען פון איין צענטער פון שטאַאט־אויטאָריטעט.

זאָגט ער ווייטער: „עס זיינען אָבער דאַ בונדעס־שטאַאטען, וועלכע האָבען ניט אַ סך פונקציאָנען, נאָר אָפט גאַנץ ווייניג פונק־ציאָנען". איז וואָס? הייסט עס דען, אַז יעדער שטאַאט, וועלכער טרעט אריין אין דעם בונדעס־שטאַאט האָט ניט קיין סך פונקציאָ־נען? הייסט עס, אַז יעדער טייל־שטאַאט איז ניט אַ צענטער, וואָס רעגולירט דעם לעבען פון פיעלע געמיינדען און גרופּען פון זיין טע־ריטאָריע? איז דען אַ בונדעס־שטאַאט אַ קלענערע צענטראַליזאַ־ציע, אַ ווייניגערע קאָנצענטראַציע פון די העכערע פונקציאָנען פון אַלע טעריטאָריען, וואָס זיינען פאַראייניגט אין דעם פאַרבאַנד?

האָט ער אָבער נאָך אַ טענה. „איינצעלנע שטעדט, זאָגט ער, זיינען פון טויזענטער יאָהרען אַז שוין געווען שטאַאטען: אַזוי ווי די גריכישע שטאָדט־שטאַאטען, אַזוי ווי די פרייע שטעדט פון מי־טעלאַלטער". — אַז עס זיינען געווען שטאַאטען פון טויזענטער יאָהרען אָן איז עס לכתחילה גאָר ניט צום פונקט. אודאי זיינען זיי געוועןּ: גריכישע און רוימישע, עגיפּטישע און פּערזישע און כאַל־דעאישע און נאָך און נאָך. איך האָב געשריבען: „אַז מיר זאָלען אָנפאַנגען רעכענען אונזער אייראָפּעאישע ציוויליזאַציאָן פון דער פאַרניכטונג פון דער רוימישער אימפּעריע, וועלען מיר געפינען אַ. ז. וו.". אַז מיר זאָלען רעדען פון אַלע שטאַאטען פון ששת ימי בראשית אָן, וואָלטען מיר געפונען אי גרויסע, אי קליינע, אי מיטע־לע שטאַאטען; מיט מעהר פונקציאָנען, מיט ווייניגער פונקציאָנען; צוויי טויזענט, פינף טויזענט, צעהן טויזענט יאָהר צוריק.

וואָס ער וויל ארויסברייגנען איז, אַז אַפּילו אײן שטאָדט קען זיין אַ שטאַאט. די גריכישע שטעדט ספּאַרטאַ, אַטהענס, צ. ב.,

זיינען געוועזן שטאַאטען. מילא בכן? ליגט דען אין מיין דעפיני־ציאָן אַ באַשטימטע מאָס פון קוואַדראַטנע מיילען וויפיעל אַ שטאַאט מוז ענטהאַלטען, כדי צו הייסען אַ שטאַאט? אַ שטאָדט באַשטעהט פון פאַרשידענע גרופּען מיטגלידער — אויב יעדע גרופּע האָט אויטאָנאָמיע — איז די שטאָדט ניט קיין שטאַאט; אויב יעדע גרופּע האָט ניט קיין אויטאָנאָמיע, איז די שטאָדט אַ צענטראַליזירטער שטאַאט.

„אַזוי ווי די פרייע שטעדט", זאָגט ער, אין מיטעלאַלטער". אָט דאָס זאָגען איז שוין גאָרניט געזאָגט: פּונקט וועגען די פרייע שטעדט פון מיטעלאַלטער געהט דאָך ערשט אָן דער ויכוח, קאָן מען דאָך פון זיי אַליין קיין ראיה ניט ברייגגען. דאָס מוז מען שוין באַ־ווייזען, אַז ניט הייסט עס אויפ'ן געלערנטען לשון פּעטיציא פּרינ־ציפּי, אָדער אויף פּראָסט ענגליש, בעגגינג דהי קוועסטיאָן. די פרייע שטעדט (אָהן קאַוויטשקעס) אין מיטעלאַלטער זיינען באַ־שטאַנען, ווי איך האָב עס באַשריבען, פון אויטאָנאָמע גרופּען, און דאַרום זיינען זיי ניט געווען קיין שטאַאטען. ווען דער שטאַאט פון דרויסען, אָדער די פּאַטריציער פון אינעווייניג, האָבען גענומען שטיקען דאָס לעבען פון די גרופּען, זיינען זיי דאַן געוואָרן אויס פרייע שטעדט. וואו דער שטאַאט קומט אַרויף, ווערט אַ סוף פון געזעלשאַפטליכער פרייהייט.

נו, האָט מיין קריטיקער געפונען אַ זכות פאַר'ן שטאַאט. צווי־שען די פונקציאָנען, וואָס ער נעהמט אריבער פון די געזעלשאַפטס־גרופּען זיינען דאָ, זאָגט ער, אַזעלכע ליבענסווערטע פונקציאָנען ווי פאָלקס־בילדונג, סאַניטעט, קאַראַנטין און אַרבייטער־שוץ. יאָ, זיי זיינען דאָ און אַזוי ווי איך דענק וועגען זיי און וועגען מיין קריטיקער, שטעלט זיך מיר די פראַגע: „זאָל איך לאַכען, אָדער זאָל איך וויינען?" דער שטאַאט האָט גוטע פונקציאָנען אויך — איז דאָס די פראַגע? די פראַגע איז דאָך, מיט וואָס פאַר אַ רעכט קומט ער צו זיי? און ווי ערפילט ער די פונקציאָנען?

דענקט איהר, אַז אָהן דעם שטאַאט וויל דאָס פאָלק זיך ניט בילדען? דאַרף מען אפילו די רוסישע מוזשיקעס מיט נאַגייקעס טרייבען זיי זאָלען געהן אין שולע? אַ פרייע, זעלבסטשטענדינע

געמיינדע האט איהר מורא וועט ניט שאפען קיינע בילדונגס-אנ-שטאלטען פאר איהרע מיטגלידער? א זכות פאר'ן שטאאט, ער גיט שולען! דאס איז דאך טאקע די צרה מיט די שטאאט-שולען, וואס זיי טויגען אויף כפרות! אריבערנעהמענדיג, אוועקרויבענדיג די פונקציאן פון בילדונג פון דער געזעלשאפט, האט דער שטאאט די בילדונג געלעגט אין דער ערד!

ווען מיין קריטיקער וועט מיר איבערצייגען, אז אונטער לאקא-לער אויטאנאמיע וועלען די מיטגלידער פון א געמיינדע ניט באזאר-גען בילדונג, סאניטערע איינפיהרונגען און שוץ פאר זייערע קינדער פון עפידעמיען, ווי פון אומגעזונטער ארבייט, און אז נאר א שטאאט א צענטראליזירטע מאכט, קאן און באזארגט דאס — דאן צוגעבען, אז דער שטאאט האט גוטע פונקציאנען אויך.

געפעהלט איהם דאן ניט, וואס איך האב געזאגט, אז עס איז דא א חילוק צווישען שטאאט און רעגירונג. ס'טייטש, אט דער און דער פראפעסאר האט דאך אליין ערקלערט, אז „דעם סך הכל פון דער טעטיגקייט פון שטאאט רופט מען רעגירונג!“ אבער איך האב דאך אויך געזאגט: „זיי זעהען אז יעדער שטאאט איז א רעגירונג, שליסען זיי דערפון, אז י ע ד ע רעגירונג איז א שטאאט“. טא וואס האט דא זיין פראפעסאר אויפגעטאן, אז איך אליין זאג, יעדער שטאאט איז א רעגירונג? — שלאגט ער מיך מיט פרודאן'ען, דעם פאטער פון אנארכיזם, וועלכער האט געזאגט (והראיה, פלעכאנאוו האט ציטירט), אז די בעסטע רעגירונגס-פארם איז אן אוממעגליכע זאך. איז וואס? וויבאלד זיי טויגען ביידע אויף כפרות, קען גאר ניט זיין קיין חילוק צווישען זיי, קאן גאר ניט זיין איינע ערגער פאר דער אנדערער?

אזוי ווי אבער ער אדווערטייזט מיך, ניט געבעטענערהייט, פאר אן אנארכיסט, און נאך א אינדיווידואליסט, איז כדי ארונטערצו-נעהמען פון זיך אירגענד וועלכען חשד, אז איך שטים ניט איין מיט פרודאנ'ען, וויל איך זיך שטיצען אויף אן אנדער לעהרער פון אנאר-כיזם, נעמליך, אויף קראפאטקינ'ען. אין זיין בראשורע „דער שטאאט“ זאגט קראפאטקין: שטאאט און רעגירונג רעפרעזענטירן צוויי פארשידענע געדאנקען. די אידעע פון שטאאט האלט אין זיך

אײן אַ גאַנץ פאַרשידענע זאַך װי די אידעע פון רעגירונג. ניט נאָר איז דער שטאַאט אַ מאַכט איבער דער געזעלשאַפט, נאָר עס איז אויך אַ טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציאָן, אַ קאָנצענטראַציאָן פון אַ סך פונקציאָנען פונ'ם לעבען פון געזעלשאַפט אין די הענט פון איי־ניגע אָדער פיעלע. דער שטאַאט ברײנגט אַרײן נײע באַציהונגען צװישען די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט".

געװיס איז קראָפּאָטקין ניט פּאָרנבערג'ס פּראָפעסאָר, און ניט פאַר איהם האָב איך דאָס ציטירט פון קראָפּאָטקינ'ען:—ניט מעהר, װאָס שלאָגט ער מיך מיט פרודאָנ'ען?

אגב װאָלט איך געװאָלט באַמערקען מכח שטעלען די געשיכטע מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, װי מײן קריטיקער חזר'ט איבער עטליכע מאָל, אַז דער „אילאָװײסקי" באַגריף פון געשיכטע, װעלכען ער שטעלט פאָר, איז כלל ניט שטעלען די געשיכטע מיט'ן קאָפּ אַרויף. „װאָס פאַר אַ ביטערע איראָניע, זאָגט ער, פאַרצושטעלען די מיטעלאַל־טערליכע פינסטערניש פאַר אַ אידעאַל פון פרײהײט און פּראָגרעס!" — אַזוי װי מען װאָלט געקענט רײדען פון אומװיסענהײט אַלס אַ געגענזאַץ צו פרײהײט; אַזוי װי מיר װאָלטען געזאָגט, אַז פינס־טערניש איז אַ אידעאַל פון פּראָגרעס! די װילדע אין דער אור־צײט האָבען אודאי געהאַט מעהר פרײהײט אין ז ײ ע ר געזעל־שאַפטליכען לעבען, װי מיר הויך־ציװיליזירטע אין א ו נ ז ע ר גע־זעלשאַפטליכען לעבען, פונדעסטװעגען האָט נאָך קײנער ניט אַפילו פון די הײסע חסידים פון דער „צוריק צור נאַטור"־שולע, געראַטען אװעקצואװאַרפען די װיסענשאַפטען, די קונסט און די איבעריגע ציערונגען פון דעם ציװיליזירטען מענשענ'ס גײסט.

יאָ, די מיטעלאַלטערליכע פינסטערניש!

„אונזער מאָדערנע אינדוסטריע איז צו אונז געקומען פון יענע פרײע שטעדט. אין דרײ יאָהרהונדערטען האָט מען די אינדוסטריע און די קונסט אַזוי ענטװיקעלט, אַז אונזער אײגענער יאָהרהונדערט האָט זײ נאָר געקענט אַריבערשטײגען אין שנעלקײט פון פּראָדוצירן, זעלטען אָבער אין קװאַליטעט און זעהר זעלטען אין שעהנקײט פון פּראָדוקט. אין דער העכערער קונסט — האָבען מיר אַריבער־

געשטיגען די שעהנקייט פון א ראפאעל? די קראַפט און די העזה פון א מיכעל אנגעלא? די וויסענשאַפט און קונסט פון לעאָנארדא דא ווינטשי? די פּאָעזיע און שפראַך פון דאנטע, אָדער די אר־כיטעקטור וועלכע האָט געשאַפען די קאַטעדראַלען פון ליאָן, פון רהיימס, פון קאלאָן? — דאָס פאָלק אליין איז געווען זייער מייס־טער, האָט וויקטאָר הוגאָ גוט געזאָגט — די אוצרות פון שעהנהייט פון פלאָרענץ און ווענעציע, די סיטי־האַלס פון ברעמען און פראג, די טורעמס פון נירענבערג און פיזא, און נאָך אָהן אַן ענדע? אלע די גרויסע ערראָבערונגען פון קונסט זיינען געווען די פּראָדוקטען פון יענער פעריאָדע".

„איהר דענקט פון דעם פּראָגרעס פון ציוויליזאציאָן פון 19טען יאָהרהונדערט, מיט וועלכען מען הערט ניט אויף זיך צו האַלטען גרוים? קוקט זיך צו! אלע גרויסע ענטדעקונגען פון וועלכע עס זיינען ארויסגעקומען אונזערע מאָדערנע וויסענשאַפטען — דער קאמפאס, דער זייגער, די דרוקעריי, די ים־פאָהרט ענטדעקונגען, פּולווער, דאָס געזעץ פון גראוויטאציאָן, דאָס געזעץ פון אטמאָס־פערן־דרוק פון וועלכען די דאמפפשיפען איז בלויז א ווייטערע ענט־וויקלונג, די אָנפאנגען פון כעמיע, די וויסענשאַפטליכע מעטאָדע, וועלכע ראדזשער בייקאָן האָט אָנגעוויזען און וועלכע האָט זיך שוין פּראקטיצירט אין די איטאליענער אוניווערזיטעטען — פון וואַנען איז דאָס אלץ געקומען, אויב ניט פון די שטעדט, וועלכע האָבען זיך ענטוויקעלט אונטער דעם שוץ פון קאָמונאלע פרייהייטען?"

די אויסציגע זיינען גענומען פון פעטער קראָפּאָטקין, וועלכער איז אודאי ניט קיין אויטאָריטעט פאר מיין קריטיקער; אָבער א מיינונג איז דאָס, און מען מעג זיך צוהערן צו איהר.

די סקאָרבאָווע היסטאָריקער הערן ניט אויף צו פויקען אין די באראבאנעם וועגען דער פינסטערניש פון מיטעלאַלטער און דער ליכ־טיגקייט פון דעם בורזשוא־רעזשים. וואָס פינסטערער זיי קענען פאַרשטעלען דעם מיטעלאַלטער, אלץ מעהר קרעדיט נעהמט זיך די בורזשואזיע פאר איהר הונגער־ציוויליזאציאָן און שקלאַפען־פּראָ־גרעס. פאר א סאָציאַליסט וואָלט זיך געפאסט אריינקוקען אין דער געשיכטע א ביסעל טיפער; אריינקוקען מיט מענשליכע אויגען,

ניט דורך די בורזשואזנע געפּאַרבטע ספּעקולען.

דער מיטעלאַלטער האָט ניט געוואוסט פון די נעבעל־טעאָריע — קיינער איז אָבער דאַן ניט געשטאָרבען פון הונגער, ווייל ער האָט קיין אַרבייט ניט געקענט קריגען. קיין עלעקטרישע טעלעגראַפען און טעלעפאָנען זיינען דאַן ניט געווען — אָבער דערפאַר האָבען זיי געהאַט אין זייערע געמיינדען מעהר מוניציפּאַלען סאָציאַליזם, וויפיעל איהר האָפּט צו קריגען דורך אייער פּראָפּאַגאַנדאַ אין די נעכסטע פופציג יאָהר!

ניט איך אַלזאָ דריק די הענט פון די פינסטערע רעאַקציאָנערן; ניט די פינסטערע רעאַקציאָנערן זוכען צו אידעאַליזירן די פרייע שטעדט פון מיטעלאַלטער. אדרבא, פאַרקעהרט, איך האָב מורא, אַז מיין קריטיקער גופא איז אין טעות בנוגע צו דעם; און ניט נאָר דריקט ער די האַנט וואו מען דאַרף ניט, נאָר דאַכט זיך, אַז ער איז אויך ניט קלאָר וואו דער קאָפּ איז...

צולעצט האָט ער ביי מיר נאָך אַן עולה. איך האָב געזאָגט, אַז דער שטאַאט האָט וואָס ווייטער אַלץ מעהר געשטיקט דעם צאַפּעלדיגען לעבען פון די געמיינדען, ביז ער האָט זיי דערשטיקט אינגאַנצען — לאָזט זיך גאָר אויס, דערצעהלט ער, אַז די מערקאַנטילע עפּאָכע האָט טאַקע געזוכט אויסצוברייטען איהר הערשאַפט און פאַרכאַפען אַ סך פונקציאָנען; און אַז היינטיגע צייטען זוכט דער שטאַאט אויך איבערצונעהמען וואָס מעהר פונקציאָנען — דערפאַר אָבער איז אין מיטען געווען אַ רעאַקציע, און די מאַנטשעסטער שולע פון עקאָנאָמיקער האָבען אין ענגלאַנד אויסגעווירקט פריטרייד!

היינט פּאָליטיש קען מען, נאָך זיינע רייד נאָך, אָנטאַפּען דעם פּראָגרעס ממש בידים: פון אַ באַשרענקטער מאָנאַרכיע געהט ער איבער צום אויפגעקלערטען דעספּאָטיזם (!), דאַן צו אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע, אָדער צו דעמאָקראַטישער רעפּובליק, — נו, שעהמען מעג איך זיך איצט, אַ חדר־אינגעל וויים דאָך דאָס! אַז איך טראַכט מיר איבער די זאַך, הויבט זיך מיר אָן צו דאַכטען, אַז דאָס וויים טאַקע נאָר אַ חדר־אינגעל. עלטערע מענשען ווייסען, אַז אפילו אין פראַנקרייך'ס דריטער רעפּובליק מוזען פופציג דאָ־

קומענטען ווערן געשריבען און דורך צוועלף דעפּארטאמענטען מו־זען זיי דורכגעהן, איידער אַ „פּראַגרעסיווער" בירגער קען אוים־פיהרן אַפּצוראַמען אַ בוים פון וועג, וועלכען אַ ווינט האָט דאָרטען אַנידערגעוואָרפען! אז איך וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט איך מעיז געווען צו רעכענען, אַז עס איז אַ סברא, אַז אפילו אין אַ רע־פּובליק (אפשר דוקא?) איז נאָך דאָ אַ היבש ביסעל צענטראַליזאַ־ציע פון פונקציאָנען.

בקיצור, מיין דעפיניציאָן פון שטאַאט איז ניט אָפּגעלייקענט געוואָרן; וועלען מיר איצט זעהן מכח מיין רעפיניציאָן פון פריי־הייט.

איך האָב געזאָגט, פרייהייט אין דער געזעלשאַפט מיינט: יע־דער איינער זאָל מעגען זוכען גליק אויף זיין אייגענעם וועג; אליין זיין בעל־הבית איבער זיך, און ניט זיין אונטערוואָרפען אונטער דעם ווילען פון אַן אַנדערן; פרייהייט פאַר מענשען געגענאיבער אַנדערע מענשען, ניט געגענאיבער אומשטענדען, וועלכע מען קען ניט ענדערן.

קומט מיין קריטיקער און שרעקט אַן דעם עולם: דער טייפעל געהט! דער יחיד, דער אינדיווידואַליזם וויל גובר זיין דעם כלל! „די גאַנצע פראַגע איז, אַ י ך אָדער מ י ר, איינער אנטקעגען אַלע־מען. ער איז אַ אינדיווידואַליסט, ביי איהם איז זיין פרייהייט די ערשטע זאַך אין דער וועלט; ביי אונז סאָציאַלדעמאָקראַטען איז דער כלל קודם פאַר'ן פּרט. מיר, דער כלל, די געזעלשאַפט, די מענשהייט איז דער עיקר — דערפאַר לעבען זאָל דער סאָציאַלדע־מאָקראַטישער צוקונפטס־שטאַאט!"

זאָג איך דערצו: „עולם, שרעקט זיך ניט! „יעדער איינער" מיינט דיזעלבע זאַך וואָס „מיר אַלע"; יעדער יחיד איז דאָזעלבע וואָס דער „גאַנצער כלל". דער כלל, די געזעלשאַפט, די מענשהייט — ווער זיינען זיי אויב ניט די יחידים, די איינצעלנע, על פּי חשבון פון חיבור און כפל? אויב י ע ד ע ר איינער פון אַ געזעלשאַפט, לאָמיר זאָגען, פון טויזענט, וועט זיין בעל הבית איבער זיך, וועט די גאַנצע געזעלשאַפט זיין בעל הבית איבער זיך. אויב אָבער בלויז 501 וועלען זיין בעלי בתים איבער דער געזעלשאַפט, וועלען

די איבעריגע 499 זיין די שקלאַפען פון דער געזעלשאַפט. מיין קריטיקער האָט ניט פּרובירט אַפּלייקענען דעם חשבון, נאָר ער ברייִנגט אַ תניא דמסיע ליך, וואָס קאוטסקי האָט געזאָגט אין דער „נייע צייט“ 1905, אַז דער צוועק איז נאָר די געזעלשאַפט, דער כּלל, צו וועלכען יעדער איינצעלנער האָרף דינען?

אַ געזעלשאַפט צו וועלכער יעדער איינער דאַרף דינען — וואָס מיינט ער דערביי? וואָס פאַר אַ מעטאַפיזיקע איז דאָס? צו וועמען זאָל יעדער איינצעלנער דינען? ווער איז די געזעלשאַפט, אויב ניט יעדער איינצעלנער? זיינען נאָר 501 פון יעדען 1000 די געזעלשאַפט? און די איבעריגע 499 וואָס זיינען זיי? נעלמים? ווער זאָל דינען? און צו וועמען זאָל מען דינען? און פאַר־וואָס זאָל מען דינען?

מיין קריטיקער האָט געקענט טענה'ן: פרייהייט איז ניט דאָס וואָס איך זאָג; עס איז גאָר אַן אַנדער זאַך; עס איז, למשל, אַ פולער מאָגען. דאַן וואָלט ער מיר געצייגט, אַז אין סאָציאַלדעמאָ־קראַטישען שטאַאט וועט זיין אַ פולער מאָגען — וואָלט דאָס באַ־וויזען, אַז אין יענעם שטאַאט וועט זיין פרייהייט. וואָס טוט ער? ער לייקענט ניט אָפּ מיין דעפיניציאָן פון פרייהייט, און גיט צו, אַז אַזעלכע פרייהייט קען ניט זיין אין צוקונפטס־שטאַאט, נאָר ער שטעלט זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז מען דאַרף גאָר ניט אַזעלכע פרייהייט!

מעג זיך זיין אַזאַ שטאַנדפּונקט אויסגעצייכענט פאַר איהם מיט זיינע פילאָסאָפען ווי דיעטצגען, ווי קאוטסקי און אַנדערע — וואו איז אָבער די שאַרפע קריטיק אויף דער אַנאַרכיסטישער אנשויאונג?

מיין דריטער פּונקט איז געוועזן, אַז די גרעסטע פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע מוזען ניט דוקא פיהרען צו אַ צוזאַמענפאַסונג פון אַלע אינדוסטריע־צווייגען אין איין צענטער. דאָס הייסט איך האָב באַ־הויפּטעט, אַז די סאָציאַליסטישע קריטיק פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער פּראָדוקציאָן איז טאַקע אין עצם ריכטיג, נאָר ניט גראָדע אין דער מאַרקסיסטישער פאָרמע, ווי מען שניידט דאָס אונז צו שלחן־ערוך מעסיג. — זאָגט ניט מיין קריטיקער אליין: „ניט מיט מאַרקס'ן הויבט זיך אָן דער סאָציאַליזם, און ניט מיט מאַרקס'ן

וועט ער זיך ענדיגען?" דער מוז, אלזא, פון א צוזאמענפאסונג, פון א שטאאט, פאלגט ניט אלס נויטוועגדיגקייט פון די ענטוויק־לונגס־געזעצע פון דער פאליטישער עקאנאמיע, נאר עס איז בלויז איינע פון די מעגליכקייטען. פאלגליך, האב איך געזאגט, דארף מען נאך דורכדענקען, צי די מעטאדע פון שטאאט וועט געבען מעהר גליק יעדען איינעם אין דער געזעלשאפט, איידער די אנ־דער מעטאדע פון ניט־שטאאט.

איך פרעג דעם לעזער: איז דען דא אין מיין באהויפטונג אזעלכעס, וואס מען דארף וועגען דעם אזוי מרעיש עולם זיין, ווי דאס האט געטאן מיין קריטיקער? איין פראפעסאר האט ער גע־בראכט צו צייגען, ווי מען דארף קריטיקירן די וויסענשאפט נאך מארקס'ן; נאך א פראפעסאר האט ער געבראכט עדות צו זאגען, אז מארקס איז געוועזן דער גרעסטער סאציאליסטישער דענקער; און א דריטען האט ער געבראכט, וועלכער גיט א הסכמה אויפ'ן סאציאליזם בכלל — און, וויצעלט זיך איבער מיר אז „פאר די קריטיק פון די פאראויסזעצונגען, גרונט־געדאנקען, טעאריען, באווייזע און שליסע פון סאציאליזם האט ער (ד. ה. איך) קיין חשק, קיין צייט און קיין...

דאס שטראפט מען מיך, האב איך מורא, פאר מיינע אמאלי־גע חטאים; איצטער האב איך אזוי פיעל ניט אנגעזינדיגט. וואָ־רים ווי וואלט איינער געקענט יא האבען חשק און צייט און פינטע־לאך, אין א זעקס־זייטיגען ארטיקעל, יא צו קריטיקירן, אי די פאר־אויסזעצונגען, אי די גרונט־געדאנקען, אי די טעאריען, אי די באַ־ווייזע און שליסע פון אירגענד וועלכער לעהרע?

איך גיב צו, אז קונא פישער האט געצייגט דעם ריכטיגען וועג ווי צו קריטיקירן א פילאזאפישען סיסטעם; איך בין פאלשטענדיג איבערצייגט, אז מארקס איז געוועזן דער גרעסטער סאציאליסטי־שער דענקער, אהן דער הסכמה פון געארג אדלער; און קען דעם סאציאליזם בכלל שוין א יאהר צוואנציג — אבער וואס האט דאס צו טאן מיט דער פראגע, צי עס פאלגט פון די אימאנענטע געזעצע פון דער עקאנאמישער ענטוויקלונג, אז דער העכסטער גליק פון דער־

געזעלשאַפט ליגט אין אַ צוזאַמענפּאַסונג פון אַלע אינדוסטריע־צווייגען, אין אַ שטאַאַט?

אויב דורכריידענדיק זיך, צי עס לוינט צו פאַרקויפען די פרייהייט פאַר אַ ביליגען טאָפּ לינזען, הייסט וועלען „טריף און פּסול מאַכען" דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל? אויב אַנדייטען, אַז אין אַ שטאַאַט קען קיין פרייהייט ניט זיין, מיינט „ארויסגעהן צו צוברעכען און צושטערען די סאָציאַליסטישע וועלט־אנשויאונג — דאַן קומט דאָך אויס, אַז דער סאָציאַליזם איז געוואָרן אַזאַ היילינטום, אַז אויסער תהלות ותשבחות טאָר מען וועגען איהם חלילה אַ וואָרט ניט אויס־ריידען!

אַ זינדיגער מענש בין איך: ווען איך הער ווי אַ סאָציאַלדע־מאָקראַט רעדט אַזוי ווי ער וואָלט מיינען, אַז די גאַנצע וויסענשאַפט ליגט טאַקע ביי איהם אין פּאַקעט, דערוועקען זיך ביי מיר הירהורים רעים; דאָס איז אמת. ווען איך לעז ווי איינער טיילט איין די גאַנצע וויסענשאַפט, די פילאָזאָפיע דער געשיכטע, די סאָציאָלאָגיע, אין צוויי פעריאָדען: ביז מאַרקס און נאָך מאַרקס, בין איך מצרף די מחשבה רעה למעשה און לאַך אָפּ פון דעם. קיין פאַרפאַלענער מענש אָבער בין איך ניט. אדרבה, אפילו אַלס „אומגעבעטענער גאַסט" קריך איך אין אַ סאָציאַליסטישען זשורנאַל, נאָר כדי צו זוכען און זיפען וואו עס ליגט די וואָרהייט, אָדער יערענפאַלס מעהר וואָרהייט.

וואו ליגט די וואָרהייט? צי דאָרט, וואו מען זאָגט, אַז די צו־זאַמענפּאַסונג פון אַלע צווייגען איז „אַ נאַטור־נויטווענדיג געבאָ־טענע זאַך"; צי דאָרטען, וואו עס ווערט גערעדט נאָר פון „טענ־דענצען, וועלכע זוכען זיך דורכצושלאָגען אין לעבען?"

וואו ליגט מעהר וואָרהייט — אין דעם געדאַנק, אַז מען מוז אָפּשאַפען די וואַארען־פּראָדוקציאָן, אַוועקנעהמענדיג ביים עולם די מיטלען צו פּראָדוצירען; אָדער אין דעם געדאַנק, אַז די מיטלען צו פּראָדוצירען דאַרפען שטעהן פריי פאַר אַלעמען, און מענשען זאָ־לען קענען פיהרען אַ נאַטירליכע פּראָדוקציאָן פאַר'ן אייגענעם גע־ברויך?

ווען איך האב געוואלט געבען א ביישפיל ווי דעם ארבייטער איז וויכטיג לעבענסמיטעל און ניט מארק־וואארע, האב איך בעת מעשה ניט געקענט דענקען פון קיין אנדער געגענשטאנד וואס איז גאר קיין סחורה ניט, ווי מזוזות. אין אמת'ן, א מזוזה — אויך מיר א סחורה! נעהמט דער קריטיקער אן מיין משל צו ערנסט און פרעגט, מיט וואס אונטערשיידען זיך מזוזות פון אנדערע סחורות? אזוי ווי איך מיין חלילה ניט צו פארלעצען קיינעמס געפיהלען, נעהם איך צוריק דעם משל פון מזוזות און וועל שטעלען אויף זייער פלאץ — וואס? נו, זאל זיין נאאיווע קריטיקען...

וואו ליגט מעהר ווארהייט — צי אין דעם שטאנדפונקט פון כלל (לעז מאיאריטעט) איז קודם פאר'ן פרט". צי אין דעם שטאנדפונקט, אז די גרעסטע פרייהייט פאר י ע ד ע ן איינצעלנעם גיט דעם גרעסטען גליק פאר אלעמען?

וואו ליגט מעהר ווארהייט? — דאס איז די פראגע, וואס ווערט קיין מאל ניט אלט, וואס געהט קיין מאל ניט ארויס פון מאדע, וואס איז ביי אן אויפגעקלערטען מענשען קיינמאל ניט טריף. אבער ווי זאגט מיין קריטיקער? איהר ווילט פרייהייט, געזונטערהייט! עס זיינען דא צוויי וועגען פון גוטס: איך וויל דעם אנדער וועג. נאר קריכט ניט אין א סאציאלדעמאקראטישען זשורנאל!

אז ענטפער האב איך געזוכט צו דעם גרויסען „מוז" פון „צענטראליזירן אלע פראדוקציאנס־אינסטרומענטען אין די הענט פון שטאאט", און האב געמיינט, מען וועט מיר זאגען: שלעכט, ברודער! אויב מיר ווילען אז „אין סך הכל זאל עקזיסטירן וואס וועניגער נויט און עלענד, ארמוטה, עקספלואטאציע, אונטערדריקונג", איז ניטא קיין אנדער מיטעל סיידען שטאאט. אויב עס איז ניטא, טא וואס קען מען טאן? — האב איך ניט געטראפען. מען זאגט מיר גאר, עס זיינען דא צוויי וועגען פון גוטס: געהט זיך אייך אויף אייער וועג, אבי לאזט אונז געהן אויף אונזער וועג!

מיר האט זיך געראיעט אין מח די טענה, אז אהן צענטראליזאציע קען ניט זיין קיין גרויס־אינדוסטריע, און ווי וועט מען דאס קענען לעבען אהן גרויס־אינדוסטריע? דערפאר מוז מען פארבייגען א ביסעל די פרייהייט, ווארים לעבען איז בילכער. צוליב דעם

האָב איך אריינגעבראכט מיין ארגומענט, אז פערזענליכע פרייהייט שליסט ניט אוים קאָאָפּעראטיווע ארבייט; אז מען קען ארבייטען מיט דער מעטאָדע פון גרויס־אינדוסטריע, וואו מען מוז, און דאָך בלייבען פריי.

איך האָב באוויזען, אז אלע וואָס מען דארף, איז האָבען די ברירה, לאָזען די מעגליכקייט, ניט צו ארבייטען לויט דער מעטאָדע פאר די, וואָס ווילען ניט. איך האָב געפּאָדערט, מען זאָל איינזעהן, אז די גרויס־אינדוסטריע דארף זיין פאר'ן מענשען, און ניט דער מענש פאר דער גרויס־אינדוסטריע. וואו מען מוז, וואו מען איז געצוואונגען פון אומשטענדען, קריגט קיינער ניט, פיהלט זיך קיינער ניט בארויבט פון זיין פרייהייט; וואו אָבער עס איז ניטאָ קיין מוז — פארוואָס זאָל חאַצקעל און טאַדרעס און דר. פאַרנבערג און איך ניט טאָרן טאָן ווי מיר ווילען?

די פראגע האט ביי מיר אזא חן, אזא צוציהונגס־קראפט, אז איך בין נאָך אפילו איצט, נאָך אזא אָפּשניט ווי איך האָב געקראָגען, בארייט זי צו דיסקוטירן, אויף וועלכען אופן איהר ווילט.

נו, קום איך צו מיין שלום־פונקט, אז דער סאָציאַלדעמאָקראטישער עקאָנאָמישער שטאאט פארשקלאפט די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט.

די גאנצע רייד געהט דאָ וועגען אַ טעאָריע פון אַ געזעלשאפטליכער אָרדנונג אין דער צוקונפט. קיין פאקטען זיינען נאָך ניטאָ, דארום קענען די באווייזע דערפאר אָדער דאגעגען ניט זיין קיין אַנדערע, ווי נאָר לאָגישע. אויב די פּרעמיזען זיינען ריכטיג, מוז דער לאָגישער שלוס זיין ריכטיג. קיין קונצען העלפען דאָ ניט. פּראָפ. אדלער, דער באריהמטער פסיכיאטער קראפט עבינג, אָדער לאמבראזא, מעגען זעהן אין אַנארכיזם אַ „פּאָליטישע משוגעת", אַ „קראַנקהייט פון דער פאָלקס־נשמה" — זאָל אָבער מיין קריטיקער פריהער פארטיג ווערן מיט דעם לאָגישען שלוס, און נאכהער שטעלען דעם דיאגנאָז איבער אַנארכיזם.

שטעלט זיך פאָר, אז אלע אינסטרומענטען פון פּראָדוקציאָן זיינען צענטראַליזירט אין קאָנגרעס, וועלכער טאגט אין וואשינגטאָן. שטעלט זיך פאר וויפיעל ביוראָס עס וועלען דארפען מוזען

זיין, כדי צו קאָנטראָלירן די פּראָדוקציאָן פון אַ שפּילקע־קעפּעל ביז אַ האָר־פּרעס־מאַשין, פון אַ הויזן־קנעפּעל ביז אַ גרויסען טע־לעסקאָפּ. שטעלט זיך פאַר די מחנה אויפזעהער און באַאַמטע, וואָס אַזאַ צענטראַליזאַציאָן וועט פאָדערן — און זאָגט מיר: ווי־פיעל דאָקומענטען וועלען דאַרפען געשריבען ווערן, און וויפיעל ביוראָס וועט עס מוזען דורכגעהן, ביז אַ געגנאָסע וועט קענען קריי־גען געבאָרגט אַ קהל'שע האַק, למשל, אויף אויסצוהאַקען אַ בוים פון אַ קהל'שען וואַלד, אויף אויסצומייסטערן אַ שטול נאָך ווילי־עם מאָררים'עס אַ מוסטער?

קען דען געבען אַ פרייע באַוועגונג, אַ גייסטיגע לעבעדיגקייט אונטער אַזאַ סיסטעמע? בעט זיך דען ניט אָן אַנווענדונג פון דעם פּרינציפּ פון לאָקאַלער אויטאָנאָמיע, כדי אַ מענש זאָל קענען אַ בי־סעל פרייער אויפאָטעמען? לאָקאַלע אויטאָנאָמיע פאַר יעדען סטייט, פאַר יעדער שטאָדט, פאַר יעדער געמיינדע, פאַר יעדער גרופּע. אויטאָנאָמיע פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, אין וועלכער יעדער געגנאָסע פון אַ גרופּע פאַרטרעט זיך אַליין, וואו יעדע גרופּע איז פרייוויליג פאַראייניגט מיט אַנדערע, וואו אַ נאַציאָנאַלע פראַגע ווערט פאַרהאַנדעלט פון דעלעגאַטען, ווי היינט אויף אַ וויסענ־שאַפטליכען קאָנגרעס, וואו מען דאַרף ניט קיין אויפזעהער און ניט קיין באַאַמטע.

איך בין נייגעריג צו וויסען, וואָס דענקט די סאָציאַלעמאָקראַ־טיע פון דעם פּרינציפּ פון לאָקאַלער אויטאָנאָמיע. דענקט זי אָנצו־ווענדען דעם פּרינציפּ כאָטש וויפיעל עס איז? און וואו מיינט זי זיך אָפּצושטעלען?

## וועגן שטאַאַט און פרייהייט

אין אָקטאָבער נומער „צוקונפט“ (פאַריגען יאָהר) איז ערשינען מיינער אַן ארטיקעל אונטער׳ן נאָמען „שטאַאַט אָדער ניט שטאַאַט“. די באַהויפּטונגען, וואָס איך האָב דאָרטען געמאַכט, האָבען זיך ארויס־געוויזען דעם דאַמאָלסדיגען רעדאַקטאָר וויכטיג גענוג ארויסצורו־פען אַ דיסקוסיאָן וועגען דעם. ער האָט אָבער קיין מזל ניט געהאַט אין זיין אויסוואָהל פון דעם דעבאַטאַנט, וועלכער האָט דעם גאַנצען ענין אויפגעפאַסט אַלס סאָציאַליסטישע מאַיעסטעט באַליידיגונג, און האָט מיט העזה אַפּגעזידעלט און אַפּגעהאַקט אַלע דיסקוסיאָנען וועגען אַזעלכע עיקרים פון זיין אמונה.

דערפאַר הפנים, האָט געמוזט מיין פריינד יוסף געצאָוו (על פי טעות: געץ) אָנקומען צום „צייט־גייסט“, וואו איך געפין (9טען מערץ) אַ פאָרטזעצונג פון יענער אָנגעפאַנגענער דיסקוסיע, מיט דר. פאַרנבערג.

גענאָסע געצאָוו, ווי עס איז צו ערוואַרטען, איז ניט אַן ערך עדעלער פאַר יענעם „באַשיצער פון גלויבען“, אָבוואָהל פון זיין אַר־גומענטאַציע איז אויך ניכר, אַז ער קומט פון דייטשלאַנד און אימ־פאָרטירט דעם אמת פון סאַמע מקור. נאָך פאַרנבערג׳ן אָבער איז צו אַרגומענטירן מיט געצאָוו׳ן כמעט אַ שטיקעל פאַרגעניגען.

כדי צו קענען פאַרשטעהן ווי שלעכט פריינד געצאָוו האָט מיך פאַרשטאַנען, מוז איך איבערגעבען בקיצור דעם הויפּט־אַרגומענט פון מיין ערשטען אַרטיקעל, וואו די קאַשע איז פאַרקאָכט געוואָרן.

מיין אַרגומענט האָב איך אויסגעדריקט אין דער פאָרמע פון אַ ס י ל לאָ ג י ז ם (דאָס איז איינע פון די מדות, מיט וועלכע לאָגיק ווערט גע׳דרש׳נט) אַזוי צו זאָגען: שטאַאַט און פרייהייט זיינען

צוויי הפכים, סאָציאַלדעמאָקראטיע איז געבויט אויף שטאאט, אַלזאָ איז די סאָציאַלדעמאָקראטיע דער היפך פון פרייהייט. די באַהויפּטונגען, „שטאאט און פרייהייט זיינען צוויי הפכים“ און „סאָציאַלדעמאָקראטיע איז געבויט אויף שטאאט“ ווערן אָנגערופען בלשון לאָגיקע פּרעמיססען (גרונדאננאהמען); דער אויספיהר, „די סאָצ. דעמאָק. איז דער היפך פון פרייהייט, הייסט דער לאָגישער שלוס.

אין לאָגיקע איז אָנגענומען אַז, אויב די פּרעמיססען זיינען ריכטיג, מוז דער שלוס זיין ריכטיג, — אַלזאָ האָב איך געמוזט איבערצייגען, אַז די פּרעמיססען זיינען ריכטיג.

אויב מען זאָל פּארטייטשען שטאאט אַלס געזעלשאפטליכע אָרגאַניזאַציאָן, אָדער איינפאך אַלס רעגירונג אין דעם זין פון נויטיגער רעגולירונג, אדער גאָר אַלס קאַפּיטאַליסטישע הערשאפט, איז ער ענטוועדער העכסט ניצליך, אָדער גאַנץ אומשולדיג, אָדער ער איז דער היפך פון סאָצ. דעמ., וועלכע פארניכטעט די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט און בויט אויף אַ קהל'שע הערשאַפט.

אויב, ווידער, מען זאָל פּארטייטשען פרייהייט אַלס פריי פון פּאַנשציזנע, פריי פון שווער אַרבייטען, פריי פון דאגות חיונה, און דער גלייכען — דאַן וועט די סאָצ דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט געבען די העכסטע פרייהייט, און איך קען צו איהר קיינע טענות ניט האָבען.

נון, האָב איך באַוויזען, אַז די אַלע פּארטייטשונגען פון שטאאט זיינען ניט ריכטיג, און האָב געזוכט אויסצוגעפינען זיין ריכטיגע באַדייטונג, דעם עצם, דעם עיקר פון שטאאט. און כדי אויסצומיידען די מעטאַפיזישע מעטאָדע פון סתם געבען אַ דעפיניציע און בויען אויף דעם הרים וגבעות, האָב איך בכיון באַנוצט די היסטאָרישע מעטאָדע ווי ער האָט זיך אַנטוויקעלט אין לויף פון צייט, און האָב געצייגט, אַז אין עצם איז צ ע נ ט ר א ל י ז א צ י ע, פאַרניכטונג פון לאָקאלער אויטאָנאָמיע אין די געזעלשאַפטליכע פאַרהעלטניסע דער הויפט כאַראַקטער־שטריך פון שטאאט.

דאָס גלייכען וועגען פרייהייט האָב איך געצייגט, אַז פריי זיין פון צרות איז ניט פרייהייט אין אַ סאָציאַל־פּאָליטישען זין; אַז

עס קען אַנדערש קיין באַדייטונג ניט האָבען ווי נאָר — די פריי־הייט צו אָרגאַניזירן זיך, צו שאַפען, צו רעגולירן די אייגענע פאַר־העלטניסע, וואו מען קען נאָר האָבען די ברירה, אויף וועלכען עס איז אופן, וואָס יעדער געזעלשאַפטליכער יוניט (יחיד) וויל עס טאָן.

דערצו נאָך באַווייזענדיג, אַז די סאַצ. דעמאָקראַטיע איז אין דעם פּרט פון צענטראַליזאַציע גאָר ניט דער היפּך פון היינטיגען שטאַאַט, נאָר אדרבה, א ווייטערע אַנטוויקלונג פון אַט דעם כאַראַק־טער זיינעם — האָב איך געגלויבט, אַז דערמיט זיינען מיינע פּרע־מיססען באַוויזען, און האָב זיך איבערגעגעבען מיינע קריטיקער אין די הענט.

איצטער לאָמיר זעהן וואָס פריינד געצאָוו מאַכט פון מיר.

ערשטענס, רופט ער מיך מעטאַפיזיקער, פאַרוואָס איך האַלט, אַז דער שטאַאַט, ד. ה. צענטראַליזאַציע, איז אימער שלעכט, און האַלט ניט פון דער דיאַלעקטיקע אַז יע — ניין, ניין — יע, ד. ה. א זאַך קען זיין שלעכט און ווערן גוט, אָדער פאַרקעהרט.

צווייטענס, זאָגט ער, אַז איך האָב בנוגע צום שטאַאַט געהאַנ־דעלט ווי אַ רוסישער פּראָקוראָר, (פאַרוואָס דוקא אַ רוסישער? איז דען אַ דייטשער אָדער אַ אַמעריקאַנער בעסער?) אין דעם וואָס איך האָב ניט אונטערזוכט די אורזאַכען, וועלכע האָבען איהם אַרויסגערופען. איך האָב אָנגערעכענט, זאָגט ער, אַ ספּיסאָק פון זיינע פאַרברעכענס, און קום צום שלום, אַז אַזא חיה רעה מוז מען הרג'ענען, אי דעם קערפּער, אי דעם גייסט. אָבער אַזא ספּיסאָק פון פאַרברעכענס איז לייכט צוזאַמענצושטעלען אפילו געגען דער מענשהייט גופא, און דאַן קומען צום שלום, אַז מען מוז אויסראַ־טען די גאַנצע מענשהייט.

און דריטענס מיינט ער, אַז צענטראַליזאַציע איז גאָר קיין סתירה ניט צו פרייהייט, והראיה „דער פּראָצעס פון אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג, וואָס מאַכט דעם יחיד אַלץ מעהר אָפּהענגיג פון קהל, געהט אָן וואָס ווייטער אַלץ מעהרער, און די פרייהייט פאַר וועל־כע דר. מ—ן האָט אַזוי מורא מען זאָל זי ניט אונטערדריקען, ווערט דאַדורך גאָר ניט באַריהרט, אָדער זי ווערט נאָך פאַרגרע־סערט“.

מילא, וואָס געהערט צום נאָמען מעטאַפיזיקער, בין איך איהם מוחל: איך האָב געמעגט אָנרופען קאוטסקי׳ס באַגרינדונגען מעטאַפיזיקע? מעג ער מיר צאָהלען מיט דערזעלביגער מטבעה. די עולה איז נאָר וואָס ער פאַרשטעהט ניט, אַז ווען איך האַלט, אַז צענטראַליזאַציע איז אימער שלעכט, מיין איך ניט, אַז עס איז שלעכט צוצולעגען צו א געשוויר, אָדער שלעכט אין א רעגענדיגען טאָג, און דערגלייכען. איך מיין גאַנץ איינפאַך אַז צענטראַליזאַציע איז שלעכט פאר דער זעלבסטשטענדיגקייט פון די צענטראַליזירטע מיטגלידער. פאר זייער מאָגען קען דאָס הײנט זיין שלעכט און מאָרגען אפשר ווערן גוט; פאַר א געשוויר קען דאָס הײנט זיין גוט און מאָרגען אפשר שלעכט: פאַר זייער זעלבסטשטענדיגקייט, פאַר זייער פרייהייט, קען עס קיין מאָל ניט זיין גוט. שוואַרץ קאָן זיין אַ גוטער קאָליר; שוואַרץ קאָן הײנט ניט טויגען און מאָרגען יאָ טויגען — אָבער ווייס איז עס דאָך ניט; וואָס עס איז הײנט שוואַרץ, קאָן דאָך מאָרגען ניט ווערן ווייס.

ווי וואָלט דאָס איהם איבערראַשען, ווען איך וועל איהם צוגעבען, אַז דער שטאַאט האָט אין געוויסע הינזיכטען געהאַט זיינע נוצען אויך! וואָלט דאָס מיך באַרעכטיגט אין זיינע אויגען צום „הויכען“ נאָמען דיאַלעקטיקער? וועל, איך גיב צו, אַז אפילו א דעספּאָטישער שטאַאט קען האָבען אַ זעהר וויכטיגע קולטורעלע באַדייטונג פאַר א געוויסען פאָלק. איך באַהויפּט נאָר, אַז קיין פרייהייט פאַר די אונטערטאַנען צו פיהרן זיך ווי זיי ווילען, גיט דער דעספּאָטישער שטאַאט ניט. צי עס איז גוט פאַר זיי צו האָבען פרייהייט, צי ניט, איז אַ גאַנץ אַנדער פראַגע; איך רייד דאָ נאָר פון דער לאָגיקע, אַז א דעספּאָטישער שטאַאט איז דער היפך פון פאָליטישער פרייהייט — הייסט דאָס מעטאַפיזיקע?

„ווי אַן אמת׳ער מעטאַפיזיקער“, זאָגט פריינד געצאָוו, „באַטראַכט דר. מ—ן די זאַכען ניט אין זייער צוזאַמענהאַנג, ניט אין זייער אַנטוויקלונג און עוואָלוציאָן, נאָר אָפּגעריסען, יעדע באַזונדער“. — איך ווייס ניט וועלכע זאַכען ער מיינט, אַז איך נעהם זיי ניט אין זייער צוזאַמענהאַנג; אויב ער מיינט, אַז זוכענדיג אַ דע־

פיניציאָן פאַרן עצם שטאַאט, האָב איך אַרויסגעלאָזען די אורזאַ־בען, וועלכע האָבען געמאַכט מעגליך, אַז זיין גייסט פון צענטראַלי־זאַציע זאָל זיך אַלץ מעהר אַנטוויקלען, איז דאָס אַן אמת, אָבער ניט וויכטיג צום פונקט. ווען איך רייד וועגען די כאַראַקטער־צייכען פון לונגען־אַנטצינדונג צ. ב. בין איך גאָר ניט מחויב צו דערצעה־לען די אורזאַכען פון וואָס מען קריגט לונגען־אַנטצינדונג.

איך האָב בפירוש געשריבען: „פון זיינע מעשים וועלען מיר דערקענען זיין כאַראַקטער", האָב איך געדאַרפט דערצעהלען די מעשים. וואָלט א דיאַלעקטיקער געהאַנדעלט אַנדערש? אַז אַ דיאַלעקטיקער וויל געפינען דעם פיזישען אָדער כעמישען כאַראַק־טער פון דעם עלעמענט אייזען, למשל, מוז ער דען צו גלייכער צייט דערצעהלען, וואָס פאַר אַן ערציהונג דער סלאָוואַק האָט געקראָגען, וואָס אַרבייט אין די אייזען־מינען פון בריטיש קאָלאָמביא? ווען מיר וועלען דאַרפען די אורזאַכען וואָס האָבען אַרויסגערופען דעם שטאַאט, האָף איך, בעזרת השם, זיי צו געפינען, אַזוי גוט ווי מיין פריינד געצאָוו; איך בין נאָר מסופק צי מיר וועלען איינשטימען אפילו דאָן.

באַהויפּטעט האָב איך, אַז דער עצם כאַראַקטער פון שטאַאט איז קאָנצענטראַציע, און האָב געצייגט ווי אַט דער כאַראַקטער זיינער ציהט זיך, ווי אַ רויטער שנירעל, פון אָנפאַנג פון זיין געשיכטליכער ערשיינונג, ביז היינטיגען טאָג און אויף ווייטער—אין די לעהרען פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. קומט פריינד געצאָוו, מיט זיין דיאַלעקטישען טייטעל, און לערנט אונז שעפּטשען די היסטאָרישע עברי פון ענגעל'ס סדור: יע — ניין. געווען איז אַמאָל אַ פעאָדאַלער שטאַאט, האָט זיך זיין כאַראַקטער געביטען; ניין — יע, איצט איז אַ בור־זשואַזער שטאַאט, וועט ער זיך בייטען אין אַ קהל'שען שטאַאט, אלזאָ, קמץ אלף — בום!

איך מיין דאָס אָהן שפּאַס. פריינד געצאָוו ענדיגט אַט אַזוי זיין זאַץ: „זאָגען דאַריבער גלאַט, אַז דער שטאַאט איז אַ גזלן און אַן אונטערהדריקער, איז געשיכטליך און לאָגיש ניט ריכטיג". אַט אַזוי זאָגען עברי איז וואָהרהאַפטיג קמץ אלף — בום!

איך האב אנגערעכענט, זאגט ער, א ספיסאק פון דעם שטאאטס פארברעכען און קום צום שלוס, אז אזא חיה רעה מוז מען הרג'ענען. עס וואלט אויף נאמנות געווען לעכערליך, אויב איך וואלט עס ריכטיג אזוי געטאן. איך רוף דאס, צוזאמענמישען קאשע מיט באטשווינע. דאס איבערהיידען ווערט שוין מיר אפילו א ביסעל פריקרע, איך מוז אבער נאך אמאל זאגען, אז איך האב ניט גערעכענט דעם שטאאט'ס פארברעכען, איך האב אנגערעכענט זיינע מעשים — צי זיי זיינען פארברעכענס, צי טוגענד, צי מעלות, צי חסרונות, איז לגמרי ניט וויכטיג געווען פאר מיין ארגומענט. מיין עובדה איז געווען צו צייגען אז פעדעראלער, בורזשואזנער, אדער קהל'שער שטאאט זיינען נאר פארשיידענע פארמען, דער עיקר איז די קאנצענטראציע, דורך דעם איז ער א שטאאט, אהן דעם איז ער בלויז רעגירונג, וועלכע קען אויך זיין פון אזא סארט, וואס איז ניט דער היפוך פון פרייהייט, אויב זי איז געבויט אויף לאקאלער אויטאנאמיע א. ז. וו.

עס פארשטעהט זיך, אז נאך מיין מיינונג איז קאנצענטראציע, אדער צענטראליזאציע א חסרון, ניט קיין מעלה; בין איך אבער ניט געגאנגען אנקלאגען, ווי מען זאגט עס, דעם טייפעל פאר זיין שווינגער־מוטער. מיין איינציגע כונה איז געווען, צורדיקען צום וואנט די פארטייי, וועלכע זאגט, דער שטאאט וועט שטארבען, אז זיי זאלען אכטונג געבען, ער זאל זיי פון טרונע ניט אויסשטעלען א צונג און אפלעבען אין קהל'שען שטאאט נאך מיט מעהר פרישקייט. קערען זיי זיך איבער מיט'ן פנים און זאגען: אונטער שטאאט פארשטעהען מיר, „די ארגאניזאציאן פון דער הערשענדער קלאסע צו האלטען די באהערשטע קלאסע אין געהארכזאמקייט“ — דאס וועט שטארבען, אבער קהל'שע קאנצענטראציע איז א מעלה און מיר וועלען עס נאך ווייטער אנטוויקלען: טענה איך דאן צו זיי, טוט ווי איהר פארשטעהט, ווייסט נאר אז דאס איז דער היפוך פון געזעלשאפטליכער פרייהייט.

וואס קענען סאציאל־דעמאקראטען ענטפערן אויף דער פראגע? ענטוועדער אז מיר זיינען מוחל די פרייהייט, אבי צו געניסען די טובות פון קאנצענטראציע, אדער אז עס איז ניט אמת, אז צענ־

טראַליזאַציע איז גאָר ניט דער היפּוך פון פרייהייט. נו, האָב איך טאַקע געקראַגען ביידערליי ענטפערן. דר. פאַרנבערג האָט געהיי־סען דאַנקען און האָט זיך אָפּגעטרייסעלט פון דער יונגפרוי פרייהייט ווי אַ כשר׳ער איד פון טרפות; און יעצט קומט פריינד געצאַוו מיט דעם אנדער ענטפער, אַז עס איז גאָר קיין חסרון ניט.

ניט ווילענדיג מוז מען צוגעבען, אַז פון די ביידע פאַרדינט דער ערשטער אַ געוויסען רעספּעקט פאַר זיין מוטיגער האַלטונג: ווי־ניט־ווי מוז מען דאָך באַזיצען קוראַזש אָפען צו געשטעהן, אַז מען דאַרף די פרייהייט אויף כפּרות. דער אַנדערער האָט, ליידער, אַפילו די פאַרדינסט אויך ניט.

פיליכט איז שולדיג אין דעם די אָרימקייט פון אונזערע שפּראַ־כען אין אויסדריקע פאַר די פאַרשידענע באַגריפען פון פרייהייט. אַ איזוואָזשציק, וואָס האָט ניט קיין פּאַסאַזשיר איז פריי; טהאָראָ אין זיין שטיבעלע אין וואַלדען איז געוועזען פריי; אַז איינער צאָהלט אָפּ אַ חוב איז ער פריי; דער וואָס רויכערט אַ ציגאַר אום שבת איז פריי; דער ארבייטער איז פריי אויפצוגעבען זיין דזשאָב און שטאַרבען פון הונגער; דער דעספּאָטישער הערשער איז פריי צו טאָן מיט זיינע בירגער וואָס ער וויל — אַלץ הייסט פריי!

היינט פרעגט זיך, וועגען וועלכע פרייהייטען ריידען מיר בעת מיר אונטערהאַנדלען וועגען דער סאָציאַל־פּאָליטישער אָרגאַניזאַציאָן פון דער געזעלשאַפט? אַמאָליגע יאָהרען האָט אַ שניידער ניט גע־טאָרט טראָגען קיין שטריימעל מיט עקלעך, היינט מעג ער טראָ־גען אַפילו אַ צילינדער — הייסט עס זיין פרייהייט האָט זיך פאַר־גרעסערט. אַמאָליגע יאָהרען האָט אַ שניידער געקענט אַריבערלייגען אַ פוס אויף אַ פוס, נעהמען אַ נאָדיל־פאָדים און מאַכען אַ לעבען פאַר זיך; היינט מוז ער אָנקומען צו אַ פאַבריקאַנט, נאָכאַנאַנד שטעפּען איין שטיקעל טייל פון אַ בגד און האָט קיין דעה ניט אויף די געצייג מיט וועלכע ער ארבייט, ניט אויפ׳ן בגד וואָס ער אַרבייט, ניט ווען און וואו צו ארבייטען. הייסט עס, דאַכט זיך, אַז זיין פרייהייט האָט זיך פאַרקלענערט — פרעגט זיך. אַלזאָ, ריידענדיג פון דעם שטאַנד־פּונקט פון דער אינדוסטריעלער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען

אין דער געזעלשאפט, האָט דער שניידער געוואונען אדער פארלאָרען פרייהייט?

פריינד געצאָוו זאָגט: „דורך דער פארטיילונג פון ארבייט אַ ז. וו. איז יעדער איינער געוואָרען אַלץ מעהר אָפּהענגיג פון דער געזעלשאַפט... און דאָך זיינען מיר יעצט פרייער ווי אַמאָל". אין וועלכען זין מיינט ער „פרייער"? מיר זיינען פריי צו טראָגען אַ שטריימעל מיט עקלעך? אַז מען רעדט פון געזעלשאַפטען, פאַרגלייכט מען געוועהנליך די מעלות און חסרונות פון די צוויי פעריאָדען אויף ווי ווייט זיי ריהרען אָן די זעלבע פרטים. רעדט ער פון פרייהייט אין פרט פון אָפּהעניגקייט פון דער געזעלשאפט, קען דאָך ניט זיין, אַז מיר זיינען אין דערזעלבער צייט אי מעהר, אי וועניגער אָפּהענגיג. רעדט ער ווידער פון פרייהייט אין אַן אַנדער פרט, טו וואָס פאַר אַ לאָגיקע איז דאָס צו מאַכען אַ גזרה שוה צווישען אַ שטריימעל, למשל, מיט אַ טאָרבע פלעקער?

א איזוואָזשציק וואָס רויכערט א ציגאַר אום שבת און פיהרט אַ פּאַסאַזשיר איז פריי און ניט פריי, און עס איז גאָר קיין סתירה ניט, ווייל עס רעדט זיך וועגען צוויי באַזונדערע פרטים: אין איין פרט איז ער פריי, אין דעם אַנדערן ניט. כאַפּט אָבער אַן אינדיאַנער און שטעלט איהם אוועק אַנטקעגען אַ ניו יאָרקער בירגער פון אַ טענעמענט הויז, און דערלאַנגט אַ פרעג, ווער איז מעהר און ווער איז וועניגער אָפּהענגיג פון דער געזעלשאַפט? אין אַנדערע ווערטער: ווער פון זיי איז פרייער אין פרט פון אָפּהענגיגקייט? וועט איהר טאַקע מוזען ענטפערן, אַז דער אינדיאַנער איז פרייער.

אונזער אָפּהענגיגקייט פון אונזערע מיט־מענשען אין דער געזעלשאַפט שטעהט ניט אין באַציהונג צו זייער הערשאַפט איבער אונז. מיר זיינען אַלע פאַרבונדען איינע מיט די אַנדערע אָרגאַניש. טו וואָס פאַר אַ משל איז דאָס, וואָס דאָך זיינען מיר יעצט פרייער, דהיינו מיר מוזען ניט אַרויסנעהמען קיין פּאַספּאָרטען? דער דאָך איז דאָ לעכערליך. אַ שטייגער ווי איינער וואָלט זאָגען: וואָס נעהענטער עס געהט צו זומער, אַלץ וואַרעמער ווערט עס — און דאָך האָב איך אַ געלע קאַץ.

עס פאַלט מיר איין, צי וויל דאָ ניט פריינד געצאָוו אריינגנאַרען א קאַץ אין זאַק? „מיר ווערן אַלע מעהר אָפּהענגיג פון דער געזעלשאַפט" — אָפּהענגיג פון גראָסערי מאַן, פון דעם, פון יענעם, אָדער פון איינציגען קהל'שען ארבייטגעבער, דעם סאָציאַליסטישען שטאַאט: וואָס איז ניט אַלץ איינס? „און דאָך זיינען מיר יעצט פרייער" — הייסט עס, אַז ווערענדיג אָפּהענגיג פון קהל'שען שטאַאט, וועלען מיר זיין נאָך פרייער!

אויב אַזוי האָט ער אַ טעות געהאַט אין חשבון. וואָס מיר ווערן דורך דער פאַרטיילונג דער ארבייט א. ז. וו. איז ניט אָפּהענגיג פון דער געזעלשאַפט, אלס א „אָרגאַניזירטעס גאַנצעס" (ווי א טייטש וואָלט זאָגען), א שטייגער ווי פון דער ממשלה פון א קהל'שען שטאַאט, נאָר מיר ווערן אָפּהענגיג פון אונזערע מיטמענשען אין דער געזעלשאַפט, איינער מיט דעם אַנדערן, מיר פון זיי, זיי פון אונז. די אָפּהענגיגקייט אָבער פון א איינציגען ארבייטגעבער, סיי א קהל'שען, סיי א פּריוואַטען, איז גאָר פון אַן אַנדער סאָרט, לחלוטין. דאָס מיינט פשוט זיין אָפּהענגיג פון איהם מיט'ן גוף און מיט דער נשמה; דאָס שמעקט שוין פשוט מיט שקלאַפעריי!

איהר האָט אַמאָל געהערט פון דער שטעדטעל פּולמאַן? די פאַבריק איז פּולמאַן'ס, די שולען זיינען פּולמאַן'ס, די הייזער, וואו די ארבייטער וואוינען זיינען פּולמאַן'ס, די סטאָרס זיינען פּולמאַן'ס, די באַנק, די טשווירטשעס, די קארס, די גאַז, די וואַסער, אַלץ איז פּולמאַן'ס: און די ארבייטער גופא זיינען אויך פּולמאַן'ס... אין פּולמאַן זיינען ניטאָ קיין צוויי מיינונגען, אין פּולמאַן זיינען ניטאָ קיין פאַרטייען, אין פּולמאַן זיינען ניטאָ קיין ליידאַקעס: עס איז דאָ נאָר איין מיינונג, דעם באָס'עס מיינונג, איין פאַרטיי, דעם באָס'עס פאַרטיי; שלאָפען געהען אַלע 9 אזייגער ביינאַכט, און ליידאַקעס טרייבט מען ארויס.

א קהל'שער שטאַאט שמעקט מיט פּולמאַן: זאָגט ניט קאוטסקי אליין—„אין א סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט זיינען אַלע פּראָדוקציאָנסמיטעל פאַראייניגט אין איין האַנט; עס איז דאָ נאָר איין איינציגער ארבייטגעבער, וועלכען מען קען ניט בייטען?"

פולמאניזם מיט פרייהייט, פריינד געצאוו, קענען בשום אופן ניט געהן צוזאמען! „די קאפיטאליסטען, זאגט פריינד געצאוו, ארגאניזירן און קאנצענטרירן די ארבייט גאנץ גוט, דער סאציא־ליסטישער שטאאט וועט נאר דארפען איבערנעהמען א פארטיגע זאך. פארוואס ווענעם עס איז פרייהייט זאל דאדורך ליידען, איז מיר אומבאגרייפליך".

אויף נאמנות, מיר איז אויך אומבאגרייפליך — ווי א מענש קען זיין אזוי נאאיוו...

„מיינט דר. מ—ן, פרעגט פריינד געצאוו ווייטער, אז ווען ראק־פעלער איז דער באס פון דעם אויל־טראסט, געז־קאמפאניעס, סטיל־טראסט און אנדערע, איז עס בעסער? מענעדזשט ער זיי בעסער לטובת הכלל ווי אויסגעקליבענע פון פאלק וואלטען עס גע־טאן?" הערט זיך איין: אז איינער כאפט מיך אן פאר'ן לאץ און דערלאנגט מיר א פרעג, וואס ווילסטו בעסער, א צאהן־געשוויר, אדער א מכה אין זייט? זאג איך איהם — דאס וואס מען טאר ניט אנשרייבען, און געה מיר מיין וועג. אזוי איז דאס אויך: איך וויל ניט ראקעפעלער'ן פאר א באס און וויל ניט „אויסגעקליבענע פון פאלק" פאר באסעס. איז דען דער סכסוך צווישען אונז ווער עס מענעדזשט בעסער? דיסקוטירן מיר דען, צי די פראדוקציאנס־מיטלען זאלען בלייבען ראקעפעלעס אייגענטום, צי זיי זאלן געהערן צו אלעמען? אונזער ויכוח געהט, דוכט זיך, אן נאר וועגען דעם פונקט, צי עס איז ניט א סברה אז די פראדוקציאנס־מיטלען זאלען שטעהן פריי פאר יעדען איינעם, אנשטאט צו קאנצענטרירן אלעס אין די הענט פון איין איינציגען ארבייטגעבער, דעם סאציאליסטי־שען שטאאט! — דער פונקט איז דאך: שטאאט, ד. ה. קאנצענ־טרירן די פראדוקטען אין איין צענטער, וועלכער זאל פארוואלטען מיט אלע פראדוקציאנס־מיטלען לטובת הכלל? אדער ניט שטאאט? ד. ה. ניט קאנצענטרירן די פראדוקציאן, נאר לאזען די מיטלען פריי פאר אלעמען, וועלכע וועלען זיך פריי גרופירן און שאפען אלעס וואס זיי ברויכען, צי קאמוניסטיש, צי קאלעקטיוויסטיש, צי ווי זיי וועלען דארטען וועלען?

פריינד געצאוו זאגט: „די מאכט פון דער ביוראקראטיע איז

(אין סאָצ. דעמאָק. שטאאט) א ריין עקאָנאָמישע, ניט אַ פּאָליטי־שע. דער סאָציאַליסטישער מענעדזשער פון אייזענבאַהנען וועט איבער אונז האָבען צו זאָגען אזוי ווייניג, ווי וואנדערבילט׳ס איי־זענבאהן מענעדזשער״.

די מאכט אין פולמאַן איז אויך א ריין עקאָנאָמישע; און דאַרף איך דערמאָנען אַ סאָציאַלדעמאָקראַט אז די עקאָנאָמישע אומ־שטענדען רופען ארויס די פּאָליטישע? פאָלגט ניט דערפון, אז אויב איך בין אונטערוואָרפען אן עקאָנאָמישער מאכט, בין איך אויך פּאָליטיש ביי יענער מאכט אין די הענט? עס איז מיר אַ קנאַפּע טרייסט, וואָס דער סאָציאַליסטישער מענעדזשער וועט איבער אונז האָבען צו זאָגען אזוי ווייניג ווי וואנדערבילטס. אויב ניט ווייני־גער, וועט עס אודאי האַלטען שמאָל מיט אונז, ווארים וואנדער־בילטס מענעדזשער האָט זעהר פיל צו זאָגען איבער אונז.

ווייסט איהר, אז די אייזענבאהן־מענעדזשערס האָבען באַשאַ־פען ראקעפעלער׳ס סטאַנדארד אָיל טראַסט? ווייסט איהר אַז זיי האָבען רואינירט טויזענטער געשעפטען און געהאָלפען אויפבויען פילע מאָנאָפּאָלען? ווייסט איהר, אז זיי האַלטען אין זייערע הענט די פאַרמערס פון גאַנצען לאַנד? אז זיי מאכען דעם פרייז פון תבואות און פון פלייש? ווייסט איהר ניט אַז די אייזענבאַהן אינטערעסען קאָנטראָלירען די לעגיסלאַטורן און האָבען אינדירעקט צו זאָגען איבער אונזער גאַנצען פּאָליטישען לעבען?

אויב דער סאָציאַליסטישער מענעדזשער וועט אויך האָבען אַזוי־פיל צו זאָגען, דאַן האָב איך שוין מעהר גאָר ניט צו זאָגען אַנטקע־גען דער סאָציאַליסטישער צענטראַליזאַציע; דאַן זאָגט פריינד גע־צאָוו אַלעס פאַר מיר, און מיר בלייבט נאָר צו וואונדערן זיך, וואָס, נאָר אַלעם דעם, מיינט ער ווען ער געברויכט דעם וואָרט פרייהייט? וואָס פאַרשטעהט ער אונטער דעם וואָרט? וואָס איז זיין באַגריף פון דער זאַך?

# דער עצם שטאַאט

איך האָב אפילו געוואָלט אָנפאַנגען מיט א שטיקעל הקדמה מכח פריינד געצאָוו'ס ברייטקייט אין זיין פּראַכטאָגעדיגען אַר־טיקעל אין פ. א. ש., נאָר געה פאַנג זיך אָן מיט א פריינד! טו לאָז שוין בעסער מיינע איבערגעהן. דער עצם ויכוח איז נאָך אַלע־מען וועגען שטאַאט און פרייהייט, וויל איך בעסער זיך האַלטען צום פונקט.

מיין דעפיניציאָן איז: — „דער שטאַאט איז א קאָנצענטראַציאָן פון א סך פונקציאָנען פון געזעלשאַפטליכען לעבען אין איין פּלאַץ, אין איין צענטער פון אויטאָריטעט".

פריינד געצאָוו'ס דעפיניציאָן איז: — „דער עצם שטאַאט איז, די אָרגאַניזאַציאָן פון דער הערשענדער קלאַסע צו אונטערדריקען די באַהערשטע קלאַסע".

יעצט לאָמיר זעהן ערשטענס, צי די צוויי דעפיניציאָנען ציי־גען אַרויס גלייך אויפ'ן קוק, אַז איינע איז געבאָרן געוואָרן פון א פאַלשער מעטאָדע און די אַנדערע פון אַן אמת'ער מעטאָדע? צוויי־טענס, לאָמיר זעהן, וועלכע פון זיי ענטפערט בעסער די פראַגע, וואָס איז דער עצם שטאַאט?

אין וויסענשאַפט זיינען באַקאַנט צוויי מעטאָדען: די אינדוק־טיווע און די דעדוקטיווע. די אינדוקטיווע מיינט, אויספאָרשען פאַקטען ווי מען געפינט זיי, אַזוי גרינדליך ווי מעגליך, אין אַלע זייערע באַציהונגען, און געפינען אַן אַלגעמיינעם פּרינציפּ אָדער גע־זעץ, וועלכער זאָל ערקלערן זייער אינערליכען צוזאַמענהאַנג אין צייט און רוים.

די דעדוקטיווע מעטאָדע מיינט, אָננעהמען א געוויסען פּרינ־ציפּ אָדער געזעץ און באַהויפּטען, אַז ער איז דער אינערליכער צו־זאַמענהאַנג פון א געוויסען קלאַס פאַקטען.

אין אונזער היינטיגער וועלט פון וויסענשאַפט איז אָנגענומען, אַז די פאַקטען זיינען דער העכסטער געריכט, פון וועמעס פסק־דין מען קען ניט אַפּעלירן צו קיין העכערן געריכט. דערפאַר, וואו עס איז נאָר מעגליך, באַנוצט מען די אינדוקטיווע מעטאָדע, ווייל זי פאַנגט גלייך אָן פון די פאַקטען, פון גרינדליך אויסגעפאָרשטע פאַקטען, ד. ה., מען שטעהט דאָן אויף אַ פעסטען באָדען; און אויב דער פּרינציפּ ערקלערט זייער אינערליכען צוזאַמענהאַנג, איז ער דער ריכטיגער פּרינציפּ; אויב ניט, זוכט מען אַן אַנדערן.

די דעדוקטיווע מעטאָדע מאַכט אַ באַהויפּטונג: צי עס איז ריכטיג, צי ניט, קען מען ניט וויסען, ביז מען פאָרשט נאָך די פאַקטען און מען זעהט. מען קען נאָכפאָרשען די פאַקטען און מען געפינט, אַז די באַהויפּטונג ערקלערט זייער צוזאַמענהאַנג, איז זי ריכטיג, אויב ניט, איז זי פאַלש. מאַכען אַ באַהויפּטונג און פעסטשטעלען איהר ריכטיגקייט דורך פאַקטען, הייסט די דעדוקטיוו־אינדוקטיווע מעטאָדע. קען מען די פאַקטען ניט נאָכפאָרשען, בלייבט די באַהויפּטונג אַ בויך־סברא, ניט קיין וויסענשאַפטליך־באַגרינדעטע היפּאָטעזע.

מעטאַפיזיקע איז לכתחילה געווען די „לעהרע“ פון גייסטיגע געגענשטענדע, אין געגענזאַץ צו די קערפּערליכע „פשוט'ע“ פאַקטען פון דער נאַטור. שפּעטער האָט עס באַטייט, די שכל'דיגע חקירות בכלל איבער דעם צוועק פון לעבען, די צוועקען פון דער נאַטור, דעם עצם פון מאַטעריע און גייסט — אַלץ ניט אָנריהרענדיג קיין פאַקטען, נאָר גלאַט סברות, השערות און דעדוקטיווע באַהויפּטונגען.

ביז עס איז וויסענשאַפטליך פעסטגעשטעלט געוואָרן די טעאָריע פון עוואָלוציאָן — ביז דאַרווין און ספּענסער — האָבען די מעטאַפיזיקער געהערשט איבער דעם גאַנצען פעלד פון הויכע חקירות און האָבען געבויט פאַרשידענע פילאָזאָפישע סיסטעמען ווי צו ערקלערן די וועלט. איינער האָט געזאָגט, אַז די וועלט איז אַ גלגול החוזר, אַ ראָד וואָס דרעהט זיך, אַן אַנדערער האָט געזאָגט, אַז זי איז אַ מגילה וואָס וויקעלט זיך אויף, אַ דריטער האָט געזאָגט, זי איז ווי אַ קניילכעל פאָדים וואָס אַ קעצעלע שפּילט זיך מיט איהר און מאַכט פון איהר פאַרשידענע פלאָנטערס...

בקיצור, צווישען די אַלע מעטאפיזיקער איז געווען איינער, מיט'ן נאָמען העגעל, וואָס האָט געזאָגט, אַז די וועלט דרעהט זיך און קומט צוריק צום זעלבען פונקט. זי פאַנגט אָן מיט עפּעס, פון דעם עפּעס ווערט אַ גאָרנישט, פון דעם גאָרנישט ווערט ווידער אַן עפּעס, נאָר אַן אַנדערער אין פאָרמען און געשטאַלט. די תורה האָט ער גערופען דיאַלעקטיק. מען קען זי דרשנ'ען אויף טויזענטערליי אופנים, מען קען אין איהר געפינען אַלערליי סתרי תורה; מען קען זי אַנווענדען אויף טויזענטער זאַכען, אַמאָל קען זי זיין ריכטיג, אַמאָל פאַלש — נאָר היינטיגע צייטען געהט זי קיינעם ניט אָן. די וויסענשאַפט לעבט און וואַקסט, פאַרשענדיג די נאַטור מיט די צוויי מעטאָדען, די ריין אינדוקטיווע, און די דעדוקטיוו־אינדוקטיווע, און פון העגעל'ס דיאַלעקטיקע רעדט מען שוין מעהר קיין וואָרט ניט. אַ חוץ מיין פריינד, ריפּ וואַן־ווינקעל־געצאָוו. ער לעבט נאָך הפנים אין די 40ער יאָהרן פון 19טען יאָהרהונדערט. די דיאַלעקטישע מעטאָדע איז נאָך ביי איהם גאָלדענער קוראַנט. מיט איהר שפּרייזט ער דורך אַלע ערשיינונגען פון דער וועלט. די יע־ניין, ניין־יע מעטאָדע איז געווען גוט פאַר ענגעלס'ן, איז זי גוט פאַר איהם אויך. וואָס וויל ער אָבער פון מיר? אין דער געאָלאָגיע, ביאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, סאָציאָלאָגיע און די אַנדערע „לאָגיעס" איז ניטאָ קיין מעטאָדע פון יע־ניין, ניין־יע. די דיאַלעקטישע מעטאָדע איז אַן אַלטע באָבעצע וואָס שטאַמט אָפּ פון דער פאַמיליע מעטאַפיזיקע: מיר, פריינד געצאָוו, לעבען אין 6טען יאָהר פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט. מיר ריידען שוין ניט מעהר אויף אייער שפּראַך.

ביי אונז איז „מעטאַפיזיקער" געוואָרן אַ זידעל־וואָרט. ווען איך וויל איינעם רופען קוואַטש־קאָפּ, רוף איך איהם מעטאַפיזיקער; ביי געצאָוו'ן איז דאָס אַ פּראָפעסיע, אלהי אַ שוסטער, אַ שניידער. ווען ער זאָגט, אַז „די מעטאַפיזיקע זיצט אין מיר אַזוי טיף" — ווירקט דאָס אַזוי פיל אויף מיינע נערוועז, ווי ער וואָלט געזאָגט: מיין מוח איז פול מיט קוואַטש; און ווען ער ווידערהאָלט דאָס נאָך, איינינגע מאָל, פיהלט זיך מיר ווי עס וואָלט מיר עפּעס קריכען אויפ'ן לייב... איך באַשולדיג איהם ניט ח"ו; איך ווייס וואָס ער מיינט, ער האָט טאַקע געגעבען אַ דיאַלעקטישע דעפיניציאָן פון וואָרט מע־

טאַפיזיקער, אָבער מיינע נערוועז ווייסען ניט פון דיאַלעקטיקע — נאָר, זאָל מיינע איבערגעהן.

אַלזאָ, ליבער לעזער, זייט אַזוי גוט און קוקט איבער נאָך אַמאָל אונזערע ביידענס דעפיניציאָנען און זעהט אַליין, טראָגט מיינע אַ פּלאָמבע: קוואַטש, און געצאָוו׳ס אַ פּלאָמבע: אמת? דער שטאַאַט איז אַן ערשיינונג פון געזעלשאַפטליכען לעבען. אַלעס אויף דער וועלט האָט אורזאַכען און פאָלגען, פאַרשטעהט זיך, אַז דער שטאַאַט אויך. ווי קען מען איהם שטודירען? עס פאַרשטעהט זיך, מיט דער אינדוקטיווער מעטאָדע. מען פאָרשט דורך די פאַקטען, מען באַטראַכט איהם ווען ער האָט זיך אָנגעפאַנגען, מען זעהט ווען ער האָט זיך אַנטוויקעלט, מען זעהט וואָס ער איז געוואָרן. ווען מען האָט די אַלע פאַקטען, פאַסט מען דאַן אַ מיינונג וואָס איז דער קערן פון דער דאָזיגער ערשיינונג, וואָס איז זיין עצם. די גע־פאַסטע מיינונג דריקט מען אויס אין דער פאָרמע פון אַ דעפיניציאָן. מיט דער מעטאָדע איז מיין דעפיניציאָן (ניט מיין אייגענע) פאַר־מולירט געוואָרן. האָט ווער וואָס אויסצוזעצען? זאָל ער קומען און באַווייזען, אַז די פאַקטען זיינען ניט אַזוי, און אַז וועגען דעם עצם פון דער ערשיינונג קען מען גאָר פאַסען אַן אַנדער מיינונג.

אָסור אויב איך האָב צו אַ מענשען וואָס האָט זיך געפאַסט אַן אַנדער מיינונג, קוקענדיג אויף די פאַקטען מיט זיינע אויגען. גע־זונטערהייט! מענשען האָבען ליב דורכצולופטערן זייערע מיינונ־גען, דיסקוטירען זיי אַמאָל איינע מיט די אַנדערע, און יעדער איינער סטאַרעט זיך צו באַווייזען מיט׳ן שכל, אַז די און די פאַקטען ער־קלערן זיך אַזוי בעסער, יענע פאַקטען ערקלערן זיך אַנדערש בעסער. וואָס עס רעגט אויף אַ מענשען איז, ווען איין דעבאַטאַנט דערלאַנגט זיך אַ זאָג: אַי, דו ביסט דאָך גאָר אַ קוואַטשער! די מעטאַפיזי־קע ליגט דיר טיף אין די ביינער! שאַ, ברודערקע, דאָס קען איך דאָך אויך זאָגען. דאָס איז קיין אַרגומענט ניט.

איך בין זיך דערפאַר אמת מחיה, ווען איך דערטאַפּ אין גע־צאָוו׳ס אַן אַרטיקעל ערגעץ וואו אַן אַרגומענט. אָט איז איינער: „וועלכע פונקציאָנען מוזען זיין קאָנצענטרירט, אום די באַטרעפענ־דע קאָנצענטראַציע זאָל זיין אַ שטאַאַט־פּאָליטישע, מיליטערישע

אָדער עקאָנאָמישע? אויב די לעצטע, דאַן מוז דאָך דער סטענדאַרד אָיל טראָסט זיין איינער פון די גרעסטע שטאַאטען אין דער וועלט. באַטראַכט נאָר וויפיל געזעלשאַפטליכע פונקציאָנען ער קאָנטראָלירט. מיר ווייסען גאָר אַליין ניט וויפיל „שטאַאטען“ מיר האָבען דאָ אין די יונייטעד סטייטס. דאָס איז דאָך שוין באַלד דר. מ—ן׳ס אידעאַל: „לאָקאַלע אויטאָנאָמיען, לאָקאַלע רעגירונגען, פאַראיינען און געזעלשאַפטען פאַר ספּעציעלע צוועקען“... זאָלען עס אָבער זיין די ערשטע צוויי פונקציאָנען, ד. ה. פּאָליטישע און מיליטערישע, דאַן וועט דאָך דער סאָציאַליסטישער שטאַאט גאָר קיין שטאַאט ניט זיין, און מאַרקס און ענגעלס וועלען דאָך זיין גערעכט, ווען זיי זאָגען, אַז דער שטאַאט וועט אָפּשטאַרבען“.

פריינד געצאָוו! אַז מען זאָגט אַ סך פונקציאָנען פון געזעל־שאַפטליכען לעבען, מיינט מען אַ סך פונקציאָנען פון געזעלשאַפטלי־כען לעבען. וועלכע פונקציאָנען האָט אַ געזעלשאַפט אין לעבען? דאָס ערשטע איז אָרגאַניזאַציאָן בכלל: אַ געזעלשאַפט אָרגאַניזירט זיך נאָך דעם פיזיאָלאָגישען פּרינציפּ פון צעטיילונג דער אַרבייט אין פאַרשידענע גרופּען, חברות, קאָמפּאַניעס, כדי צו ערפילען גע־וויסע פאָדערונגען פון מענשליכען לעבען. אַזעלכע קענען זיין אוי־טאָנאָמיש, אָדער אונטערוואָרפען דעם קאָנטראָל פון אַ צענטראַלער רעגירונג. יעצט לאָמיר נעהמען די אָרגאַנישע פונקציאָנען בפרט. ערשטענס די עקאָנאָמישע, מיט אַלע צווייגען פון פּראָדוקציאָן, טראַנספּאָרטאַציאָן, א. אַז. וו. נו, קוקט זיך צו: דעם טויש־מיטעל, געלט, מאַכט דער שטאַאט; קרעדיט און באַנק־אָפּעראַציעס קאָנ־טראָלירט דער שטאַאט; דורך טעקסעס, טאַריף און זאָנסטיגע גע־זעצען ווערן קאָנטראָלירט אַ סך אַנדערע טיילען פון דער עקאָנאָמי־שער פונקציאָן. דורך די פּאָסט, טעלעגראַף און אייזענבאַהנען קאָנ־טראָלירט דער שטאַאט די טראַנספּאָרטאַציאָנען, אין איין לאַנד ווייניגער, אין די אַנדערע מעהר.

די קולטור איז נאָך אַ פונקציאָן פון געזעלשאַפטליכען לעבען, וועלכע איז גרעסטענטיילס קאָנטראָלירט פון שטאַאט איבעראַל. די פונקציאָן פון באַשיצונג, סיי דורך פאָלקס־מיליץ, סיי דורך געדינ־גענע סאָלדאַטען איז אין גאַנצען אין די הענט פון שטאַאט. די

פּאָליס־פונקציאָן איז אין עצם אַ לאָקאַלע אויפגאַבע, דאָך כאַפּט דער שטאַאט אַלץ מעהר די פונקציאָן אויך אַריין, שאַפענדיג אַ שטאַאט־פּאָליס און זאָנסטיגע פיסקאַלען.

מיט איין וואָרט: מענשען, וועלכע ריידען פון „געזעצמעסיגער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט" דאַרפען וויסען וואָס מען מיינט, אַז מען זאָגט „אַ סך פונקציאָנען פון געזעלשאַפטליכען לעבען". ווען מען רעדט פון דער געזעלשאַפטס עקאָנאָמישער פונקציאָן און פון דעם שטאַאטס־קאָנטראָל איבער איהר, פאַרשטעהט מען געוועהנליך טאַקע דאָס וואָס איך האָב פריהער געזאָגט: טוישמיטעל, צענטראַלער קאָנטראָל פון קרעדיט־און באַנק־געשעפטען, קאָנטראָל פון טראַנספּאָרט, וועגען, טאַריף און אַנדערע צענטראַל־רעגולאַציאָנען פאַר'ן גאַנצען לאַנד.

טראָסטס זיינען די באַשעפענישען פון שטאַאט; ער גיט זיי פּריווילעגיעס און ער זוכט זיי צו רעגולירן. דער סטענדארד אָיל טראָסט קאָנטראָלירט אין ווירטשאַפטליכען זין די פּראָדוקציאָן פון אַ געוויסען אַרטיקעל. אַן אַנדער טראָסט קאָנטראָלירט ווירטשאַפטליך די פּראָדוקציאָן פון אַן אַנדער נויטיגען אַרטיקעל. מיט אַ סאָרט דזשאָמפּינג־דזשעק לאָגיקע שליסט דערפון פר. געצאָוו, אַז יעדער טראָסט איז אַ שטאַאט; היינט אַז מיר האָבען עטליכע טראָסטס, הייסט עס, אַז מיר האָבען עטליכע שטאַאטען אין די יונייטעד סטייטס — „דאָס איז דאָך שוין באַלד דר. מ—ן'ס אידעאַל פון לאָקאַלע אויטאָנאָמיען א. אַז. וו.".

ער מיינט הפּנים, אַז איך ווייס ניט דעם טייטש־וואָרט פון לאָקאַלע אויטאָנאָמיע, ווען ער שעהמט זיך ניט מיר צו זאָגען, אַז האָבענדיג איינציגע שטאַאטען אויף איין קאָנטינענט, איז דאָס שוין באַלד גאָר מיין אידעאַל פון לאָקאַלע אויטאָנאָמיען. זיין גלויבענס־גענאָסע, פאָרנבערג, האָט אויך געטרייט מיך צו כאַפּען מיט דער טענה, אַז איינצעלנע שטעדט אין איין לאַנד זיינען געווען שטאַאטען. איך האָב איהם דאַן געענטפערט („צוקונפט", דעצ. 5): מילא בכן? ליגט דען אין מיין דעפיניציאָן אַ באַשטימטע מאָס פון קוואַדראַטנע מיילען וויפיל אַ שטאַאט מוז אַנטהאַלטען כדי

צו הייסען א שטאאט? א שטאָדט באשטעהט פון פארשיידענע גרופען מיטגלידער, אויב יעדע גרופע האט אויטאָנאָמיע, איז די שטאָדט ניט קיין שטאאט; אויב יעדע גרופע האט ניט קיין אויטאָנאָמיע, איז די שטאָדט א צענטראליזירטער שטאאט".

וועט איהר דאָך אודאי וועלען גלייך אריינפאלען אין די רייד און שרייען, אז עס איז גוט אזוי, אז עס דארף אזוי זיין, אז עס האט זיך אנטוויקעלט דערצו, אז עס קען אנדערש ניט זיין! זאג איך אייך ערשטענס, אז אלע אזעלכע טענות זיינען דא ניט צום פונקט: מירריידען דא וועגען וואס דאס איז, ניט צי עס איז גוט, שלעכט, מוז אדער מוז ניט. צווייטענס, צי עס איז גוט, צי שלעכט וועלען מיר ריידען אין אן אנדער פלאץ. און דריטענס, זייט ניט אזוי זיכער, אז עס קען אנדערש ניט זיין. מיר קענען אייך אריינקוקען אין די שווארצע פינטעלעך און האבען אויך א מיינונג.

אלזא, א „קאָנצענטראציע פון א סך פונקציאָנען פון געזעל־שאפטליכען לעבען" שליסט איין די עקאָנאָמישע פונקציאָן, און דער טראָסט, לאָמיר אננעהמען, איז אין זיין וועג אויך א שטאאט, און מיר האבען דא, אין די יונייטעד סטייטס, ווער ווייסט וויפיל שטאא־טען, און דאָך... און דאָך — איז דער שטאאט א קאָנצענטראציע פון א סך פונקציאָנען פון געזעלשאפטליכען לעבען!

„זאלען עס אבער זיין", זאגט ער ווייטער, „די ערשטע צוויי פונקציאָנען, ד. ה., פאָליטישע און מיליטערישע, דאן וועט דאָך דער סאָציאליסטישער שטאאט גאר קיין שטאאט ניט זיין". אזוי? פארוואס ניט? ווער, אן ערד, וועט האבען צו זאגען צי די פאָלקס־מיליץ זאל געברויכען, למשל, דעם סאָרט געוועהר אדער אן אנדער סאָרט? וועט עס ניט זיין דער גענעראל־שטאב אין וואשינגטאָן? וועט די פונקציאָן פון באשיצונג ניט זיין קאָנצענטרירט אין סע־נאט־קאָמיטע, אדער אין אן אנדער ביורא פון דער בונדעס־רעגירונג? — צוגעגעבען, אז ער וועט ניט זיין קיין מיליטער־שטאאט ווי היינ־טיגע צייטען דייטשלאנד, אבער מיליץ וועט דאָך זיין — ביז וואַ־נען אלע מענשען וועלען ניט זיין דורכגעדרונגען מיט דער אנאר־כיסטישער פסיכאָלאָגיע פון אזא סאָציאלדעמאָקראט ווי זאמעטקין, וועלען סאָציאלדעמאָקראטען, אונטער מאָיאָריטעט הערשאפט, אפט

זיין געצוואונגען צו מאַכען געברויך פון עטליכע אַרמייען — זועט רעגולירן זייער מיליטערישע פונקציאָן? וועט די פונקציאָן ניט זיין קאָנצענטרירט אין איין פּלאַץ פון אויטאָריטעט?

די פּאָליטישע? האַ, וואָס — די פּאָליטישע? דער סאָציאַ־ליסטישער שטאַאט וועט ניט זיין קיין פּאָליטישער שטאַאט? ווי איז דאָס אַ שטאַאט אָהן אַ פּאָליטישע קאָנסטיטוציאָן? דאָס לאַנד וועט געהערן צו איהם? די מיטלען פון פּראָדוקציאָן וועלען זיין זיינע? אָנפיהרן די פּראָדוקציאָן וועט ער? איז ניט אַזאַ אומגיי־הייערע אויפגאַבע פּ אָ ל י ט י ש גענוג פאַר אירגענד וועלכען שטאַאט? גענוי גערעדט איז דער וואָרט „פּאָליטיש" נאָר אַ שם הכולל פאַר געוויסע באַציהונגען צווישען דעם מקור פון אויטאָרי־טעט און די בירגער: די פונקציאָן פון מאַכען און באַוואַהרען די געזעצע; פון באַשטראָפען פאַר ניט פאָלגען זיי; משפּט'ן זועד עס האָט רעכט אדער אומרעכט, דיפּלאָמאַטישע באַציהונגען מיט אַנדערע לענדער; נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע אונטערנעה־מונגען — דאָס אַלעס פאַרשטעהט מען אונטער פּאָליטישער פונק־ציאָן. און דאָס אַלעס וועט אויסגעפיהרט ווערן דורך אַ פּאַרטרע־טער־סיסטעם, געוועהלט פון אַ מאַיאָריטעט שטימען, באַשלאָסען פון אַ מאַיאָריטעט פאַרטרעטער, פאַרווירקליכט דורך אַן עקזעקוטי־ווער אָפּטיילונג — איז דאָס ניט אַ קאָנצענטראַציאָן פון אַ סך פונק־ציאָנען פון געזעלשאַפטליכען לעבען?

איך בין כמעט ווי זיכער אַז אויסער פריינד געצאָוו וועט קיי־נער אין מיין דעפיניציאָן פון שטאַאט ניט דערשפּירן דעם ריח פון מעטאַפיזיקע גלייך מיטן ערשטען שמעק. בלייבט מיר נאָך איבער צו באַטראַכטען, וועלכע פון אונזערע ביידענס דעפיניציאָנען ענט־פערט בעסער אויף דער פראַגע: וואָס איז דער עצם שטאַאט?

ווי וואָלט זיין ווען איך מאַך מיין דעפיניציאָן אַ ביסעל לענגער און זאָג אַזוי: „דער שטאַאט איז אַ קאָנצענטראַציע פון אַ סך פונקציאָנען פון געזעלשאַפטליכען לעבען אין איין פּלאַץ, אין איין צענטער פון אויטאָריטעט, כדי — אַלס אָרגאַניזאַציאָן פון דעם הער־שענדען קלאַס, צו אונטערדריקען דעם באַהערשטען קלאַס"? דאָס וואָלט געווען אַי אַ דעפיניציאָן פון דעם ע צ ם, פון ע ס ע נ ץ, פון

דער שטאַאט אָרגאַניזאציאָן, אי אַן ערקלערונג פון דעם צ ו ע ק, פון דער א ב ז י כ ט, פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאציאָן. איך בין אי־בערצייגט, אַז די אַבזיכט פון שטאַאט איז צו אונטערדריקען די באַהערשטע, און איך מיין טאַקע, אַז אַנדערש קען דאָס גאָר ניט זיין: טאַקע דערפאַר טענה איך דאָך געגען אַ סאָציאַלדעמאָקראַטי־שען שטאַאט. אָבער וואָס איז דער ע צ ם פון יענער אָרגאַניזאציאָן, וועלכע אונטערדריקט די באַהערשטע? פריינד געצאָוו האָט ריכ־טיג דעפינירט דעם צ ו ע ק פון שטאַאט — איך האָב דעפינירט דעם עצם, דעם ע ס ע נ ץ פון דער זאַך.

און איך וואונדער זיך גאָר ניט וואָס פריינד געצאָוו געפינט אין זיין קורצער דעפיניציאָן פון דעם צוועק פון שטאַאט א שליסעל צו פאַרשטעהן דעם כאַראַקטער פון קאָנטשוק, מיט וועלכען ער שמייסט די באַהערשטע. ווען מען ווייס איינעמס כונה, קען מען זיך לייכט אָנשטויסען אויף די מיטלען, מיט וועלכע ער וועט זוכען זיין אב־זיכט צו פאַרווירקליכען. אָט לאָמיר נעהמען אַ פראָסטען משל: אַ טאַבעקאָניסט איז דער, וואָס האַנדעלט מיט טאַבאַק; זיין אב־זיכט איז צו מאַכען אַ לעבען — קענען מיר דערפון פאַרשטעהן, אַז אַמאָל, ווען דער עולם איז געווען גרעבער, האַמעטנער אין זיינע תענוגים, ברוטאַלער, אַזוי צו זאָגען, האָט דער טאַבעקאָניסט געהאַל־טען אַ גרויסען סטאַק פון מאַכאָרקע. היינטיגע צייטען אָבער, אַז דער עולם איז געוואָרען עדעלער, באַשטעהט דער סטאַק פון אונזער טאַבעקאָניסט פון „גאָלען געלען טערקישען טיטון“. די ערקלערונג פון דער כונה קען אָבער ניט פאַרנעהמען דעם פלאַץ פון דער דע־פיניציאָן פון עצם גופא.

מיר ווילען נעהמען נאָך אַ משל, דעם טראָסט. וואָס איז אַ טראָסט? פריינד געצאָוו וואָלט זאָגען: אַ טראָסט איז אַן אָרגאַ־ניזאציאָן צו פאַרניכטען קאָנקורענץ און מאַכען א סך געלט. וואָלט דאָס ערקלערן דעם עצם פון אַ טראָסט? וואָלט דאָס געגע־בען אַ אידעע וואָס פאַר אַ סאָרט אָרגאַניזאציאָן דער טראָסט איז? וואָס איז דער עסענץ פון דער אָרגאַניזאציאָן, וועלכע איז געגרינדעט צום צוועק צו פארניכטען קאָנקורענץ און מאַכען א סך געלט? איך וואָלט דאָס דעפינירט אַזוי: א טראָסט איז אַ פאַראייניגונג

פון די באַלעבאַטים איבער דער פּראָדוקציאָן פון אַ געוויסען אַר־טיקעל אונטער איין צענטער פון קאָנטראָל. אפשר קען מען דעם געדאנק אויסדריקען בעסער — יעדער איינער קען פּרובירן — אָבער דעם זין פון מיין דעפיניציאָן מוז עס אַנטהאַלטען, אויב מיר זוכען צו פאַרשטעהן דעם עצם; אויב אונז אַרט נאָר צו פאַרשטעהן דעם צוועק פון טראַסט, קענען מיר זיך באַנוענען מיט דער דעפיניציאָן, וואָס געצאָוו וואָלט געבען.

דעם נמשל קען דער לעזער אַליין איינזעהן. פריינד געצאָוו'ס דעפיניציאָן פון שטאַאט איז אַן ערקלערונג פון דעם צוועק פון שטאַאט, מיינע איז אַ דערקלערונג פון דעם עצם פון שטאַאט: פונקט דאָס וואָס איך האָב זיך אונטערגענומען צו דעפינירן. הייגט, פרעג איך אייך, וואָס פאַר אַ פנים האָבען געצאָוו'ס ווערטער, ווען ער דערלאַנגט אַ זאָג מיט אַזאַ גרינגען הארצען: „דעם עצם שטאַאט האָט דר. מ—ן מיט זיין דעפיניציאָן גאָר ניט אָנגעריהרט".

איך וויל אָבער ניט פאַרגעסען, אַז פריינד געצאָוו באַשעפטיגט זיך מיט דעפיניציאָנען נאָר כדי מיר צו „טאָן דעם פאַרגעניגען"; זאָנסט גיט ער זיך מיט אַזעלכע ארבייט ניט אָפּ. ביי איהם, זאָגט ער, האַנדעלט זיך נאָר „אום טהאַטזעכליכע אנטוויקלונג, און וואָר־הין די ענטוויקלונג פיהרט". ער האָט באַוויזען, זאָגט ער, „אַז עס האַלט ניט דערביי, מען זאָל זיך אומקעהרען צו די „גוטע אַלטע צייטען", ווען מען האָט אַליין געפלאָכטען לאַפּטשעס און אַליין גע־טראָגען וואַסער, נאָר מען פיהרט אַלץ איין מעהר און מעהר קאָנ־צענטראַציע און פאַרשטאַאטליכונג".

נו, לאָזט מיר אייך זאָגען, אַז איך האַנדעל מיט ביידערליי אַרטיקלען, אי מיט דעפיניציאָנען, אי מיט טהאַטזעכליכער אַנט־וויקלונג; און ווען פריינד געצאָוו וואָלט ניט „באַוויזען" אַז מיר האַלטען ניט דערביי ווידער צו פלעכטען אַליין לאַפּטשעס און טראָגען וואַסער, וואָלט איך זיך אַליין אָנגענומען דאָס צו באַווייזען. און אַז מען פיהרט אַלץ איין מעהר און מעהר קאָנצענטראַציע און פאַרשטאַאטליכונג — וועגען דעם האָט ער זיך גאָר ניט געדאַרפט מטריח זיין צו באַווייזען: דאָס באַווייז איך דאָך די גאַנצע צייט, געגען דעם טענה איך דאָך. מיר דיסקוטירן דאָך נאָר וועגען

דעם, וואָס ער זאָגט אַז עס איז גוט אַזוי און איך זאָג אַז דאָס איז ניט גוט אַזוי. די עולה איז נאָר וואָס ער מיינט, אַז וויבאַלד איך זאָג, אַז קאָנצענטראַציע און פאַרשטאַאטליכונג איז אַן אומגליק אין באַצוג צו פּערזענליכער פריהייט, בין איך מסתמא דערפאַר, אַז מענשען זאָלען ווידער נעהמען פלעכטען לאַפּטשעס און אַליין טראָגען וואַסער. עס איז אַן עולה, ערשטענס, וואָס ער קען זיך אַליין ניט אָנשטויסען אויף דעם פּלאַן פון גוטע קאַמאַשען אָהן פאַרשטאַאטליכונג; און אַן עולה איז עס צווייטענס, וואָס ער לעזט ניט איבער אַפריהער, דאָס וואָס ער געהט מבטל זיין מיט אַזעלכע אָריגינעלע באַווייזע.

איך האָב געזאָגט בפירוש אין מיין גאָר ערשטען אַרטיקעל („שטאַאט אָדער ניט שטאַאט"), אַז ווען די לאַנד און די פּראָדוקציאָנס־מיטלען זאָלען ניט זיין פאַרשטאַאטליכט סאָציאַלדעמאָקראַטיש, נאָר עס זאָל פּשוט שטעהן פריי פאַר אַלע מענשען צו געברויכען ווי זיי פאַרשטעהען אַליין אַמבעסטען, וועלען זיי פּאָברירען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, פאַר־זיך אויב מעגליך און אַנגענעהם, אַלע צוזאַמען אויב נויטיג און וויגאַדנער. דערפון קען, מען, דאַכט זיך, ניט דרינגען אַז מיין אידעאַל איז לאַפּטשעס מיט וואַסער טראָגען. דערפון זעהט מען נאָר, אַז איך מיין, אַז אָהן קאָנצענטראַציע קען מען אויך האָבען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. אויב ער מיינט אַז ניט, זאָל ער ד אָ ס באַווייזען!

מען קען האָבען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, טענה איך, ווען די ערד און די פּראָדוקציאָנס־מיטלען זאָלען שטעהן פריי פאַר יעדען איינעם, סיי באַזונדער, סיי צוזאַמען, אויף צו געברויכען ווי זיי פאַרשטעהען. קומט פריינד געצאָוו און רעדט צו מיר אַזוי ליבליך: „פריהייט איז זעהר אַ גוטע זאַך, אָבער מיט פריהייט אַליין לעבט דער מענש ניט. ער דאַרף נאָך אַנדערע זאַכען אויך." אי דאַרף ער! ער דאַרף די ערד מיט די מיטלען צו פּראָדוצירען, ניט דאָס אָנגעשריבענע וואָרט „פריהייט" אויף פּאַפּיר! ער דאַרף און מוז האָבען דאָס רעכט צו געברויכען אַלע מיטלען צו מאַכען אַ בכבוד'ען און עהרליכען לעבען, ניט דאָס אַלעס זאָל געהערן צום קהל, רעפּרעזענטירט דורך געוועהלטע פון אַ מאַיאָריטעט, און

פאַרשטאַאטליכט אין צענטראַליזירטע ביוראָס, און קאָמאַנדירט פון אַן עקזעקוטיווע, וועלכער באַשטימט ווער און וואו און וואָס מען זאָל אַרבייטען, און וויפיעל מען זאָל האָבען דערפאַר באַצאָהלט.

ווענען פרייהייט צו געברויכען די פּראָדוקציאָנס־מיטלען רייד איך, ליעבער פריינד! ניט ווענען פרייהייט סתם אין דער וועלט אריין. איהר מיינט, אַז עס איז אוממעגליך דאָס צו האָבען? באַ־וויזט פאַרוואָס! איהר מיינט, אַז עס זיינען פאַראַן גרויסע שוועריגקייטען אויף דעם וועג? רעכענט אויס וועלכע זיי זיינען! ועל כולם, פאַרשטעהט דאָך אַמאָל, אַז פאַר אונז איז ניט די פראַגע: אָדער ראַקעפעלער, אָדער פון פאָלק אויסגעקליבענע מענעדזשערס? ווען עס וואָלט קיין אַנדער ברירה ניט געווען, שווער איך אייך ביי מיין אידישקייט, אַז איך וואָלט, אַזוי געוויס ווי איהר, זיך ערקלערט פאַר די קהל'שע מענעדזשערס: וואָס איז? מעהר ווי איין מאָל שטאַרבט מען דאָך ניט... איך באַהויפּט אָבער, אַז עס איז דאָ אַ ברירה אַ בעסערע, אַ כפּרה ביידע, אי ראַקעפעלער, אי אויסגעקליבענע מענעדזשערס. די ברירה איז — גאָר אַהן „מענעדזשערס", אָבער טאַקע לחלוטין!

איהר גלויבט ניט, ניין איהר זייט זיכער, אַז עס קען ניט זיין? ארויף מיט די אַרגומענטען! ציינט פאַרוואָס עס קען ניט זיין! נאָר ווערט ניט קיין נביא און זאָגט מיר ניט, אַז עס ווערט ניט זיין. איך האַלט ניט פון נביאות. מיט אַ נביא דיסקוטיר איך ניט...

אָבער לאָמיר אפילו אָננעהמען, אַז עס איז ניטאָ קיין בעסערע ברירה, אַז עס מוז זיין אָדער ראַקעפעלער, אָדער פון פאָלק אויס־געקליבענע מענעדזשערס — איז ניט כדאי דאַן אָנצוצייגען, אַז אויסגעקליבענע מענעדזשערס פון פאָלק איז אויך ניט קיין אידעאַל פון פרייהייט און גליק? וואָרים אויב אפילו מיר וואָלטען געקענט קלאָר זעהן, אַז מאָרגען קומט אָן דער סאָציאַלדעמאָקראַטיזם, ווי מען קאָן אָפט פאָראויסזעהן, אַז אַ בליזאַרד קומט אָן, מוז מען דען דערפאַר אַליין זאָגען, אַז עס איז גוט, ווייל עס קומט? איז דער בליזאַרד גוט, ווייל ער קומט? איז אימפּעריאַליזם גוט, ווייל מען זעהט קלאָר, אַז ער קומט דאָ אין לאַנד? אַרגומענטירט,

פריינד געצאָוו, אַז פון פאָלק אויסגעקליבענע מענעדזשערס איז גוט, זעהר גוט; אָבער פארשטעהט דאָך מ י י ן פּאָזיציע ווען איך פאַר־גלייך דיביידע „אָדערס“ צו א צאָהן־געשוויר אָדער א מכה אין זייט! זאָגט מיר ניט, אַז איהר האָט ניט וואו אוועקצוגעהן, זאָגט נאָר, אַז עס איז גאָר ניט קיין מכה אין זייט, אַז עס איז גאָר געבראָטענע ענדיקעס מיט יין המשומר! און ענטפערט אויף מיינע ארגומענטען, ווען איך זאָג אַז עס א י ז א מכה אין זייט.

איהר זאָגט אַזוי איראָניש: „און דר. מ—ן מיינט אַז ער רעדט צו דער זאַך“. ווען איך צייג אָן, אַז אויב דער צוקינפטיגער מענע־דזשער פון אייזענבאַהנען וועט איבער אונז האָבען אַזוי פיעל צו זאָגען וויפיעל וואַנדערבילטס מענעדזשער (נאָך אייער באַהויפּ־טונג), וועט זיין אַז אָך און אַז וועה צו אונז. פאַרוואָס איז דאָס ניט צו דער זאַך? וואָצו די איראָניע? דער פּאָסט־אָפּיס איז היינט אַזוי גוט פארשטאַאַטליכט ווי ער קען בעסער ניט זיין אין א סאָציאַל־דעמאָקראַטישען שטאַאַט — אויב דער היינטיגער מענעדזשער פון פּאָסט־אָפּיס, אין טעאָריע אַן אויסגעקליבענער פון פאָלק, קען פאַר־באָטען ווילשייר'ס סאָציאַלדעמאָקראַטישען זשורנאַל, אָדער קאָנ־פיסקירען הארמאַן'ס לוסיפער, און נאָך הונדערטע אַנדערע פּעלע, פאַרוואָס זאָל דער צוקינפטיגער מענעדזשער ניט קענען פאַרבאָטען די „פרייע ארבייטער שטימע“ אָדער אַנדערע אַנאַרכיסטישע ליטע־ראַטור? ער וועט זיך שטיצען אויפ'ן געזעץ, וואָס וועט דורכגע־פיהרט זיין פון א מאַיאָריטעט, אַז דרוק־זאַכען וועלכע רופען צו אַן אָפּענעם ווידערשטאַנד געגען די באַשטעהענדע אָרדנונג איז פאַר־ברעכעריש, און אַגיטאַציאָן פאַר פרייע ליעבע איז אוממאָראַליש. איז דאָס ניט גערעדט צו דער זאַך?

איהר זאָגט: „זאָל נאָר דר. מ—ן ניט מורא האָבען: זיי וועט־לען זיך אליין ניט שמייסען!“ איהר האָט מיך אסור פארשטאַנען— וואָס איך האָב מורא איז, זיי זאָלען א נ ד ע ר ע ניט שמייסען, די מאַיאָריטעט זאָל ניט שמייסען די מינאָריטעט. דאָס פאָלק איז דאָך ביי אייך ניט מעהר ווי א העלפט מיט עפּעס, בלייבט דאָך נאָך א גענויע העלפט, וועלכע קען און וועט, וואַרשיינליך געשמיסען ווערען אויפ'ן גרויסען אופן.

איהר זאָגט: „דער לעזער קען יעצט זעהן, ווי כאַראַקטעריס־טיש עס איז פאַר אַ מעטאַפיזיקער ווי דר. מ—ן איז, צו פאַרגלייכען דעם צוקונפטיגען סאָציאַליסטישען שטאַאט מיט אַ פּולמאַן" א. אז. וו. ווי זאָל דער לעזער אורטיילען אויב עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ מעטאַפיזיקער, אָדער ניט? אָט לאָמיר נעהמען דהיינו ספּענסער'ן. ער זאָגט אַזוי: „צום עצם קנעכטשאַפט איז קיין חילוק ניט, צי איינעמס באַס איז אַן איינצעלנע פּערזאָן, צי אַ גאַנ־צע געזעלשאַפט. אויב ניט האָבענדיג קיין ברירה, מוז ער אַרביי־טען פאַר דער געזעלשאַפט און קריגען דערפאַר פון קהל'שען שטאַאט וויפיעל די געזעלשאַפט באַשטימט, ווערט ער אַ שקלאַף פון דער גע־זעלשאַפט". אויב דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ מעטאַפיזי־קער, דאַן איז ספּענסער אַ מעטאַפיזיקער אַזוי גוט ווי איך — אונ־טערשטעהט איהר זיך, פריינד געצאַוו, אַנצורופען, בפני געבילדע־טע מענשען, ספּענסער'ן אַ מעטאַפיזיקער?

און אונטערשטעהט איהר זיך אויך אַנצורופען ספּענסער'ס יוער־טער נאַאיוו און קינדיש, ווי איהר רופט מיינע, ווען איך זאָג, אז מיר וועלען מוזען דינען ווי לייבאייגענע און פאָלגען וואָס די סאָ־ציאַלדעמאָקראַטישע געזעלשאַפט וועט אונז הייסען, פאַר דער חיונה, וואָס זי וועט אונז געבען? — פאַרשטעהט מיר וואויל, איך זאָג ניט חס ושלום אז איך בין גערעכט, ווייל ספּענסער זאָגט אויך אַזוי: פון גדולים ווייסט איהר דאָך האַלט איך נאָך וויניגער פאַר־אייך. אָבער אָנרופען ספּענסער'ן אַ מעטאַפיזיקער, באַצייכענען זיינע ווערטער אַלס נאַאיוו און קינדיש, איז אַ ביסעלע אַריבער־געכאַפּט די מאָס, ניט וואָהר?

איהר זאָגט: „אויב פרייהייט וואָלט געווען ביי מענשען טייי־ערער ווי אַלץ, וואָלט געווען אוממעגליך, אז די גרעסטע מאַיאָריטעט פון דער מענשהייט זאָל זיין פאַרשקלאַפט". — ערשטענס, זאָג איך אייך גאָרנישט, אז פרייהייט איז ביי מענשען טייערער ווי אַלץ, אָבער ווי וועט איהר ערקלערן פאַרוואָס די גרעסטע מאַיאָריטעט פון דער מענשהייט ליידט הונגער? „די גרויסע מאַיאָריטעט האָט פאַרטראָגען שקלאַפעריי, זאָגט איהר, ווייל אַנדערש האָט זי ניט גע־קענט עקזיסטירן" — פון וואַנען ווייסט איהר דאָס, אז זי האָט אַנ־

דערש ניט געקענט עקזיסטירן? די גרויסע מאיאָריטעט, אַן ערך דריי פערטעל פון דער מענשהייט, האָט אַנדערש ניט געקענט עקזיסטירן, סיידען די איבעריגע פערטעל זאָלען זיין איהרע שקלאַפען! קומט עס אַזוי אויס נאָך אייער מאַטעריאַליסטישען בליק אויף דער געשיכטע? אויפ׳ן מעטאַפיזישען לשון רופט מען דאָס אַ „פּאָסט־האָק“ אַרגומענט: אַזוי איז געווען, אַזוי האָט געמוזט זיין — אַ שכל גדול, באמונות!

איהר מיינט אַז „ווי שלעכט אַ געוויסע געזעלשאַפטליכע אָר־דנונג זאָל זיך אונז ניט דוכטען צו זיין, אויב אָבער די מענשען, זיי־נען מאַטעריעל גוט פאַרזאָרגט, אַרבייטען נאָר קורצע שטונדען און זיינען אַלע גלייכגעשטעלט, וועלען זיי שוין פרייהייט אויך האָבען“. איך בין דאָ מסופק ווי צו פאַרשטעהן די ווערטער: „וועלען זיי שוין פרייהייט אויך האָבען“ — אויב דאָס מיינט, אַז זייענדיג מאַ־טעריעל גוט פאַרזאָרגט האָט מען שוין „איפּסאָ פאַקטאָ“ (מניה וביה) פרייהייט אויך, איז דאָס זעהר און זעהר ווייט פון אמת. אַ גוט־געהאַלטענער שקלאַף, אָדער פשוט אַ פערד, אָדער אפילו אַן איידעם אויף קעסט, איז, ווי באַקאַנט, לגמרי ניט פריי. אלא וואָס דען, איהר מיינט אַז, זאָלען זיי נאָר זיין גוט פאַרזאָרגט, דאַן איז געווער מיינד, זיי וועלען שוין האָבען פרייהייט! „עס איז ניט אַזאַ מאַכט אין דער וועלט וועלכע זאָל זיי אונטערדריקען“ און ניט דערלאָזען דאָס קריגען! — איז דאָס דאָך „נאַאיוו און קינדיש“, וואָרים דאָס שטעהט אין דער זעלבער ציטאַטע פון מיין אַרטיקעל, וועלכע איהר האָט באַצייכענט מיט דעם דאָזיגען ליבליכען נאָמען! איך זאָג דאָרט נעמליך: „אַ דור פון מענשען וואָס וועט האָבען דעם מוט צו מאַכען אַ רעוואָלוציאָן און אָפּשאַפען אייגענטום פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועט ניט פאַרשאַכערן זיין פרייהייט פאַר אַ ביליגען, גרויסען טאָפּ לינזען“.

יעצט בלייבט מיר נאָך איבער זיך אַ ראַנגעל צו טאָן מיט פריינד געצאָוו׳ס אַנווענדונג פון דעם נאַטור־געזעץ, אַז „אויף אַ געוויסען פונקט פון אַנטוויקלונג בייט די קוואַנטיטעט איבער די קוואַליטעט“, און דאַן בין איך פאַרטיג. זיין ערשטער ביישפּיל איז מיליטאַריזם. אין זיין קאָנזעקווענטעסטער אַנטוויקלונג קומט דער מיליטאַריזם

צו פאָלקס-מיליץ, וועלכע פאַרוואַנדעלט זיך אין די שטאַרקסטע וואַפע אין די הענט פון פאָלק געגען זיינע אונטערדריקער". על פּי לאָגיקע קומט טאַקע אַזוי אויס, איך וואָלט אָבער פאַרלאַנגט אַ פּאָר פאַקטען פון געשיכטע, וואו און ווען עס האָט זיך אַזוי אַרויסגעציינט אין דער ווירקליכקייט. וועט ער מיר טאָן די טובה? דער צווייטער ביישפּיל איז קאָמפּעטישען. „קאָמפּעטישען אין איהר גרעסטער אַנטוויקלונג ברייננגט צו האַרמאָניע אין דער פאָרם פון אַ טראַסט". די האַרמאָניע איז גרויסאַרטיג; עס דערמאָנט ניט ווילענדיג אָן מוראַוויאָווס פריעדען אין וואַרשע"... „וואָס גרעסער די אָרגאַניזאַציע, זאָגט ער, אַלס וועניגער איז דער יחיד צו איהר געבונדען: אַ משל פון אַ קלוב א. אַז. וו.". — יעס, ווען מען רעדט פון דער טובה פון קלוב. פאַר'ן קלוב איז בעסער, ווען עס זיינען דאָ מעהר מעמבערס; דער מעמבער אָבער האָט דאָן וויינינגער נוצען פון קלוב. ווען די אָרגאַניזאַציע פון די רוסישע אימפּעריע איז גרעסער געוואָרן אריינגעהמענדיג דעם זאַבאַיקאַלסקי קראַי (אין ווייטען סיביר), האָט פאַר איהר טאַקע גאָר ניט אויסגעמאַכט צי טשיטאַ וועט האָבען אַ טשאַסאַווניאַ, צי ניין (איהר האָט געמוזט לעזען די מעשה אין קראַפּאָטקין'ס אויטאָביאָגראַפיע): די רוסישע אימפּעריע וועט זיך האַלטען, ווען טשיטאַ וועט אָפּברענען אויך. אָבער פאַר דעם שטעדטעל טשיטאַ איז דאָס גאָר ניט געוועזען אַזאַ מעלה, וואָס זי איז צוגעבונדען צו אַזאַ גרויסער אָרגאַניזאַציע.

נאָך אַמאָל: „ביי אַ גרעסערער צאָהל אַרבייטער קענען עטליכע אָוועקבלייבען פון דער אַרבייט, און די אַרבייט וועט דאָך אָנגעהן". גוט פאַר דער אַרבייט! אָבער ווי שטעהט עס מיט'ן אַרבייטער? וועט ער אויך אָנגעהן, ווען ער וועט אָוועקבלייבען? „וואָס גרעסער די אָרגאַניזאַציע, טרייסט אונז פריינד געצאָוו, אַלץ מעהר פרייהייט קענען האָבען די אַרבייטער צו קומען צו דער אַרבייט אָדער ניט". דאָס דערמאָנט מיר אָן קאַוטסקי'ס „פרייהייט פון אַרבייט", וועלכע איך האָב אַ ביסעלע קריטיקירט אין דעם אַרטיקעל „שטאַאַט אָדער ניט שטאַאַט". ניט כדאי איבערצוריידען.

„אין אַ גרויסער שטאָדט, זאָגט ער, געפינט זיך יעדער זיין קרייז און ווערט ניט געשטערט אין זיין פרייהייט". אין זיין פריי-

הייט צו טאָן וואָס? צו רויכערן אַ פּאַפּיראָס אום שבת? אָדער אין זיין פרייהייט צו קענען האַלטען אַ בהמה, מיט עטליכע היהנער, און נאָך אַזעלכע דאָרפישע וויגאָדעס?

„די גרעסטע פרייהייט וועט דער מענש געפינען אין דער גרעס־טער אָרגאַניזאַציע — די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט". יע, יע: די פרייהייט פון אַ קליינטשינקען שרייפעלע פון אַ גרויסער, גרוי־סער מאַשין. מיט דעם שרייפעלע, אָהן דעם שרייפעלע, אַ דאגה דאָס איז, די מאַשין וועט אויסקומען אָהן איהם...

אָרימע פרייהייט, ווי צוקאַליעטשעט דו ווערסט נעבאַך פון מיין קריטיקער!

# פייגענבוים'ס קריטיק איבער אנארכיזם

## 1

א סעריע פון 19 ארטיקלען האט פייגענבוים אנגעשריבען אין „צייט־גייסט", קריטיקירענדיג דעם אנארכיזמוס. אנהויבען צו ענטפערן אין מיטען האט ניט געפאסט: מ'מוז דאך לאזען איי־נעם זיך אויסרעדען ביז צום סוף. האט מען, אלזא, געמוזט אריבער־ווארטען — געפינט מען יעצט פאר זיך א בארג מיט שרייבאכץ, אין וועלכען עס איז אביסעל שווערלאך צו געפינען א טאלק. פיי־גענבוים איז ניט קיין קארגער אויף א ווארט, אדרבה, ער איז גאר א פזרן: ווערטער אהן א שיעור, מעהרער אפילו וויפיעל דער גע־דאנק פאדערט; דערפאר האט זיך עס צוזאמענגעקליבען א בארג מיט 19 ארטיקלען...

מיין פלאן איז נאכצוגעהן בסדר די טעמאס פון זיינע ארטיק־לען, אריינגעמענדיג א פיער, פינף אין איינעם (ווער נאך האט עס די געדולד צו שרייבען 19?!) און קורץ ווי מעגליך אנצייגען פיי־גענבוים'ס טעות'ן. אלזא, דאס ערשטע איז —

### אנארכיסטישע פרייהייט און סאציאליסטישע

די טהעמא צוטיילט פייגענבוים אין צוויי: א) אנארכיסטי־שער און סאציאליסטישער אידעאל און ב) וואס הייסט פרייהייט? מכח דעם אידעאל זאגט ער אזוי: „דער כלל קען ניט לעבען אין א גוטע פריידליכע ארדנונג, ווי עס איז נויטיג פאר דעם גליק פון אלע, סיידען ווען דער סוף פון אלע ויכוחים איבער שותפות'ע אנגעלע־גענהייטען איז, אז מען זאל אפשטימען און עס זאל בלייבען ווי די מאיאריטעט וויל; און די מינאריטעט זאל עס האלטען פאר

איהר פליכט, ניט צו וועלען מעהר דוקא אויספיהרן, ניט צוקלאַ־פען די אחדות צוליעב דעם, וואָס עס איז ניט ווי זי וויל, נאָר נאָכגעבען און לאָזען די איינינקייט גאַנץ. דאָס איז און וועט אייביג זיין אינטערעסאַנט לטובת הכלל. — „דעריבער איז דער באַליעבטסטער אידעאַל פון דער מענשהייט (נאָך דער איבערציי־גונג פון די סאָציאַל דעמאָקראַטען) אז דער איינצעלנער זאָל דאָס אליין באַגרייפען און זאָל אליין, מיט פארגעניגען, וועלען זיך אונ־טערוואַרפען אונטער דעם באַשלוס פון דער מאַיאָריטעט — ווי באַלד עס געהט אין אַ וויכטיגע זאַך פאַר טובת הכלל, וואָס וואָלט ביי אַ צושיידונג צושטערט ווערן“.

דער לעזער וועט דאָ באַמערקען אַ שטיקעלע חילוק צווישען דעם אָנפאַנג און דעם ענד פון דעם זאַץ: פריהער שטעהט, אז דער כלל קען ניט לעבען סיידען ווען דער סוף פון אלע ויכוחים איבער שותפות'ע אנגעלעגענהייטען זאָל אָפּגעשטימט ווערן און בליי־בען ווי די מאַיאָריטעט וויל; צום סוף שטעהט: וויבאַלד עס געהט אין אַ וויכטיגע זאַך לטובת הכלל, וואָס וואָלט ביי אַ צו־שיידונג צושטערט ווערן! נאָך דעם „וויבאַלד“ נאָך קומט אויס, אז עס זיינען דאָ וויכטיגע זאַכען, וואָס וואָלטען ביי אַ צושיידונג ניט צושטערט ווערן, מוז דאָן ניט בלייבען ווי די מאַיאָריטעט וויל, טו ווי קומט עס, אז דער סוף פון אלע ויכוחים זאָלען בלייבען ווי די מאַיאָריטעט וויל? — פייגענבוים איז „פּרי־טיקלע“ צו דערצעהלען, אז ער רעדט דאָ ניט פון צווינגען די מינאָריטעט, ער רעדט בלויז פון דעם אידעאַל, אז די מינאָ־ריטעט זאָל דאָס אליין וועלען, אז מ'זאָל זי גאָר ניט דאַרפען צווינגען מיט געוואַלט. קען מען דאַרויף זאָגען: ממה נפשך, איז דאָס אַ וויכטיגע זאַך, וואָס וואָלט ביי אַ צושיידונג צושטערט ווערן, און צווינגען די מינאָריטעט קען מען ניט, איז אודאי דער אידעאַל, אז איין זייט זאָל מיטן גוטען ווילען נאָכגע־בען; איז עס אָבער ניט אַזאַ וויכטיגע זאַך, טו וואָס פאַר אַ אי־דעאַל שטעקט דאָ אין דעם נאָכגעבען? דעריבער דאַרף מען ניט פאַר־געסען, אז וואו עס האַנדעלט זיך וועגען נאָכגעבען מיטן גוטען ווילען, פאַלט אין גאַנצען אוועק דער חילוק פון מאַיאָריטעט און

מינאָריטעט. אויב דער אידעאַל איז אחדות, מאַכט ניט אויס ווער עס וועט נאָכגעבען וועמען, וועט די אחדות אַלץ מקוים ווער׳ן; איז דער אידעאַל דאָס נאָכגעבען, מאַכט דאָך אודאי ניט אויס ווער וועמען, אבי איין זייט וועט נאָכגעבען.

פיינגנבוים מאַכט אין דעם גאַנצען ארטיקעל אויף מיר דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט בכיון פאַרשטעלען דעם סאָציאַל דעמאָקראַטישען אידעאַל אביסעל איידעלער ווי ער איז אויף אן אמת. קומט דערפון ארויס, אז די אנארכיסטען האָבען אין גרונד גאָר ניט וואָס אויסצוזעצען געגען דעם סאָציאַל דעמאָקראַטישען אידעאַל, ניט מעהר וואָס זיי זיינען עקשנים און האָבען הנאה חוזק צו מאַכען פון סאָציאַל דעמאָקראַטען. איז דאָס אָבער, אין מיין מיינונג, לגמרי ניט אזוי. אַלע מענשען האָבען איין אידעאַל, דעם גליק פון אַלע. דער חילוק איז נאָר ווי ווער שטעלט זיך פאָר וו אָ ס מאַכט דעם גליק פון אַלע. סאָציאַל דעמאָקראַטען, מיינען אין טעאָריע, אז דער איינצעלנער עקזיסטירט צוליעב דער געזעלשאַפט און דארום מ ו ז, אין דער פראַקטיקע, דער יחיד אָדער די מינאָריטעט, זיך אונטערגעבען אין א ל ע ויכוחים איבער שותפת׳ע אנגעלעגענהייטען אונטער דעם רבים אָדער דער מאַיאָריטעט, מיטן גוטען ווילען אויב עס געהט, און מיט צוואַנג אויב עס מוז. וועהרענד אַנאַרכיסטען מיינען אין טעאָריע, אז די געזעלשאַפט עקזיסטירט צוליעב דעם איינצעלנעם, און דאַרום מוז דער יחיד אָדער די מינאָריטעט, אין דער פראַקטיקע, זיך ניט אונטערגעבען אין „אַלע“ ויכוחים איבער שותפות׳ע אנגעלעגענהייטען; וואו אָבער א טובה פאַר אַלע וועט קענען צושטערט ווערן דורך א צושיידונג, דאָרט וועט איין זייט פ ר יי וו י ל י ג זיך אונטערגעבען, און דער חילוק פון מאַיאָריטעט און מינאָריטעט וועט אין גאַנצען אָפּפאַלען.

בקיצור, די מחלוקה איז ניט, צי א כפרה אַ יחיד פאַר א רבים, צי א כפרה אַ רבים פאַר אַ יחיד, דען דער אידעאַל איז — א ל עמ ע נ ס אידעאַל — קיינער זאָל ניט געהן קיין כפרה פאַר קיינעם. די מחלוקה איז, וועלכע זיינען די ב אַ ד י נ ג ו נ ג ע ן, וואָס וועלען ניט דערלאָזען ווער עס איז זאָל געהן א כפרה פאַר אן אנ־

דערן? און אין דעם פונקט געפינען די אנארכיסטען, אז אונטער די סאציאל דעמאקראטישע באדינגונגען קען דער אידעאל ניט מקוים ווערן, זאנדערן דער יחיד, אדער די מינאריטעט, וועט מוזען געהן א כפרה פארן רבים אדער די מאיאריטעט.

---

אויף דער שאלה, וואס הייסט פרייהייט? גיט פייגענבוים אן ענטפער, וואס האט לחלוטין גאר ניט צו טאן מיט דער זאך. ער באהאנדעלט די „פרייהייט צו טאן ווי איינער וויל" אין אב־סטראקט, און ער מאטערט זיך צו באווייזען, אז א מענש האט עטליכע ווילענס, און דארום איז שווער צו זאגען וועלכען ווילען ער זאל פאלגען. בלייבט ביי איהם מ׳זאל הערן וואס שפינאזא האט געזאגט, אז „א מענש פיהלט זיך מעהר פריי אין א געמיינ־שאפט פון נאך מענשען, וואו ער לעבט נאך דעם באשלוס פון דער געמיינשאפט". אין פייגענבוים׳ס אייגענע ווערטער קומט דאס אויס אזוי: „די מינאריטעט דארף פארשטעהן, אז זייער פאר־שטאנד דארף ניט זיין דער שקלאף פון זייער ענגען „איך", וואס רייצט זיי צו בלייבען ביי זייער ווילען; נאר זייער פארשטאנד דארף זיין פריי צו קענען זיך ארויפהויבען צו דער מדרגה פון איינפאסען זיך אין דער געזעלשאפט און פארבויגען דעם יחיד פארן רבים".

דאס הייסט אזוי: א מענש האט עטליכע ווילענס. אלע ווי־לענס פאלגען קען ער ניט, איז די בעסטע זאך כדי קיין ווילען זאל קיין פאראיבעל ניט האבען, קיינעם ניט צו פאלגען, נאר פאלגען דעם ווילען פון אנדערע מענשען! א מענש דארף פארשטעהן, אז זיין פארשטאנד איז א שקלאף פון זיין איך, דארף דארום זיין פארשטאנד זיין פריי צו ווערען א שקלאף פון אן אנדערענס איך!

א חסידישער רבי האט אמאל גע׳דרשנ׳ט: „אי איז דאך די קשיא ועתודים? איז דער תירוץ, לא חפצתי!" אין בין ניט בא־האווענט אין קבלה, אבער דער תירוץ געפעלט מיר: לא חפצתי, און פטור... ראשית, פארשטעהט איהר מיך, האט א מענש נאר איין ווילען, וועלכער איז צו יעדער צייט דער רעזולטאט פון דעם נצחון פון איין טריעב איבער די אנדערע טריעבען פון זיין

גאַנצען „איך!“ והשנית, און צווייטענס, ענטהאַלט אימער דער באַגריף פון פרייהייט דעם היפּוך פון אויסערליכען צוואַנג, וועלכער קען נאָר פאָרקומען אין א געמיינשאַפט פון נאָך מענשען, דערפאַר איז פרייהייט נאָר א געזעלשאַפטליכער באַגריף; און דערפאַר איז די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּשרה צו פאַרבויגען דעם יחיד פאַרן רבים א פּשוט׳ע פאַרלייקענונג פון דער פרייהייט גופא; און דערפאַר ענטפערט אויף דעם דער אַנאַרכיסט, לא חפצתי!

---

זיין דריטער אַרטיקעל באַהאַנדעלט די פראַגע פון מאַיאָריטעט און מינאָריטעט: א) איז אַן ערקלערונג פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאָזיציע, און ב) איז א פאָרשונג וועגען דאָס רעכט פון דער מאַיאָריטעט צו באַפעהלען די מינאָריטעט. „אין גרונד, זאָגט פייגענבוים, ווילען, נאַטירליך, די סאָציאַל דעמאָקראַטען אויך, אז דער געביט, איבער וועלכען די מאַיאָריטעטס רעגירונג זאָל האָבען א דעה צו זאָגען, זאָל ווערן איינגעשרענקט אזוי ענג ווי נאָר מעגליך, און דער געביט, אין וועלכען דער איינצעלנער זאָל קענען טאָן וואָס זיין הארץ געלוסט, זאָל ווערן אויסגעברייט אזוי ווייט ווי נאָר מעגליך“.

„דאָ, זאָגט ער ווייטער, וואו עס וועט קיינעם ניט שאַדען און ניט אָנגעהן, ווען איינער וועט זיך פיהרן ווי ער האָט א חשק, דאָ וועט נאַטירליך קיין מאַיאָריטעט ניט באַפעהלען. די מאַיאָריטעט וועט באַשליסען און באַפעהלען בלויז ביי אזעלכע זאכען, וואו מענשען האָבען א וויכטיגען אינטערעס בשותפות; וואו דעם איינצעלנעמס פרייהייט צו טאָן ווי ער וויל, וועט הייסען א שווערע שקלאַפעריי פון אלע, צו מוזען דולדען אין זייער שותפות׳דיגען אינטערעס דעם איינצעלנעמ׳ס קאַפּריז, און וואו דורך צושיידען זיך, וואָלט די שותפות׳ע זאַך צושטערט געוואָרן, נאָר אין אזעלכע אנגעלעגענהייטען וועט די מאַיאָריטעט באַשליסען און באַפעהלען“.

פייגענבוים זאָגט איבער דעם זעלבען געדאַנק, אין כמעט די זעלבע ווערטער, אפשר א דוצענד מאָל — וואָרום טהוט ער דאָס

אזוי? איך מיין, אז ער זאגט דאס איבער אזוי פיעל מאל, ווייל דער געדאנק איז פאר איהם אליין ניי, חזר'ט ער דאס איין, כדי ניט צו פארגעסען און ניט צו פארדרעדען זיך. סאציאל דעמאקראַ־טען ווילען דעם געביט וואו די מאיאריטעט האט א דעה צו זאַ־גען, איינשרעקען אזוי ענג ווי מעגליך! עפעס גלויבט זיך ניט... די געזעלשאפטליכע עקאנאמיע איז, דאכט זיך, נאך זייערע רייד נאך, דער באזיס פון גאנצען געזעלשאפטליכען לעבען; א געביט ניט קיין קליינער, אין פאקט גאר א גרויסער געביט, מ'קען זאגען אפשר דער גרעסטער געביט פון לעבען — און אויב איך האב קיין טעות ניט, וועט די געזעלשאפטליכע עקאנאמיע זיין שטארק, זעהר שטארק סאציאל דעמאקראטיש רעגולירט פון מאיאריטעטס רע־גירונג; אזוי שטארק, אז דער איינצעלנער וועט ניט קענען וואס א שפילקע קעפעל איז ווערטה צו געבען אדער אפנעמען פון דער פראדוקציאן! הייסט דאס איינשריינקען דעם געביט אדער אויס־ברייטען איהם?

קויטסקי איז דער רבי פון דער סאציאל דעמאקראטיע. ער פארשטעהט פרייהייט אלס די מזל און ברכה פון ניט דארפען פיעל ארבייטען, (פריי פון שווערער ארבייט איז ביי איהם די העכ־סטע פרייהייט, וואס די סאציאל דעמאקראטיע קען דעם מענשען געבען), ווי, וואו און ווען אבער צו ארבייטען, אין דעריין, זאגט ער, וועט קיין פרייהייט ניט זיין; אין דעריין, זאגט ער, וועט נאך זיין וועניגער פרייהייט ווי היינט — אלזא, איין איינשרענקונג פון דעם געביט פון איינצעלנעמס פרייהייט, ניט אן אויסוויטערונג! זעהט איהר, אין קאנסומפציאן־זאכען, (צי קאכען לאקשען, צי פארפעל, בדרך פייגענבוים'ס משל) וועט זיך די מאיאריטעט ניט מישען. און ווייסט איהר ווי קויטסקי רופט דאס אן? דעם ניט מישען זיך אין קאנסומפציאן־זאכען רופט ער אן א נ א ר כ י ז־מ ו ס! אין פרט פון קאנסומפציאן איז קויטסקי אנארכיסטיש (דערלעבט צייטען!) — ווייל אונז פייגענבוים איינשמועסען, אז דאס אנארכיסטישע ניט־מישען זיך וועט זיך אויך אויסשפרייטען אויף דעם געביט פון דער פראדוקציאן? ניין, הס מלהזכיר! פיי־גענבוים האט זיך נאר אנגעטאן נייע אנארכיסטישע קליידער, און

געהט צווישען די אַנאַרכיסטען דרשנ'דיג: מאַ קאַ משמע לן? איהר האָט עפּעס בעסערע קליידער?

דער נאקעטער סאָציאַל דעמאָקראַט סטאַרטשעט אַרויס אָבער ווען ער זאָגט: „די מאַיאָריטעט וועט באַשליסען און באַפעהלען „בלויז" ביי אַזעלכע זאַכען, וואו מענשען האָבען אַ וויכטיגען אינ־טערעס בשותפות". די עניוות פון די ווערטער „בלויז" איז צו באַ־וואונדערן. דער „בלויז" שליסט בסך הכל איין די גאַנצע געזעל־שאַפטליכע פּראָדוקציאָן, אַלע געזעלשאַפטליכע אוטילעטעטען, די באַשיצונג פון לאַנד, די אינסטיטוציאָנען פון ערציהונג און בילדונג, פון ליטעראַטור און קונסט, וכ"ו, וכ"ו. בלויז ד י ז ע קליינינ־קייטען; דערפאר אָבער אויפן „גרויסען" געביט פון לאָקשען קאָ־כען — פולע פרייהייט פאר יעדען איינעם צו טאָן ווי ער האָט חשק.

שעהן, כ'לעבען, איז נאכהער דער אויספיהר: „נו, אז עס איז ניט מעגליך „אבסאָלוטע פרייהייט" אין אלצדינג, גיבען דאָך די פאַרשטענדיגע אַנאַרכיסטען אליין צו"... מיינע ליעבע! איהר האָט די „אבסאָלוטע פרייהייט" אין פרט פון קאָכען לאָקשען, וואָס ווילט איהר נאָך מעהר? —

---

ווענען דאָס „רעכט" פון דער מאַיאָריטעט צו באַפעהלען די מינאָריטעט האָט פייגענבוים אפנים גאָר ניט געהאַט צו זאָגען פּאָזיטיוועס, האָט ער אויסגעקערט דעם פּעלץ און צוגעטשעפּעט זיך צו די אַנאַרכיסטען, פאר וואָס זיי זאָגען (?) אז דער מענש האָט אַ נאַטירליכעם רעכט צו זיין פריי. די סברה וואָלט דאכט זיך מחייב זיין פארקערט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטען זאָגען, אז די מאַ־יאָריטעט האָט א רעכט צו באַפעהלען די מינאָריטעט, טו באַווייז־זשע פון וואַנען נעמט זי זיך דאָס רעכט? פייגענבוים, דער גמרא למדן, ווייס דאָך, אז המוציא מחבירו עליו הראיה: די מאַיאָריטעט באַ־הויפּטעט, אז זי מעג באַפעהלען, טאָ זאָל זי באַווייזען מיט וואָס פאר אַ רעכט. דער אנאַרכיסט זאָגט, ניט זיי מיר קיין פעטער און ניט נעה מיר קיין שיך, קענט איהר צו איהם גאָר ניט האָבען; די מאַיאָריטעט זאָגט, זי איז מיר א פעטער, זאָל זי ציינען איהר יחוס־

בריעף. מילא, האבען מיר אן עולה ביי פייגענבוים׳ען — וואס זיי־נען אבער זיינע טענות?

„דער גאנצער א״ב, באהויפטעט פייגענבוים, פון דער אנאר־כיסטישער פילאזאפיע איז א פאלשער. זייער א״ב הויבט זיך אן מיט דעם געדאנק: פון נאטור האט דער מענש דאס רעכט צו זיין פריי, און אזוי ווייטער״.

ווי וואלט זיין, א שטייגער, ווען איך לייקען גאר אין גאנצען אפ, אז דאס איז דער אנארכיסטישער א״ב? ווי, אן ערך, וואלט פייגענבוים געקענט איבערצייגען, אז די גאנצע אנארכיסטישע רעכט־פילאזאפיע איז א פאלשע? זיין פארצייטיגער אנארכיסט, עמיל אקאלאס, וועמעס פילאזאפיע ער צוקלאפט מיט ריטינגהוי־זען׳ס ארגומענטען, האט דאך, ווי פייגענבוים אליין ציטירט, ניט מעהר ווי געזאגט: „איך אנערקען קיין שום אנדערען אויבערהאר איבער מיר, נאך מיך אליין. איך אנערקען קיין אנדערעם רעכט ניט ווי מיין אייגענעם. איך האב פונקט אזוי פיעל רעכט ווי אלע אנדערע מענשען. איך ערקלער מיך פאר מיין אייגענעם בעל הבית איבער זיך״. פון דיזע ווערטער איז דאך ניכר, אז אקאלאס רעדט ניט אין נאמען פון א „נאטירליכעם״ רעכט, און ניט ער, ניט די אנדערע אנארכיסטען פארדינען דארום די ערנידרונג באלערענט צו ווערען פון פייגענבוים׳ען, אז „פון דער נאטור האט דער מענש גאר קיין רעכט ניט״. אקאלאס ערקלערט זיך פאר זיין אייגענעם בעל הבית איבער זיך, און שליידערט אייך אין פנים צוריק אייער טענה, אז א י ה ר האט א נאטירליכעם רעכט איהם צו באַ־פעהלען, אז א י ה ר האט מעהר רעכט פאר איהם! איהר דארפט זיך פארענטפערען פאר איהם, ניט ער פאר אייך.

מיינע לעזער, איהר קענט זיך ניט משער זיין, וואו איהר וועט אליין ניט דורכלעזען דעם טייל פון פייגענבוים׳ס ארגומענטאציע, וויפיל קינדהייטען דער מענש האט דארטען אנגעשריבען. אט כאפט אן אזא זאץ: „ווען א מענש וויל געניסען פון די אלע גע־זעלשאפטליכע זאכען אויף דעם אופן ווי ער אליין האט חשק, הייסט דאס שוין ניט, אז ער וויל פולע פרייהייט „פאר זיך״. ניין, דאס הייסט, אז ער וויל זיך נעהמען פרייהייט צו רעגירען מיט די

אויפטואונגען פון אַ נ ד ע ר ע, זיי צו געניסען נאָך זיין איי־גענעם ווילען און וואונש. און דאָס איז ט י ר אַ נ י י, ניט פ ר י י ה י י ט! דאָס איז צאַריזמוס! דער צאַר איז דער פאָל־שטענדיגסטער, קאָנסעקוועַנטעסטער „אַנאַרכיסט" פון דער וועלט. ער וויל פאַר זיך די אַבסאָלוטעסטע פרייהייט".

ווילט זיך אייך ניט דאָ זאָגען צו איהם: ליבער מענש, קאַרל מאַרקס איז מיט אייך! וואָס רעדט איהר? געניסען פון אַלע גע־זעלשאַפטליכע זאַכען איז דאָך די נאָבעלע לעהרע פון קאָמוניזמוס! און אין הלכות געגנוס גיט איהר דאָך צו, צוזאַמען מיט קויטסקי'ן, אז מ'מעג נאָכ'ן אייגענעם ווילען און וואונש — איז דאָס טיראַניי? איז דאָס צאַריזמוס? דער קאָמוניזם זאָגט דאָך: יעדער זאָל נעמען פון די געזעלשאַפטליכע זאַכען וויפיל ער וויל, און געבען וויפיל ער קען — איז דער קאָמוניזם ביי אייך אזוי טריף ווי דער צאַ־ריזמוס? עס פאַרשטעהט זיך אָבער, אז ער מיינט דאָס ניט, נאָר ער האָט זיך פאַרבלאָנטערט, פאַרפּלאָנטערט... און ניט דאָס איינציגע מאָל — בעוונותינו הרבים!

גערעדט מעהר אָדער ווייניגער צו דער זאַך, געגען וועלכעס עס ווילט זיך אַרגומענטירן, איז דער פאָלגענדער זאַץ:

„ווען עס האַנדעלט זיך וועגען געזעלשאַפטליכע זאַכען, וואָס מענשען קענען זיי ניט האָבען סיידען ווען זיי אַרבייטען צוזאַמען און האָבען זיי און פאַרוואַלטען זיי צוזאַמען, דאָ קען מען זיך פאָר־שטעלען בלויז פאָלגענדע ברירות:

1) אָדער אַלע זאָלען דערביי האָבען איין מיינונג — דאָס איז אַבסאָלוט אוממעגליך.

2) אָדער יעדער זאָל דוקא וועלען אויספירן זיין מיינונג — דאַן קענען זיי בשום אופן ניט טהון די זאַך צוזאַמען און ניט האָ־בען איהר פּרוכט.

3) אָדער יעדער זאָל אָנווענדען אַלע זיינע כוחות עס זאָל בליי־בען ביי זיין מיינונג און ד ע ר וואָס ה אָ ט ד י ש ט אַ ר ק־ס ט ע כ ח ו ת ז אָ ל ג ע וו י נ ע ן. דאָס איז די אַלטע ווילדקייט און טיראַניי.

בלייבט אַלזאָ נאָר די איין איינציגע ברירה:

4) „יעדער איינער זאל האבען דאס רעכט פארצוברייננען אלע ארגומענטען פאר זיין מיינונג, און די ארגומענטען, וואס וועלען זיין די שטארקסטע צו איבערצייגען די גרעסטע צאהל — די מאיאריטעט — די זאל געווינען".

עס איז אמת, איך גיב צו, אז ווען עס האנדעלט זיך וועגען געזעלשאפטליכע זאכען, וואס מענשען קענען זיי ניט האבען סיידען ווען זיי ארבייטען צוזאמען און האבען זיי און פארוואלטען זיי צוזאמען, קען מען זיך פארשטעלען בלויז די ברירות, וואס פייגענבוים האט אויסגערעכענט. ערשטענס אבער וואלט איך צוגעלעגט צו די אלע באדינגונגען נאך איין באדינגונג, נעמליך: און אויב זיי ווילען האבען די דאזיגע זאכען. און צווייטענס, ווען עס האנדעלט זיך וועגען אזעלכע זאכען! דעם תוך פון דער אנארכיסטישער אידעע האט פייגענבוים אין גאנצען אויסגעלאזט — אדער זאל איך מעיז זיין און זאגען, אז פייגענבוים פארשטעהט ניט דעם תוך? — דעם עיקר באריהרט ער ניט. די מעשה איז אזוי: אז מען שווימט אין וואסער, מוז מען נאס ווערן, עס איז לית ברירה, אויב אבער מען וויל ניט נאס ווערן, מוז מען דען שווימען אין וואסער? ווען מען וויל ניט אנדערש אזעלכע זאכען, וואס מע קען ניט האבען סיידען מען זאל ארבייטען צוזאמען א. ז. וו., איז לית ברירה; איז אבער דערפון געדרונגען, אז די מאיאריטעט האט אויך א דעה צו זאגען, אז מען מוז שווימען אין וואסער, און נאכהער זיין אזוי אומפארשעמט און זאגען, שווימט איהר אין וואסער, ברידערלאך, מוזט איהר נאס ווערן?!

איהר, סאציאל דעמאקראטען, ווילט ארגאניזירן און צענטראליזירן די גאנצע פראדוקציאן פון לאנד אונטער איין קאנטראל; איהר ווילט אוועקנעהמען די קלענסטע מעגליכקייט פון יעדען איינעם צו ארבייטען און פראדוצירן אהן א צענטראלען קאנטראל; איהר צווינגט אלעמען צו מוזען ארבייטען און האבען און פארוואלטען נור צוזאמען — און דאן קומט איהר און זאגט: קענט איהר דען האבען אן אנדער ברירה ווי די, אז די מאיאריטעט זאל געווינען? אנארכיסטען באהויפטען, אז מען דארף ניט ארגאניזירן און צענטראליזירן די פראדוקציאן פון גאנצען לאנד אונטער

איין קאָנטראָל; אז אלעם בעסטע וועט געשאפען ווערן אין א פריי'ער פּראָדוקציאָן — דאַן מוז מען ניט אָנקומען צו אייער איינציגער ברירה; עס איז ניט קיין מוז צו שווימען אין וואסער, און פאלגליך ניט נויטיג נאָס צו ווערן.

וועגען דעם שטאַנדפּונקט וועט מיר מסתמא אויסקומען צו ריידען ניט איין מאָל אין די נעקסטע ארטיקלען.

---

2

אין זיין פערטען ארטיקעל פרעגט פייגענבוים: קען עס זיין, אז יעדער מענש זאָל מעגען טאָן וואס ער וויל? און ענטפערט אויף דעם: „אמת, די ענטשיידונג פון געזעלשאפטליכע פראגען דורך א מאַיאָריטעט האָט אין זיך חסרונות. עס איז ניט פאלקאָמען, עס איז ניט זיכער, אז דערפון זאָל ארויסקומען דאָס ריכטיגע און דאָס בעסטע. מיר גיבען דאָס צו. אָבער וואס אין דער וועלט האָט ניט קיין חסרונות? וועלכע זאך אין דער וועלט איז יאָ פאלקאָמען" — וואס, אייגענטליך, דער ענטפער האָט צו טאָן מיט דער פראגע, איז ניט זעהר קלאָר; מיר וועלען זיך אָבער צופרידענשטעלען מיט'ן ענטפער „אָן און פיר זיך"; מיר וועלען אָננעהמען פייגענבוים'ס הנחה, אז די ענטשיידונג דורך מאַיאָריטעט האָט אין זיך חסרונות, און מיר וועלען געהן ווייטער.

„קען מען אויסקומען אָהן מאַיאָריטעט-ענטשיידונג?" — איז פייגענבוים'ס נעקסטע פראגע. זיין קלאָרער און דירעקטער תירוץ איז: „היות אזוי ווי קיין אנדערע בעסערע עצה ווי מאַיאָריטעט-ענטשיידונג איז פאַרט ניטאָ, וועלען מיר יעצט באווייזען, אז אונטער דיזע אומשטענדען איז מאַיאָריטעט טאקע אי פ א ר נ י נ פ ט י ג אי ר ע כ ט פ ע ר ט י ג. דאָס איז ניט נאָר בלויז א מין גורל וואַרפען, ווייל עס איז קיין אנדער ברירה ניטאָ, ניין, די מיינונג פון די מאַיאָריטעט איז טאקע גיכער א פאַרנינפטיגע און עס איז אויך מעהר יושר איהר נאָכצוגעבען".

און אם ענדע פון א ציםליך לאַנגען פינפטען ארטיקל זאגט ער

אזוי: „מיר האָבען אַלזאָ באַוויזען קלאָר ווי דער טאָג, אַז די ענט־שיידונג דורך דער מאַיאָריטעט איז 1) נויטוועגדיג, 2) פאַרנינפ־טיג, 3) רעכטפערטיג“. אויב דאָס איז נאָך ווייניג, לעגט ער צו פאָלגענדעס: „דאָס אַלץ איז דאכט זיך אזוי זעלבסטפארשטענד־ליך, דאָס עס ווילט זיך כמעט פרעגען, צו וואָס דאַרף מען גאָר טענה׳ן וועגען דעם?“

אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלען צו ענטפערן פייגענבוים׳ען גראד איצט אין די הייסע טעג (פאר קיין גרויסען פארגעניגען האלט איך עס ניט אפילו אין מיטען ווינטער) — און איך פיהל מיך אין דער לאַגע פון יענעם פארנומענעם אידען, וועמען א מלמד האָט אָפּ־געשטעלט אין גאַס בעטענדיג ביי איהם א שמעק טאַבאַק מיט א פּלפּול אויף א שעה לאַנג, און אַז ער האָט זיך גוט אָנגעשמעקט, מאַכט ער צו איהם, א דרעה־טאָענדיג מיט׳ן גראָבען פינגער: עט, כ׳לעבען, צו וואָס האָט מען גאָר געדאַרפט טענה׳ן וועגען דעם? ליי־בער איד, ווילט זיך מיר זאָגען, אויב מען דאַרף ניט, טענה׳ט ניט! נאָט אייך א שמעק טאַבאַק און געהט געזונטערהייט...

ווייבאַלד דער גאַנצער פּלפּול געהט דאָ אָן נור אום אַזעלכע בשותפות׳ע זאַכען, וואָס מענשען ווילען און מוזען עס האָבען און פאַרוואַלטען צוזאַמען, און וואָס עס וואָלט ביי א צושיידונג צו־שטערט ווערן — טאָ וואָס איז דאָ דער רעש? וואָס דאַרף מען דער־ביי דרעהען מיט׳ן גראָבען פינגער? „אונטער דיזע אומשטענ־דע“ רעדט קיין אַנאַרכיסט ניט פון „אוועקגעהן“; אין אַזעלכע פע־לע אַרבייטען אַלע צוזאַמען, צי דירעקט אונטערוואַרפענדיג זיך דער ענטשיידונג פון דער מאַיאָריטעט, צי דורך א פּשרה פון ביידע צדדים, אויב די חלוקי דעות זיינען זעהר שאַרף און קיין צד איז ניט מרוצה אין גאַנצען זיך צו אָנטזאָגען פון זיינע מיינונגען און איבערצייגונגען. וואָס איז די פּעולה צו טענה׳ן מכח דעם צי די מאַיאָריטעט איז דום, צי ניט? אין פאַרגלייך מיט אַזאַ זשעניע, ווי א געטהע, למשל, איז די מאַסע אוודאי דום. וואָס האָט דאָס אָבער צו טאָן מיט די אַלטעגליכע לעבענספראַגען, אין וועלכע די מאַסע איז דירעקט פאַראינטערעסירט און האָט איהרע אייגענע פאַרלאַנגען און אייגענע מיינונג ווי אזוי איהרע וואונשען צו באַפרידיגען? קיי־

נער האָט קיינמאָל אין נאָמען פון אנאַרכיזם ניט געקענט זאָגען, אַז די רומע האָבען וועניגער רעכט אין כלל־זאַכען ווי די קלוגע. אדרבה, אויב איהר ווילט וויסען, האַלט קראָפּאָטקין זעהר און זעהר פון דער מאַסע: דאָס בעסטע, דאָס איידעלסטע און זאָגאַר דאָס קליגגסטע געפינט ער נור ביי דער מאַסע פון פאָלק. און ווען קען עס איבערהויפּט איינפאַלען צו מיינען, אַז וויבאַלד איין צד איז מיט צעהן מעהר פאַר דעם אַנדער צד, לאָמיר זאָגען טויזענט געגען 990, דאַריבער איז דער צד פון טויזענט די דומע מאַסע, און דער צד פון 990, ווייל ער איז אַ מינאָריטעט, איז ער דער כלו חכם ונבון!

פּוסטע שמעק־טאַבאַק חקירות! אויב אויף איין זייט שטעהען טויזענט מענשען און אויף דער אַנדער זייט טויזענט מיט איינעם, און אויב מיר זאָלען האַלטען מיט פייגענבוים'ען, אַז די ענטשיידונג פון אַ מאַיאָריטעט פון איינעם איז נויטוועגדיג, פאַרנינפטיג און רעכטפערטיג — דאַן ציינען מיר ערשט ארויס, אַז די מיינונג פון א י נ ע ם איז וויכטיגער פון די גאַנצע טויזענט פון דער אַנדער זייט, אַז איין איינציגער קען אריבערוועגען די מיינונגען פון אַ מאַסע! לאָמיר זיך אבער ניט נאַרן, די אַנאַרכיסטען זאָגען ניט אַז די מאַיאָריטעט איז דום, דערפאַר דאַרף מען זי ניט פאָלגען. די סאָציאַל־דעמאָקראַטען זאָגען, אַז די מאַיאָריטעט איז בכלל אי־מער פאַרנינפטיג, און דערפאַר דאַרף מען זי אימער פאָלגען — אויף דעם ענטפערן מיר: ניין, די מאַיאָריטעט איז ניט בכלל אי־מער פאַרנינפטיג, און דערפאַר דאַרף מען זי נ י ט אימער פאָלגען. טויזענט מיט איינעם זיינען ניט אימער קליגער אָדער נאַרישער, ווי טויזענט אָ ה ן איינעם. מיר אַנאַרכיסטען, אַבוואָהל מיר פאַרשטע־הען אַז איין מענש ק ע ן אַמאָל זיין מעהר גערעכט און פאַרנינפטיג פאַר דער גאַנצער וועלט, זיינען מיר אָבער שטאַרק דאַגעגען, אַז דער איינער זאָל קענען מכריע זיין און נויטען די גאַנצע וועלט זי זאָל זיך פירן נאָך זיין שכל נאָך. און מיר לעגען צו: די גאַנ־צע וועלט האָט אויך קיין ר ע כ ט ניט צו נויטען דעם איינעם ער זאָל זיך פיהרן נאָך איהר שכל נאָך. ניט וועגען רעכט אָדער פאַר־נונפט איז די רעדע — נ ו י ט וו ע נ ד י ג ק י י ט איז דער פּונקט!

און דער בעסטער ענטפער אויף דעם פונקט איז: א ן ע ה ר ל י כ ע פ ש ר ה!

אין שותפות׳ע זאכען קומען אפט פאר סכסוכים, פארשידענע צדדים האבען פארשידענע מיינונגען — ווי זאל בלייבען? אויב איהר געהט ארויס פון דעם שטאנדפונקט, אז דער צד, וואס האט מיט איינעם מעהר איז בארעכטיגט אויסצופיהרען, ווייל ער איז די מאיאריטעט, פארפעהלט איהר צו פארשטעהן דעם עסענץ פון גערעכטיגקייט און יושר, און פאלגליך פארפעהלט איהר אויך דעם הויפט־צוועק פון סאציאליזם, דאס גליק פון דער מענשהייט. געהט איהר אבער ארויס פון שטאנדפונקט, אז איינער איז אזוי גוט ווי א מיליאן און א מיליאן איז אזוי גוט ווי איינער; אז ניט דערפאר ווייל די מאיאריטעט וועט איהם צווינגען, נאר ווייל א וויכטיגע זאך איז אין געפאהר צושטערט צו ווערן, אויב ער וועט ניט נאכגעבען צו דעם וואונש פון אנדערע — פון אט דעם שטאנדפונקט ארויס, וועט איהר אימער טרעפען דעם עסענץ פון גערעכטיגקייט און יושר, און וועט ניט פארפעהלען דעם הויפט־צוועק, דאס גליק פון דער מענשהייט.

פײגענבױם זאגט אזוי לייכטזיניג: איהר אנארכיסטען פיהרט זיך דאך אויף דער פראקטיקע טאקע אויך פאלגענדיג דער מאיא־ריטעט, טא וואס קריגט איהר אזוי געגען אונז אין טעאריע, ווען מיר זאגען, אז די מאיאריטעט דארף ענטשיידען? ווען ער וואלט אונז קענען פארשטעהן, וואלט ער אין דעם גאנץ ריכטיגען פאקט געזעהן ניט א פראגע, נאר די שטארקסטע באגרינדונג פאר אונזער פאזיציע. צו וואס רייסט זיך פײגענבױם אזוי פאר א מאיאריטעט־ענטשיידונג? כדי א וויכטיגע זאך פון שותפות, וואס ביי א צו־שיידונג וואלט צושטערט ווערן, זאל ניט צושטערט ווערן. און אט זעהט ער אליין, אז מיר, ניט האלטענדיג פון מאיאריטעט, צושטערן ניט וויכטיגע בשותפות־זאכען, נאר וואו עס איז ניטא קיין אנדער ברירה פאלגען מיר די מאיאריטעט און מאכען דערפון קיין וועזען ניט. אין טויזענטער אנדערע סכסוכים, וואו עס איז יא דא אן אנדער ברירה, בלייבט עס וויביידע צדדים שטימען איין אויף א פאסענ־דער פשרה: וואלטען מיר אבער אנגענומען אין טעאריע, אז די

מאַיאָריטעט איז אימער גערעכט און פאַרנינפטיג און זי מעג צווינ־גען אין אַלע בשותפות׳ע סכסוכים צו האנדלען ווי זי באשליסט, דאַן וואָלטען מיר יעדען מאַיאָריטעט־באַשלוס באטראַכט פאַר אַ לאַסט, זעהענדיג אַז אין נאָמען פון איהר רעכט וויל די מאַיאָריטעט אויף קיין פשרה ניט איינגעהן.

דער בעסטער און פאַרנינפטיגסטער באַזיס פון גזעלשאַפטלי־כען לעבען איז די גלייכבארעכטיגונג פון יעדען יחיד מיט יעדען רבים, און בלויז די נויטוועגדיגקייט אַליין פון יעדען פאַל באַזונדער קען אונז באוועגען, וואו עס איז קיין אַנדער ברירה ניטאָ, צו פאָל־גען די מאַיאָריטעט. דער אידעאַל איז פאָלגליך אַזאַ אָרדנונג, וועל־כע גיט די גרעסטע צאָהל ברירות פאַר ביידע צדדים!

* * *

וועגען רעפּרעזענטאַציאָן שרייבט אָן פּייגענבוים גאַנצע צוויי זייטען פון „צייט־גייסט“, און דריקט אויס דעם איינציגען געדאַנק, אַז ווען מען וואָלט געקענט אויסקומען אָהן רעפרעזענטאַנטען וואָלט אודאי גוט געווען, נאָר אַזוי ווי עס איז אוממעגליך, מוז מען זיי האָ־בען. אַ מען זעהט דאָך, אַז די רעגירונג פון רעפרעזענטאַנטען טויג אויף כפרות? איז דער תירוץ די קלאַסען־הערשאַפט; לעתיד לבוא אבער וועלען די רעפרעזענטאַנטען ניט רעגירן, נאָר פּ אַ ר וו אַ ל־ט ע ן די גרויסע פירמע פון פאָלק, וועט עס זיין אָל־רייט.

אויף דעם ברעקעלע געדאַנק האָב איך אַ ברעקעלע קשיא צו פרעגען: וויבאַלד אַז אָהן רעפרעזענטאַנטען איז אודאי גוט, נאָר מען מוז זיי האָבען, ווייל מען קען אָהן זיי ניט אויסקומען, וואָלט ניט געווען אַ סברא צו זעהן, מען זאָל זיי דאַרפען וואָס ווענינגער? איך זאָג עס, ערשטענס, על פי שכל, און צווייטענס האָבען מיר אַ גזירה שוה: אַזוי ווי אין הלכות פערזענליכע פרייהייט זאָגט פּיי־גענבוים, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטען „ווילען נאַטירליך אויך“, אַז דער געבּיט, אין וועלכען דער איינציגער זאָל קענען טאָן וואָס זיין האַרץ געלוסט, זאָל ווערן אויסגעברייטעט אַזוי ווייט ווי נאָר מעג־ליך; טאָ פאַרוואָס זאָלען אין הלכות פאַרטרעטערשאַפט די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטען ניט „אויך נאַטירליך וועלען“, אַז דער „נויטי־גער איבעל“ פון רעפרעזענטאַנטען זאָל ווערן וואָס ווענינגער?

גוט, מיר נעהמען אן, אז מען קען ניט אלץ טאן מיט די אייגענע הענט; מען מוז אין געוויסע פארהעלטנישע האבען פארטרעטער; די אנארכיסטען לייקענען עס אויך ניט; איז ניט דער שכל מחייב, אז עס איז בעסער צו מאכען א סך קליינע זעלבסטשטענדיגע פירמעס, וועלכע האבען ניט נויטיג פיל פארטרעטער, איידער צו מאכען איין גרויסע מאנסטער פירמע, וועלכע האט נויטיג וואס מעהר פארטרעטער? דער תירוץ וואס לעתיד לבוא וועלען די פארטרעטער ניט באהערשען, נאר באדינען דעם פאלק, איז ניט קיין תירוץ מספיק, ניט קיין גענוגענדער ענטפער; ווארים מיר רעדען דאך דא ניט וועגען באהערשער, מיר זאגען דאך, אז אפילו פארטרעטער־באדינער זיינען אויך ניט אזוי גוט, ווי די אייגענטימער אליין. נאך פייגענבוים׳ם משל מיט ראקפעלערן קומט דאך אויס, אז אויב ראקפעלער וואלט געקענט אליין אפמעסטען יעדען קווארטעל אויל אנשטאט צו פארלאזען זיך אויף משרתים, וואלט ער דאביי אויסגעמאכט א סך בעסער. פרעג איך אלזא, פארוואס איז עס פייגענבוים׳ען ניט איינגעפאלען, ווען ער גיט צו, אז די אנארכיסטישע טענות אין דעם פונקט „זיינען ריכטיג ווי גאלד", גלייך צוצולעגען: מיר סאציאל־דעמאקראטען ווילען נאטירליך אויך אזוי איינארדנען די צוקונפט, אז מען זאל דארפען וואס וועניגער רעפרעזענטאנטען; און איהר, ברידער אנארכיסטען, עקשן׳ט זיך אזוי מכח דעם מינימום וואו מען מוז זיי האבען, און, וואו בדאי צוריים זיך, קען מען אהן זיי ניט אויסקומען?

האבען מיר, הייסט עס, נאך אן עולה ביי פייגענבוים׳ען; יעצט ווייטער.

נאכדעם ווי ער האט געוואונען א לייכטען זיעג איבער אונז אויף איין פלאנק, שווייגט ער ניט, נאר נעהמט זיך גלייך אטאקירן דעם אנדער פלאנק. רעפרעזענטאנטען מוז מען האבען, אי וואס איהר ווילט ניט וועהלען? מוזט איהר דאך זאגען, אז „ווער עס וועט זיך פיהלען פעהיג און אינטערעסירט צו מאכען רעגולאציאנען, דער וועט געהן און מאכען" — איז דאס „אלזא ווידער א פאל — ווי אין אלע פונקטען פון דעם אנארכיסטישען פראגראם (?) אז דער אנארכיזם איז ניט מעהר פרייהייט, ניט מעהר פארטשריט,

ניט מ ע ה ר געלעגענהייט פאַר יעדען איינעם צו האָבען זיין ווילען;
נאַר עס מוז פיהרן, פאַרקעהרט, צוריק צו ווילדקייט און טיראַניי!"

אפּזאָגענדיג דעם פּסוק, האָט פייגענבוים געפּיהלט, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, אַנטשולדיגט ער זיך און פאַרזיכערט אונז, אַז ער מיינט ניט קיין באַליידיגונג, אַז ער „שטעכט" זיך ניט, נאַר ער אַ ר ג ו מ ע נ ט י ר ט ערנסט. — וועל, אויב דאָס איז זיין ערנ־סטער אַרגומענט, באַליידיגט ער ז י ך, ניט אונז, און איך פּיהל אַז אמת'ן פאַרדרוס, אַז אַן אָנשטענדיגער מענש, וואָס „שטעכט" זיך ניט, זאָל זיך אַליין אַזוי מיאוס באַליידיגען... פאַרשטעהט פייגענ־בוים ווירקליך אַזוי פאַרדאַמט ווייניג דעם אַנאַרכיזם, אַז ער מיינט, אַנאַרכיסטען וואָלטען שוין מושה געוואָרן אויף רעפּרעזענטאַנטען, אַבי מען זאָל זיי ניט דאַרפען וועהלען? און קען ער זיך ערשאינערן ווען עס איז געהערט צו האָבען פון אַ פּחות שבפּחותים אפילו פון די אַנאַרכיסטען, אַז ווער עס וועט זיך פיהלען פעהיג און אינטע־רעסירט צו מאַכען רעגולאַציאָנען, דער וועט געהן און מאַכען? ווי ווייט איך וויים, זאָגען אַנאַרכיסטען, אַז דער וואָס וועט זיך פּיהלען פעהיג און אינטערעסירט צו טאָן אַ נ ו י ט י ג ע אַ ר־ב י י ט, דער וועט געהן און טאָן. לאָזען וועמען עס וויל געהן און מאַכען ר ע ג ו ל אַ צ י אָ נ ע ן פאַר אַלעמען, דאָס איז ניט פאַר אונז געדאַכט! דעם „צוריק צו ווילדהייט" קען איך נאָך פייגענבוים'ען מוחל זיין; אָבער אַז דער אַנאַרכיזם, אין דיזען פאַל, ווי אין אַלע פונקטען פון דעם אַנאַרכיסטישען פּראָגראַם, מוז פיהרן צוריק צו ט י ר אַ נ י י — די דומהייט קען איך ניט מוחל זיין!

זאָגט פייגענבוים ווייטער:

„ניין, ניט רעפּרעזענטאַנטען צו אַ טיראַני־מאַשין, צו אַ מאַ־שין פון „געוועלטיגער", מיינען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען. זיי מיי־נען ניט מעהר ווי רעפּרעזענטאַנטען צו מאַכען געזעלשאַפּטליכע ר ע־ג ו ל אַ צ י אָ נ ע ן. און אויף דעם קענען די אַנאַרכיסטען אויך באַ־שטעהן, האָבען זיי טאַקע קיין שום אורזאַכע ניט צו פיהרן אַזאַ אַטאַקע אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטען. זיי שלאָגען זיך אויף דעם פּונקט נאַר מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שדים פון זייער איי־גענער איינבילדונג".

נו, אויב פייגענבוים מיינט, אז דאס איז אויך אן ארגומענט, ווייס איך שוין ניט וואס איז ניט קיין ארגומענט. א מענש נעהמט זיך ארגומענטירן מיט א געגנער, וועלכער זאגט, אז די סיסטעמע פון פארטרעטער צו מאכען געזעלשאפטליכע רעגולאציאנען בויט אויף א מאשין פון טיראניי, א מאשין פון געוועלטיגען — זאגט ער צו איהם, מיר מיינען ניט קיין טיראניי, מיר מיינען נאר געזעלשאפטליכע רעגולאציאנען! ליבער מענש! איז דען וואס איהר מיינט וויכטיג? די געזעלשאפטליכע רעגולאציאן דורך פארטרעטער, וויבאלד אז דאס שליסט איין די גאנצע געזעלשאפטליכע פראדוקציאן און אלע אנדערע וויכטיגע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציאנען, איז דאך גופא א טיראניי, עבען דאס איז דאך א מאשין פון געוועלטיגען, היינט וואס טענה׳ט איהר, אז איהר מיינט ניט, אז איהר טוט עס?!

„אויב, זאגט ער, אויף דעם קענען די אנארכיסטען אויך באשטעהן, א. ז. וו.“ נא, סער! אנארכיסטען באשטעהען בשום אופן ניט אויף דעם! אנארכיסטען קענען אמאל וועהלען און שיקען א פארטרעטער צו בעראטען זיך מיט פארטרעטער פון אנדערע געמיינדען וועגען אן ענין אדער ענינים, וואס זיינען זיי אלעמען נוגע; אנארכיסטען קענען שיקען דעלעגאטען אויף א נאציאנאלען קאנגרעס צו באהאנדלען געוויסע פונקטען און שליסען, לויט די אינסטרוקציאנען, וואס מען גיט זיי, געוויסע אפמאכונגען — אבער אויסקלייבען א צאהל פארטרעטער און אוועקזעצען זיי אויף א יאהר אדער צוויי אין נאציאנאל־ראט, און זיי זאלען דארטען מאכען רעגולאציאנען אויף בערג און אויף טהאלען, אויף שיך און אויף וואורשטלאך, אויף הויזען און אויף בילדונג, אויף ברויט און אויף מוזיק; און זייערע רעגלאציאנען זאלען זיין היילינע געזעצע פאר נעדען דערפעל אין לאנד גלייך — אויף דעם באשטעהען אנארכיסטען בשום אופן ניט! ניין! מיר שלאגען זיך ניט מיט סאציאל־דעמאקראטישע שדים פון אונזער איינענער איינבילדונג, נאר מיר שלאגען זיך מיט אייך, ווי איהר אליין מאלט זיך אפ, צי איהר מיינט עס, צי איהר מיינט עס ניט.

דער סאציאל דעמאקראטיזם נעהמט די ערד מיט די מיטלען

פון פּראָדוקציאָן און אַלע אינסטיטוציאָנען פון עפּענטליכען לעבען און צענטראַליזירט זיי אין א פּארוואַלטונגס ראַט הכולל, וועלכער מאַכט רעגולאַציאָנען און צווינגט אַלעמען זיי צו פאָלגען — איז דאָס אַן איינבילדונג אונזערע, אָדער אַ שפּיגעל פון אייערע טעאָריעס? — נון, מוזט איהר האָבען רעפּרעזענטאַנטען, מוזט איהר האָבען אַ מאַיאָריטעט געזעץ: זיי זיינען די עלעמענטען פון אייער מאַשין, אָהן זיי קענען איהרע רעדער זיך ניט דרעהען. דער אַנאַרכיזם לאָזט פריי די ערד מיט די מיטלען פון פּראָדוקציאָן, און אַלע אינסטיטוציאָנען פון עפּענטליכען לעבען פאַר אַלעמען, צו גרופּירען און קאָמבינירען זיך ווי זיי פאַרשטעהען אַליין — פאַרטרעטער זיינען דאַרום ביי אונז ניט קיין נויטיגער עלעמענט, נאָר אַ צופאַל: ווען מען וועט דאַרפען, וועלען מיר זיי אויף דעם מאָל וועהלען און שיקען; און דער אַפּמאַך פער מאַיאָריטעט קען ביי אונז ניט זיין דער רעגעל, נאָר בלויז אַן אויסנאַהם.

* * *

„צייט־גייסט" זייטען זיינען הפּנים בילוג: פייגענבוים האָט ווידער אוועקגענומען גאַנצע צוויי אויסצודריקען דעם „אָריגינעלען" און „עפּאָכע־מאַכענדען" געדאַנק, אַז — „פאַר אַלע צייטען, אפילו פאַר די ווייטסטע צוקונפט, בלייבט אַלס איינציגער פונדאַמענט פון גלייכע רעכט פאַר אַלע און פרייהייט פאַר אַלע — דאָס אַלגעמיינע, גלייכע און דירעקטע שטימרעכט פון אַלע מענשען, אָהן אונטערשיד פון ראַסע, רעליגיאָן, קאָליר און געשלעכט".

איך וואָלט אַ בעלן געווען אַ פרעג טאָן פייגענבוים'ען, וואָס האָט ער באַצוועקט מיט דעם וואָס ער האָט אונטערגעשטראָכען די דאָזיגע איבערשטע ווערטער? היינטיגען טאָג אונטערשטרייכען זיי ניט אפילו די פּאַרעווע רוסישע ליבעראַלען, — אַזא קאָמאַן־פּליים־פּאָדערונג איז עס געוואָרן, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדליך איז עס געוואָרן. מיינט ער דען, אַז אַ פאָדערונג, וואָס איז שוין וואָכעדיג געוואָרן ביי די רוסישע קאַדעטען, איז נאָך גוטער יו"ט־כבוד פאַר די אַנאַרכיסטען? אָדער איז דיזע „שפּאָגעל־נייע" פאָרמולע זיין וואונדער־שטעקעלע, מיט וועלכען ער וויל, נאָר ווי משה רבנו,

להבדיל, אונז ארויספיהרן „פון מדבר פון ווילדהייט“, וואו דער אנארכיזם האט אונז פארשלעפט, צוריק צו דער סאציאל־דעמאקראטישער ציוויליזאציע — וואו „שטימרעכט איז דער העכסטער אידעאל?“

אה, גרויסער ים־שפאלטער! זייט איהר זיכער, אז קיין העכערן אידעאל, ווי שטימרעכט גיט עס גאר ניט, אפילו פאר די ווייטעסטע צוקונפט? מיינט איהר, אז עס איז גאר קיין פעולה ניט אנצושטרענגען אונזער פארשטעלונגס־קראפט און א מאטער טאן דעם כח־הדמיון, טאמער וועלען מיר פארט זיך קענען משער זיין עפעס א בעקעלע העכערן אידעאל ווי שטימרעכט אהן אונטערשייד פון ראסע, רעליגיאן, קאליר און געשלעכט? קיין פאעט בין איך, דאכט זיך, ניט (הלואי וויטער!) פונדעסטוועגן פאלט מיר איין שוין גלייך א שטיקעלע „אימפראוומענט“ אויף דעם העכסטען אידעאל, נעמליך: אהן אונטערשייד פון עלטער. אט דהיינו למשל, היינט מיינען מיר, אז שטימען מעג נאר איינער אדער איינע וואס איז אלט לכל הפחות 20 יאהר, וואלט איך פארגעשלאגען פאר די ווייטעסטע צוקונפט, ווען מיליאנען־מיליאסען יאהרען פון סאציאלדעמאקראטישער הערעדיטע וועט ארויסברייגנען א נייעם דור, וועלכער וועט געבארן ווערן מיט שטים־צעטלעך אין די פיצינטינקע פויסטעלאך, וואלט איך, הייסט עס, פארגעשלאגען — שטימרעכט אהן אונטערשייד פון עלטער, אזוי אז א קינד אין וויג זאל טאקע קענען מקיים זיין די העכסטע מצוה פון א „סיטיצנעם“...

קיין אנדערע ארגומענטען געגען יענעם ארטיקל געפין איך ניט פאר נויטיג.

## וועגן געזעץ און פרייהייט

### 3

צוויי מיינונגען וועגן געזעץ געפינט פייגענבוים: די אנאר־כיסטישע מיינונג און די סאציאליסטישע. די אנארכיסטישע מיי־נונג איז, זאגט ער, אז „דער העכסטער אידעאל פון דעם מענשען איז, ער זאל ניט האבען קיין שום דרך־ארץ פאר קיין שום געזעצע". „דאריבער דארף מען אויסווארצלען פון די מענשען דעם געדאנק פון „מען טאר ניט". ניטא קיין שום „מען טאר ניט!" מען מעג אלעס! „טו וואס דיין הארץ געלוסט און וואס דיין פארשטאנד זאגט דיר, אז דו מעגסט" — דיזע ווערטער פון ספענסער זיינען די איינציגע היילינגע תורה פון אנארכיזם".

„די סאציאליסטישע מיינונג, זאגט ער, איז דוקא פארקעהרט. די אמת'ע פרייהייט פון אלע מענשען, זאגען זיי, קען נאר באפעס־טיגט ווערן דורך געזעצע. די מענשהייט וועט קיין פרייהייט פריי־הער ניט האבען, וואו די מענשען וועלען ניט קריגען אמת'ען טיפען רעספעקט פאר געזעצע, וואס וועלען געמאכט ווערן דורך אלע מענ־שען צוזאמען, דורך אלגעמיינע און גלייכע שטימרעכט".

ווען אלע ביכער איבער סאציאליזם און אנארכיזם וואלטען פארניכטעט געווארען, און על פי סיבה וואלט נור געבליבען פייגענ־בוים'ס ארטיקל, וואלט דער פארשער פון די צוויי איזמוס'ען, לע־זענדיג אט דיזע דארלעגונג, מסתמא א טראכט געטאן: עפעס גלויבט זיך דאס ניט! וועל, מיר גלויבט זיך דאס אויך ניט... און ניט נאר גלויב איך דאס ניט וועגען אנארכיזם, איך גלויב אפילו ניט, אז פייגענבוים האט אין דעם פרט ריכטיג פארגעשטעלט זיין אייגענעם סאציאליזם.

ספענסער'ס ווערטער, אפילו ווי פייגענבוים האט זיי „איבער־

געפיהרט״, זיינען די איינציגע הייליגע תורה פון אנארכיזם! ספענסער און דער אנארכיזם זאגען ביידע אז „מען מעג אלעס!״, אז עס איז ניטא קיין שום „מען טאר ניט!״ איז עס ניט א סברא, אז פייגענבוים האט דא א טעות געהאט?״...

די ספענסערישע „איינציגע תורה פון אנארכיזם״ האט הפנים מפרשים אויך. איינער פון זיי איז קראפאטקין, נעהמט פייגענבוים ביי דער ערשטער געלעגענהייט און דערצעהלט אייך אז קראפאטקין האט אזוי געזאגט: „די ערשטע זאך, וואס מען וועט דארפען טאן, ווען די סאציאלע רעוואלוציע וועט קומען, איז — פארברענגען אלע געזעצביכער״. היינט אז מען שטעלט אוועק אזא „ווילדען״ שפרוך אנטקעגען פייגענבוים׳ס סאציאליסטישע מיינונג, אז „די אמת׳ע פרייהייט פון אלע מענשען קען נור באפעסטיגט ווערן דורך געזעצע״ — טו וואס פאר א פנים קען שוין דער אנארכיזם האבען? די איינציגע טרייסט איז נור, וואס „געגנאסע יודישן דיעטצגען״ האט אליין געזאגט, (איך ציטיר פון פייגענבוים׳ען): „מיט דעם זיג פון סאציאליזם, וועלען נאטירליך מעהר ווי ניין צעהנטעל פון אלע היינטיגע געזעצע אוועקפאלען״. מעהר ווי ניין צעהנטעל הייסט עס וועט אוועקפאלען, טא וויפיל איבעריגע וואלט קראפאטקין פארברענגען? בסך הכל א האלבען צעהנטעל! עט, זאגט א איד, פון וואס ער מאכט דא א ווען!...

דאס איז אבער ערשט אן אנהויב. געגעבען די איינציגע הייליגע תורה פון אנארכיזם, האט ספענסער, אבער, „דער ווירקליכער פאטער פון אנארכיזם, דערצעהלט אונז פייגענבוים, איז געווען מאקס שטירנער״. (א פאר צעהנדליג קאלומס שפעטער זאגט פייגענבוים, אז דער „הויפט״ פאטער פון אנארכיזם איז געווען באקונין. האבען מיר שוין א „ווירקליכען״ פאטער און א „הויפט״ פאטער. פרודאן איז מסתמא דער „אמת׳ער״ פאטער, און קראפאטקין אודאי דער „געזעצליכער״ פאטער — א גליק וואס דער אנארכיזם האט קיין מאמע ניט, אז ניט וואלט זי פייגענבוים׳ען געקענט „סועז״ פאר רכילות...) און דער „ווירקליכער״ טאטע־שטירנער האט געזאגט: „אפילו ווען דאס געזעץ זאל ווירקליך זיין דער ווילען פון אלע צוזאמען, איז דאס אלץ דעספאטיע״. וועל,

אַזאַ שטיק גאָלד זאָל משיח קומען, וואָס פאַר אַ שטיק מעטאַפיזישער אמת עס ליגט אין שטירנער׳ס ווערטער — פונדעסטוועגען, כדי מקצר צו זיין דעם ענין, וועל איך בעסער צוליב טאָן פייגענבוים׳ען און איהם גאָר אין גאַנצען מוחל זיין פּאַפּאַ־שטירנער: זאָל זיין מיט אַ טאַטען ווענינער און אַ סוף, אוים טענות!

זעהט נור אָבער, אויפ׳ן אַנאַרכיזם וואָלט ער אויסגעטראַכט אַ ממזר־בלבול, און ווי זאַרגפעלטיג ער איז דאָס בנוגע דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער רעפּוטאַציע! „אין זייער פון קאַמף־צוהיצטע פאַנטאַזיע, קלאָגט זיך פייגענבוים, מאָהלען די אַנאַרכיסטען אַ שוואַרץ־יאָהריגען שד פון אַ סאָציאַלדעמאָקראַט, וועלכער וויל אויף איטליכען שריט האָבען אַ געזעץ“. בעת „אין אמת׳ן ווילען די סאָציאַלדעמאָקראַטען ניט מעהר געזעצען ווי היינט איז דאָ אין אַ פאָרטגעשריטענע רעפובליק, נאָר נאָך ווענינער“. ער זעצט פאָרט: „דער גרויסער אַנאַרכיסט עליזע רעקליו (אַ גליק וואָס ניט נאָך אַ טאַטע!) ברייננט אין זיינע אַ בראָשורע דאָס באַקאַנטע שפּריכוואָרט: „די בעסטע רעגירונג איז די וואָס רעגירט אַם ווענינסטען“ און זאָגט דערצו: „דאָס איז אויך אונזער מיינונג“. מיר סאָציאַלדעמאָקראַטען זאָגען אָבער נאַטירליך דאַרויף: „דאָס איז אויך אונזער מיינונג“.

קומט דאָך גאָר אויס, הייסט עס, אַז פייגענבוים וויל אויך (און אַלץ „נאַטירליך“!) וואָס ווענינער רעגירונג, טו וואָס איז דער חילוק צווישען איהם און אונז? איז דער תירוץ, אונזער גרויסער רעקליו זאָגט: „דער שכל איז דאָך מחייב, אַז אויב די בעסטע רעגירונג איז די וואָס רעגירט אַם ווענינסטען, איז דאָך נאָך בעסער ווען קיין רעגירונג רעגירט גאָר ניט“. און קראָפּאָטקין דריקט זיך אויס: „גאָר דער לעצטער ציל פון דער געזעלשאַפט איז, אַז די רעגירונג און געזעצע זאָלען פאַרמינדערט ווערען ביז — גאָר ניט“. אָבער ער, פייגענבוים, זאָגט: „אַלצדינג האָט אַ שיעור. עס איז דאָ צו יעדע זאַך אַ גרענעץ, וואו ווייטער קען עס שוין ניט געהן. און אויך די פרייהייט פון געזעצע האָט אַ גרענעץ: עס זיינען דאָ פעלע, וואו מענשען, וואָס לעבען צוזאַמען, מוזען אָפּמאַכען צווישען

זיך אפמאכונגען. די אפמאכונגען וועלען נאטירליך ווערן אויפגעשריבען. און אויפגעשריבענע אפמאכונגען זיינען — געזעצע״.

נון, שיינט עס, ווי. פ. וואלט זאגען, אט האבען מיר יעצט דעם קווינט עסענץ פון די טעאָריעס פון ביידע צדדים. און לאָזען די לעזער אליין אורטיילען וועלכער צד רעדט מיט שכל און וועלכער איז פשוט אונזין! ווייל איך, „די פּארטי און די סעקאָנד פּארט״, מאכען וועגען דעם א פּאָר באמערקונגען.

דער ענין וועגען געזעצע, פרייהייט און רעגירונג איז זעהר א ברייטער און א טיפער. אריינלאָזען זיך אין הויכע חקירות איז ניט דאָ דער פּלאַץ, און ניט פייגענבוים׳ס קריטיק פאָרדינט עס. עס איז אָבער נויטיג קלאָר צו זיין אין איינינע פונקטען, אויב מען וויל איבערהויפּט דעם ענין באריהרען מיט מעהר אדער ווייניגער לאָגיק; און דער ערשטער פונקט איז, פריהער פאַר אלעם א דע־פיניציאָן פון די ווערטער, וועגען וועלכע מען ספּאַרעוועט. וואס איז געזעץ? — דער תמצית פון אלע ויכוחים און פון אלע דע־פיניציאָנען פון געזעץ איז — א געבאָט וואס א העכער געשטעלטער מענש גיט ארויס צו א ני־דעריג־געשטעלטען מענשען. דער העכער־געשטעל־טער מענש מעג זיין אַן אבסאָלוטער מאָנארך, א פּרעזידענט פון א רעפּובליק, אַן ערוועהלטער ריכטער, אָדער די מאיאָריטעט פון פאָלק: דער געבאָט פון אזא העכער־געשטעלטען מענשען אָדער קערפּערשאַפט צו א נידעריגער געשטעלטען מענשען אָדער קערפּער־שאַפט איז א געזעץ. דאָס וואָרט געזעץ ווערט אָבער אמאָל אויך געברויכט ניט אין אזא פּינקטליכען זינען, מאכט מען דעריבער אין לאָגיקע א חילוק צווישען אזעלכע וואָס האלטען סטריקט אויס די דעפיניציאָן און הייסען דארום פּאָזיטיווע געזעצע, און אזעל־כע, וואָס האלטען ניט אויס די דעפיניציאָן, און הייסען סתם געזעצע. נעהמט צ. ב. ש. די רעגעלען און רעגולאַציאָנען, וואָס א חברה אדער א קלוב מאכט, וועלכע ווערן געהאלטען אין קראַפט נאָר דורך דעם שטראָף פון אויסשליסען פון דער חברה אזעלכע מיטגלידער, וואס זיינען עובר די רעגעלן, די זיינען ניט קיין פּאָזיטיווע געזעצע. נעהמט

ווידער די זאגענאנטע מנהגים־געזעצע (קאסטאמערי לאוס), וועלכע ווערן געמאכט און געהאלטען דורך דער אלגעמיינער מיינונג פון דער גאנצער געמיינדע, אבער טראגען נים קיין לעגאלע אדער פאליטי־שע סאנקציע, די זיינען, ריכטיג גערעדט, גאר ניט קיין געזעצע, נאר פאזיטיווע מאראל: וויבאלד אבער זיי ווערן קאדי־פיצירט (ד. ה. פארשריבען אין סוואד זאקאן) און די רעגירונג צווינגט מען זאל זיי פאלגען, ווערן זיי ריכטיגע און פאזיטיווע גע־זעצע.

ווען מיר ריידען אלזא וועגען געזעצע, סיי פון דעם שטאנד־פונקט, אז מען דארף זיי פארברענען, סיי פון דעם שטאנדפונקט, אז „די מענשהייט וועט קיין פרייהייט ניט האבען, וואו די מענ־שען, וועלען ניט קריגען אמת'ן טיפען רעספעקט פאר געזעצע", מוז מען אימער האלטען אין אויג, אז ניט אלעס איז געזעץ, וואס מען רופט געזעץ; און דארום איידער מען געהט יענעם קריטיקי־רען, מוז מען פריהער וויסען וואס יענער מיינט. קראפאטקין זאגט אז מען זאל פארברענען אלע געזעצביכער — מה רעש? זיי זיי־נען דאך אלע געמאכט געווארן פון א הערשענדען קלאס, ווי פ. אליין זאגט, און „געגנאסע יודישין דיעטצגען" גיט דאך אויך צו, אז מעהר ווי ניין צעהנטעל פון זיי וועלען „אוועקפאלען"! העכ־סטענס האט פ. געקענט אויף דעם באמערקען, אז קראפאטקין הייסט טאן אן איבעריגע ארבייט: וואס דארף מען זיי פארברענען, אז זיי מוזען פון זיך אליין אוועקפאלען? דער עצם געדאנק אבער, אז אלע היינטיגע געזעצע זיינען ווערטה פארברענט צו ווערן, דאריין צווייפעלט דאך פ. אויך ניט, טו וואס שטעלט ער אוועק בעגענאיבער קראפאטקינ'ס ווערטער זיין סאציאליסטישע תורה, אז די אמת'ע פרייהייט קען נאר באפעסטיגט ווערן דורך געזעצע? ממה נפשך, וועלען זיי זיין פון דעמזעלבען סארט ווי היינטיגע געזעצע, טויגען זיי דאך אויף כפרות, נאך פיגענבוים'ס מיינונג גופא; אלע וואס דען, זיי וועלען זיין פון אן אנדער סארט, טו פון וואנען ווייס ער וואס קראפאטקין וואלט דיינקען וועגען זיי?

און פון וואנען נעהמט עס פ. אז די אנארכיסטישע מיינונג איז, אז עס איז דער העכסטער אידעאל, דער מענש זאל ניט הא־

בען קיין שום דרך ארץ פאר קיין שום געזעץ? ראכט זיך,
ער אליין ציטירט פון קראפאטקינ׳ען (א ביסעל שפעטער אין זיין
ארטיקעל) אזעלכע ווערטער, וועלכע באווייזען, אז קראפאטקין
האט גרויס דרך־ארץ צום ווענינגסטענס פאר איין סארט געזעץ, נעמ־
ליך די מנהגים־געזעץ. פייגענבוים מעג דרך ארץ האבען
פאר וועלכע געזעצע ער וויל, זאל ער אבער ניט אויסטראכטען קיין
בלבולים אויף אנדערע מענשען. און אויב עס ווילט זיך איהם שוין
יע אויסטראכטען בלבולים אויף אנדערע, זאל ער כאטש וויסען וואס
ער וויל אליין. אט מאכט ער איין אלגעמיינע באהויפטונג, אז די
אמת׳ע פרייהייט פון אלע מענשען קען נאר באפעסטיגט ווערן דורך
„געזעצע“, און אויספיהרן פיהרט ער אויס, אז „עס זיינען דא פע־
לע וואו מענשען מוזען אפמאכען צווישען זיך אפמאכונגען“.
אפמאכונגען, וואס מענשען מאכען אפ צווישען זיך אין גע־
וויסע פעלע, רופט ער אויך אן געזעצע? איז דאך ערשטענס
די קשיא, וואו האט ער עס גענומען, אז אנארכיסטען האלטען ניט
אפילו פון צווישען־זיך׳עדיגע אפמאכונגען אין געוויסע פעלע? איך
קען איהם אדרבא פארזיכערן, אז די גאנצע אנארכיסטישע טעאריע
פון אנטישטאאטליכען געזעלשאפטליכען לעבען איז באגרינדעט
דורכאויס אויף דעם געדאנק, אז אזעלכע אפמאכונגען אין געוויסע
פעלע איז פאלשטענדיג גענוג און גאנץ פראקטיש פאר אלע געזעל־
שאפטליכע פאדערונגען. און צווייטענס, אויב „אפמאכונגען צווי־
שען זיך אין געוויסע פעלע“ זיינען דאס די געזעצע, וואס נאר זיי
קענען באפעסטיגען די אמת׳ע פרייהייט, דאן האב איך מורא, אז
פייגענבוים אליין געהט אראב פון דרך הישר און רעדט גאר כמעט
אנארכיסטיש, רחמנא לצלן!

לאמיר אבער א ביסעל גענויער באטראכטען דעם חילוק צווי־
שען פאזיטיווע געזעצע און אפמאכונגען־געזעצע. דער גרונט פון
יעדען פאזיטיווען אדער רעגירונגס־געזעץ איז א געבאט עטוואס
צו טאן, אדער עטוואס ניט צו טאן; דער באווייז איז — די שטראף
פאר ניט פאלגען. למשל: מוזט צאהלען א קאפ־שטייער, אויב
ניט, זעצט מען אריין אין טורמע; טארסט ניט האלטען א לאטע־
ריי־צעטעל, אויב דו טוסט עס יא, זעצט מען אריין אין טורמע.

וואָס איז דער גרונט פון אַן אָפּמאַך־געזעץ? קיין געבאָט איז דאָ ניטאָ, א ראיה, עס איז ניטאָ קיין שטראָף. מיר האָבען אָפּגעמאַכט אין אונזער חברה געוויסע זאַכען צו טאָן און געוויסע אַנדערע זאַכען ניט צו טאָן — ווי איז, אַז איך וויל ניט פאָלגען? אין טורמע וועט מען מיך דערפאַר ניט זעצען, מען קען מיך דערפאַר ניט מעהר ווי ארויסוואַרפען פון חברה. אַן איידעלער וועג איז, אליין אוועקגעהן, רעזיגנירען, ניט וואַרטען ביז מען וועט ארויסוואַרפען. קורץ און גוט: רופט עס וואָס איהר ווילט, דעם רעגירונגס־עלעמענט פון געבאָט האָט אַזאַ אָפּמאַך ניט. איך מוז ניט פאָלגען אויף אַלע אופנים; איך קען רעזיגנירען, אויב איך וויל, — איז דאָס פּראַקטיש ניט קיין געזעץ, און איך בין מיר, אין מיין חברה, אַ פרייער מענש.

ווען קראָפּאָטקין זאָגט: „גאָר דער לעצטער ציל פון דער געזעלשאַפט איז, אַז די רעגירונג און געזעצע זאָלען פּאַרמינדערט ווערן ביז גאָר ניט" — שליסט דאָס בשום אופן ניט אויס די אָפּמאַכונגען וואָס מענשען מוזען אין געוויסע פעלע אָפּמאַכען צווישען זיך. דער וואָס האָט אַ ידיעה וועגען דער באַדייטונג פון געזעץ, וויים, אַז אַזעלכע „אָפּמאַכונגען" טראָגען ניט דעם כאַראַקטער פון געזעצע; דאָס גלייבען דער, וואָס האָט אַ ידיעה וועגען דער באַדייטונג פון פרייהייט, וויים אַז די רעגירונגס־געזעצע, די פּאָזיטיווע, די געבאָט־געזעצע, וועלכע קראָפּאָטקין זאָגט זיי זאָלען פּאַרמינדערט ווערן ביז גאָר ניט, קענען ניט „באַפעסטיגען" אַלעמענס פרייהייט, נאָר אדרבא פּאַרקעהרט, זיי קענען נאָר צ ע ר ש ט ע ר ן אַלעמענס פרייהייט. ווען פייגענבוים וואָלט געהאַט אַ ידיעה וועגען דער באַדייטונג פון דיביידע זאַכען, וואָלט ער זיך איינגעשפּאָרט עטליכע אַרטיקלען פון זיין סעריע, און וואָלט ניט געצוואונגען געווען צו טאַנצען פון איין פּוס אויף דער אַנדערער, דאָ ווייזענדיג ניט דערווייזענדיג, אַז אַ מינימום געזעצע וועט מוזען זיין, און דאָ זאָגענדיג ניט דערזאָגענדיג, אַז אַלץ וואָס מען דאַרף, איז אָפּמאַכונגען צווישען זיך אין געוויסע פעלע.

* * *

האָט דאָך דער לעזער געקענט מיינען, אַז פייגענבוים איז אַזאַ תם, וואָס גלויבט ווירקליך, אַז אַנאַרכיסטען שפּייען א ו י ף אַ ל ע

געזעצע און מאכען אש און בלאטע פון יעדען מענשליכען אפמאך — לאזט זיך אוים, ווי א ליטוואק זאגט, אז עס הויבט זיך גאר ניט אן! אין דעם דריטען ארטיקעל פון זיין אפהאנדלונג איבער „געזעץ און פרייהייט“ מאכט זיך פייגענבוים גאר ניט וויסענדיג פון אלץ, וואס ער האט אנגעדרעהט מיט׳ן גראבען פינגער אין די פריהערדיגע צוויי אכט־קאלומדיגע ארטיקלען, און קומט ארוים מיט א שפאגעל־נייע צורה אין אן איבערגעקעהרטען פעלצעל, און מאכט אזוי: „די פארשטענדיגע אנארכיסטען זאגען אליין ניט, אז מען דארף ניט קיין שום געזעצע. אדרבה, זיי זאגען אליין אויסדריקליך, אז אהן געוויסע געזעצע װאלט א צוזאמענלעבען פון מענשען געװען אוממעגליך“.

אך, דו ליבער גאט! האב איך געדארפט אזוי שווער קנעלען מיט פייגענבוים׳ען און געבען איהם צו פארשטעהן דעם גרונט־געדאנק פון אנארכיזם מכח געזעץ, אז אלץ וואס עס איז געווען נויטיג, איז נאר א קעהר אוים דעם פעלץ, און פייגענבוים אליין פאטשט פייגענבוים׳ען אין פנים! און מיינט איהר, ווער זיינען דאס די „פארשטענדיגע“ אנארכיסטען, וועלכע זיינען אזוי קלוג געווארן און האבען אויפגעהערט צו שפייען אויף אלע געזעצע? דערזעלבער קראפאטקין, אויף וועמען פייגענבוים האט זיך אין די פריהערדיגע צוויי ארטיקלען אנגעזעצט, פארוואס ער זאגט, אז מען דארף ניט קיין שום געזעצע! גאר ווי ניט איהם מיינט מען דאס, פוילט זיך ניט פייגענבוים און ציטירט ניט זשאלעװענדיג א גאנצע שטיק פון קראפאטקינ׳ס „מאדערנע וויסענשאפט און אנארכיזם“, וואו קראפאטקין זאגט אונטער אנדערעס, ווי פאלגט:

„עס איז קלאר, אז אנארכיזם שטעלט פאר די ערשטע זאך, דאס הייסט, די שטרעבונג, אז דאס פאלק אליין זאל האבען די מאכט צו באשאפען און אויפבויען געזעלשאפטליכע איינריכטונגען, דורך אנטוויקלען איינפיהרונגען פון „מ נ ה ג ־ ג ע ז ע צ ע“.

עס פארשטעהט זיך, אז פייגענבוים זעהט ניט דעם הומאר פון א פנים אהער און א פנים אהין, און נעהמט זיך גאנץ געמיטליך און בהרחבה „קריטיזירן“ דעם „פארשטענדיגען“ אנארכיסט, ווייטער אויף וואס די וועלט שטעהט. אזוי ווי איך האב שוין באלד

מעהר קיין פּלאַץ ניט, וועל איך זיך באַנוגענען היינטיגס מאָל מיט איבערקלייבען נאָר איין חכמה׳דיגען פּונקט פון די אַלע פערלדיגע קריטיקען, וואָס מאַכען פייגענבוים׳ען אַזוי פיל פאַרגעניגען.

„וואָס דען איז דער גאַנצער געוואַלד־געשריי פון דעם אַנאַר־כיזם? פרעגט זיך אַליין פייגענבוים, און ער ענטפערט אַליין: „דער גאַנצער געשריי איז, אַז די גאַנצע געוועבאַכטס פון מנהגים און איינפיהרונגען זאָל נאָר למען השם, חלילה וחס ניט אויפגע־שריבען ווערן! נאָר תורה שבעל פה זאָלען זיי בלייבען! נאָר מנהגים־געזעצע זאָלען פאַרגלייכען אירגענד וועלכען סכסוך, וואָס קען אַרויסקומען צווישען מענשען".

ביי פייגענבוים׳ען קומט אויס די זאַך גאַנץ לעכערליך; זאָגט ער זיך „אַפּעט" גאַנץ קאַלטבלוטיג: „און אַזוי ווי מיר זיינען שוין ברוך השם ניט קיין ווילדע, וואָס קענען ניט שרייבען; אַזוי ווי מיר האָבען זיך דערשלאָגען צו די באַקוועמע זאַך פון אויפשרייבען דאָס, וואָס מיר ווילען געדענקען — ווערען נאַטירליך די אַפּמאַכונ־גען ווערן אויפגעשריבען". דאָס הייסט: רעדט זיך וואָס איהר ווילט, די אַפּמאַכונגען וועלען ווערן אויפגעשריבען, און אייך אויף צו להכעיס וועלען מיר האָבען געשריבענע געזעצע!

איך וויל זיך מיט פייגענבוים׳ען ניט קריגען, איך וויל איהם נאָר דערמאָנען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט קראָפּאָטקינ׳ען, אויף וועמען ער אַן אַליין מודה, אַז ער איז אַ פאַרשטענדיגער אַנאַרכיסט, און פאַרשטענדיגע אַנאַרכיסטען האָבען בכלל ניט פיינט שרייבען — איז דאַריבער, זאָג איך, זאָל ער ניט לאַכען: יעדער ווארום האָט אַ דאַרום... פאַרשטענדיגע אַנאַרכיסטען האַלטען פון מנהגים־געזעצע, ווייל זיי זיינען צווישען־זיך׳עדיגע אַפּמאַכונגען, וועלכע טראָגען ניט קיין לעגאַלע אָדער פּאָליטישע סאַנקציע; ווייל זיי זיינען, ריכטיג גערעדט, גאָר ניט קיין געזעצע, נאָר, ווי איך האָב אויבען געזאָגט, פּאָזיטיווע מאָראַל. ווען די רעגירונגען האָבען די דאָזיגע פאָלקס־אַפּמאַכונגען קאָדיפיצירט און דאַדורך צוגע־געבען זיי דעם כאַראַקטער פון געבאָט, זיינען זיי געוואָרן געזעצע מיט דיזעלבע חסרונות, וואָס אַלע רעגירונגס־געזעצע האָבען. אין

דער צוקונפט, ווען פון רעגירונג וועט קיין לעק ניט זיין, וועלען די נייבאשאפענע מנהג־אפמאכונגען ניט קענען זיין קיין געבאט־געזע־צע — אפילו ווען פייגענבוים אליין זאל זיי אלעמען אויפשרייבען אין ריינע כתיבה׳ט...

4

געזעץ און פרייהייט איז א ברייטער ענין און, ווי איך וואלט ניט געוואלט פארברייגען צופיל צייט אויף דעם, מוז מען דאך באריהרן אלע די פונקטען, אויף וועלכע דער קריטיקער האט אנגע־דרשנ׳ט תלי תלים של הלכות: קומט אוים דערפאר נאך אמאל צו שרייבען איבער דער זעלבער טהעמא.

ג. פרעגט פייגענבוים, ווי לאנג זאלען געזעצע גילטען?

„עס ווענדט זיך וועלכע געזעצע“, ענטפערט אויף דעם פייגענ־בוים: „פון איין זייט אזא גרונט־געזעץ, ווי למשל, אז קיינער טאר ניט ווערן קיין צאר, דארף געוויס קיינער קיין מאל ניט טארן אפשא־פען. און אויב איינער אדער איניגע וועלען דאס וועלען אפשאפען, דארף מען זיי געוויס, מיט געוואלט, ניט לאזען. און אויב א צופע־ליגע געוואלט פון איינצעלנע מענשען העלפט ניט, דארף מען גע־ווים דערצו א שטענדיגע ארגאניזירטע פאלקס־געוואלט“. פון דער אנדער זייט, זאגט פ. זיינען דא „אזעלכע אפמאכונגען, ביי וועלכע יעדער איינער קען אפילו היינט אויך צו יעדער צייט זאגען: נו, האב איך נעכטען אזוי אפגעמאכט, היינט האב איך ניט קיין חשק, און קיינער טוט איהם גאר ניט דערפאר. אפילו אין רוסלאנד זיינען דא אזעלכע פעלע. דאס איז דער פאל ביי אפמאכונגען פון א פריוואטען כאראקטער, ביי וועלכע עס שטע־הען ניט אין קאן קיין ערנסטע שותפות׳ע אינטערעסען פון פאלק“. „צווישען די צוויי ענדפונקטען געפינען זיך טויזענטער גראדען, שטאפלען, פון אפמאכונגען פון פארשידענע וויכטיגקייט... קיין אלגעמיינע פרינציפען וועגען דעם, וועלכע געזעצע דארפען האבען, וועלכע פעסטקייט און וועלכען דויער, זיינען אפילו היינט וועגען היינטיגע געזעצע ניט פעסטגעשטעלט. פאר דער צוקונפט קען מען

זיי אודאי ניט פעסטשטעלען... אלע ווינשען שוין היינט, אז ווי ווייט נאָר מעגליך, זאָל דער סטייט ניט זיין געבונדען פון יונייטעד סטייטס געזעצע, די קאָונטי ניט פון סטייט געזעצע, די שטאָדט ניט פון קאָונטי געזעצע און דער בירגער ניט פון שטאָדט געזעצע. ווי ווייט איז מעגליך? אין וועלכע פונקטען קען די אויטאָנאָמיע געהן אזוי ווייט, און אין וועלכע אזוי ווייט? וועגען דעם קען מען פאָראויס קיין רעגעל ניט פעסטשטעלען. נאַטירליך זיינען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען דערפאַר, אז עס זאָל זיין וואָס מעהר פרייהייט. מעהר קען מען פאָראויס ניט זאָגען".

דער קורצער זין פון דער לאַנגער ציטאַטע איז — מען קען ניט וויסען! די איין זייט פון אזא גרונט־געזעצ, אז קיינער טאָר ניט ווערן קיין צאָר, איז אַן אומזין צו נעהמען פאַר א משל, ווייל דעמפאַטען, וועלכע האָבען די מאַכט צו ווערן זעלבסטהערשער, זוכען ניט קיין געזעצליכע פאָרמען פאַר זייערע אונטערנעהמונגען, ספּעציעל נאָך א סאָציאַלער רעוואָלוציע. די אנדער זייט פון אזעלכע פריוואַטע אָפּמאַכונגען „וואָס מען מעג אפילו אין רוסלאַנד", איז נאָך א גרעסערער אומזין, ווייל אָפּמאַכונגען פון אזא כאַראַקטער געהען קיינמאָל ניט אריין אין קיין קאַטעגאָריע פון געזעצע. בלייבט אייגענטליך דער גאַנצער געביט פון געזעצע, וועלכע זיינען נוגע די שותפות'ע אינטערעסען פון פאָלק — אויף דעם ענטפער פ. „מען קען ניט וויסען". דערמאָנט דאָס מיר אַן יענעם קונדס, וועלכער ווען זיין מאַמע האָט איהם געפרעגט: יאָסקע, וואו איז דער מעסער? מאַכט ער: וועלכער מעסער? דער געקאָרבטער? מיט'ן הילצערנעם הענטעל? מיט'ן צובראָכענעם שפּיץ? וואָס איז געלעגען אין טיש־קעסטעל? — ווייס איך ניט!...

דערפאַר אָבער ווייס פייגענבוים יאָ, אז „די אנאַרכיסטען ווילען אָרגאַניזירן א פאָלקס־געוואַלט (!) צו ערהאַלטען זייערע גרונט־פּרינציפּען". ער ווייס, אז „עס איז קיין חילוק ניט צווישען אַן אנאַרכיסטישע פּרינציפּען־ערקלערונג און א קאָנסטיטוציע". און ער ווייס אויך, אז די אָרגאַניזירטע פאָלקס־געוואַלט וואָס די אנאַרכיסטען ווילען (?) איז גענוי דאָס זעלבע וואָס א פאָלקס־רעגירונג". דער פועל יוצא פון זיינע חקירות קומט אוים ווי יענער זאָגט וועט־

גען מאן און ווייב: מאן און ווייב זיינען איינס און דער איינס איז — דער מאן. אזוי איז דא אויך: אנארכיזם און סאציאלדעמאָ־קראטיזם זיינען אייגענטליך איינס, און דער איינס איז — דער סאַ־ציאלדעמאָקראַטיזם...

געפין איך ניט פאר נויטיג באהילפיג צו זיין מיינע איינגערע גענאָסען צו ענטפערן אויף אזעלכע פייגענבוימישע ארגומענטען.—

---

די נעכסטע פראגע וואס פייגענבוים באהאנדעלט איז — זיינע געזעצע אונטערדריקונג?

דערצעהלט פ., אז אנארכיסטען האלטען, אז „געזעצע זיינען אלע מאל געווען געמאכט און באנוצט צו אונטערדריקען דאס פאלק“. — וואלט איך צו איהם, פאר דעם סטייטמענט, גארניט גע־האט. אויב א „פארשטענדיגער“ אנארכיסט האט אמאל פונקט אין די ווערטער אויסגעדריקט דעם געדאנק, אז אלע געזעצע, וואס זיינען ביז אהער געמאכט געווארן, זיינען באנוצט געווארן צו אונ־טערדריקען דאס פאלק, האט ער אויסגעדריקט כמעט די זעלבע זאך וואס גענאָסע יודזשין דיעטצגען, ווען ער האט געזאגט, אז ניין צעהנטעל פון אלע היינטיגע געזעצע וועלען פארשווינדען מיט דער איינפיהרונג פון סאציאליזם. פייגענבוים פיהרט אבער אויס (מיט קאוויטשקעס, גאר ווי ער וואלט עס ציטירט אות באות פון די רייד פון א „פארשטענדיגען“ אנארכיסט): „על כן איז, ווען מען וויל אפשאפען אונטערדריקונג, מוז מען אפשאפען געזעצע“. דעם אויספיהר האט פ. אליין געמאכט פאר די אנארכיסטען, כדי צו קע־נען זיי מאכען לעכערליך: איז דאס ניט רעכט. ווען איהר הערט איינעם זאגען: ווען עס איז קאלט, טו איך אן א פעלץ, קענט איהר ניט אריינלייגען יענעם אין מויל, אז על כן, ווען איך טו אן א פעלץ, ווערט קאלט. בעט איך איבער זיין כבוד און זאל ער ניט דערצעה־לען קיין מעשיות, אז „די אנארכיסטען האבען אין זייערע געדאנ־קען א הפקר־וועלט“, און אז „זיי שרייען, אז די געזעצע האבען „גע־מאכט“ אלע אונטערדריקונגען“. ניין, די וועלט איז ניט הפקר, און אפילו אויפ׳ן אנארכיזם קען מען אויך ניט אזוי אלץ אנפלוידערן אהן א טעם און אהן א ריח, אבי געשריבען: מען מוז וויסען, וואס

מען רעדט, אפילו אז מען געהט צוברעכען דעם אנארכיזם...

צו וואָס טויגען געזעצע? — איז פּייגענבוים׳ס נעכסטער פּונקט.

„בלויז נעבענביי" אמוזירט זיך פ. מיט אַן אייגענעם געמאַכטען דזשעק־אין־די־באָקס־אַנאַרכיסטעל, וועלכען „ער פּרעסט אַריין אין קאָפּ", אַז געזעצע זיינען לא מעלה ולא מוריד, אָבער אין אַ מינוט אַרום, אויפ׳ן שטייגער פון „נאו יו סי איט, ענד נאו יו דאָנט," שפּרינגט זיין אַנאַרכיסט אָפּ „צוריק צו זיין באַליבטען געשריי, אַז די געזעצע זיינען אימער געווען די אורזאַכע פון אַלע אונטערדריקונגען און זיי קענען גאַרניט זיין אַנדערש!" — מילא, אַ קריטיקער מעג זיך אויך אַמאָל אַ שפּיל טאָן: זאָל איהם וואויל באַקומען... דער עיקר קומט ערשט.

„אַלע געזעצע, זאָגט פ., קען מען איינטיילען אין צוויי מינים: 1) רעגולאַציאָנען און 2) רעכטס־געזעצע. מיט רעגולאַציאָנען מיינען מיר אַזעלכע געזעצע, וואָס די מענשען האָבען בשותפות. ביי אַזעלכע געזעצע האַנדעלט זיך ניט וועגען די גרענעצען פון די רעכטע פון מענשען און קלאַסען פון מענשען, נאָר וועגען דעם ווי אַזוי עס זאָל צוגעהן אין קהל׳שע זאַכען, כדי איינער זאָל ניט קריכען דעם אַנדערן אין וועג". „וועגען רעכטס־געזעצע, זאָגט ער, מיינען מיר די געזעצע, וואָס באַשטימען די רעכטע און פּריווילעגיען פון יעדען בירגער און יעדע קלאַס פון בירגער. וועגען דיזע געזעצע איז דאָס געזאָגט, אַז זיי אַליין באַשאַפען ניט קיין רעכטע און אומרעכטע, נאָר זיי ווערן באַשאַפען פון באַשטעהענדע רעכטע און אומרעכטע וואָס האָבען שוין אַ מאַכט אין דער געזעלשאַפט אָהן זיי".

איז אַלזאָ, צו וואָס טויגען אָט די דאָזיגע רעכט־געזעצע? זיי טויגען אויף אויפגעשריבען צו ווערן, מיינט פ., און, זאָגט ער, „אַזא אויפגעשריבענער באַשלוס איז דאָס אַ געזעץ". און, טענה׳ט ער ווייטער, „ווער קען זאָגען, אַז אַזעלכע געזעצע מוזען נאָר זיין שלעכטע, וואָס זאָלען אַוועקנעהמען פון מענשן פרייהייט? וואָרום קענען זיי ניט זיין קיין גוטע, וואָס זאָלען געבען מענשען פרייהייט, אַוועקנעהמענדיג פון אַנדערע מענשען דאָס רעכט צו טאָן זיי אומרעכט?"

איך וויל באַמערקען, אַז מיר איז דאָ עפּעס ניט גלאַטלאַך אין

פייגענבוים׳ס חקירה. מיר ריידען דא, זאגט ער, נאר פון רעכטס־געזעצע, ד. ה., א באשלוס פון דעם סארט, אז ער ווערט אויפגעשריבען, איז דאס א געזעץ. נו, און די גאנצע קאטעגאריע פון רעגולאציאנען, וואס רעגולירן ווי די בשותפות׳דיגע זאכען זאלען זיך פיהרן, אז מען שרייבט זיי אויף, זיינען זיי ניט קיין געזעצע? טו וואס האט ער גע׳טענה׳ט אין די פריהערדיגע ארטיקלען, אז די אפמאכען אין בשותפות׳דיגע זאכען, וואס מיר וועלען אפמאכען, וועלען מיר אויפשרייבען און זיי וועלען זיין געזעצע? און וואס מיינט ער מיט אזעלכע ווערטער ווי „געזעצע וואס באשטימען די רעכטע און פריווילעגיען פון יעדען בירגער און יעדע קלאסע פון בירגער?“ וואס פאר פריווילעגיען פון בירגער און רעכטע פון קלאסען וועט ער אונז געבען אין זיין סאציאלדעמאקראטישער געזעלשאפט? אמת, ער זאגט אונז, אז „ווען דער ארבייטער־קלאס וועט קריגען די מאכט, וועט דאס זיך נאטירליך, אויסדריקען אין גערעכטע געזעצע פאר די טובה פון דעם ארבייטער קלאס“, אבער וואס פאר פריווילעגיען קענען די געזעצע פארצייכענען? און וועלכע נאך קלאסען וועלען זיין אין א סאציאלדעמאקראטישער געזעלשאפט אחוץ דעם ארבייטער־קלאס? מיינט עס ניט אפטמאל דעם קלאס טשינאווניקעס? היינט געפעלט מיר גלאט ניט די נאאיוויטעט פון דער פראגע „ווארום קענען אזעלכע געזעצע ניט זיין קיין גוטע?“ געזעצע, וואס פארצייכענען פריווילעגיען פון געוויסע בירגער און רעכטע פון געוויסע קלאסען, אנטהאלטען אין זיך, דאכט זיך, אומרעכטע פאר אנדערע בירגער און אנדערע קלאסען!

היינט, ווידער, אויב געזעצע טויגען נאר, ווי פ. זאגט, אויפגעשריבען צו ווערן, כדי מען זאל געדענקען, אז וואס עס איז ענדליך אפגערעדט און אפגעשטימט געווארן, איז אזוי געבליבען, אייביג קען מען ניט שטרייטען, און ווער עס קען ניט אריבער, מוז ארונטער“ — אויב אזוי, טויגען דאך די געזעצע גאר אויף כפרות, צוינען זיי דאך גאר ניט אזוי אומשולדיג ווי פ. שטעלט זיך פאר. רען א פארשריבענער געזעץ, וועלכער פארצייכענט „די פריווילעגיען פון געוויסע בירגער און די רעכטע פון געוויסע קלאסען“ און זאגט צו די איבעריגע: „אזוי איז געבליבען, ווען מען קען ניט אריבער,

מוז מען אָרונטערן!" אַזעלכע געזעצע באַפעסטיגען דאָך די פאַרהעלטניסע, וועלכע זיי רעגיסטרירן, און גאָט ווייס, ווען מען וועט קענען פון זיי פּטור ווערן!

וואָס איז די פּעולה זיך פאַרצושטעלען אַן אַנאַרכיסט מיט אַ „הפקר־וועלט אין זיין קאָפּ" און איהם אַריינלייגען אין זיין מויל, אַז „די אורזאַכע פון אַלע אונטערדריקונגען איז דאָס געזעץ", ווען אַלץ, וואָס דער אַנאַרכיסט טענה'ט איז ניט מעהר ווי דאָס, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבען אַליין צוגעגעבען, נעמליך — „אַבוואַהל די געזעצע קומען אַליין אַרויס פון די פאַרהעלטניסע, ווירקען די געזעצע אָבער דערנאָך פון זייער זייט אויך מיט, צו באַפעסטיגען די פאַרהעלטניסע וועלכע זיי רעגיסטרירן?" מאַרקס און ענגעלס הפּנים האַלטען די געזעצע ניט פאַר אַזאַ אומשולדיגע זאַך, ווי פּייגענבוים, דען זיי גיבען דאָך יאָ צו אַ זעלבסטשטענדיגע ווירקונג צו די געזעצע, און וויבאַלד זיי קענען באַפעסטיגען פאַרהעלטניסע גערעכטע, קענען זיי דאָך אויך באַפעסטיגען פאַרהעלטניסע אומגערעכטע, הייסט וואָס ווילט זיך אַזוי פּייגענבוים'ען אַריינפּרעסען דעם אַנאַרכיסט אין קאָפּ, אַז געזעצע זיינען לא מעלה ולא מוריד?

פּייגענבוים געפינט אַ פלאָנטער ביי קראָפּאָטקינ'ען אין קאָפּ. „ווי ער (קראָפּאָטקין) שטעלט פאָר, קומט אויס, אַז ווער עס וויל נאָר אירגענד וועלכע געשריבענע געזעצע, דער וויל ממילא, אַז די־זע געזעצע זאָלען געגעבען ווערן אַלס באַפעהל פון אויבען" פון „געקליבענע זעלטענע גרויסע מענשען". אַזוי שרייבט פּייגענבוים און וויל די לעזער מאַכען גלויבען, אַז אַ קינד קען איינזעהן ווי קראָפּאָטקין'ס קאָפּ איז פאַרפּלאָנטערט. איז איהם דאָס נאָך ווייניג, מאַכט ער גלייך אַ באַהויפּטונג, אַז אַלע אַנאַרכיסטען פאַרוועקסלען דעם וואָרט „אויסגעקליבענע" מיט דעם וואָרט „געקליבענע", און אַז „ביי די אַנאַרכיסטען זיינען די צוויי באַגריפע צונויפגעפּלאָנטערט אין איינס, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

קראָפּאָטקין אין זיין בוך „מאָדערנע וויסענשאַפט און אַנאַרכיזם", פון וואַנען פ. ציטירט כלומר'שט וואָס קראָפּאָטקין זאָגט וועגען געזעצע, זאָגט אַזוי: „דער שטאַאט (דער היינטיגער, ניט פּיי־

געגבוים'ס צוקינפטיגער שטאאט) און זיינע שולען און אוניווערסי־טעטען שטיצען די מיינונג, אז דער מענש איז פון נאטור אויס פאר־דארבען. אלעס — אונזער רעליגעזע, היסטארישע, געזעצליכע און געזעלשאפטליכע ערציהונג — איז דורכגעדרונגען מיט דער אידעע, אז ווען מען זאל לאזען א מענשען פריי, וועט ער גלייך ווערן א בעסטיע. ווען ניט די אויטאריטעט, וואס מען איבט אויס איבער די מענשען, וואלטען זיי אויפגעגעסען איינער דעם אנדערן. נאר ברוטאליטעט און מלחמה פון איינעם אנטקעגען אלעמען קען מען דערווארטען פון דעם „מאב". זי וואלט אומקומען, ווען דער שע־ריף און דער הענקער — עטליכע אויסגעקליבענע, די זאלץ פון דער ערד, (ד. ה. גאנץ קלאר, די קעניגע, די געזאלבטע פון גאט, דר. מ—ן) וואלטען ניט געשטאנען איבער דעם „מאב" און איינגעשטעלט זיך ניט צו דערלאזען אן אלגעמיינעם געשלעג, צו בילדען דעם פאלק, ער זאל רעספעקטירען די הייליגקייט פון געזעץ און דיסציפלין א. א. וו.".

פון אט דעם זאץ מאכט פ. אן אויסצוג, וועלכען ער שטעלט אין קאוויטשקעס, אזוי: „מען רעדט זיך איין, אז ווען געקליבענע זעלטענע הויכע מענשען וואלטען ניט געגעבען דאס פאלק געזעצע און ניט אויסגעלערנט די מאסען צו רעספעקטירן די הייליגקייט פון דיזע געזעצע און דיסציפלין, וואלטען די מענשען איינגעשלונגען די אנדערע". און ער שטעלט אוועק דעם זאץ צוויי־שען אנדערע, וועלכע ריידען אין א ווייטערדיגען קאפיטעל וועגען אנארכיזם אלס געגנער פון געשריבענע געזעצע, און טרייט צו בא־שאפען א פלאנטער, אז קראפאטקין זאגט, ווער עס וויל נאר אירגענד וועלכע געשריבענע געזעצע, דהיינו סאציאלדעמאקראטען, דער וויל ממילא, אז דיזע געזעצע זאלען געגעבען ווערן אלס א באפעהל פון אויבען, פון געקליבענע, זעלטענע גרויסע מענשען!

און אט דער מענש שרייבט אן זייטען „ארויסצופלאנטערן פינק־טען פון קראפאטקינ'ס צוזאמענפלאנטערונג", און ער זאגט אויך, אז „קראפאטקין פיהלט אליין ניט, ווי דאס איז אין אמת'ן זיין גאנצער אנארכיזם", און אט דער קריטיקער באהויפטעט, אז „דאס איז דאס איינציגע וואס אנארכיזם האט צו זאגען וועגען געזעצע!"

אזוי ווייט איז פייגענבוים בלינד (בשוגג אדער במזיד) ניט

איינצוזעהן וואָס קראָפּאָטקין און אַנדערע אַנאַרכיסטען פאַרשטעהען
אונטער מנהגים־געזעצע, אַז ביי איהם איז אַן עסק אַנצורעכענען
אַ סך ביישפּילע פון מנהגים־געזעצע, וועלכע זיינען ווילד און טי־
ראניש. ער מיינט, אָדער ער מאַכט זיך, אַז אַנצייגענדיג איינינע,
אָדער אַפילו אַלע פון די מנהג־געזעצע ביי ווילדע און פּרימיטיוו־
באַרבאַרישע פעלקער אַלס באַרבאַריש און ניט פריי, וועט ער דער־
מיט „ליגען אין דער ערד“ דעם אַנאַרכיסטישען שטאַנדפּונקט מכח
געזעצע בכלל און מנהג־געזעצע בפרט. זאָל ער אַלזאָ וויסען, און
קיינעם ניט פאַרדרעהען דעם קאָפּ, אַז אַנאַרכיסטען ריידען פון מנהג־
געזעצע אַלס מאָראַל־געזעצע, וועלכע נויטיגען זיך ניט אין קיין
פּאָליטישע אָדער לעגאַלע סאַנקציעס, זאָנדערן שפּרינגען ארויס פון
די פאַרהעלטניסע פון לעבען און באַפרידיגען דעם גאַנצען פאָלק,
זאָלאַנג די דאָזיגע מאָראַל שטימט איין מיט זייער לעבען. וויבאַלד
נאָר די מאָראַל ווערט צולאַסט און די מנהגים אַנטשפּרעכען ניט
מעהר אַלע פאַרהעלטניסע פון לעבען, איז דער אַנאַרכיסט דער ערש־
טער, וועלכער פּרעדיגט ווידערשטאַנד געגען זיי און פייפט אויף
דעם רעספּעקט צו זיי, ווי אויף דעם רעספּעקט צו די פון די טיראַ־
נען געמאַכטע געבאָט־געזעצע.

זאָל פ. אויך אויפהערען צו מאַראַטשען אַ קאָפּ מיט זיינע גע־
שריבענע און ניט געשריבענע געזעצע. יעדער געבאָט־געזעץ, יע־
דער רעגירונגס־געזעץ, געשריבענער אָדער ניט געשריבענער, באַפעס־
טיגט די פאַרהעלטניסע, וועלכע האָבען איהם אַרויסגערופען און איז
דאַרום אַן איבעריגען מאָל שעדליך. רעגולאַציאָנען און אָפּמאַכונגען
דורך פרייער איינשטימונג האָבען ניט דעם כאַראַקטער
פון געזעצע, און מעגען יאָ געשריבען ווערן, ניט געשריבען ווערן, זיי־
נען זיי אַלץ איינס מיטלען ווי מענשען פאַרשטענדיגען זיך איינע
מיט די אַנדערע און טוען אויף אַלעס וואָס זיי דאַרפען. דאַגעגען
אָבער די רעגולאַציאָנען און אָפּמאַכונגען, וועלכע ווערן יעצט ניט
געמאַכט דורך פרייער איינשטימונג, נאָר דורך שטרענגער אָפּ־
שטימונג; וועלכע לעגען אַרויף אַ שטראָף פאַר'ן ניט פאָלגען,
אַנשטאָט איינצושליסען דאָס רעכט פון צוריקציהען זיך פון דער ניט־
געווינשטער פאַראייניגונג; די רעגולאַציאָנען פון סאָציאַלדעמאָ־

קראטישען שטאאט, וועלכע וועלען פער מאיאריטעט פון פארטרעטער אפריהער באשליסען וואו, ווען און ווי אזוי יעדער איינער פון דער גאנצער געזעלשאפט זאל ארבייטען אויף זיין חיונה — אלע אזעלכע רעגולאציאנען זיינען עכטע רעגירונגס געבאט־געזעצ', און מיר זיינען זיי מוחל פייגענבוים'ען.

„א הארטען ווידערשפרוך אין סאמע פונדאמענט פון אנארכיזם" האט פ. געפונען. ער מאכט זיך פשוט לעבערליך. ווען ער וואלט מוחל זיין פארשטעהן, אדער ניט וועלען בכיון פארדרעהען דעם אמת, וואלט ער ניט דערצעהלט קיין בבא מעשיית, אז קראפאטקין זאגט, אז „נאר מנהגים און תורה שבעל פה קענען פארגלייכען סכסוכים וואס מוזען זיין צווישען מענשען". אלץ וואס קראפאטקין זאגט איז — אז דאס פאלק אליין געפינט זיך זיינע נויטיגע וועגען און מיטלען ווי צו ארבייטען געזעלשאפטליך און אין פרידען, און ציינט מיט ביישפילע, ווי טיראנען האבען זיי אויסגענוצט פאר זייערע אייגענע צוועקען, און האבען די גאנצע געזעלשאפט אומגעוואנדעלט אין א שטראף־קאלאניע.

איך האב קיין אנדער נאמען ניט אויסער „בלאף" פאר א זאץ, וועלכער זאגט: „אלזא, מיר סאציאלדעמאקראטען ווילען דאס אין אמת'ן באפרייען דעם איינצעלנעם פון די שווערסטע קייטען, פון די ערגסטע פינסטערניש — פון מינדליכע, אומקלארע טראדיציע!"

אדער פאר אזא זאץ: „דער סאציאלדעמאקראטישער געדאנק וועגען געזעצע איז אין דער ווירקליכקייט די איינציגע גרעסטע, ציווילייזירטע, פארנינפטיגע מעגליכקייט צו פארזיכערן אזוי פיל פרייהייט פאר דעם איינצעלנעם ווי עס קאן נאר זיין. וועהרענד דאס וואס קראפאטקין שטעלט פאר אלס בעסערן מיטעל — דער נאטירליכער רעספעקט צו מנהגים — איז אין דער ווירקליכקייט די טיפסטע פינסטערניש און ערדריקונג פאר דעם איינצעלנעם!"

עס איז פון איין סארט מיט אזעלכע רייד, ווי „נאטירליך זיינען סאציאלדעמאקראטען דערפאר, אז עס זאל זיין וואס מעהר פרייהייט". אנארכיסטען ווילען איינפיהרען טיראניי, און סאציאלדעמאקראטען לייגען זיך אין דער לייגג און אין דער ברייט, כדי דער איינצעלנער זאל נאר האבען וואס מעהר פרייהייט!

## א פּרינציפּיעלע פראַגע

אין נומ. 6 „אַווענט צייטונג" איז געווען געדרוקט אַ בריף פון אַ „דאָקטאָר", וועלכער פאַרדינט, נאָך מיין מיינונג, אַן ערנסטע באַטראַכטונג. דער שרייבער ריהרט דאָרט אָן אַ פראַגע, וועלכע איז קיינמאָל ניט דורכדיסקוטירט געוואָרן, נאָר אימער ניט מעהר ווי אָנגעריהרט געוואָרן, און דאָס אויך נאָר איינזייטיג.

דער שרייבער רעדט דאָרט ספּעציעל פון די אַנאָנסען פון די קוועק-דאָקטאָרען, און דערמאָנט נאָר פאַרביינגעהענדיג די פראַגע אויף וויפיל די צייטונג איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר די אַדוועטייזמענטס, וואָס ערשיינען אין איהר, אין אַלגעמיין. ער מאַכט דאָרט די באַהויפּטונג, אַז אַן עהרליכע צייטונג, ניט נאָר וואָס זי אַליין באַשווינדעלט קיינעם ניט, טאָר זי אויך ניט דינען אַנדערע מענשען אַלס אַ מיטעל צו באַשווינדלען: דערמיט אָבער וואָס זי נעהמט אַריין אַנאָנסען פון די קוועק-דאָקטוירים דינט זי אַלס מיטעל פאַר באַקאַנטע שווינדלער אַפּצונאַרן און באַרויבען איהרע אייגענע לעזער.

ער מאַכט דאַריבער אַ פאַרשלאָג איינצופיהרן אַ רעפאָרם, וועלכע וועט ניט לעזען אינגאַנצען די פראַגע, אָבער וועט וועניגסטענס מאַכען די אַרויסגעבער פון דער צייטונג אַביסעל ווייניגער שולדיג, נעמליך: „אַלע אַנאָנסען זאָלען געדרוקט זיין אויף אַ בלאַט, אויף וועלכען עס שטעהען ניט קיינע רעדאַקציאָנעלע אַרטיקלען אָדער נאַכריכטען, און פון אויבען אָפּדרוקען די ווערטער: „פאַר דעם בלאַט-מיט אַדוועטייזמענטס איז די רעדאַקציע ניט פאַראַנטוואָרטליך".

ביי מיר קומט אויס, אַז עס וואָלט ניט געשאַדט צו באַהאַנד-

לען די זאך א ביסעל ברייטער. ערשטענס דארף מען מאכען אז אונטערשייד צווישען סתם אן „עהרליכע“ צייטונג און א גענאסענשאפטליכע אדער פרינציפיעלע צייטונג; און צווייטענס דארף מען באטראכטען ניט נאר דעם פונקט וואס אזא פרינציפיעלע צייטונג ווי אונזערע נעהמט אריין געוויסע אדווערטייזמענטס, נאר אויך דעם פונקט, וואס זי נעהמט נ י ט אריין געוויסע אנדערע אדווערטייזמענטס, נעמליך, די כשר'ע.

דער שרייבער באמערקט גאנץ ריכטיג, אז א צייטונג קען, היינטיגע צייטען, ניט לעבען אהן אדווערטייזמענטס. אבער לעבען צו לעבען איז ניט גלייך. א צייטונג וואס ווערט ארויסגעגעבען ניט מעהר ווי צוליב ביזנעס, באנוגענט זיך ניט מיט בלויז מאכען א לעבען, זי וויל מאכען געלט, און א סך געלט, און וואס מעהר, אלץ בעסער. פארקעהרט, אבער, פרינציפיעלע צייטונגען זוכען ניט צו מאכען געלט, זיי זוכען נאר די צייטונג זאל זיך באצאלען, כדי צו האבען א מעגליכקייט צו פראפאגאנדירן זייערע אידעען און פרינציפען.

עהרליכקייט איז א פארהעלטניסמעסיגער באגריף. דער גאנצער גרויסער מיטען צווישען גנב'ענען ביי יענעם פון קעשענע אויף איין זייט, און אינדירעקט מיטבריינגען איינער זאל ווערן באשווינדעלט, אויף דער אנדער זייט, דער גרויסער צווישען־שטח ווערט אויסגעטייטשט פון דורכשניטס עהרליכע געשעפטסלייט אויף פארשיידענע ארטען. דא אין אמעריקע איז מען געוואוינט מתיר צו מאכען א סך צווייפעלהאפטע האנדלונגען מיט דעם פסק, אז ביזנעס איז ביזנעס, ד. ה. זאלאנג מען קריכט ניט אריין צו יענעם דירעקט אין קעשענע, איז דאס געשעפטסמעסיג און כשר. אנדערשוואו ווערט עהרליכקייט אויסגעטייטשט אביסעל סטריקטער.

צווישען די גרויסע ביזנעס־צייטונגען זיינען דא איינינע, וועלכע שליסען אויס פון זייערע קאלומס אזעלכע אפענע שווינדעלאנאנסען, ווי די קוועק־דאקטוירים, „אוממאראלע“ און אנדערע אדווערטייזמענטס. זיי קענען עס „אפארדען“, כדי צו באריהמען זיך מיט זייער „עהרליכקייט“.

פּרינציפּיעלע ציימונגען, ד. ה. אַזעלכע ביי וועמען די געלט־אייננאַהמע איז נאָר אַ מיטעל צום צוועק פון לערנען און פאַרשפּריי־טען געוויסע געדאַנקען, טייטשען אוים געוועהנליך, און זיי זיינען מחויב אויסצוטייטשען, דעם באַגריף פון עהרליכקייט אַ סך בריי־טער און טיפער. אַנאָנסען, וואָס יעדער געניטער מענש ווייס, אַז עס איז אַן אָפענער שווינדל, טאָרען זיך אין אַזעלכע ציימונגען ניט געפינען. אַפילו ווען עס איז אַ ספק צי עס איז פּשוט׳ער שווינ־דעל, צי גלאַט ביזנעס, מוז אויך אַ פּרינציפּיעלע צייטונג דן זיין לכף חוב און בעסער זיך באַגעהן אָהן זיי. פאַר איהר איז קיין תירוץ ניט וואָס זי מוז לעבען: יעדער גנב און שווינדלער זאָגט אויך, אַז ער מוז לעבען: איך זעה אָבער ניט איין די נויטיגקייט דערפון, און איך וואָלט געהן, אין אַזעלכע פעלע, ווייטער ווי יענער שרייבער. איך וואָלט ניט אָנגענומען דעם קאַמפּראָמיס צו דרוקען אַזעלכע אַנאָנסען אויף אַ באַזונדער פּיידזש און אויפשרייבען, אַז די רעדאַקציע איז פאַר זיי ניט פאַראַנטוואָרטליך. אין מיין אָנזיכט איז דאָס ניט בעסער, ווי העלפען עפענען הייזער פון פּראָסטיטור־ציע און אויפשרייבען אויף׳ן טיר, אַז דער העלפער איז ניט פאַר־אַנטוואָרטליך פאַר די וואָס געהען דאָרטען. וואָרים ממה נפשך: וועט די אויפשריפט פאַרמיידען דעם שווינדעל, וועלען דאָך יענע אַדווערטייזערס ניט זיין משוגע און צאָהלען געלט דערפאַר; וועט זיך אָבער יאָ לוינען פאַר די שווינדלער, טאָר זיך דאָס ניט לוינען פאַר אַ פּרינציפּיעלער צייטונג.

עס זיינען פאַראַן „געגנאַסען", וואָס זעהען קיין חילוק ניט אין ביזנעס פון טריפה אָדער כשר — ביי זיי איז יעדע ביזנעס טריפה. זיי טענה׳ן, אַז יעדער קרעמער איז אַ שווינדלער, יעדער באַס אַ גזלן און יעדער אַדווערטייזער אַ גנב. נאָך אָט דער לאָגיק ווייערער קומט אויס, אַז אויב מען מעג אָננעהמען אַן אַדווערטייזמענט פון אַ שוה־סטאָר, מעג מען אויך אָננעהמען אַן אַדווערטייזמענט פון אַן אָפענע שווינדעל־קאָמפּאַניע אָדער פון אַ קוועק־דאָקטאָר.

מען קען מבטל זיין די טענה מיט צוויי טעמים. עס איז אמת אַז פון אַ סאָציאַליסטישען שטאַנדפּונקט איז יעדע ביזנעס טריפה. ד. ה. טריף אין דעם זין פון אידעאַלער עהרליכקייט אין געזעלשאַפט־

ליכע באַציהונגען. דיינקענדיג, דהיינו, אז קאָמוניסטישע באַצי־הונגען איז דער אידעאַל פון עהרליכקייט, קומט אויס, אז טאָן ביז־נעס אויף היינטיגען אינדיווידואליסטישען אופן איז ניט עהרליך, איז טריפה. אָבער, ווי געזאָגט, עהרליכקייט איז אַ פאַרהעלטניס־מעסיגער באַגריף. אין אַ קאָמוניסטישען לעבען איז קויפען און פאַרקויפען אַן עסק פון אימיצען אַפּנאַרען; היינטיגע צייטען באַטראַכטען דאָס כמעט אַלע מענשען פאַר אַן עהרליכע באַשעפ־טיגונג, און מען האַלט ניט די געוועהנליכע קרעמערשע פּראָפיטען פאַר גניבה און גזילה.

זאָלאַנג מיר זיינען ניט פאַרטיג ארויסצוגעהן אָפען און פרע־דיגען אַז מען מוז זאָפאָרט צושליסען אַלע קראָמען און אַלע געשעפ־טען און אָנהויבען צו לעבען קאָמוניסטיש, אַנערקענען מיר, שוין דערהמיט אַליין, אַז ביז וואַנען וואָס, קען מען דערוויילע אָהן זיי ניט אויסקומען. און וויבאַלד זיי האָבען נאָך אַ רעכט צו עקזיס־טירן, איז קיין עולה ניט אָנצוצייגען דורך אַנאָנסען וואו זיי זיינען; בפרט נאָך ווען דאָס איז ניט מעהר ווי אַ מיטעל צו אַ גוטען צוועק.

דער ריכטיגער גרונט פאַרוואָס אַ פּרינציפּיעלע צייטונג מוז זיין ריין פון צוויפּעלהאַפטער ביזנעס־מאַכעריי איז כדי איהר פּרע־דיגען זאָל ניט פאַרלירען די ווירקונג, וואָס זי מיינט צו האָבען. מענשען טייטלען געוועהנליך מיט די פינגער אויף די וואָס פּראַקטי־צירען אַליין דאָס וואָס זיי פאַרוועהרען פאַר אַנדערע. אָט דעם גרונט וואָלט איך אָנגענומען פאַר אַ מאַסשטאַב, אורטיילענדיג אי־בער דער פראַגע פון אַדווערטייזמענטס בכלל.

שווינדעל־אַנאָנסען, אָדער אָפילו די וואָס שמעקען מיט שווינ־דעל, זיינען, זעלבסטפאַרשטענדליך, אויסגעשלאָסען לכל הדעות. אַנאָנסען אָבער פון דעם געוועהנליכען סאָרט, וועלכע מען מוז באַ־טראַכטען, צום ווייניגסטען היינטיגע צייטען, פאַר אַ ניצליכער און אַ נויטיגער זאַך, איז ניטאָ קיין גרונט ניט אָנצונעהמען. דיינקענ־דיג אָפילו אַז דער עצם פון אַלע ביזנעס איז גניבה, וויבאַלד אָבער דאָס דרוקען פון אַדווערטייזמענטס ווערט ניט באַטראַכט פאַר אַן עולה, מעג אַ פּרינציפּיעלע צייטונג זיך באַנוצען מיט אַזאַ מיטעל, כדי צו קענען פּראָפּאַגאַנדירן איהרע אידעען.

מיין אנדער טעם איז, וואָס איך דיינק גאָר ניט, אז דער עצם פון אַלע ביזנעס איז גניבה. די מעטאָדען צו טאָן ביזנעס זיינען היינטיגע צייטען דאָס רוב ניט קיין עהרליכע; אין עצם אָבער איז קויפען און פאַרקויפען ניט אומעהרליך.

אונזער מאסשטאב פון עהרליכקייט איז געוועהנליך אַרבייט. האָב איך אויפגעטאָן ארבייט בין איך בארעכטיגט צו אַ געצאָהלט; נעהם איך געצאָהלט ניט טאָענדיג קיין אַרבייט, הייסט עס יענעם בארויבען. און וואָס הייסט ארבייט? די קירצסטע און אפשר ריכטיגסטע דעפינישען איז — איבערשטעלען מאַטעריאַל פון איין פּלאַץ אויף'ן אנדערן. למשל, מאַכען פון אַ קלאָץ אַ טיש, אָדער פון אייזען אַ קאַסטען: דער מאַטעריאַל איז דערזעלבער פריהער און נאכהער, נאָר עס איז איבערגעשטעלט געוואָרן פון איין פּלאַץ אויף דעם אַנדערן.

דער קרעמער טוט אומגעפעהר דיזעלבע אַרבייט. ער ברייננגט צוזאַמען געוויסע סחורות פון פאַרשיידענע מקומות אין איין פּלאַץ און האַלט זיי פאַר מיין באַקוועמליכקייט, כדי איך זאָל ניט דאַרפען אַנקומען אין פאַרשידענע פּלעצער, ווען איך האָב עפּעס נויטיג. פאַרוואָס איז ער ניט בארעכטיגט צו אַ געצאָהלט פאַר זיין טרחה? וועט איהר זאָגען, ער נעהמט צופיל? די פאַבריקאַנטען זאָגען אויך דאָס זעלבע, אַז די אַרבייטער נעהמען צו פיל. פאַר מיין אַרבייט האָב איך אַ רעכט צו פאַרלאַנגען וויפיל איך וויל, לוינט זיך אייך ניט? דינגט אַן אַנדערן!

זעהט איהר, „קאָרנערן דעם מאַרקעט", מאַכען אַ מאָנאָפּאָל — דאָס איז רויבעריי. אָבער פאַרקויפען אין אַן אָפענעם מאַרקעט, בדרך פרייע קאָנקורענץ, איז קיין רויבעריי. מען קען נאָך אפילו מאַכען אַ פּשט'ל און זאָגען, אַז דרוקען אַדווערטייזמענטס איז גאָר אַ שטיקעל מצוה, ווייל עס צייגט אָן דעם עולם, אַז דער און דער קרעמער איז ניט דער איינציגער זכר אין מאָסקווע: עס זיינען דאָ אַנדערע.

איצט קומט דער צווייטער פונקט, מכח די „כשרה" אַדווערטייזמענטס, וואָס אונזער צייטונג נעהמט ניט אריין.

דער מנהג צו האלטען א כשר־אנאנסע ווי א טריפה זאך פאר א גענאסענשאפטליכער ציימונג איז ביי אונז שוין א גאנץ אלטער. איך געדיינק נאך דעם חרם, וואס אונזערע רבנים האבען געלייגט אויף דעם נאך אין אונזער ערשטער ציימונג „די ווארהייט", פון יאהר 1888. עס איז ידוע אז א מנהג ברעכט א דין, על כן מייד נען די גענאסען, אז וועגען דעם איז אפגערעדט: מען טאר ניט און א סוף. איך בין אבער נאך גאר ניט אזוי זיכער וועגען דעם.

שמערעל האט א כשר רעסטאראן, אדער חאצקיל פארקויפט כשר'ע ווארשט, וויל ער מודיע זיין דעם עולם וועגען דעם, און איז מרוצה צו באצאהלען פאר אדווערטייזען דעם פאקט. שמערעל און חאצקעל מעגען ביידע זיין גוים גמורים, זיי האלטען „כשר" פאר א געוויסען ארטיקעל, אויף וועלכען עס זיינען דא בעלנים. איז דאס אזא גרויסע עבירה פאר אונז צו העלפען מאכל כשרות זיין א אידען אן אפיקורוס, א גענאסע, רחמנא לצלן?

דער איד איז כשר, אבער זיינע עסענס מעגען דוקא שמעקען גוט. און איך אפיקורוס בין זיך מודה, אז עסען א מיטאג וואלט איך נאר אין א כשר'ן רעסטאראן, און בין קאפאבעל אריינצוקוקען אין בלאט אפילו, צו זוכען אזא פלאץ. אזא אדווערטייזמענט באטראכט איך פאר פשוט גלייך ווי אלע אנדערע אדווערטייזמענטס: פאר דעם רעסטאראטאר מיינט עס קונדען, פאר די קונדען מיינט עס באקוועמליכקייט, און פאר דער ציימונג מיינט עס א געוויסען איינקונפט צו קענען פראפאגאנדירען, לאמיר זאגען, למשל — אז רעליגיעזע כשרות איז טאקע א בלאף, נאר מאכען פון אנטי־כשרות א רעליגיאן איז אויך א בלאף.

מיר באקעמפען די רעליגיאן, אבער ניט די רעליגיעזע מענשען. מיר פאלען ניט אן אויף אידען פארוואס זיי פאסטען יום כפור, ווי זיי פאלען אן אויף אונז פארוואס מיר עסען אום יום כפור. מיר ווייסען אז עס זיינען דא אין ניו יארק א סך אידען וואס עסען פסח מצה; נו, דארפען זיי דאך וויסען וואו מען קען קריגען פסח'־דיגע מצה. טוען מיר זיי אפ א שפיצעל און אדווערטייזען ניט אזעלכע פלעצער; ד. ה., מיר מאכען זיך ניט וויסענדיג, אז עס זיינען דא אידען וואס פארקויפען מצה, און אידען וואס עסען מצה.

א שטייגער ווי דער שטרויספויגעל וואָס באהאלט זיין קאָפּ אין זאמד, און מיינט אז קיינער זעהט איהם ניט...

איך האָב א פריינד, א גענאָסע, און אַן אַפּיקורוס גמור, וועל־כער געהט אליין און קלייבט אויס פאר זיין פאָטער, א איד א פרו־מאַק, אן אמת'ן מהודר'דיגען אתרוג און לולב אויף סוכות. (איך וואָלט דאָסזעלבע געטאָן פאר מיין טאַטען, אז ער וואָלט דאָ גע־ווען.) עס קומט איהם אויס דאָן, ניט פאר קיינעם געדאַכט, צו קויפען א „פאַרוועדטס“ און זעהן אן אדווערטייזמענט, וואו מען פאַרקויפט אתרוגים מיט לולבים. איך פארגין יענעם בלאָט די פּע־ני און גיב איהם קרעדיט דערפאר, וואָס ער איז מקיים דעם מאמר „רעליגיאָן איז פּריוואטזאכע“ אין דעם פּרט פון „כשר“ אדווער־טייזמענטס.

איך זעה אבסאָלוט קיין ווידערשפּרוך ניט אין אריינגעהמען אן אדווערטיימענט פון כשר'ע טהעע און צוקער אויף פּסח, און פּראָ־פּאגאנדירן ווען עס מאכט זיך, אז דער גלויבען אין א בורא עולם מיט א תורה און רעליגיעזע צערעמאָניעס איז א פוסטע און שעד־ליכע זאך בכלל, און זעהר שעדליך בפרט, אויב די זאכען וואָס בין אדם למקום ווערן אפגעהיט אויפ'ן רעכענונג פון די זאכען וואָס בין אדם לחבירו.

איך גלויב אלזא, אז עס איז שוין צייט אונזערע גענאָסען זאָלען ווערן א ביסעל פרייער; זיי זאָלען ווערן אפּיקורסים אין דער אפּיקורסות גופא, און ניט האלטען אזוי שטארק פון דער טראַדיציע. עס וואָלט טאַקע ניט געשאדט צו פּראָפּאגאנדירן א ביסעל מעהר געגען אלע רעליגיאָנען, ובתוכם אויך געגען דער רעליגיאָן פון די גענאָסען־אפּיקורסים.

# וואָס הייסט אַרבייט?

דאָ ניט לאַנג האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צו זאָגען („אַוועגט צייטונג" נומ. 14), ריידענדיג וועגען דער אַרבייט פון סטאָר־קיפּערס, אַז די קירצעסטע און אפשר ריכטיגסטע דעפיני־שען פון אַרבייט איז — איבערשטעלען מאַטעריאַל פון איין פּלאַץ אויף אַן אַנדערן. און איך האָב אַרגומענטירט: „דער קרעמער טוט אומגעפעהר דיזעלבע אַרבייט. ער ברייננט צוזאַמען געוויסע סחורות פון פאַרשידענע מקומות אין איין פּלאַץ, און האַלט זיי פאַר מיין באַקוועמליכקייט, כדי איך זאָל ניט דאַרפען אָנקומען אין פאַרשידענע פּלעצער, ווען איך האָב עפּעס נויטיג. פאַרוואָס איז ער ניט בארעכטיגט צו אַ געצאַהלט פאַר זיין טרחה? וועט איהר זאָגען, ער נעהמט צופיל? די פאַב־ריקאַנטען זאָגען אויך דאָס זעלבע, אַז די אַרבייטער נעהמען צופיל. פאַר מיין אַרבייט האָב איך אַ רעכט צו פאַרלאַנגען וויפיל איך וויל. לוינט זיך אייך ניט? דינגט אַן אַנדערן!"

געגען דעם איז אַרויסגעקומען אַ גענאָסע, א. פּאַט, וועלכער נעהמט זיך אָן די קריוודע פון די „פּאַנאַטיקער" און באַהויפּטעט, אַז מיין אַרגומענט איז „אַ משל פון אַ טאַרבע פּלעקער". „דער אַרבייטער, זאָגט ער, נעהמט אַ געוויסען מאַטעריאַל און מאַכט פון דעם אַ צווייטע זאַך, (ניט ער שטעלט נאָר איבער פון איין אָרט אויף דעם צווייטען) און דערצו גיט ער צו זיין מיה, זיין אַרבייט, זיין קונסט און צייטענווייז זיין שווייס און זיין בלוט".

איך האָב מורא, אַז גענאָסע פּאַט געברויכט דעם אויסדרוק „אַ משל פון אַ טאַרבע פּלעקער" ניט אַלע מאָל וואו עס פּאַסט. ער האָט געדאַרפט זיין מעהר פאָרזיכטיג, מען קאָן אַמאָל אַריינפּאַלען.

אַט, צום ביישפּיל, נעהמט די מלאכה פון שרייבער גופא. עס מעג איך אָנקומען מיט שוויים און בלוט אַנצושרייבען אַן ענטפער צו א „פּראקטישען" גענאָסע, — וואָס האָט איהר אָבער אויפגעטאָן? איהר האָט ניט מעהר ווי איבערגעשטעלט אַ פּאָר טראָפּען טינט פון טינטער אויף'ן פּאַפּיר! נעהמט נאָך אַ משל. אַ פּאַסטוך איז אַן ארבייטער. וואָס טוט ער? ער טרייבט די בהמות פון שטאָל אין פעלד און פון פעלד אין שטאָל צוריק. א פורמאַן איז אויך אַן ארבייטער. וואָס טוט ער? ער פיהרט איבער מאַטעריאַלען, סחורות, מענשען און בהמות פון איין פּלאַץ אויף דעם אַנדערן. דער שמיד מאַכט אַן אקער־אייזען, דער פּאַרמער אקערט דערמיט די ערד, דער באַהן ברייננגט די תבואה אין שטאָדט, די שיף פיהרט עס אוועק מעבר לים אין א ווייטע מדינה, די דאָק־ארבייטער לאַדען אויס די שיף, די פורמאַנעס ברייננגען עס צום בעקער, דער בעקער באַקט ברויט, וועלכע די בעל־הבית'טע קויפט פון איהר נאָהענט־סטען גראָסערי־מאַן. דער שמיד און דער בעקער זיינען די איינ־ציגע וואָס האָבען געמאַכט פון מאַטעריאַל אַ „צווייטע זאַך" נאָך גענאָסע פּאַט'ס מיינונג, און אַלע איבעריגע? זיי זיינען הפּנים ביי־טעל־שניידער און הויט־שינדער?

דזשאָהן סטוארט מיל, אויב גענאָסע פּאַט האָט געהערט פון איהם, איז געווען אַ טיפער און אַן עהרליכער דענקער. אַן ארביי־טער האָט ער מיט'ן האַנט ניט אָוועקגעמאַכט. ער האָט אַזוי גע־זאָגט:

„ווען מיר אונטערזוכען אירגענד וועלכען פאַל פון מענשליכער ארבייט געפינען מיר, אַז די גאַנצע ארבייט טוען אויף די נאַטור־קרעפטען, אָדער די אייגענשאַפטען פון שטאָף גופא, אַלץ וואָס דער מענש דאַרף טאָן איז נאָר אָוועקשטעלען די זאַכען אין זייער ריכ־טיגען פּלאַץ. אָוועקשטעלען זאַכען אין ריכטיגען פּלאַץ איז אַלעס וואָס דער מענש טוט און וואָס ער קען טאָן מיט די מאַטעריאַלען וואָס ער באַנוצט זיך. ער שטעלט נאָר איבער, ער מופט נאָר אי־בער זאַכען, איינע פון די אַנדערע. — ער מופט איבער אַ זריעה פון זעקעל אין דער ערד און די נאַטירליכע קרעפטען שאַפען די

וואָרצלען, דעם שטאָק, די בלעטער, די בלומען, די פרוכט; ער „מופט“ אַ האַק דורכ'ן בוים און די גראַוויטאַציאָן מאַכט דער בוים זאָל פאַלען. ער מופט די זעג דורכ'ן קלאָץ און דער קלאָץ צופאַלט אין ברעטער. דער מענש שטעלט צוזאַמען די ברעטער, „מופט“ אריין נעגעל אין זיי און מאַכט דערפון אַ טיש אָדער אַ הויז. ער ברייננגט אַ פונק פייער צו מאַטעריאַלען וואָס ברענען און צינדט זיי אָן; און דורך דער קראַפט פון ברענען קאָכט ער דאָס עסען, שמעלצט אָדער מאַכט ווייך אייזען, מאַכט פון מאַלץ ביער און פון בוריקעס צוקער. קורץ, ער האָט קיינע אַנדערע מיטלען ניט ווי צו ווירקען אויף שטאָף, אויסער מופען, איבערשטעלען זאַכען פון איין פלאַץ אויף דעם אַנדערן“.

גענאָסע פאַט מעג טאַקע זיין ניט קיין פראַקטישער גענאָסע, אָבער ווי יענער מינסקער דאָקטאָר פלעגט זאָגען צו זיינע פאַציענ־טען וועגען צימעס — איין ביסכען טעאָריע שאַדעט ניכט... אויב אַרבייט איז טאַקע ניט מעהר ווי איבערשטעלען זאַכען פון איין פלאַץ אויף דעם אַנדערן, דאַן איז דענקען אויך ניט מעהר ווי צוזאַ־מענשטעלען אַ געדאַנק צו אַ געדאַנק. אַ פורמאַן וואָס פיהרט איבער אַן אָרימען אַרבייטער'ס „פוירניטשע“ פון איין טענעמענט הויז אין אַן אַנדערע, פאַרדינט זיין ברויט מיט שוויים, אפילו אַז ער ליגט אין דעם ניט אַריין זיין קונסט; און אַ גראָסערי מאַן וואָס שטעהט זיך ווי אַ גראַף הינטערן קאונטער פון 5 אין דער פריה ביז 12 ביינאַכט און עסט זיך אויס דאָס האַרץ אַ גאַנצען טאָג מיט די וויבער, און מאַכט זיך אַ „בכבוד'ן“ לעבען — איז אַ רויבער און אַ שווינדלער. דער פורמאַן, פאַרשטעהט איהר, קריגט באַצאָהלט אַ „נאַטינג“; דער גראָסערי־מאַן אָבער פאַרדינט אַ ניקעל פון יעדע פעני וואָס די מיסעס גיט איהם צו לייזען אויף באָרג. דער פורמאַן קען מעהר ווי 12 שטונדען אַ טאָג ניט אויסאַרבייטען — דעם אַר־בייטער'ס פראָדוקציאָן, זאָגט גענאָסע פאַט, איז באַגרעניצט — דער גראָסערי מאַן קען שאַרען געלט 25 שטונדען אין יעדען מעת־לעת...

„וואו דער אַרבייטער, זאָגט גענאָסע פאַט, באַנוגענט זיך מיט 5 סענט, שעהמט זיך ניט דער ביזנעס־מאַן צו פאַרדינען 50 סענט און אַמאָל נאָך מעהר...“ דיינקט איהר ניט, גענ. פאַט, אַז די שאַנדע

איז גרעסער, וואָס דער ארבייטער באַנוגענט זיך מיט אַזוי ווייניג, איידער וואָס דער ביזנעס־מאַן באַנוגענט זיך ניט מיט די קלענליבע פאַרדינסטען פון אַן ארבייטער? שטעלט צוזאַמען אַ געדאַנק, גע־נאָסע פּאַט, און דיינקט איבער, טוט ניט דער קרעמער אַ נוציגע אַר־בייט אין היינטיגער געזעלשאַפט? ליינט ער ניט צו זיין מיה, זיין ארבייט, זיין קונסט און צייטענווייז אויך זיין שוויים און בלוט גראַדע אַזוי פיל ווי דער ביער־וואַגען דרייווער, דער שלאַכט־הויז ארבייטער, דער גאַסען־ריינינגער, דער קוימען־קעהרער, דער גלעזער וואָס שטעלט אריין אַ שויב, דער „פרעס־פידער" פון אַ דרוקעריי אָדער אפילו ווי דער מענערזשער פון אַ גענאָסענשאַפטליכער ציימונג?

און דיינקט איהר ניט, אַז אַפילו אין אַ קאָמוניסטישער געזעל־שאַפט וועלען אייניגע מענשען זיין באַשעפטיגט אין די מאַגאַזינען פאַנאַנדערצולייגען און דערלאַנגען די גענאָסען די אַרטיקלען וואָס זיי וועלען קומען נעהמען דאָרטען? און ווייסט איהר ניט, אַז דאָס פאַנאַנדערלייגען און דאָס דערלאַנגען וועט זיך רעכענען פאַר גראַדע אַזאַ וויכטיגע באַשעפטיגונג ווי שאַבען בולבע אין פּאַמי־ליען־עס־שטוב? מאַכט ניט אַזוי אַרונטער מיט'ן האַנט דעם סטאָר־קיפּער'ס ארבייט: קלוירקס קריגען אָפט גאַנץ גוטע וויידזשעס, און גוטע קלוירקס זיינען אימער ווערטה מעהרער וויפיל זיי קריגען, ווייל זיי טוען וויכטיגע, געזעלשאַפטס־ניצליכע ארבייט.

איך ווייס וואָס איהר ווילט זאָגען: קלוירקס זיינען עהרליכע ארבייטער, ווייל זיי ארבייטען פאַר וויידזשעס, זיי זיינען נעבעך די באַרויבטע. גאַנץ ריכטיג. אָבער איז ניט דער פאַקט וואָס מיר זעהען איין, אַז זייער ארבייט איז ווערטה מעהר וויפיל זיי קריגען באַצאָהלט, אַ גוטער באַווייז, אַז די קרעמערשע ארבייט פון בריינ־גען, אויסלייגען און דערלאַנגען וואַארע איז אַן ארבייט וואָס פאַר־דינט גוט באַצאָהלט צו ווערן?

איהר דאַרפט מיר ניט דערצעהלען, ליבער גענאָסע, אַז „דער עיקר פאַרוואָס מען רופט אַן די ביזנעס־לייט גנבים, איז ווייל זיי באַ־שווינדלען טאַקע". און איהר דאַרפט מיר ניט פרעגען, „צי דאָס

הייסט ניט אמת'ע גניבת־הדעת ווען מען מיסברויכט אזוי יענעמס צוטרויען?" — איך האָב געשריבען: „די מעטאָדען פון טאָן ביזנעס זיינען היינטיגע צייטען דאָס רוב ניט קיין עהרליכע; אין עצם אבער איז קויפען און פארקויפען ניט אומעהרליך". איהר ווערט מיר אנטשולדיגען ווען איך וועל אייך אָנצייגען ווי פּאָרזיכטיג איך האָב זיך אויסגעדריקט מכח דעם ענין אין יענעם ארטיקעל, אויף וועלכען איהר זייט אזוי אָנגעפאַלען. א שווינדלער א ביזנעס־מאַן, אָדער אן אפּעריטאר ביי קלאָוקס וואָס באַרויבט זיין ארויסהעל־פער, האָב איך ניט מעהר ליב ווי איהר אליין, כאָטש איהר רופט מיך אָן א „פּראַקטישער" געגנאַסע. איך האָב ניט פארגעסען צו זאָ־גען, אז די ביזנעס־מעטאָדען זיינען היינטיגע צייטען דאָס רוב ניט קיין עהרליכע; איך האָב געוואויגען מיינע ווערטער ווען איך האָב געזאָגט, אז איך דיינק ניט, אז דער עצם פון אלע ביז־נעס איז גנבה. אין עצם, האָב איך געזאָגט, איז קויפען און פארקויפען ניט אומעהרליך. קענט איהר די סטייט־מענט צוקלאַפּען מיט אייער לאָגיקע? נעהמט איהר זיך אונטער צו ארגומענטירן מיט מיר דעם פּונקט?

דעם געגנאַסענשאַפטליכען גרימצאָרן פון פּאָט האָב איך אויף זיך ארויסגערופען הויפּטזעכליך פאר מיין אפּיקורסישע מיינונג וועגען די כשר־אדווערטייזמענטס. מיט מיינע פּאָר ווערטער ווע־גען מתיר מאַכען כשר'ע אדווערטייזמענטס האָב איך צוריעט א גאַנצען מוראוויניק — זאָל מען אָפּגעהיט ווערן! אויף דער קאָנ־ווענשאָן האָט מען אבסאָלוט גע'אסר'ט אַלערליי כשרות, און דער מענעדזשער האָט מיר געזאָגט (ניט על פי סוד), אז טאָמער וואָלט ער אָננעהמען א כשר אדווערטייזמענט, איז ער זיכער, אז חברה געגנאַסען וואָלטען איהם געלינטשט...

נון, קוקט זיך צו: די אידישע תורה גופא מאַכט א חילוק צווישען דברים שבין אדם לחברו און דברים שבין אדם למקום, און האַלט אז עהרליכע באַציהונגען צווישען איין מענשען און דעם אנדערן זיינען א סך וויכטיגער ווי דעם מענשענ'ס באַציהונגען צו זיין גאָט; און איהר, ענטוועדער איהר מאַכט גאָר קיין חילוק ניט, אָדער ביי אייך קומט אויס פאַרקעהרט, אָדווערטייזען אָן אפּע־

נעם שווינדעל איז ווי עס איז, אָבער אַדווערטייזען אַ כשר רעסטאָ־ראַנט איז גאָר חיות, בדאַי לינטשען דערפאַר!

זאָל מען טאַקע נאָר אָפּגעהיט ווערן! זיינען אונזערע לעזער ווירקליך אַזעלכע קטני־הדעת, אַז אויב זיי וועלען דערזעהן אין „אָוועגט ציַיטונג" אַן אַדווערטייזמענט אַז חיים יוסיל האָט כשר'ע מאכלים אָדער חאַצקיל פאַרקויפט כשר'ע מצה, וועלען זיי זיך גלייך איבער'שמד'ן אויפ'ן אידישען גלויבען און אָנהויבען צו פאַס־טען יום כפור? „שטעלט זיך אָבער פאַר, זאָגט גענ. פּאַט, וואָס פאַר א מיש־מאַש עס וועט ווערן אין זייערע קעפּ, אַז זיי וועלען טרעפען אויף די פּיידזשעס פון א. צ. אַן אויפפאָדערונג (?) צו קויפען מצה כשרה אָדער לולבים ואתרוגים מהודרים. דאָס וועט דאָך פאַר זיי הייסען, אַז גאָט'ס געבאָט מוז מען פאָלגען לכל הדעות; און אָנשטאָט ליכט וועט גאָר די א. צ. אַריינברייננגען פינסטערניש".

גלויבט איהר, אַז אונזערע לעזער באַטראַכטען אַן אַדווערטייז־מענט ווי אַן אויפפאָדערונג פון דער רעדאַקציע צו געברויכען דעם אַרטיקעל וואָס ווערט אַדווערטייזט? איז דאָס אייער עהרליכע מיינונג וועגען דעם פאַרשטאַנד פון דעם דורכשניטס־לעזער פון דער „אָוועגט־צייטונג"? זייט איהר קאָמפּעטענט צו אורטיילען וועגען די לעזער? עפּעס גלויבט זיך מיר דאָס ניט.

און אפשר? ... זעהט ווי פּאַטעטיש גענ. פּאַט ענדיגט זיין אַר־טיקעל — ער זאָגט: „ניין, פריינד דר. מ—ן, עס איז קיין פאַנאַ־טיזם. אַזוי לאַנג מיר פאַרדאַמען די רעליגיאָן, וועלכע איז דער ווירקליכסטער און שטאַרקסטער שונא פון פּראָגרעס, פאַרדאַמען מיר אויך אַלע די, וואָס זוכען צו מאַכען א לעבען פון רעליגיאָן. ווער רעדט נאָך, זיי העלפען אין זייערע פינסטערע אַרבייט איז געוויס דער גרעסטער פאַרברעכען."

אַזוי ערנסט־טרויעריג קען ריידען א מענש, וואָס גלויבט אַליין אין דאָס וואָס ער זאָגט. עס הערט זיך ניט קיין בלאָף אין די ווער־טער. — ווי טרויעריג ווירקליך דאָס איז אַנצורופען יענעם מצה־פעדלערס מיה א פינסטערע אַרבייט, וועלכע צו העלפען דורך א פלאַץ פאַר אַדווערטייזמענט איז „געוויס דער גרעס־

טער פארברעכען!!״ ניין, פרייגד גענאָסע פאט, עס איז ניט קיין אקסיאָמע, אז פארדאמענדיג די רעליגיאָן, פארדאמען מיר אויך די וואָס זוכען צו מאַכען א לעבען פון רעליגיאָן. מיר פארדאמען אויך דעם קאפיטאליזם און פונדעסטוועגען פארדאמען מיר ניט אַלע די וואָס זוכען צו מאַכען א לעבען פון קאפיטאליזם. אויב אייער פאָזיציע שטאמט ניט פון פאנאטיזם אַנטקעגען רעליגיאָן, טו פארוואָס ווערט איהר ניט אויפגעבראַכט פון דעם זעלבען הייליגען צאָרן אַנטקעגען די באַנק און טראָסט קאָמפּ. וואָס ווערט אַדווערטייזט אין א. צ.?

איך מוז אייך אויך זאָגען, אז איך בין ניט קיין איבערצייגטער עקאָנאָמישער מאַטעריאליסט, פונדעסטוועגען האַלט איך ניט פון אייערע ווערטער אַז די רעליגיאָן איז דער „ווירקליכסטער און שטאַרקסטער״ שונא פון פראָגרעס. אין מיטעלאַלטער איז דאָס אפשר ריכטיג געווען, היינטיגע צייטען האָט די רעליגיאָן ניט מעהר אזא מאַכט אַנטקעגען פראָגרעס. עס זיינען פאראָן שטאַרקערע און ווירקליכערע שונאים פון פראָגרעס איידער די רעליגיאָן.

מיר וועלען אפשר אמאָל זיך נאָך דורכריידען וועגען דעם אין די „פרייע ארבייטער שטימע״.

# טאַקטישע פּראָבלעמען

# טאַקטישע פראַגען

דער אַנאַרכיזם אַלס אידעאַל פאַר דער צוקונפט דאַרף זיך היינטיגע ציַיטען שוין ניט מעהר פאַרטיידיגען, ווען ער קומט צו פאַרנעמען זיין עהרענפּלאַץ צווישען דער פאַמיליע פון ראַדיקאַלע געזעלשאַפטליכע רעפאָרמען. צי גוט, צי שלעכט פאַרשטאַנען, גי־בען איהם כמעט אַלע עהרליכע דענקער קרעדיט פאַר זיין שאַרפער קריטיק, זיין ערהאַבענעם ציעל און זיין טיפען באַגריף פון אַ פאָל־קאָמענעם מענשען. ליידער קען מען אָבער ניט זאָגען דאָס זעלבע וועגען דער אַנאַרכיסטישער טאַקטיק. אַלע ניט אַנאַרכיסטען פאַרדאַ־מען זי אַי פאַר דאָס וואָס זי האַלט, אַי פאַר דאָס וואָס זי האַלט ניט: דאָס הייסט, פאַר דער „פּראָפּאַגאַנדאַ דער טהאַט", מיט וועל־כער זיי מיינען, אַז זי איז אינטים פאַרבונדען, און פאַר וואָס זי פאַר־וואַרפט לחלוטין אירגענד וועלכע פּאָליטישע טעטיגקייט.

איך זאָג אַלע „ניט אַנאַרכיסטען", איך וואָלט מיט רעכט גע־קענט זאָגען, אַפילו אייניגע אַנאַרכיסטען אויך; דען וואָס וויַיטער ווערט אַלץ קלערער, צום וויַיניגסטען פאַר אייניגע, אַז איידער דער אַנאַרכיזם וועט קענען זיך פאַרשפּרייטען צווישען די מאַסען, וועט ער מוזען ענדערן זיין טאַקטיק. טאַקע אין ביידע פּרטים, אַי אין זיין האַלטונג נעגענאיבער דעם טעראָר, אַי אין דעם פּרט פון פּאָליטישער טעטיגקייט. קיינע פון די ביידע זאָגענאַנטע זייטען פון דער אַנאַרכיסטישער טאַקטיק, ניט די עשה, ניט די לא־תעשה, פאָלגען אומבאַדינגט פון דער אַנאַרכיסטישער טעאָריע, בעת אין דער פּראַקטיקע שטערן זיי פּאָזיטיוו זיין וויַיטערע ענטוויקלונג און הינדערן זיין מעגליכע פאַרווירקליכונג. די אַטענטאַנטען־מעשים, וואָס ווערן געטאָן אין זיין נאָמען, איז אַ געפערליכע צו־

טשעפּענים, און די שב־ואל־תעשה טאַקטיק איז א פעלערהאַפטע אָפּטשעפּענים פון ארומיגען לעבען.

די טאַקטיק־פראַגע איז נויטווענדיגערווייזע פארבונדען מיט דער אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגע. דעם אמת געדעדט, האָבען די אַנאַרכיסטען היינטיגען טאָג נים קיין אָרגאַניזאַציאָן. עס איז ניטאָ קיין פּלאַנמעסיגקייט אין דער ארבייט. ענטוועדער מ׳כאַפּט צו פיעל טאָן, אָדער מ׳טוט גאָר ניט. ניט די, וואָס טהוען פיעל וועניג קולטורעלע ארבייט, ניט די וואָס פארברייגגען זייער צייט שרייענדיג „האָך לעבע די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן", און זיכער ניט די וואָס האַלטען פון ווארפען באָמבעס, זיינען פאראייניגט צווישען זיך, אָדער אַלע צוזאַמען. ניט רעדענדיג פון אַנארכיסטישען געדאַנק, וועלכער טראָגט אַלע טאַקטישע פעלערן געווינט, אנשטאַט צו פארלירן, פרעסטיזש ביי דענקענדע מענשען, איז די אַנארכיסטישע באַוועגונג, אין ענגערען זין, א באַוועגונג פון א שטורם־ווינד אין א גלאָז וואַסער. זי באַוועגט זיך ניט פאָרווערטס, זי שאַקעלט זיך בלויז אויף איין פּלאַץ... אָדער מ׳קען זאָגען, זי איז א בליץ און דונער־באַוועגונג, וועלכע רופט פון אַנפאַנג ארויס די נייגיערדע פון די צושויער, און טרייבט זיי באַלד אָפּ פון זיך מיט שרעק און פאַראַכטונג.

פאַרוואָס האָבען מיר ניט קיין אָרגאַניזאַציאָן, און פאַרוואָס טשעפּעט מען אויף אונז אָן יעדע משוגענע באָמבען ווארפעריי? — אָט די פראַגע, צוליעב דעם פאַל אין מאַדריד, איז איצט מעניגא דיומא. דאַרום וויל איך דעם מאָל זיך אָפּשטעלען אויף דעם פונקט און לאָזען די באַהאַנדלונג פון די פּאָליטישע טהעטיגקייטען פאַר דעם נעקסטען ארטיקעל.

קודם כל וואָלט איך וועלען דורכוואַרפען א פּאָר בלעטלעך פון דער געשיכטע ווי די אַנארכיסטישע באַוועגונג איז ענטשטאַנען. קיין פּינקטליכען דאַטום, ווען א באַוועגונג איז געבאָרן געוואָרען, קען מען, פארשטעהט זיך, קיין מאָל ניט אָנגעבען. אין געוויסע פאַזען פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן קען מען שוין באַמערקען געוויסע אַנארכיסטישע פאָדערונגען, אָבער אָנגעמען יענע פעריאָדע אלס די התחלה פון א אַנארכיסטישער באַ־

וועגונג, וואָלט זיין זיכער ניט ריכטיג. נאָך אַ קורצער צייט פון דער נאַפּאָלעאָנישער רעאַקציע האָבען אָנגעפאַנגען ארויסצושפּראָצען מאַסען סאָציאַליסטישע (די דייטשען רופען זיי אוטאָפּיסטישע) געדאַנקען און ריכטונגען, באַגלייט פון קליינע פּאָליטישע ערד־ציטערנישען, וועלכע די גרויסע צושטערונג פון פראַנקרייך האָט ארויסגערופען אין די ארומיגע לענדער. די לופט איז פול געווען דאַן מיט פּאָליטישע רעוואָלוציאָנען, און אפילו דייטשלאַנד האָט זיך אַ שאָקעל געטאָן אין 1848. דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט איז ערשינען אַ יאָהר שפּעטער. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סאָ־ציאַליסטישע באַוועגונג; אבער צוליעב דער רעאַקציע פון די 50־ער יאָהרען, און צוליעב דער רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע און מעטאָדען, איז די באַוועגונג נאַטירליך געווען אַ מעהר אָדער ווייניגער קאָנ־ספּיראַטיווע, געשלאָסענע און ענגע. עס האָט זיך שפּעטער געבילדעט דער „אינטערנאַציאָנאַל“. דער גרויסער פאַרבאַנד איז געווען אַ גייסטיגער צענטער פאַר דער ענטוויקלונג פון סאָציאַליסטישע אי־דעען: ביי די ראָמאַנישע פעלקער פאַרבונדען מיט רעוואָלוציאָנע־רע קאָנוואולסיעס, ביי די גערמאַנישע — מיט געמיטליכער ביוראָ־קראַטישער טהעטיגקייט. באַקונין, דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנ־ספּיראַטאָר און רעוואָלוציאָנער, איז געוואָרן דער פאָטער פון דער אַנאַרכיסטישער ריכטונג; מאַרקס, דער דייטשער דענקער און פּאָליטישער עקאָנאָם — דער פאָטער פון דער סאָציאַל דעמאָקראַ־טישער ריכטונג.

די מעהר פאַרביסענע געגנען די אומגערעכטיגקייטען פון זייער צייט, די מעהר אומגעדולדיגע און רעוואָלוציאָנער געזאָנענע, און פיליייכט אויך די מעהר פרייהייטליכע נאַטורען, האָבען געבילדעט דעם אַנאַרכיסטישען פליגעל פון דעם צושפּאָלטענעם „אינטערנאַ־ציאָנאַל“. וועגען רעאַל־פּאָליטישער טהעטיגקייט האָט ביי זיי קיין רעדע ניט געקענט זיין: אפילו ליבקנעכט איז דאַן געווען אַ רעוואָלו־ציאָנער. ביז די צייטען האָבען זיך געביטען אין דייטשלאַנד — דאַן זיינען די סאָציאַל דעמאָקראַטען געוואָרן ניט מעהר ווי אַ פּאָליטישע פּאַרטיי; וועהרענד די אַנאַרכיסטען זיינען געבליבען וואַרטען אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, פאַרברייגענדיג „דער־

ווילע" די צייט אין אנטוויקלען דעם אנאַרכיסטישען געדאַנק איינערזייטס, און רעוואָלוציאָנירן די מאַסען און בונטעווען די ארבייטער אנדערזייטס.

נו, אזוי ווי אָרגאַניזאציאָן קען געטריבען ווערען צו ווייט, קען ווערען צופיעל צענטראַליזירט און דיסציפּלינירט און פאַר־גליוורט פון די ברעגעס צום צענטער צו, אזוי אויך האָט דאָס זיצען און וואַרטען זיינע שעדליכע זייטען. מ'ווערט פשוט אומ־געדולדיג. די „גרויסע" רעכענען אויס דעם קץ: דאַן און דאַן וועט די בורזשואַ־אָרדנונג מוזען פּלאַצען און די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן וועט זיך מוזען פונאַנדערפּלאַקערן. עס קומט יענער „קץ" און די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן פּלאַקערט נאָך אַלץ ניט: עס פּלאַצט די געדולד ביי אַ היציגען „גענאָסע" און ער נעהמט זיך אליין און גלייך מאַכען די רעוואָלוציע. ער וועט זיין, טראַכט ער זיך, די ערשטע שוואַלב, וואָס וועט ברייגגען דעם זומער; ער וועט געבען דעם ערשטען שאָס — און עס קראַכט אַ באָמבע, וועלכע רופט ארויס ענטריסטונג, נייגירדע, פאַראַכטונג און פארפאָלגונג — און אויך מעהר ערביטערונג, מעהר אָפּגעשלאָסענהייט פון געזעלשאַפט־ליכער טעטיגקייט און מעהר באָמבעס.

אַ טאַקטיק פון וואַרטען אויף דער צוקונפט און פארשפּאָטען יעדע געזעלשאַפטליכע באַוועגונג פון דער געגענוואַרט, דאַרף ניט האָבען קיין אָרגאַניזאַציאָן: וואַרטען און אָפּלאַכען קען יעדערער פאַר זיך. און אז עס איז ניטאָ קיין אָרגאַניזאַציאָן, איז יעדער איי־נער, וואָס וויל זיך רופען אנאַרכיסט, אַ מיטגליד פון דער אומאָר־גאַניזירטער ברודערשאַפט. וואָס פאַר דומהייטען, אָדער זאָגאַר איינפּאַכע לומפּערייען, אַזאַ איינער זאָל ניט באַגעהן, ווערט עס ביי דער וועלט אָנגענומען אויף דער רעכענונג פון „די אַנאַרכיס־טען", וועהרענד די אנאַרכיסטען אליין האַלטען אין איין טענה'ן: מיר האָבען איהם ניט אריינגענומען, מיר קענען איהם ניט אָפּ־שטויסען. אָט אזוי איז עס געקומען דערצו, אז די פרידליכע טעאָריע פון אנאַרכיזם, וועלכע שטעלט זיך איין מעהר ווי יע־דער אנדערע טעאָריע פאַר דאָס מינדעסטע רעכט פון יעדען מענ־שען, וועלכע פאַרדאַמט דעם קלענסטען אנגריף אויף דער פרייהייט

פון איינצעלנעם — אז אַט די טעאָריע זאָל ביי אויבערפלעכליכע מענשען זיין פאַרבונדען מיט אַ טאַקטיק, פון וועלכער דער כלל קעהרט זיך אָפּ מיט שרעק און ענטריסטונג, און די בעסטע מענשען קענען עס נאָר ערקלערען, אָבער צומאָל ניט אַפילו פאַרטיידיגען.

עס איז אַ פאַקט, וועלכער איז אין מיין מיינונג, צום באַדויערען, אז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג טראָגט נאָך היינטיגען טאָג דעם כאַראַקטער פון אַ קאָנספּיראַטיווער פּראָפּאַגאַנדע — אויסגעשלאָסען פון דער עפענטליכקייט, איינגעשלאָסען אין קלייזלאַך, אָפּגעשניטען פון קאָכעדיגען לעבען, גאָר ווי אין באַקונינ׳ס צייטען פון בונטאַרסקער טהעטיגקייט. יאָ, מיר האַלטען לעקטשורס — פאַר געגנאָסען; מיר מאַכען מאַסענפאַרזאַמלונגען — פאַר סימפּאַטיזער, אָבער הייסט דאָס אַנטיילנעמען אין די טעגליכע לעבענס פראַגען פון לאַנד? די טעאָריע, וועלכע דער דענקער באַקונין האָט פאָרמולירט, איז געוואַקסען און האָט פּראָגרעסירט, און די טאַקטיק פון באַקונין דעם רעוואָלוציאָנער איז געבליבען ביי אונז דיזעלבע ווי געוועזען. אָבער צי דען האָט זיך גאָר ניט געענדערט אין לעבען זייט יענעם גרויסען רעוואָלוציאָנער און דענקערס צייט? זיינען די מעטאָדען פון זיין צייט גוט פאַר אימער אין אַלע לענדער? זיינען די קאַמפּס־מעטאָדען פון רוסלאַנד, אויף וועלכע אונזער גרויסער לעהרער קראָפּאָטקין האָט זיך ערצויגען, די פּאַסענדסטע וועגען און מיטלען ווי אריינצופירן אין לעבען די געדאַנקען פון אַנאַרכיזם אין אַזעלכע קאָנסטיטוציאָנעלע לענדער ווי אַמעריקע, ענגלאַנד, די שווייץ און אַנדערע?

אין טעאָריע זיינען מיר געגנער פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער אַנשויאונג, וועלכע זעהט אין דער געזעלשאַפט ניט מעהר ווי צוויי קלאַסען און זייער מאַטעריעלען קאַמף מיט איינאַנדער. מיר זעהען אויסער קלאַסען אינטערעסען נאָך אַנדערע העכערע מענשליכע אינטערעסען. מיר זעהען אויסער דעם קאַמף פאַר ברויט פון די הונגעריגע אויך אַ קאַמף פאַר פרייהייט פון אַלע אונטערדריקטע. מיר זעהען אויסער דעם פאַרלאַנג נאָך מאַטעריעלע באַפרידיגונגען אויך אַ פאַרלאַנג נאָך גייסטיגער באַפרידיגונג אויף די פעלדער פון עסטעטיק, קונסט און מענשליכען פאַרקער — און

דאָך, אין דער טאַקטיק זעהען מיר ניט מעהר ווי דעם אַרבייטער קלאַס, און האַנדלען אַזוי, ווי מיר וואָלטען ערוואַרטען, אַז נאָר זיי וועלען מאַכען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, אַז נאָר זיי איז וויכ־טיג צו ערציהען אין רעוואָלוציאָנערן גייסט, אַז נאָר די אַרבייטער באַוועגונג איז דער ציעל פון אונזער גאַנצער טהעטיגקייט.

אונזערע קאַמפּס לוסטיגע געזינונגס גענאָסען האָבען ערפונדען דעם סאָציאַלען גענעראַל סטרייק און ווייזען מיט שטאָלץ אָן אויף דעם איינפאַל, שרייענדיג: אָט האָט איהר אייך פּראַקטישע טהע־טיגקייט! אָט האָט איהר אַ נייע מעטאָדע פון קאַמף — אגיטירט! אָבער ערשטענס, וואָס פאַר אַ נייע מעטאָדע איז דאָס? איז ניט אַ סאָציאַלער גענעראַל סטרייק אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע? און צוויי־טענס, איז אגיטירען פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע פּראַקטישע טהעטיגקייט? האָבען מיר ניט אַגיטירט פאַר דער סאָציאַלער רעוואָ־לוציע פון באַקונינס צייטען אָן? און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזען פון אונזער „פייערדיגער“ אגיטאַציע? — מיר האָבען געקראָגען ביים עולם אַ מיאוס׳ע רעפּוטאַציע פאַר באָמבען־וואַרפער, קרימינאַליס־טען און קריינקס!

נאָך קראָפּאָטקינ׳ס צווייטען באַזוך דאָ אין לאַנד, וועלכער האָט געמאַכט אַ גוטען איינדרוק אויף אַלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, האָט מען אָנגעפאַנגען אָפטער הערן רעדען פון אַנאַרכיזם, און ניט זעלטען פון דער גוטער זייט. עס האָט אויסגעוויזען, אַז מיר וועלען קענען אויפטאָן אַ סך פּראָפּאַגאַנדאַ און געווינען אַ סך נייע גענאָסען. — מיט איין מאָל איז ווי פון דער ערד אַרויסגע־שפּרונגען אַ שוואַרץ יאָהר — ווער ווייס ווער ער איז געווען? — און האָט עפּעס אָפּגעטאָן, וואָס עס האָט געמאַכט רוזוועלט׳ען פאַר פּרעזידענט... און האָט מיט איין קלאַפּ צושטערט אַלע אונזערע האָפנונגען, צו געווינען דעם אויער פון אונזערע אַמעריקאַנער פאַרן אַנאַרכיזם, צום ווייניגסטענס אויף עטליכע יאָהר! יעצט פרעגט זיך, וואָרום זאָל אונזער באַוועגונג דאַרפען ליידען צוליעב אַ טהאַט פון אַ זשאָלגאָזש, אַ לוטשעני, אַ מאָראַלעס, אָדער ווי ער הייסט דאָרטען, דער שפּאַנישער „העלד“ — אַלע אַזעלכע, וואָס דער אַנאַרכיזם האָט ניט געוואוסט פון זיי, און זיי האָבען ניט

געוואוסט פון אנאַרכיזם? „מיר האָבען זיי ניט אריינגענומען און מיר קענען זיי ניט אַפּשטויסען" — אָבער פאַרוואָס זאָלען מיר זיי ניט אָפּשטויסען? שאַדען זיי ניט דעם אַנאַרכיזם, דיסקרע־דיטירן זיי ניט אונזער אידעאַל? האָט זייער טהאַט איבערהויפּט וועלכען עס איז צוזאַמענהאַנג מיט דער טעאָריע פון אַנאַרכיזם? דאַרפען מיר טראָגען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער טהאַט פון איינעם, וועלכער האָט אין קיין זין ניט געקענט האַנדלען נאַך דעם באַשלוס פון אונזער פּאַרטיי, שוין אויס דעם גרונד אַליין, וואָס מיר זיינען ניט קיין פּאַרטיי?

און פאַרוואָס זאָלען מיר צום ווענינגסטען ניט פאַרדאַמען די טהאַט, אויב אפילו מיר זאָלען זיך שוין שטעלען אויף דעם שטאַנד־פּונקט, אַז דער טוער איז ניט מעהר ווי אַ פּראָדוקט פון די אומערטרעגליכע פּאָליטיש עקאָנאָמישע אומשטענדען פון דער גע־זעלשאַפט, אַ פאַרביטערטער מענש, אַן אומגליקליכער, וועלכער איז ניט פאַראַנטוואָרטליך? קען מען דען געפינען אירגענד וועלכען זין, אירגענד וועלכע בארעכטיגונג אין דאָס הרג'ענען פון אַן אַלטער אומשולדיגער פרוי, וועלכע האָט דעם נאַרישען טיטול, קייזערינע פון עסטרייך? אָדער אין דעם לעצטען אַטענטאַט אויף אַ יונגער פּאָר פאָלק, וועלכע האָבען פאַרלויפיג אויסער זייערע ניאַנעס נאַך קיינעם ניט טיראַניזירט? — אויב, צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס מיר האָבען ניט קיין אָרגאַניזאַציע, האָבען מיר דעם אומגליק צו ווערן גערעכענט פאַר מיטשולדיגע מיט יענע אומבאַקאַנטע. פאַרוואָס זיינען מיר דאָס מחויב צו טראָגען די שווערע פאַראַנט־וואָרטליכקייט פאַר טהאַטען, וואָס קיינער האָט ניט געפרעגט אונזער צושטימונג זיי צו טאָן, און וועלכע צושטימונג מיר וואָל־טען ניט און האָבען ניט געגעבען? וואָס פאַר אַ מאָראַלע פּליכט קענען מיר פיהלען צו אַן אומגערעכטע, שעדליכען אַטענטעטער, וואָס זאָל אונז אָפּהאַלטען פון אָפּצוזאָגען זיך פון איהם עפענטליך און פאַרדאַמען איהם פאַר זיין טהאַט אין די שטאַרקסטע אויס־דרוקען?

די באָמבעס הרג'ענען ניט אַוועק די מעקינלי'ס און די עלי־זאַבעטאַ'ס, זיי הרג'ענען אַוועק די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג. אַ גע־

זעלבשטענדיגע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט איז דאָס פאַרווירקליכן דעם וועלטלעכן אידעאַל פון פרייוויליגער מיטאַרבייטערשאַפט קען ניט אַריינגעקלאַפּט ווערען אין די מוחות דורך די שלאָגענדע באַ־ווייזע פון אַ באַמבע און קינזשאַל. אפילו דער גענעראַל סטרייק איז ניט דער בעסטער מיטעל צו לערנען דעם עולם די מעלות פון לאָקאַלער אויטאָנאָמיע. פּראַקטישע טעטיגקייט פון דעם סאָרט, וואָס איבערצייגט ניט אָפּשרעקענדיג, וואָס ציהט צו און געווינט סימפּאַטיע, אנשטאָט וואָס שטויסט אָפּ און געווינט האַס — דאָס איז וואָס די אָנאַרכיסטישע באַוועגונג האָט נויטיג. אָבער כדי דאָס צו שאַפען, מוז מען פריהער אויפגעבען די שב ואל תעשה טאַק־טיק און אָננעהמען אַ פּראַקטישען פּלאַן פון אָרגאַניזאַציאָן.

2.

אַנאַרכיזם און פּאָליטישע טהעטיגקייט זיינען פון תמיד באַ־טראַכט געוואָרען ווי צוויי הפכים, ווי פייער און וואַסער, ווי מלחמה און שלום, ווי לעבען און טויט. אַנאַרכיזם — דאָס איז שפּייען פייער, שטעהן אין מלחמה מיט דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, מיט איין וואָרט, לעבען אין קאַמף און דורך דעם קאַמף, ווערהרענד פּאָליטישע טהעטיגקייט איז וואַסערדיג, פריעדליך, טויט. עס איז שוין צייט, גלויב איך, איינצוזעהן, אַז עס איז געמאַכט געוואָרן אַ טעות, און דער טעות שטעקט אין דעם, וואָס מ'האָט פאַרביטען דעם באַגריף רעוואָלוציאָן מיט אַנאַרכיזם און פּאָליטישע טהע־טיג־קייט מיט פּאָליטישער מאַכט. אַנאַרכיזם און פּאָליטישע מאַכט איז פייער און וואַסער; רעוואָלוציאָנערע און פּאָליטישע טהעטיג־קייט איז מלחמה און שלום — אָבער צי דען מוז אַנאַרכיזם זיין דוקא פאַרבונדען מיט רעוואָלוציאָן, און פּאָליטישע טהעטיגקייט מוז דוקא מיינען אַריינכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט?

עס זיינען פאַראַן אַנאַרכיסטען, וועלכע פאַרוואַרפען, אין נאָ־מען פון אַנאַרכיזם, אַלערליי געוואַלדטהאַטען, סיי טעראָריס־טישע, סיי רעוואָלוציאָנערע קאַמפּס מיטלען. טאָלסטאָי, צ. ב. ש. איז אַ נאָן רעזיסטאַנט, ער שטעלט זיך ניט דאַגעגען אפילו אז מען גרייפט איהם אָן. טאָקער האַלט נאָר פון פּאַסיוו־רעזיסטאַנס, דאָס הייסט, ווען מען גרייפט דיר אָן, שטעל זיך דאַגעגען, אָבער

אָנפאַנגען אַן אַטאַקע טאָר מען נישט. איך, מיינערזייטס, זעה נישט איין, אַז די אידעע פון אַנאַרכיזם וועט פאַרשוועכט ווערן, ווען מיר זאָלען ענטפערען מיט אַ פאַטש אָדער ווען מיר זאָלען אַטאַקירען אַ פריהער די, וואָס בּאַרויבען אונז פון אונזערע מענשליכע רעכטע. עס איז אַ פראַגע פון טאַקטיק, עס איז אַ פראַגע, וועלכע מעטאָדע איז מעהר פּראַקטיש — קיין חלול השם פון דער אַנאַרכיסטישער אידעע זעה איך אין דעם נישט. און טאַקע צוליעב דעם זעלבען טעם קען איך נישט איינזעהן די פאַרקערטע מיינונג, אַז דער אַנאַרכיזם מוז דוקא זיך בּאַנוצען מיט רעוואָלוציאָנערע מעטאָדען, אַז דער אַנאַרכיסט איז נישט קיין ריכטיגער, כשר'ער אַנאַרכיסט, אויב ער אַגיטירט נישט פאַר אַ בּאַריקאַדען־רעוואָלוציע אָדער פאַר אַ גענעראַל סטרייק. דעם רעוואָלוציאָנערס פּראָפעסיע איז זעהר אַ נאָבּעלע, זעהר אַ וויכטיגע פּראָפעסיע, עס איז אָבער אַ בּאַזונדער ספּעציאַליטעט, און איך קען מיר גאַנץ גוט פאָרשטעלען אַן אַנאַרכיסט, וואָס איז נישט קיין רעוואָלוציאָנער.

די אויפגאַבּע פון אַן אַנאַרכיסט איז צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם אַנאַרכיזם, צו פאַרשפּרייטען אַנאַרכיסטישע געדאַנקען צווישען אַלע קלאַסען פון פאָלק; צו קריטיקירן אַלע פאַרוואַלטיגונגען פון פערזענליכער פרייהייט דורך דעם היינטיגען שטאַאַט, און אָנצוציינגען דעם בּעסערן, דעם אַנאַרכיסטישען וועג, ווי צו סעטלען סכסוכים אין קהל'שע זאַכען. אָנצוציינגען אויף דער אומבּאַדינגטער נויטווענדיגקייט אָפּצושאַפען פּריוואַט אייגענטום פון די נאַטירליכע רייכטימער, כדי צו פאַרזיכערן עקאָנאָמישע אומאַבּהענגיגקייט פאַר יעדען מענשען, און דאַדורך פאַרבּאַרייטען דעם וועג פאַר די העכסטע אידעאַלען פון דער מענשהייט — פאַר פאָלקאָמענע פרייהייט און סאָלידאַריטעט. דער אַנאַרכיסט איז קודם כל אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, אַ מענש, וואָס פּרעדיגט נייע אידעען, נישט אַ דיקטאַטאָר, וואָס צווינגט אַרויף נייע פיהרונגען; ער איז אַ וועגווייזער, נישט קיין ראַכע נעהמער פאַר די אומגערעכטיגקייטען וואָס זיינען געטאָן געוואָרען. אין דער צייט פון אַ רעוואָלוציע איז ער מיט'ן פאָלק אַנטקעגען די הערשער און טיראַנען, ווען אַ מעכטיגעם פאָלק זוכט פּאָליטיש צו אונטערדריקען אַ שוואַכערן, אַ קלע-

נערן פאָלק, איז זיין פּלאַץ אויף דער זייט פון שוואַכערן, צו רופען איהם אין קאַמף און קעמפען מיט איהם פאַר זעלבסטשטענ־דיגקייט און פרייהייט. אין פרידליכע ציימען איז זיין פּלאַץ אי־בעראַל וואו מענשען קומען זיך צוזאַמען צו באַשפּרעכען און באַ־שליסען אַלערליי סאָציאַל פּאָליטישע ענינים: אויפן פּלאַטפאָרמע, אויף די סטריט קאָרנערס און אויף די פּאָליטישע קאָנווענשאָנס, אין שטאָדט ראַטה, אין לעגיסלאַטיווע אסעמבלי — אין פּאַרלאַ־מענט!

עס זיינען פאַראַן מענשען, וועלכע דענקען, אַז זיי האָבען אַ גלייכערן וועג ווי צו מאַכען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, אַ שנע־לערן, אַ מעהר דירעקטען וועג איידער די לאַנגזאַמע פּראָפּאַגאַנ־דאַ, — דאָס קנעלען און טענה'ן און אריינרעדען און פאַרברייטנגען צייט אויף קלייניגקייטען — זיי וואָלטען מיט דער הילף פון אַ גע־וויסער צאָהל אָרגאַניזירטע ארבייטער ארויסרופען אַן אויפשטאַנד געגען קאַפּיטאַליזם און שטאַאַט, ערוואַרטענדיג, אַז דאָס פאָלק וועט אונטערכאַפּען דעם קאַמף, און די רעוואָלוציאָן וועט זיין פאָלענדעט. אפשר זיינען זיי גערעכט. פיעל ערפאַהרונג מיט סאָ־ציאַלע רעוואָלוציאָנען האָט די וועלט ניט געהאַט. אפשר זיינען די מעטאָדען ווי מ'רופט ארויס פּאָליטישע רעוואָלוציאָנען גראַדע אַזוי גוט פאַר סאָציאַלע רעוואָלוציאָנען. זיי קענען אָבער ניט באַהויפּ־טען מיט זיכערהייט, אַז די אויפשטאַנד מעטאָדע איז דער איינציגער וועג ווי צו פאַרווירקליכען דעם אַנאַרכיזם. אויף וויפיל מיר פאַר־שטעהען שוין היינטיגען טאָג די ביזנעס פון רעוואָלוציאָן מאַכעריי איז זיכער, אַז נאָר אַזוי פיעל פון די פאָדערונגען פון די רעוואָלו־ציאָנערען קען פאַרווירקליכט ווערן דורך אַ רעוואָלוציאָן, וויפיל דאָס גאַנצע פאָלק, אָדער דער גרעסטער טייל פון פאָלק, איז פעסט אַנטשלאָסען, אַז עס מוז האָבען, און איז פאַרטיג צו קעמפען דאַפיר. דערפון נעמט זיך די נויטיגקייט צו פּראָפּאַגאַנדירן איידער מען געהט רעוואָלוציאָניזירן. און ניט נאָר מוז מען לאַנג פּראָפּאַגאַנ־דירן איידער מ'קען ארויסרופען אַ רעוואָלוציאָן, נאָר מיר מוזען אויך קאָנקורירן אין דער פּראָפּאַגאַנדאַ מיט אנדערע רעוואָלוציאָ־נערע פּאַרטייען, וועלכע האָבען די געגענזעצטע ציעלען פון די,

וואָס מיר האָבען. נאָך מעהר, מ׳קען ניט אָפּליקענען, אַז די טענדענץ פון אונזער צייט איז זעהר שטאַרק אין דער ריכטונג פון שטאַאט, צענטראליזאציע און סאָציאל דעמאָקראטיע; דער ווינט שיינט צו בלאָזען אין זייער זייט, און מיר דאַרפען אלזאָ ניט נאָר דערוועקען זעהר טיפע סאָציאלע פאָדערונגען אין די מוחות פון פאָלק, נאָר מיר מוזען דערוועקען **אנאַרכיסטישע** פאָדערונגען, אַזוינע פאָדערונגען, וואָס געהען אַנטקעגען דעם ווינד, אַנשטאָט די סאָציאל דעמאָקראטישע וואָס געהען מיטן ווינט. ווען מ׳נעמט דאָס אלעס אין אנבאַטראַכט, מוז מען אָנהויבען אביסעל מסופק צו ווערן אין דער ניצליכקייט פון די זאָגענאַנטע באַלדיגע רעוואָלוציאָנערע מעטאָדען צו פארווירקליכען דעם אַנאַרכיזם. מען מוז קומען צו דער איבערצייגונג, אַז וואָס לענגער און טיפער מיר וועלען קענען אָנהאַלטען די פּראָפּאגאנדא, אַלץ מעהר שאַנסען וועלען מיר האָבען ארויסצורופען מעהר אנארכיסטישע פאָדערונגען ביים פאָלק, אלץ מעהר שאַנסען זיי צו פארווירקליכען. און ווי באַלד מיר מוזען אזוי פיעל געוויכט לעגען אויף דער פרידליכער פּראָפּאגאנדא פון אויפקלערונג, טאָרן מיר ניט זיין אָפּגעשלאָסענע אין קליינע קלייזלאַך, טאָרן מיר ניט זיין אויסגעשלאָסענע פון אלטעגליכען לעבען פון פאָלק. מיר מוזען אנטיילנעמען אין פּאָליטישען לעבען פון לאַנד; מיר מוזען פארשפּרייטען אונזערע געדאַנקען ניט בלויז אין אבסטראַקציעס, נאָר מיר מוזען זיי אויך אָנווענדען בפועל אין די פּראקטישע פראגען פון לאָקאלער זעלבסטרעגירונג. מיר מוזען זיך שאַפען די מעגליכקייט צו פּראָטעסטירען געגען דעם מאָנאָפּאָל פון די נאַטירליכע רייכטימער און געגען די אָנגריפע אויף פערזענליכער פרייהייט דורכ׳ן געזעץ, אין דעם פלאַץ גופא וואו דאָס געזעץ ווערט פאָרגעשלאָגען און אָנגענומען. מיר טאָרן ניט פאראַכטען קיין וויכטיגע געלעגענהייט אויף דעם פעלד פון פּאָליטישער טהעטיגקייט אויסצודריקען אונזערע געדאנקען און פאָרצושלאָגען אונזערע פּלענער — ווען אפילו עס זאָל אונז פיהרן צו נעמען אנטייל אין וואַהל קאַמף און געהן אין פארלאַמענט!

איך זאָג: ווען אפילו עס זאָל אונז פירן אין פּאַרלאַמענט,

ניט דערפאַר ווייל איך אַליין האַלט אַזאַ גאַנג פאַר אַ ראַדיקאַלען שריט, נאָר ווייל איך קען דעם געדאַנקען גאַנג פון די גענאָססען און ווייס ווי מורא'דיג אַפּיקורסיש אַזאַ פאַרשלאַג וועט זיי קלינגען. ווען מערלינא האָט מיט געגויע צעהן יאָהר צוריק פאָרגעשלאָגען דיזעלבע ארבייט, האָבען די אַנאַרכיסטען איהם באַקלאַגט ווי מען באַקלאַגט אַ געשטאָרבענעם, אָדער ווי אַ פרומער איד באַקלאַגט אַ גע'שמד'טען זוהן — איך האַלט היינטיגען טאָג אַזוי ווייט ווי ווען עס איז, און אפשר נאָך ווייטער, פון ארויסלאָזען אַן ערקלערונג: „פאַרוואָס איך בין געוואָרן אויס אַנאַרכיסט?“ איך רעד אין נאָמען פון אַנאַרכיזם און מאַך די באַהויפּטונג, אַז דער אַנאַרכיזם מ ע ג און ז אָ ל פראָפּאַגאַנדירט ווערן איבעראַל, אַפּילו אין פּאַרלאַמענט!

אַ פּאַרלאַמענט אַן און פאַר זיך איז ניט טריף, אַבוואָהל די מאַיאָריטעט מאַכט דאָרט געזעצע אַנטקעגען פרייהייט. אַנאַרכיסטען וועלען אַזעלכע געזעצע ניט העלפען מאַכען, און עס וועט זיי קיינמאָל ניט דראָהען חלילה די געפאַהר פון קריגען ח"ו די מאַיאָריטעט און טראָגען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון אָנפירען אַ רעגירונג. זיי וועלען ניט געהן אין פּאַרלאַמענט אַפּילו מיט דער ווייטעסטער אַבזיכט אַריינצוכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט. זיי וועלען דאָרט פּראָטעסטירען און פּראָפּאַגאַנדירען און ארבייטען אָפּצושוואַכען די צענטראַליזירענדע שטאַאַט-מאַכט. זיי מעגען זיין דאָרט די קלענסטע מאַיאָריטעט, וועלען זיי דאָך האָבען די וויכטיגסטע געלעגענהייט צו פאַרשפּרייטען אַנאַרכיסטישע געדאַנקען צווישען גאַנצען פּאָלק.

דער פאָרוואורף איז אונז געמאַכט געוואָרען דאָ ניט לאַנג (פון דר. זשיטלאָווסקי, אין זיין רעדע איבער סאָציאַליזמוס און אַנאַרכיזמוס), אַז מיר זיינען צופרידען ווען סאָציאַל דעמאָקראַטען ווערען געוועהלט אין פּאַרלאַמענט, אָבער אַליין געהן טאָן די ארבייט ווילען מיר ניט. עס איז איהם ניט צו פאַרדענקען פאַר זיין פאַלשער מיינונג. אויבערפלעכליך זעהט עס אויס ווי ער וואָלט רעכט האָבען. דער אמת איז, אַז אַנאַרכיסטען קענען בשום אופן ניט זיין צופרידען מיט סאָציאַל דעמאָקראַטישע געוועהלטע אין פּאַרלאַמענט,

אַזוי ווי זיי קענען ניט זיין צופרידען מיט סאָציאַל דעמאָקראַטישע רעדנער אויפן פּלאַטפאָרמע אויסערן פּאַרלאַמענט. סאָציאַל דעמאָקראַטען געהען אין פּאַרלאַמענט מיט דער דירעקטער אבזיכט צו העלפען מאַכען געזעצע, וועלכע זאָלען דעם שטאַאט געבען מעהר מאַכט און שווערערע פליכטען אין דער רעגולירונג פון דער געזעל־שאַפט. און זייער וויטעסטע אבזיכט איז צו פאַרכאַפּען די פּאָ־ליטישע מאַכט, און דורך דער מאַכט צו צווינגען די גאַנצע געזעל־שאַפט צו זיין גליקליך על פּי נוסח פון דער זעלבער מאַכט און פּער דעקרעט פון שטאַאט. — אַנאַרכיסטען זיינען ניט צופרידען, נאָר נייגעריג צו זעהן, ווי אָפט די סאָציאַל דעמאָקראַטען וועלען זיך בלאַמירן. אַנאַרכיסטען דאַרפען געהן אין פּאַרלאַמענט אפילו צוליעב דעם צוועק אליין אָפּצואַשוואַכען דעם איינפלוס פון דער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָפּאָגאַנדאַ. זיי האָבען אַ פּאַרטייל אי־בער אונז, וואָס זיי קענען רעדען צום פאָלק פון דער אַלערהעכסטער טריבונע פון לאַנד, און די שטימע פון אונזער קריטיק הערט קיינער ניט, אויסער אייגענע מענשען.

ניט די סאָציאַל דעמאָקראַטישע ארבייט דאַרפען מיר געהן טאָן אין פּאַרלאַמענט, נאָר אונזערע אייגענע ריין פּרינציפּיעלע אַנאַרכיסטישע ארבייט. איך שלאָג ניט פאָר קיינע קאָמפּראָמיסען. ווען פּאָליטישע טהעטיגקייט, אין דעם זין פון זוכען אַ געלעגענ־הייט צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם אַנאַרכיזם, מישענדיג זיך אין אַלע פּאָליטישע ויכּוחים פון לאַנד, וואָלט אונז געצוואונגען צו מאַ־כען אַ קאָמפּראָמיס מיט די אַנאַרכיסטישע פּרינציפּען, וואָלט איך דער ערשטער באַדויערט אזא פּאָרשלאָג פון וועמען ער וואָלט ניט ארויסגעקומען. ווען, למשל, כּדי צו קריגען די שטיצע פון אַנדערע אָפּצושאַפען אַ געזעץ, וואָס איז שעדליך פאַר פרייהייט, וואָלטען מיר מוזען פאַרשפּרעכען אונזער שטיצע איינצופירן אַן אנדער געזעצע פּונקט אזוי שעדליך; אדער ווען אפילו כּדי צו קריגען שטימען פאַר אונזער אַ קאַנדידאַט, וואָלטען מיר מוזען פאַרשפּרעכען אונ־זער שטימע צו אַ קאַפּיטאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע שטעלט ארויס אַן אָפּענעם געגנער פון אַנאַרכיזם אַלס איהר קאַנדידאַט — דאַן וואָלט איך אזעלכע טהעטיגקייט באַטראַכט פאַר שעדליך צו דער

פּראָפּאגאנדא פון אנאַרכיזם און וואָלט געקעמפּט דאַגעגען. אָבער צי דען מוז אַ פּארטיי, וועלכע זוכט ניט צו קריגען קיין פּאָליטישע מאַכט, מאַכען ווען עס איז אַזעלכע קאָמפּראָמיסען?

דער היפּוך פון אנאַרכיזם איז פּאָליטישע מ א כ ט, ניט פּאָליטישע ט ה ע ט י ג ק יי ט. פּאָליטישע טהעטיגקייט געהט להיפּוך צו דער רעוואָלוציאָנערער פּארמולע, אדער גאָר, אדער גאָר־נישט, דאָס הייסט ג א ר, און גלייך איצטער אויף אַמאָל! און אויפ־קלערענדע פּראָפּאגאנדא קען אַזאַ אולטימאַטום ניט שטעלען: איה־רע וועגען זיינען זיכער און דארום לאַנגזאמער. זעהענדיג די רעזול־טאַטען פון אונזער דרייסיג יעהריגער ר ע וו א ל ו צ י א נ ע ר ע ר פּראָפּאגאנדא, מיין איך, אַז אנאַרכיסטען דאַרפען מעהר ניט צווייפ־לען, וועלכע מעטאָדע איז די ריכטיגערע. וועל כולם וואָלט איך ווינ־שען מיינע אנאַרכיסטישע לעזער זאָלען פארשטעהן, אַז די פראגע איז דאָ ניט ווי צו האַלטען ריין דעם אנאַרכיסטישען אידעאל, ווי ניט צו דערשטיקען איהם אין דעם זומפּף פון פּאָליטישער קאָרופּציאָן! די פראגע, ווי איך פארשטעה זי, איז — צי זאָל מען האַלטען דעם אנאַרכיסטישען אידעאל פארשלאָסען אין אַ קעסטעלע, חלומ׳ען פון רעוואָלוציעס, און אַז עס וועט שוין זיין נאָך אַלעמען, ארויס־נעמען דעם אוצר׳ל, באַווייזען איהם פארן פאָלק און זאָגען צו איהם כזה ראה וקדש — זעה און לעב אנאַרכיסטיש! אָדער ארויסטראָגען שוין היינט דעם אנאַרכיזם אין מארק, קלאָרלעגען זיינע מעלות פארן גאַנצען עולם, און ווער עס וויל, זאָל נעמען פון איהם וויפיל ער קען פארטראָגען?

אמת, אויפן מארק איז בלאָטיג; קליינינקע סוחרים׳לאך רייסען זיך דאָרט ארום איינע מיט די אנדערע פאר אַ גראָשען איי־נגעננוצען; זיי באַשפּריצען זייערע קאָנקורענטען מיט בלאָטע און זעהען ניט איין ווי זייערע אייגענע וואַרע ווערט קויטיג און פאַר־דאַרבען. אָבער וואָס זאָל מען טאָן? דאָס היינטיגע פּאָליטישע לעבען קאָכט אין אַ בלאָטיגען מארק, — וועט חלילה ווער פון אונ־זערע שמוציג ווערן, וועלען מיר שיקען אַן אנדערן צו פּארנע־מען זיין פּלאַץ. קיין סכנה חס ושלום פארן אידעאָל אליין, זעה איך ניט איין. אדער איז דערפאַר בעסער באַהאַלטען דעם אידעאָל

אויף א ריינעם בית עולם, איידער צו לאזען אויף איהם פאלען אפילו א שטויבעלע פון קאכינגען און קויטיגען מארק פון פאלי־טישען לעבען?

מיר האבען קיין מאל ניט געקענט אפּלייקענען, אז די סאציאל דעמאקראטען מאכען פראפּאגאנדא אין פארלאמענט. אונז איז ניט געפעלען ז יי ע ר פראפּאגאנדא; מיר האבען אפּט אויסצוזעצען געגען די קאמפּראמיסען וואס זיי מאכען אי ביי די וואהלען, און אין פארלאמענט גופא. מיר מוזען אפּט לאכען פון זייער באנעמען זיך אקוראט ווי זיי וואלטען שוין באלד קריגען די מאיאריטעט און אנפאנגען באלעבאטעווען אויף זייער אייגענעם אופן. אבער פראפּאגאנדא מאכען זיי לכל הדעות! פארוואס זאלען מיר בלייבען שטעהן דרויסען און מורא האבען צו באנוצען זיך מיטן פאר־לאמענט פאר אונזער פראפּאגאנדא? וואו איז דער שכל פון האל־טען זיך ווי „די פרושים וואס קענען קיין עולות ניט פארטראגען און פארלאזען דערפאר דעם ישוב און פארקלייבען זיך אין א וויסטע שטיבעלע און זוכען אין התבודדות מתקן צו זיין די וועלט נשמה?“ ווער האט גע'אסר'ט פאליטישע טהעטיגקייט פאר אנאר־כיסטען? ווער האט עס אריינגעלעגט אין חרם? און ביז ווי לאנג וועט דער חרם זיין געלעגט?

3.

פאריגע וואך האב איך געענדיגט מיין ארטיקעל, איבער דער זעלבער טהעמא, מיט דער פראגע: ווער האט די פאליטישע טהע־טיגקייט אריינגעלעגט אין חרם פאר אנארכיסטען, און ביז ווי לאנג וועט דער חרם זיין גילטיג? (ג י ל ט י ג, ניט „געלענט“ ווי דער זעצער מיטן רעדאקטאר האלטען אין איין פארבעסערען מיין אי־דיש). א חרם לעגט מען געוועהנליך ארויף אויף א זאך, וואס על פי דין איז עס ניט פארבאטען, נאר מחמת געוויסע אומשטענדען ווערט די זאך שעדליך פאר די אינטערעסען פון די עיקרים פון דער אמונה. און נאך מיין מיינונג איז די פאליטישע טהעטיגקייט אויך א זאך, וואס על פי דין פון אנארכיזם איז עס ניט פ א ר־ב א ט ע ן, נאר צוליעב געוויסע אומשטענדען איז עס אפנים

אריינגעלעגט געוואָרן אין חרם, און איך פרעג דאָרום. ווי לאַנג וועט דער חרם זיין גילטיג?

וויסען האָב איך געוואוסט, אז אויסדריקען אזא מיינונג און שטעלען אזא פראַגע וועט באַטראַכט ווערן פון די גענאָסען פאַר אַ מוראַ׳דיג שטיק אפיקורסות, און ווי ביי אונז פיהרט זיך, לעגט מען דערפאַר אריין דעם אפיקורוס אין חרם. איך האָב אָבער ניט „געטאָן וויסען“, אז פאַר אזא חטא ערלויבט זיך דער רעדאַקטאָר אָנצופאַלען אויפן שרייבער און געברויכען נעגען איהם די טיפסטע זידלעריי מיט וואָס אַ מענש קען באַשימפט ווערן, נעמליך, אז ער איז אַראָפּ פון זינען, צומישט געוואָרן, אַ חורבן איז געמאַכט געוואָרן פון זיין קאָפּ! אָנצורופען אַ געגנערס שרייבאַכץ „ליגען“, „נאַרישער בלאָף“, „אומגעלומפּערטע אידיאָטסטוואָ“, ווי דאָס טהוט דער זעלבער רעדאַקטאָר אויף דיזעלבע פּיידזש, (געגען וועלכע, אגב אורחא, איך וויל דאָ פאַרצייכענען מיין פּראָטעסט, אין נאָמען פון אנשטענדיגקייט) — אזעלכע עפּיטעטען זיינען שירות ותשבחות לגבי די ערנידעריגונג וואָס עס ליגט אין שימפּען איינעם, אז ער איז פּשוט משוגע געוואָרן, רחמנא לצלן! די איינ־ציגע טרייסט איז, וואָס די „בלומען“ זיינען פון דעם „ליבען רע־דאַקטאָר“ ארויסגעשיקט געוואָרן נאָר „דערווייל“; ארגומענטען וועט ער געברויכען געגען דעם „צומישטען“ שפּעטער, ווען דער דאָזיגער „מטורף“ וועט ענדיגען זיין רייהע ארטיקלען וועגען דעם געגענשטאַנד. איך האָב אָבער מורא, אז איינער מוז ווירקליך משוגע זיין צו האָבען אַ חשק רייהען ארטיקלען צו שרייבען אונטער דער רעדאַקציע פון אַ מענשען מיט אזא „ריינעם צונג“, אויב דער בעל לשון וועט ניט כאַפּען גלייך די ערשטע געלעגענהייט צו ענטשול־דיגען זיך, אָהן פּשט׳לאַך, פאַר דעם באַליידיגטען שרייבער.

מיין פראַגע, פאַרשטעהט מיך וואויל, גענאָסען, איז ניט, ק ע ן דער אַנאַרכיזמוס פּראָפּאַגאַנדירט ווערן אין פּאַרלאַמענט? זאָנ־דערן מ ע ג דער אַנאַרכיזם פּראָפּאַגאַנדירט ווערן אין פּאַר־לאַמענט? איך שטעל ניט די פראַגע, צי אַ געוויסע ארבייט איז פּראַקטיש, אויב זי קען געטאָן ווערן ניט שטעלענדיג דעם ציעל גופא אין סכנה; נאָר צי מ׳ מ ע ג זי טאָן, אין פּרינ־

ציפּ פון דער זאַך, ווען עס זאָל זיך ארויסווייזען, אז פאַרן ציעל שטעקט קיין סכנה ניט אין דעם? אויב עס „קען" איז א וויכטיגע פראַגע פאַר זיך אַליין און איך בין שטאַרק גענייגט צו ענטפערן „יא" אויף דעם, שוין זייט אַ שטיקעל צייט פאַר דער שפּאַנישער באַמבע. איך בין אַבער אַ מענש, וואָס ליעבט אַ סדר אין אַרגו־מענטען, וואָס זוכט אַן ענטפער על ראשון — ראשון, ועל אחרון — אחרון, דערפאַר בין איך אַזוי מקפּיד קלאַר צו מאַכען מיין מיינונג, און וויל פּערטיג ווערן צוערשט מיט דער וויכטיגערער פראַגע, צי מעג דער אַנאַרכיזם געהן אין פּאַרלאַמענט? צי מען מעג ווער־לען און ווערן ערוועהלט, מיט דעם איינציגען צוועק צו פּראָפּאַגאַנדירן אין פּאַרלאַמענט די פּרינציפּען פון אַנאַרכיזם? צי הייסט אַזאַ טהעטיגקייט צוזאַמענצופּאַרן דעם אַנאַרכיזם מיטן פּרינ־ציפּ פון רעפּרעזענטאַציאָן און מיט געזעצמאַכעריי?

זעהט איהר, גענאָסען, פליישיגע מיט מילכיגע איז נאָכ'ן אי־דישען דין אודאי טריף, אויב אָבער אַ מילכיגע לעפעל האָט זיך אַנגעריהרט אָן אַ טרוקענעם פליישיגען טאָפּ, איז נאָך אַ שאלה, צי עס איז טריף. רעפּרעזענטאַציאָן און אַנאַרכיזם איז על פּי שכל אודאי טריף, אויב אָבער דער אַנאַרכיזם ריהרט זיך אָן דער טרוקענער מעטאָדע פון רעפּרעזענטאַציאָן, צו שיקען אַ דעלעגאַט, וואָס זאָל פּראָטעסטירן געגען אַנטי־פרייהייטליכע געזעצמאַכע־ריי אין פּאַרלאַמענט — אויב דאָס איז טריף, איז נאָך אַ שאלה, גענאָסען! וואָס שלאָג איך פאַר? איך שלאָג פאַר, לאָמיר אָננעמען בדרך משל, אַז מיר, היגע אַנאַרכיסטען, זאָלען ביי די נעקסטע עלעקשאָנס ארויסשטעלען יאַנאָווסקי'ן פאַר אַ קאַנדידאַט אין קאָנ־גרעס, ער זאָל דאָרט פּראָטעסטירן געגען אַלע געזעצען וואָס שאַ־פען מאָנאָפּאָלען, וואָס גיבען פּריווילעגיעס צו געוויסע קלאַסען, וואָס בארויבען לאָקאַלע געמיינדען פון זייער אויטאָנאָמיע, וכדומה; ער זאָל אַגיטירן פאַר אָפּשאַפען דעם טאַריף און אַלע רויבער־געזעצע, מיט דער גאַנצער צענטראַליזירטער שטאַאַטס־סיסטעם גופא. שטעלט זיך יעצט פאַר בדרך וויטעסטען משל, וואָס קען געבען, אַז אונזער קאַנדידאַט איז ערוועהלט געוואָרן און ער פּראָטעס־טירט דאָרטען און אַגיטירט געגען דאָס אַלעס, וואָס איך האָב דאָ

אין קורצען אָנגערעכענט — הייסט עס, אַז אונזער אַנאַרכיזם איז טריף געוואָרן, ווייל מיר האָבען געשיקט א רעפּרעזענטאַנט? וועט דאָן די טהעטיגקייט פון דעם „פּאַרטרעטער" אונזערן אויס־געאיבט ווערן דאָרטען צו ה ע ל פ ע ן די שטאַאַטליכע גע־זעצמאַכעריי?

אויב איהר, גענאָסען, האַלט ניט אַזוי שטאַרק ווי איך פון אַרגומענטירן מיט א סוד, וועט איהר מיר גלייך ענטפערן: א סך וועט יאַנאָווסקי דאָרטען אויפטאָן! פּראָטעסטירן וועט ער! ווער וועט אים הערן? ווער וועט איהם זעהן? א גרויסע פּעולה וועט עס זיין, זיי וועלען זיך דאָך אויסלאַכען פון איהם! — וואָלט איך אייך אָבער געזאָגט: צי עס וועט זיין א גרויסע פּעולה, צי עס וועט זיין א קליינע פּעולה, צי עס וועט גאָר קיין פּעולה ניט זיין, איז א פראגע א שפּעטערדיגע; דערווייליגע, גענאָסען, ענט־פערט: איז אַזאַ ארבייט טריף צי ניט? געהט עס להיפּוך צו דעם אַנאַרכיזם? מ ע ג ע ן מיר דאָס טאָן, אויב מיר וועלען דענ־קען, אַז עס וועט יא זיין א פּעולה?

איהר וועט מיר ענטשולדיגען, אויב איך וועל זיך אויף א ווײַלע פאַרשטעלען, אַז איהר האַלט זיך נאָך אַלץ ניט צום פּונקט און שלאָגט מיר איבער די רייד, זאָגענדיג: סטייטש, דו אַליין האָסט דאָך מיט ציפערן באַוויזען, ווי נאַריש זיי מאַכען זיך די מענשען, די סאָציאַל דעמאָקראַטען, וואָס זיינען זיך עוסק מיט פּאַרלאַמענטאַריזמוס, ווי זיי האָבען קיין האָפנונג ניט ווען עס איז אריינצוכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט דאָ אין לאַנד, ווייל דאָ איז דאָס א פראגע פון מיליאָנען, און אין געלד רייכקייט קענען זיי ניט איבערשטייגען די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען! וואָלט איך אייך ווידער געזאָגט: גענאָסען! איך בין גרייט עס נאָך אַמאָל צו באַ־ווייזען, אַז עס איז ניטאָ קיין האָפנונג פאַר א פּראָלעטאַריער פּאַרטיי א ר יי נ צ ו כ א פּ ע ן ד י פּ אָ ל י ט י ש ע מ אַ כ ט דאָ אין לאַנד, וואו די פּאַרטיי, וואָס קען ספּענדען מעהר מיליאָ־נען, די ערוועהלט דעם פּרעזידענט. עס איז דארום אודאי נאַריש צו טרייען אריינכאַפּען די פּ אָ ל י ט י ש ע מ אַ כ ט; עס איז אָבער ניט נאַריש צו וועלען מאַכען פּ ר אָ פּ אַ ג אַ נ ד אַ ד ו ר ך

*פּאָליטישער טהעטיגקייט*; יעדענפאַלס האָב איך מיט אַ מאָנאַט צוריק ניט געזאָגט, אז *דאָס* איז נאריש. און די הויפּט זאַכע איז, אז דערווייליגע אונטערהאנדלען מיר, ניט צי עס איז קלוג, צי נאַריש, נאָר צי עס איז *טריף*, צי *כשר*; צי *מ׳מעג* על פּי דין פון אַנאַרכיזם געהן אין פּאַרלאַמענט?

א צרה איז נאָר וואָס עס איז ניטאָ קיין שולחן ערוך פון אַנאַרכיזם, וואו מ׳זאָל קענען געהן אויפזוכען דעם דין און ענטפערן די פראַגע יע צי ניין. פון אויטאָריטעטען האַלטען מיר אויך ניט, קענען מיר אפילו ניט שרייבען צו קראָפּאָטקינען און בעטען איהם ער זאָל אונז פּסק׳ענען דעם דין. מיר מוזען — אָה, אומגליק! אפּעלירן צום שכל, צו דער לאָגיקע: צו אונזער *אייגענעם* שכל, צו דער *אייגענער* לאָגיקע; און ווי באַלד אזוי, גענאָסען, טו לאָמיר איין מאָל פאר אלע מאָל „פאַרטיליגען“ אלע חרמות און קללות פון אונזערע דיסקוסיאָנען, און זאָל נאָר דער שכל און די לאָגיקע זיין דער פאָרזיצענדער אויף אונזער פאַרזאַמלונג פון ארגומענטען.

דער אַנאַרכיזם איז אונזער אידעאַל. וואָס איז א אידעאַל? א אידעאַל איז דער בעסטער צושטאַנד, וואָס מיר קענען זיך פאָרשטעלען. קען אַ אידעאַל מקוים ווערען שוין היינט? ניין. וועט אונזער אידעאַל מקוים ווערען סיי ווי סיי, אָדער מיר מוזען ארבייטען פאר איהם? מיר מוזען ארבייטען פאַר איהם. זיינען מיר באַגרענעצט אין דעם אויסוואהל פון מיטלען און מעטאָדען ווי צו אַרבייטען פאר אַיהם, אָדער מיר מעגען אָנווענדען אלע מעטאָדען? מיר זיינען באַגרענעצט. ערשטענס, קענען מיר ניט עובר זיין די גרעניצען פון עהרליכקייט און מענשליכקייט; צווייטענס קענען מיר ניט געברויכען אזעלכע מעטאָדען, וואָס פיהרען אוועק פון ציעל; יעדער מיטעל, וואָס מיר געברויכען, מוז ברייגען נעהענטער צום ציעל. — וואָס איז דער ציעל פון אַנאַרכיזם? צו דערגרייכען אַזאַ צושטאַנד פון געזעלשאַפטליכען לעבען, ווען יעדער איינער זאָל זיין עקאָנאָמיש אומאָפּהענגיג און פּאָליטיש פריי, דאָס הייסט ניט געצוואונגען זיין צו טאָן זאכען, וואָס זיינען נוגע זיינע באַציהונגען צו אַנדערע מענשען, נעגען זיין איינענעם פרייען ווי־

לען. קען אָט דער ציעל ערדייכט ווערן מיט אַמאָל, אָדער ער קען נאָר אריינגעפיהרט ווערן אין לעבען ביסלעכווייז? אין דעם ענט־פער זיינען פאראַן חלוקי דעות: א טייל אַנאַרכיסטען דענקען, אז די פעלקער בכלל זיינען פערטיג צו לעבען אַנאַרכיסטיש באַטש מאָרגען פריה; אלץ, וואָס מ׳דאַרף, איז אָפּשאַפען די פּאַראַזיטען און טיראַנען, וואָס דערלאָזען ניט דערצו. דאַרף מען, אלזאָ, קריגען א מחנה מענשען, וואָס זאָל זיך נעמען גלייך פאר דער ארבייט פון אָפּשאַפען, דאַן וועלען די פעלקער באַלד, אויף מאָרגען, האָבען ער־רייכט אונזער אידעאַל, דעם אַנאַרכיסטישען ציעל. נאָך א טייל אַנאַרכיסטען דענקען, אז די פעלקער בכלל זיינען ניט פּאַרטיג צו לעבען אַנאַרכיסטיש מאָרגען פריה. אז די טיראַנען און פּאַראַזיטען קומען ארויס פון זיי אליין, און דארום קען מען זיי מיט געוואַלט ניט אָפּשאַפען. וואָס דען? מ׳מוז מאַכען א ר ע וו אָ ל ו צ י ע אין די מוחות פון פאָלק גופא: מ׳מוז זיי לערנען, לערנען, אז זיי קענען אויסקומען אָהן פּאַראַזיטען און טיראַנען; מ׳מוז זיי באַווייזען, געבען צו פּאַרשטעהן, קלאָר מאַכען, אז עס איז אין זייערע אינטערעסען, אז עס איז גאַנץ לייכט, צו געהן אויפ׳ן וועג, וואָס פיהרט צום אַנאַרכיסטישען ציעל. און, גלויבט דער טייל אַנאַרכיסטען, וואָס מעהר די מוחות וועלען ווערן רעוואָלוציאָ־נירט, אלץ מעהר סטאַנציעס וועלען מיר האָבען פאַרבייגעפאָהרן, אלץ נעהענטער וועלען מיר זיין צום ציעל, אלץ מעגליכער וועט זיין צו פאַרווירקליכען דעם אידעאַל.

יעצט לאָמיר צוגעבען אויף א ווײלע, אז דער אנדער טייל אַנאַרכיסטען — רופט זיי, אויב איהר ווילט, ע וו אָ ל ו צ י אָ נ י ס ט ע ן — זיינען גערעכט: אז מ׳מוז ארבייטען פאר א רע־וואָלוציע אין די מוחות פון פאָלק גופא, ווייל היינטיגען טאָג איז נאָך דאָס פאָלק ניט רייף צו לעבען אַנאַרכיסטיש. וואָס דאַרפען זיי טאָן כדי צו העלפען מאַכען די רעוואָלוציע אין די מוחות? זיי דאַרפען פּראָפּאַגאַנדירן זייערע אידעען! פאַרשפּרייטען די אי־דעען פון אַנאַרכיזם! ווי טהוט מען דאָס? די ערשטע זאַך איז ארויסצוגעבען א צייטונג אָדער א בראָשורע. די צווייטע זאַך איז האַלטען פאַרזאַמלונגען. פינף און צוואַנציג יאָהר איז אָט די ארבייט

געטאָן געוואָרן דאָ אין לאַנד; פינף און זיבעציג מיליאָן מענשען זיינען פאראן דאָ אין לאַנד — וואָס איז דער רעזולטאַט? עס זיינען דאָ צוויי קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע שאַלטען און וואַלטען איבער דעם גאַנצען לעבען פון לאַנד; עס שטייגען ארויף רעפאָרם פּאַרטייען פון צייט צו צייט און פארשווינדען; עס איז פאראַן אַ סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וועלכע פארשווינדט ניט, נאָר ביסלעכווייז האַלט אין וואַקסען (איין גאָט ווייס ווי איך פארגין זיי דאָס ניט...) און אַ גרויסע מאַסע אומצופרידענע ראַדיקאַלע עלעמענטען, וועלכע וואָלטען זיין פאַרטיג צו בויען אַ ו נ ז ע ר טעמפּעל, ווען מיר וואָלטען זיי געקענט גרייכען, און רעדען צו זיי און באווייזען זיי ווי פראַקטיש אונזערע פּלענער זיינען — אָבער אונזער פּראָפּאַגאַנדאַ, אין בעסטען פאַל, גרייכט ניט מעהר ווי אַן ערך פון אַ פינף און צוואַנציג טויזענד מענשען אין גאַנצען לאַנד. אלזאָ, ניט מעהר, ווי איין דרייסיגטייל פון איין פּראָצענט!

נון, איז דאָ נאָך אַ מיטעל, די פּאָליטישע טהעטיגקייט, צו פארשפרייטען די אידעע פון אַנאַרכיזמוס — ניט די „פּאָליטישע טהעטיגקייט“ פון היסטאָרישען 56 אָרטשאַרד סטריט, וואו פאַר אַ מאַסע פון צוויי הונדערט גענאָסען פלעגען מיר שטורעמען און שרייען, אַז „זיי“ זיינען אַלע גנבים און גזלנים, אין דער צייט פון אַ קאַמפּיין, ווי אין יעדער אַנדער צייט, און אַז מ'מוז מאַכען „טאַבולאַ ראַזאַ“ פון דער גאַנצער פארפלוכטער אָרדנונג — ניט די, נאָר פּשוט נעמען שטעלונג אין אַ געוויסער פּאָליטישער פראַגע, און אַגיטירן פאַר אונזער אַ גענאָסע אַלס קאַנדידאַט פארן פּאַרלאַמענט, מיט דער אַבזיכט איהם צו ערוועהלען און ער זאָל פון דאָרט רעדען צום גאַנצען פאָלק וועגען אונזערע אידעען און האָפנונגען. עס פארשטעהט זיך, אַז דערצו איז נויטיג אַן אָרגאַניזירטע פּאַרטיי, מיט אַ קלאָרער און דייטליכער פּלאַטפאָרמע, אין וועלכער עס ווערט אָפען דערקלערט, ערשטענס — אַז מיר זיינען דאַגעגען באָמבען וואַרפעריי און אַנדערע טעראָריסטישע מיטלען און, צווייטענס, אַז מיר מיינען צו געהן אין פּאַרלאַמענט, ניט מיט דער אַבזיכט ענדליך צו געווינען פּאָליטישע מאַכט, נאָר מיט דער האָפנונג צו געווינען די מוחות פון פאָלק פאַר די און די גרינדליכע פּרינציפּען

פון אנארכיזם. אט די פ א ק ט י ש ע פּאָליטישע טהעטיג־קייט רוף איך אָן א מיטעל, יא, דער וויכטיגסטער מיטעל ווי צו פארשפרייטען די אידעע פון אנארכיזם.

אומוויסענדע אנארכיסטען, ווי אויך אומוויסענדע סאָציאל דעמאָקראטען, האָבען שוין לאנג ביי זיך באַשלאָסען, אז סיי סאָציאל דעמאָקראטען, סיי אנארכיסטען, זוכען א גן עדן אויף דער וועלט פאר דער צוקינפטיגער מענשהייט. אלא וואָס איז דער חילוק צווישען זיי ביידען? דער חילוק איז, וואָס אנארכיסטען האלטען ניט פון פּאָליטישען קאַמף, און סאָציאל דעמאָקראטען האלטען יא פון פּאָליטישען קאַמף! עס וואָלט מיר דארום א האָר ניט וואונדערן, אויב עטליכע סאָציאל דעמאָקראטישע פערד וואָלטען מיר געשיקט אַן איינלאַדונג צו ווערן ביי זיי א סטאָמפּ־ספּיקער, און אויב בהמות פון אנארכיסטישען לאגער וואָלטען מיר אָפּגעשיקט מיינע פּאַספּאָרטען און אָפּגעזאָגט זיך פון חבר׳שאַפט מיט מיר... אָבער נאָך אלעם דעם ווער רעדט פון זיי? מיר האָבען אָפּגעמאַכט צו פארלאָזען זיך אויפן שכל, און וואָס זאָגט דער שכל דערצו? — ערשטענס, מאַכט דער שכל א חילוק צווישען פּרינציפּ און מעטאָדע; צווייטענס, זעהט מען מיט שכל, אז די פּאָליטישע אקציאָן, אזוי גוט ווי די רעוואָלוציאָנערע בונטאָווסטוואָ, זיינען ניט קיין פּרינציפּען, נאָר מעטאָדען. דריטענס, וויסט מען, אז רעוואָלוציאָנערע בונטאָווסטוואָ איז ניט אויסשליסליך א מעטאָדע פאר אנארכיסטען. סאָציאל דעמאָקראטען האָבען באַנוצט די רעוואָלוציאָנערע מעטאָדע, און איך צווייפעל ניט, אז אלס ערנסטע מענשען, וועלען זיי זי ווידער באַנוצען, ווען זיי וועלען מיינען, אז זי וועט זיי העלפען צו פארכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט. די ליבעראלע בורזשואזיע האָט געמאַכט רעוואָלוציעס; קאָנסערוואטיווע איירישע פּארמערס און רוסישע פּויערים מאַכען רעוואָלוציאָנערע בונטען פאר זייער אַגראר פּראָגראַם. און פערטענס, — פערטענס, איז דער הויפּט פּונקט, וואָס איך וויל דאָ באַווייזען מיטן שכל.

פערטענס איז, אז די פּאָליטישע אקציאָן איז ניט אויסשליסליך א מעטאָדע פאר סאָציאל־דעמאָקראטען; אז אנארכיסטען מעגען גראָדע אזוי גוט זיך באַנוצען מיט דער מעטאָדע צו פאר־

שפּרייטען דעם אַנאַרכיזם ווי מיט אירגענד וועלכער אַנדער מעטאָ־דע; אַז דער פּרינציפּ וועט דאַדורך ניט ליידען, און דער אידעאַל וועט דאַדורך ניט אָפּגעשטופּט ווערן, נאָר פאַרקערט, ער וועט נעהענטער ווערן.

דער פּרינציפּ פון אַנאַרכיזם איז, ערשטענס, אַז דער שטאַאַט, דאָס הייסט, די צענטראַליזירטע מאַכט, דורך געזעצגעבונג פון מאַיאָריטעט פאַרטרעטער, איז אַן אָנגריף אויף דער פרייהייט פון דער מינאָריטעט. צווייטענס, אַז אַלע געזעצע, וואָס עקזיסטירן היינט אויפצוהאַלטען אייגענטום אין לאַנד, און מאָנאָפּאָל אויף די מיטלען פון פּראָדוקציאָן, זיינען אומגערעכטע, און מוזען דאַ־רום אָפּגעשאַפט ווערן. נון, ווען מיר נעמען אָן די לאַנגזאַמע מעטאָדע פון אויפקלערונג, פאַרשטעהען מיר, אַז מ׳קען ניט אַלעס אָפּשאַ־פען מיט איין מאָל, מוזען מיר זיך אַלזאָ באַנוגענען פּועל צו זיין א שטופענווייזע אָפּשאַפונג. כאָטש אָן, מיר ווילען אָפּשאַפען די מאָנאָפּאָלען פון דער רעגירונג און די באַנקען ארויסצוגעבען געלד. מיר מאַכען אַזאַ פאָרשלאָג און גיבען אונזערע גרינדע און ערקלע־רען אונזער שטאַנדפּונקט וועגען מאָנאָפּאָל בכלל און אַגיטירן וועגען דעם פּונקט בפרט. זינדיגען מיר דערמיט געגען דעם פּרינ־ציפּ פון אַנאַרכיזם, וועלכער פאָדערט אַן ענדליכע אָפּשאַפונג פון אַלע מאָנאָפּאָלען? ניין. מיר האַלטען אין אויג דעם ג א נ צ ע ן אידעאַל און אַרבייטען פאַרלויפיג פאַר דאָס, וואָס מ׳קען: תפשת מרובה לא תפשת.

אָנגענומען, אַז מיר זיינען צאָהלרייך גענוג צו קענען ערוועה־לען א קאָנגרעססמאַן, און מיר האָבען איינעם ערוועהלט, און ער נעמט א געוויסע שטעלונג אין פאַרשידענע פראַגען, וואָס קומען דאָרט פאָר, — האַנדעלט ער ניט ווי א פאַרטרעטער? און איז ניט זיין שטעלונג אַן אָנגריף אויף דער פרייהייט פון דער מינאָרי־טעט? ניין. אונזער פאַרטרעטער" איז אונזערער א דעלעגאַט אויס־צודריקען מיינונגען אין איינקלאַנג מיטן אַנאַרכיזם; ער גרייפט קיין מאָל ניט אָן וועמעס עס איז פרייהייט, דען ער שטימט קיינ־מאָל ניט איינצופירן אַן אַנטי־פרייהייטליכע געזעץ. אין פאַל

אפילו, ווען ער ציהט פאַר איין ביל, וואָס איז מעהר אין איינקלאַנג מיט פרייהייט, איבער אן אנדערען וואָס איז מעהר אין איינקלאַנג מיט צענטראַליזאציע, האַנדעלט ער אויך אין זין פון אונזער אי־דעאַל, און געגען טיראַניי. און א חוץ דעם, ווען עס ווערט האַלטען דערביי, וועלען מיר ערפינדען אלערליי סייגים וגדרים, אונזער דעד־לעגאַט זאָל פאַר יעדען פונקט באַזונדער קריגען אונזער מאַנדאַט, און זאָל דינען ווי א שליח מיוחד פאַר יעדער ספּעציעלער פראגע.

נעמט א לעבעדיגען ביישפּיעל: אין קאָנגרעס קאָכט זיך יעצט וועגען דעם שיקאַגא יאַטקע־דזשאַנגל. עס ווערט פּראָיעקטירט א נאַ־ציאָנאַלע אינספּעקציאָן און די מאַיאָריטעט איז דערפאַר. ווען דאָרט זאָל זיין א סאָציאַל דעמאָקראַטישער פאַרטרעטער, וואָס וואָלט ער פאַר א שטעלונג גענומען? ער וואָלט, ערשטענס, פאַר־געשלאָגען וואָס מעהר נאַציאָנאַלע אינספּעקציאָן; און צווייטענס, ניט נאָר אינספּעקציאָן, נאָר אויך די גאַנצע מענערדזשמענט, דאָס אייגענטום און קאָנטראָל זאָל זיין נאַציאָנאַל. — ווען דאָרט זאָל זיין אַן אנארכיסטישער פאַרטרעטער, וואָס פאַר א שטעלונג וואָלט ער גענומען? ערשטענס, אז די איינפיהרונג פון נאַציאָנאַלע אינ־ספּעקציאָן איז אַן אָנגריף אויף דער לאָקאַלער פרייהייט פון דער באַ־טרעפענדער מוניציפּאַליטעט, און עס עפענט א ברייטע טיר פאַר די אנטי־פרייהייטליכע אריינמישונג פון שטאַאט אין נאָך אַנדערע לאָקאַלע אנגעלעגענהייטען. צווייטענס, וואָלט ער אריינ־געבראַכט א רעזאָלוציאָן, אז דער קאָנגרעס זאָל ערקלערן, אז ער מישט זיך ניט אין אַזעלכע זאַכען, און דער עולם זאָל זיך ניט פאַר־לאָזען אויף שטאַאטליכע אינספּעקציאָנען, נאָר זאָל אליין, אויס־איבענדיג דעם דרוק פון באָיקאָט פאָדערן א גאַראַנטיע, אז אין די יאַטקעס געהט אלעס צו כשר וישר.

איך מיין, אז ניט נאָר וואָלט אַזאַ שטעלונג געווען פאָלשטענ־דיג פּרינציפּיעל, נאָר זי וואָלט אויך געפונען א גרויסע אנהענגער־שאַפט ביים עולם, און עס וואָלט געמאַכט גוטע פּראָפּאַגאַנדא פאַרן אַנאַרכיזם. איך וויל זיך אָבער פאַרלויפיג האַלטען אַן מיין סדר און דיסקוטירן דעם הויפּט פּונקט, צי עס איז פּרינציפּיעל? און

אויב ניט, פאַרוואָס ניט? די פראַגע צי קען מען עס אויספיהרן און די נעקסטע פראַגע פון אָרגאַניזאַציאָן, גלויב איך, וועלען זיך בעסער לאָזען באַהאַנדלען נאָך דעם ווי אַט די ערשטע און וויכטיגסטע פראַגע וועט גרינדליך דיסקוטירט ווערן.

# פּאָליטישע טעטיגקייט און אַנאַרכיסטישע פּרינציפּען *

אין זיין דריטען אַרטיקעל, קריטיקירענדיג מיין פּאָרשלאַג, אַז אַנאַרכיסטען זאָלען זיך נעהמען פאַר פּאָליטישער טעטיגקייט, גרייפט גען. ראָקער אָן די וויכטיגסטע פּונקטען פון מיין פּאָרשלאַג און אַרגומענטירט וועגען זיי אַזוי עהרליך און געלאַסען, אַז איך פיהל מיך ווי אויסצודריקען אָפען מיין דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג צו איהם פאַר דעם גוטען ביישפּיל, וואָס ער האָט דערמיט געגעבען, ווי אַן עהרליכע קריטיק דאַרף געפיהרט ווערן. איך וויל דאָ בקיצור רעזומירן זיינע אַרגומענטען און געבען מיין ענטפער אויף יעדען פּונקט כסדר.

גען. ראָקער זאָגט, ערשטענס: דערמיט וואָס איך האָב באַשרענקט די דיסקוסיאָן צום פּונקט, צי מען מעג נעהמען אַנטייל אין פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיגקייט, אַנשטאָט צו דיסקוטירן, צי מען קען דאָס טאָן, האָב איך געמאַכט די פראַגע נאָך דונקעלער און אומבאַשטימטער; און ער פאָדערט מיך אַרויס צו זיין „אַ ביסעל דייטליכער אין מיינע אויספיהרונגען“. „די פראַגע, זאָגט ער, איז ניט, מעג איך פליהען? זאָנדערן, קען איך פליהען? אויב גען. מעריסאָן וואָלט אונז געציינט, ווי אַזוי מיר קענען אָנפיהרן אַ פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיגקייט אלס אנארכיסטען, דאַן וואָלט ער געקענט פאַרשפּאָרן דעם גרעסטען טייל פון זיינע ווערטער, און די דיסקוסיאָן וואָלט באַקומען אַ פּראַקטישען פונדאַמענט“.

דער פאַקט איז, אַז איך האָב טאַקע געשטעלט די פראַגע, צי מיר קענען אָנפיהרן אַ פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיגקייט אלס

---

* „זשערמינאל“, לאָנדאָן, 1907.

אַנאַרכיסטען; ד. ה. צי די אַנאַרכיסטישע פּרינציפּען ערלויבען דאָס אונז, אין אַנדערע ווערטער: צי מיר מעגען עס טאָן. דאָס קענען אַליין, דאָס פּיזישע קענען, אַזוי צו זאָגען, איז זיכער ניט די הויפּטוויכטיגקייט: יעדע חברה קען, אויב ניט היינט איז מאָרגען, אָרגאַניזירן זיך אַלס פּאָליטישע פּאַרטיי און באַטרייבען פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיגקייט. די פּראַגע, אַלזאָ, איז דאָ ניט, קען איך פליהען אין פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיגקייט אריין? זאָנדערן די פּראַגע איז: קען איך פליהען אין אַזעלכע טעטיגקייט אַלס אַנאַרכיסט? און דאָס מיינט פּונקט דאָס זעלבע ווי די פּראַגע, „מעג איך דאָס טאָן?" עס איז קלאָר אַז פּאַקטיש קענען מיר אַרויסשטעלען אַ קאַנדידאַט אַפּילו מאָרגען, אויב מיר ווען צוערשט איינשטימען, אַז מיר מעגען אָדער קענען דאָס טאָן פּרינציפּיעל אַלס אַנאַרכיסטען. דאָס איז אומבאַדינגט דער איינציגער פּונקט צו דיסקוטירן פאַר אונז אַנאַרכיסטען, דען דער אַנדער פּונקט, צי מיר וועלען עפּעס געווינען דערביי, איז אַ פּראַגע פון צייט און אָרט, וועלכע קען ניט פאַרענטפערט ווערן איין מאָל פאַר אַלע מאָל און איבעראַל גלייך. אַנגענומען, אַז אין שפּאַניען וועלען מיר דערביי ניט געווינען, קען אָבער זיין, אַז דאָ אין אַמעריקא וואָלטען מיר דערביי יאָ געוואונען: אויב די פּראַגע פון מעגען וואָלט זיין „געסעטעלט", וואָלטען מיר וועגען דעם פּאַקטישען „קענען" גאָר ניט געהאַט וואָס צו דיסקוטירן.

עס איז פאַר מיר קלאָר, אַז גענ. ראקער האָט איינפאַך ניט איינגעזעהן, אַז „מעגען" עפּעס טאָן און „פּרינציפּיעל קענען" עפּעס טאָן איז איינס און דאָס זעלבע זאַך; אַז דער חילוק פון מעגען און קענען איז נאָר אַ חילוק ווען אונטער „קענען" פאַרשטעהט זיך „פּיזישער קענען", ווי למשל פאַר אַ מענשען צו קענען פליהען אין דער לופטען. אַזוי ווי אָבער וועגען דאָס פּיזישע קענען פון אָרגאַניזירן זיך אַלס פּאָליטישע פּאַרטיי איז גאָר קיין פּראַגע ניט, מוז די פּראַגע אַלץ בלייבען אַ ריין פּרינציפּיעלע — הייסט דאָס אַז איך האָב ניט „ליידער באַשרענקט" די דיסקוסיאָן, און האָב זי ניט געקענט מאַכען דאַדורך „דונקעלער און אומבאַשטימטער", ווי זי מוז נויטווענדיגערווייזע זיין.

דער הויפט און וויכטיגסטער פונקט איז טאקע דאך, צי פארלאמענטארישע טעטיגקייט שטימט מיט די אנארכיסטישע פרינציפען, און גענאסע ראקער'ס ארגומענטען אויף דעם פונקט זיינען דער וויכטיגסטער טייל פון זיין גאנצען ארטיקעל. ער זאגט אזוי: „גענ. מעריסאן זוכט אונז צו באווייזען, אז די פארלאמענטארישע טאקטיק איז ניט מעהר ווי א מעטאדע, א וועג, ווי צו דערגרייכען א געוויסען ציעל, פאלגליך האט זי גארניט צו טאן מיט די פרינציפען פון אנארכיזם. אבער דאס איז דאך נאר א באהויפטונג! פרינציפ און טאקטיק זיינען ענג פארבונדען איינער מיט דעם אנדערן". — ווי וואלט געווען, ווען איך וואלט פאראפראזירט זיין זאץ און וואלט געזאגט: גענ. ראקער זוכט אונז צו באווייזען, אז די אנטי־פארלאמענטארישע טאקטיק און די אנארכיסטישע פרינציפען זיינען ענג פארבונדען איינע מיט די אנדערע. אבער דאס איז דאך נאר א באהויפטונג. פרינציפ און טאקטיק זיינען ניט ענג פארבונדען איינער מיט דעם אנדערן. וואלט איך אויף דעם אופן ניט געהאט פונקט אזא גערעכטען ארגומענט ווי גענ. ראקער? דאס, וואס איך זאג, איז א באהויפטונג, וועלכע איך זוך צו באווייזען, און דאס, וואס ער זאגט, איז א באהויפטונג, וועלכע ער זוכט צו באווייזען. א פרינציפיעלע פראגע איז א פראגע פון לאגיקע, און א לאגישע דיסקוסיאן קען נאר אנגעפיהרט ווערן מאכענדיג באהויפטונגען און זוכען זיי צו באווייזען. ווי קען מען אנדערש ארגומענטירן? אלץ וואס מען דארף, איז צושלאגען יענעמס באווייזען, און דאס האט גענ. ראקער גראד ניט געטאן. וויל איך אלזא פארזוכען צו צושלאגען זיינע באווייזען. ער ארגומענטירט ווי פאלגט:

„דער אנארכיסט איז א געגנער פון יעדער רעגירונג, אונטער וואס פאר א פארמע זי זאל זיך ניט מאניפעסטירן. זיין ציעל איז ניט די עראבערונג, זאנדערן די פארניכטונג פון דער פאליטישער מאכט: פאלגליך קען ער ניט זיין קיין אגענט אדער פארטרעטער פון דער רעגירענדער מאכט. דער אנארכיזם גרינדעט זיין גאנצע לעהרע אויף דער פרייער פערזענליכקייט, און דער טאקטישער אויסדרוק פון דיזער לעהרע איז לאגישערווייזע די פערזענליכע איני־

ציאַטיווע און די דירעקטע אַקציאָן. די פאָרמען פון דיזער טאַקטיק מעגען זיין פאַרשידען לויט די אומשטענדען, אָבער דער קאַמף אַליין וועט שטענדיג זיין אַ דירעקטער קאַמף".

דער ערשטער זאַץ, ווען מען זאָל איהם נעהמען ווערטליך, איז דורכאויס ניט ריכטיג. דער אַנאַרכיסט איז ניט קיין געגנער פון יעדער רעגירונג. אויב די רעגירונג מאַניפעסטירט זיך אין דער פאָרמע פון אַ לאָקאַלער אויטאָנאָמיע, איז דער אַנאַרכיסט ניט געגען איהר, זאָנדערן זעהר שטאַרק פאַר איהר. דער אַנאַרכיסט איז אַ געגנער הויפּטזעכליך פון איין געוויסער פאָרמע פון רעגירונג, און דאָס איז, פון שטאַאַט, וועלכער, נאָך קראָפּאָטקין'ס מייסטערהאַפטער דעפיניציאָן, איז — די קאָנצענטראַציאָן פון אַסך פונקציאָנען פון געזעלשאַפטליכען לעבען אין איין צענטער פון אויטאָריטעט. דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל איז די אויטאָנאָמע גרופּע, וועלכע רעגירט זיך און פאַרוואַלטעט איהרע אינטערעסען זעלבסטשטענדיג, אָהן דער אריינמישונג פון אַן אויסערליכער אויטאָריטעט. קיין שטאָדטישער צוזאַמענלעבען איז ניט מעגליך, סיידען איינזעלנע אויטאָנאָמע גרופּען וועלען זיין פעדערירט אין אַ מוניציפּאַליטעט. די באַראַטונג וועגען די אַלגעמיין מוניציפּאַלע אינטערעסען וועט נויטווענדיגערווייזע מוזען פאָרקומען דורך דעלעגירטע פון יעדער גרופּע, וועלכע וועלען ווערן געוועהלט און וועלען זיין די אמת'ע פאָרטרעטער פון זייערע גרופּען. אויב ירגענד וועלכע גרופּע וועט האָבען גענוג אורזאַך צו זיין אומצופרידען מיט די באַשלוסען פון דער מוניציפּאַלער פאַרוואַלטונג, וועט זי קענען צוריקציהען איהר דעלעגאַט און ניט נעהמען קיין אָנטייל אין דער באַטרעפענדער מוניציפּאַלער אַרבייט. דאָס רעכט פון צוריקציהען זיך נעהמט אַוועק דעם שטאַאַטליכען כאַראַקטער פון דער פעדערירטער פאַרוואַלטונג, און איז אַלזאָ ריין אַנאַרכיסטיש. אויף דעם אופן אַליין איז מעגליך אַן ענטוויקעלטעס געזעלשאַפטליך צוזאַמענלעבען אויף אַנאַרכיסטישע פּרינציפּען.

דערפון פאָלגט, אַז דער אַנאַרכיסט איז אַ געגנער בלויז פון דער שטאַאַטליכער, אָבער ניט פון דער לאָקאַלער פאַרוואַלטונג פון

דער געמיינדע פון וועלכער ער איז א מיטגליד. פאַרקערט, דער אַנאַרכיסט דאַרף זיין די גרעסטע שטיצע פון אַזעלכע לאָקאַלע רע־גירונגען, און דאַרף זעהן צו געווינען וואָס מעהר אויטאָנאָמיע, וואָס מעהר „האָום רול“, פאַר זיין לאָקאַלער געמיינדע, אָנהויבענדיג שוין איצט, אַפילו ווי זי איז היינטיגען טאָג קאָנסטיטואירט, כדי צו בויען און ע נ ט וו י ק ל ע ן זיין אידעאַל, און ניט וואַרטען ביז וואַ־נען א שטורעמדיגע רעוואָלוציע וועט געבען די מעגליכקייט איינ־צופיהרען דעם פאָלשטענדיגען אידעאַל מיט איין קלאַפּ.

דער צווייטער זאַץ איז ריכטיג, אָבער ניט וויכטיג פאַר אונזער דיסקוסיאָן. עס איז ריכטיג, אַז דעם אַנאַרכיסט׳ס ציעל איז די פאַרניכטונג פון דער פּאָליטישער (דער שטאַאַט׳ס) מאַכט, און פאָלגליך קען ער ניט זיין קיין אַגענט אָדער פאַרטרעטער פון דער רעגירענדער (דער שטאַאַטליכער) מאַכט — אָבער צי דען שלאָג איך פאָר, אַז דער אַנאַרכיסט זאָל ווערן דעם שטאַאַט׳ס אַגענט אָדער פאַרטרעטער? גענ. ראקער פאַרשטעהט דאָכט זיך גענוג אידיש צו וויסען, אַז איך שלאָג פאָר, אַז דער אַנאַרכיסט זאָל זיין א ו נ ז ע ר אַגענט און פאַרטרעטער, דער אַגענט און פאַרטרעטער פון אונזער באַוועגונג, פון אונזער פּאַרטיי, פון אונזער פּראָפּאַגאַנ־דאַ, א ו ן א י מ ע ר א י ן א פּ אָ ז י צ י אָ ן צ ו ם ש ט אַ אַ ט א ו ן צ ו ז י י ן פּ אָ ל י ט י ש ע ר מ אַ כ ט! יעדער פאָרשלאַג צו ווירקען אלס אָפּאָזיציאָן צום שטאַאַט איז, טעאָרעטיש צום ווייניג־סטענס, פּרינציפּיעל אַנאַרכיסטיש. יעדער פאָרשלאַג צו פּראָפּאַ־גאַנדירען א ו נ ז ע ר ע אידעען, צו פאַרשטאַרקען א ו נ ז ע ר באַווע־גונג, איז אַנאַרכיסטיש אין פּרינציפּ. געהן אין פּאַרלאַמענט מיט דער אַבזיכט צו ווירקען דורך פּראָטעסט און אויפקלערונג געגען דער שטאַאַטליכער פאַרגוואַלטיגונג פון די רעכט פון פּערזאָנען און גע־מיינדען, קען בשום אופן ניט הייסען צו ווערן דעם שטאַאַט׳ס אַן אַגענט און פאַרטרעטער.

דער דריטער זאַץ פון אַרגומענט לויטעט: דער אַנאַרכיזם גריינדעט זיין גאַנצע לעהרע אויף דער פרייער פּערזענליכקייט, דאַ־רום איז לאָגישערווייזע זיין טאַקטישער אויסדרוק די פּערזענליכע

איניציאַטיווע און די דירעקטע אַקציאָן. — לאָגיש באַטראַכט איז דאָס אַן איינפאַכער וואָרט־שפּילכעל, וועלכער קען נאָר פאַרפיהרען אַ בלינדען. די לעהרע פון אַנאַרכיזם איז צו שאַפען אַ מעגליכקייט, עס זאָל קענען זיין אַ פרייע פּערזענליכקייט, ניט זי איז געגרינדעט אויף דעם פאַקט פון אַ פרייער פּערזענליכקייט. דער טאַקטישער אויסדרוק פון אַט דער לעהרע איז לאָגישערווייזע די אַפּשוואַכונג, אָדער אָפּשאַפונג פון יעדער מאַכט, וועלכע צעשטערט די פרייע פּערזענליכקייט, דורך יעדען פּאַסענדען מיטעל, וואָס קען פיהרען צום געווינשטען ציעל. דער אַנאַרכיזם גרינדעט זיין גאַנצע לעהרע פון פּערזענליכער פרייהייט אויף די נויטווענדיגע באַדינגונגען פון אַ פאָרטשריטליכער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג, און די מיטלען פון אַנטוויקלונג זיינען איבעראַל אין דער נאַטור — דער קאַמף געגען אויסערליכע אומשטענדען. די געשיכטע פון דער מענשהייט באַשטעהט ניט דוקא פון עקאָנאָמישע קלאַסען־קאַמפען, זי באַשטעהט אָבער הויפּטזעכליך פון קלאַסען אָדער גרופּען־קאַמפען, ניט פון איינצעל־קאַמפען. די פּערזענליכע איניציאַטיווע איז בלויז איינער פון די וויכטיגסטע עלעמענטען אין יעדען אָרגאַניזירטען קאַמף, — אַפילו אין דעם חיל פון אַ טיראַן'ס אַרמיי, פיהרענדיג אַ מלחמה געגען פרייהייט, ניט דוקא אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי פון אַנאַרכיזם, פיהרענדיג אַ מלחמה פאַר פּערזענליכער פרייהייט.

גענ. ראָקער'ס לאָגיקע דערמאָנט מיר אָן דער לאָגיקע פון אַ סאָציאַלדעמאָקראַט, וועלכער האָט מיט מיר גע'טענה'ט, אַז די אינדיווידועלע אַטענטאַטען און די באָמבען־וואַרפעריי זיינען אַ לאָגישע קאָנסענקווענץ פון דער אַנאַרכיסטישער טעאָריע, וועלכע פּרעדיגט פּערזענליכע פרייהייט און די פּערזענליכע איניציאַטיווע. אויב דער טאַקטישער אויסדרוק פון אַנאַרכיזם איז ווירקליך די פּערזענליכע איניציאַטיווע (אין דעם זין פון איש כל הישר בעיניו יעשה) און די דירעקטע אַקציאָן אַלס געגענזאַץ צו דער פּראָפּאַגאַנדאַ דורך פּאַרלאַמענטאַרע טעטיקייט, דאַן איז דער אינדיווידועלער אַטענטאַט און די באָמבע די ריכטיגסטע קאָנסעקווענץ פון דער אַנאַרכיסטישער טאַקטיק און פון אַנאַרכיזם גופא. איז גענ. ראָ־

קער פּאַרטיג צוצוגעבען, אַז יענער סאָציאַלדעמאָקראַט האָט ריכטיג אויסגעדריקט דעם עסענץ און די קאָנסעקווענץ פון אַנאַרכיזם?

לאָמיר זיך ניט נאַרן, דירעקטע אַקציאָן מיינט אין לעצטער רעכענונג, אַז געזעלשאַפטליכע ענדערונגען קומען געוועהנליך דורך רעוואָלוציאָנערע קאַמפען, ניט דורך די הערשענדע מאַיאָריטעטען פון פּאַרלאַמענט. זעהר גוט. איך גיב עס צו מיט מיין גאַנצען פאַרשטאַנד; אָבער איידער רעוואָלוציאָנערע קאַמפען קענען פּאָרקומען, מוז מען דאָך פּראָפּאַגאַנדירען, טאָ וואו ליגט עס אין דער פאָרמולע פון „דירעקטע אַקציאָן“, אַז אַנאַרכיסטען מוזען פיהרן זייער פּראָפּאַגאַנדא בלויז אין יוניאָנס און אויף געגנאָסענשאַפטליכע פאַרזאַמלונגען, און ניט אויך אין פּאַרלאַמענט? איך קען פאַרשטעהן די ספּעציעלע ארגומענטען, פאַרוואָס פּאַרלאַמענטאַרישע פּראָפּאַגאַנדע טויג פאַר אונז ניט, דהיינו, אַז אין אייניגע לענדער איז עס ניט פּראַקטיש, אין אַנדערע איז עס איבערהויפּט אוממעגליך א. אַז. וו. איך זעה אָבער ניט איין, ערשטענס, אַז די דירעקטע אַקציאָן איז ספּעציעל אַן אַנאַרכיסטישע קאָנסעקווענץ, און צווייטענס, ווי אַזוי די דאָזיגע פאָרמולע שליסט אויס געוויסע פאָרמען פון פּראָפּאַגאַנדא, וועלכע מוזען אומבאַדינגט באַטריבען ווערן, כדי צו מאַכען מעגליך די געווינשטע רעוואָלוציאָנערע קאַמפען.

גענ. ראָקער גיט צו, אַז די פאָרמען פון דער דאָזיגער טאַקטיק קענען זיין פאַרשידען און קענען זיך בייטען לויט די אומשטענדען. „אָבער דער קאַמף אַליין, זאָגט ער, וועט שטענדיג זיין אַ דירעקטער קאַמף“. — וואָלט איך איהם פרעגען: און אין וועלכער קאַטעגאָריע רעכענט ער אריין די פּראָפּאַגאַנדא, וואָס מוז געמאַכט ווערן איידער דער קאַמף וועט שטאַטפינדען? געהערט עס צו דער קאַטעגאָריע פון קאַמף גופא, אָדער צו אַ פאָרמע פון טאַקטיק, וועלכע גרייט צו צום קאַמף? אויב עס געהערט צו דער לעצטער, דאַן קען מען דאָך זיך פאָרשטעלען אַזעלכע אומשטענדען, ווען די פּראָפּאַגאַנדא אין פּאַרלאַמענט קען ווערן דער וויכטיגסטער מיטעל ארויסצורופען אַ דירעקטען קאַמף אויפ'ן גאַס! גענ. ראָקער געדיינקט דאָך, אַז איך זוך בלויז די פּלאַטפאָרמע פון פּאַרלאַ־

מענט, צו אגיטירן דארט פאר אונזערע אידעען, און דערווארט קיינ־מאל ניט צו מאכען דארט געזעלשאפטליכע רעוואלוציעס. טא אויף וויפיעל קען זיין ריכטיגע מיינונג וועגען א דירעקטען קאמף אנגרייפען מיין ארגומענט וועגען פראפאגאנדירן אונטער פאסענ־דע אומשטענדען אפילו אין פארלאמענט, כדי וואס גיכער ארויס־צורופען א דירעקטען קאמף?

מיר שיינט, אלזא, אז לאגיש באטראכט איז אין עצם פון די אנארכיסטישע פרינציפען ניטא קיין פארבאט געגען אירגענד וועל־כען פאסיגען מיטעל צו פארשפרייטען די אידעען פון אנארכיסטי־שער פרייהייט. די איינציגע פראגע איז נאר, צי איז די פארלא־מענטארישע טעטיגקייט א פ א ס י ג ע ר מיטעל? גענ. ראקער איז איבערציינט, אז עס איז ניט; און אט זיינען זיינע ארגומענטען:

„דער מאדערנער פארלאמענטאריזם, דאס זאגענאנטע רע־פרעזענטאציאן־סיסטעם, איז אין דער ווירקליכקייט נאר א נייע פארמע פונ׳ם שטאאט־פרינציפ. דער אנארכיסט וויל עס אפ־שאפען. דער פונדאמענט פון דיזען איבעל איז די אומוויסענ־הייט, דער אבערגלויבען, דער רעספעקט פון די מאסען פאר דיזע איינריכטונגען. דיזער רעספעקט מוז פארניכטעט ווערן. אבער דאס איז ניט מעגליך דורך דעם, וואס מיר וועלען אליין נעהמען אן אנטייל אין דער לעגיסלאטיווער אדער עקזעקוטי־ווער טעטיגקייט און שפילען די ראל פון רעדלאך אין דעם רע־גירונגס־מעכאניזם. פארקערט, נעהמענדיג אזא אנטייל וועלען מיר ניט צעשטערן, נאר אויפהאלטען און סאנקציאנירן דיזען אבערגלויבען אין דער אלמעכטיגקייט פון דער פארלאמענטא־רישער רעגירונג. געהן אין פארלאמענט אלס אפאזיציאן צו דער רעגירונג איז ניט קיין תירוץ. דער פאקט אליין, אז מיר געהען אריין אין פארלאמענט איז א לאגישער באווייז, אז מיר אנערקענען מאראליש דעם ווערטה און די נויטווענדיגקייט פון דיזער קערפערשאפט. דאס אלטע שפריך־ווארט: „זאג מיר מיט וועמען דו געהסט, און איך וועל דיר זאגען ווער דו ביסט" וואלט אויף אונז אויך געקענט אנגעווענדעט ווערן".

קומט דאָס ניט אוים ווי מיר וואָלטען זיך אדומגעשלאָגען מיט די ווערטער, אָנשטאָט מיט די געדאַנקען, וואָס זיי דריקען אוים? דער אַנאַרכיזם איז די פּאַרלייקענונג פון שטאַאַט — אָבער וואָס פּאַרלייקענט דער אַנאַרכיזם, די געביידע, וואו דער פּאַרלאַמענט פאַרזאַמעלט זיך? די רעגעלן, וואָס ווערן דאָרט געברויכט אָנצופיהרן די פּאַרהאַנדלונגען? די מעטאָדע פון צוזאַמענקומען זיך און באַשפּרעכען די נאַציאָנאַלע אינטערעסען? — וואָס דער אַנאַרכיזם פּאַרלייקענט ווירקליך, איז ניט די געביידע, ניט די רעגעלן, ניט די מעטאָדע, זאָנדערן דעם פּרינציפּ פון צענטראַליזירטער אויטאָריטעט, וועלכער ליגט אין גרונט פון דער שטאַאַט־אידעע, — ניט צו ריידען פון די גניבה און גזילה, וואָס דער הערשענדער קלאַס באַגעהט, שאַפענדיג פּאַר זיך אַזעלכע פּריווילעגיעס, וועלכע באַפעסטיגען זיין הערשאַפט. אָנשטאָט דעם פּרינציפּ פון צענטראַליזירטער אויטאָריטעט, שלאָגט דער אַנאַרכיזם פאָר פעדעראַליזירטע פּרייווילינקייט, נויטווענדיגערווייזע אויך דורך אַ סיסטעם פון פאַרטרעטער, וועלכע וועלען אויסגעקליבען ווערן לויט אַ באַשטימטער מעטאָדע, און וועלען פאַרזאַמלען זיך אין אַ געביידע, וואָס וועט הייסען פּאַרלאַמענט, און וועלען אויסאַרבייטען געוויסע רעגעלן ווי אָנצופיהרן די פּאַרהאַנדלונגען פון די פעדערירטע אינטערעסען. די פּאַרטרעטער וועלען ניט האָבען די וואָפען פון אויטאָריטעט אין זייערע הענט, ווי זיי האָבען עס היינט; די אינטערעסען וועלען ניט זיין אַזעלכע געגענגעזעצטע און פיינדליכע, ווי זיי זיינען עס היינט — אָבער אויך אין דער אַנאַרכיע וועלען זיין געזעלשאַפטליכע אינטערעסען און עס וועלען זיין אויסגעקליבענע פּאַרטרעטער, וועלכע וועלען פּאַרלאַמענטירן, מיט די וועגען און מעטאָדען ווי זיי וועלען עס דאַן פאַרשטעהן, צו וואהל און בעסטען.

דער אַנאַרכיסט, אַלזאָ, וויל ניט אָפּשאַפען דעם קערפּער, זאָנדערן דעם גייסט פון היינטיגען פּאַרלאַמענטאַריזם; ער שלאָגט זיך ניט מיט'ן נאָמען, זאָנדערן מיט דעם עסענץ פון רעפּרעזענטאַטיוו־סיסטעם. די צענטראַליזירנדע מאַכט פון שטאַאַט איז דער איבעל, און דער פונדאַמענט פון אָט דעם איבעל איז ניט נאָר דער סוביעקטיווער עלעמענט פון אומוויסענהייט און אַבערגלויבען, נאָר

אויך דער אָביעקטיווער עלעמענט פון דער אָרגאַניזירטער מאַכט, וועלכע לעגט אויף אונז אַרויף די קייטען פון צענטראַליזירטער אויטאָריטעט, צי מיר גלויבען אין דעם, צי ניט. פאַרניכטען דעם אַבערגלויבען איז טאַקע גאַנץ וויכטיג, אָבער דעם שטרוים־פויגעלם מעטאָדע פון איינבויגען דעם קאָפּ, כדי דער פיינד זאָל איהם ניט זעהן, שיינט מיר ניט צו זיין די בעסטע מעטאָדע, וואָס אַנאַרכיסטען־קאָפּ־מענשען קענען אויסקלערן. צי דערמיט, וואָס מיר געהען ניט אין פּאַרלאַמענט, וועט די אומוויסענהייט, וועלכע מיינט, אַז אָהן צענטראַליזירטער אויטאָריטעט קען מען ניט לעבען, פאַרניכטעט ווערן? אויב מיר אַנאַרכיסטען זיינען יאָ וויפיעל עס איז מאססגעבענד, וועלען מיר עס זיין טויזענטער מאָל מעהר, אין דער מיינונג פון פּובליקום, ווען מיר וועלען אַלס פאַרטרעטער שטערן די לעגיסלאַטיווע און עקזעקוטיווע טעטיגקייט פון שטאַאט, און וועלען אפשר האָבען די מעגליכקייט אויסצוברעכען אַ פּאָר ציינער פון די רעדלאַך פונ׳ם שטאַאט־מעכאַניזם. אין פאַקט, זייענדיג „קיקערס” אין פּאַרלאַמענט גופא, וועט דער עולם ערשט זיך דערוויסען, אַז עס זיינען איבערהויפּט דאָ „קיקערס” געגען דעם שטאַאטליכען פּאַרלאַמענט: ווי מיר האַלטען זיך איצט, ווייס דער עולם גאָר אינגאַנצען ניט געגען וואָס מיר קעמפען.

קלאָר גערעדט איז די מעשה אַזוי: ווייס דער עולם, וואָס ער וויל, לעבט ער ניט אין אומוויסענהייט און אַבערגלויבען איבער די פּונקטען, וואָס ער מוז געווינען, דאַן געהט ער אַרויס אויפ׳ן גאַס, בויט אַ באַריקאַדע און שלאָגט זיך מיט זיינע פיינד פאַר זיינע רעכטע — ער מאַכט, הייסט עס, אַ רעוואָלוציע און פאַרדרעהט זיך ניט אַ קאָפּ מיט טענות אין פּאַרלאַמענט. אַזוי לאַנג אָבער ווי ער ווייס ניט וואָס ער וויל, איז ער ניט פאַרטיג צו שלאָגען זיך אויף באַריקאַדען, נאָר ער געהט טענה׳ן אין פּאַרלאַמענט, זיך מישב זיין, אַזוי צו זאָגען, וואָס ער האָט צו טאָן. דערפאַר איז וויכטיג אויף אַן אמת, אַז עס זאָל זיין פאַרטראָטען אַן אָפּאָזיציאָנעלע מיינונג אין יענעם פּלאַץ; דערפאַר וואָלט זיין וויכטיג אויך אונזער אָפּאָזיציע: לאָז דער אומוויסענדער עולם דערוויסען זיך, אַז עס זיינען פאַראַנען מענשען, וועלכע קעמפען געגען דער צענטראַליזירונג

פון שטאַאט, וועלכע פאַרטרעטען די אידעע פון וואָס מעהר „האָם־רול“, פון וואָס מעהר לאָקאַלע אויטאָנאָמיע, פון וואָס מעהר פּערזענליכע פרייהייט. יאָ, דער פאַקט פון געהן אין פּאַרלאַמענט אַלס אָפּאָזיציאָן פון שטאַאט, וועט דינען ווי אַ לאָגישער באַווייז, אַז מיר אָנערקענען מאָראַליש דעם ווערט פון אַ פּאַרלאַמענט און די נויטווענדיגקייט אויסצודריקען אונזערע אָפּאָזיציאָנעלע אידעען אין דער עקזיסטירנדער קערפּערשאַפט פון פאַרטרעטער. דאָס אַלטע שפּריכוואָרט: „זאָג מיר מיט וועמען דו געהסט *קעמפען*, און איך וועל דיר זאָגען ווער דו ביסט“, וועט טאַקע גאַנץ ריכטיג אָנגעווענדעט ווערן אויף אונז אויך — און מיר וועלען געווינען דערביי.

ווי די זאַך פון אונזער באַוועגונג שטעהט היינט, ביי אונז אין אַמעריקא, אָדער ביי אייך אין ענגלאַנד, האָבען מיר וואָס צו *פּאַרלירן* אודאי ניט. אונזער *פּרעסטיזש* וועט ניט ליידען, ווייל מיר האָבען אבסאָלוט קיין פּרעסטיזש ניט. אונזער *ווירקונג* אויפ’ן סאָציאַל־פּאָליטישען לעבען וועט ניט געמינערט ווערן, ווייל מיר האָבען אבסאָלוט קיין ווירקונג ניט, וואָס זאָל קענען געמינערט ווערן. אונזער אויפגאַבע פון צעשטערן דעם אבערגלויבען אין פּאַרלאַמענט אַלס דעם קוואַל פון לעבען א. אַז. וו. — יאָ, דאָס איז זעהר אַ וויכטיגע אויפגאַבע, פאַר וועלכער מיר האָבען ביז אהער לײדער גאָר ניט געטאָן. עס איז שוין צייט מיר זאָלען ווירקליך וואָס טאָן דאַפיר, און טאָן קען מען נאָר אויף צוויי וועגען: ענטוועדער פאַקטיש איגנאָרירן דעם שטאַאט, נעהמענדיג זיך אַלע רעכטע, וועלכע דער שטאַאט רויבט אַוועק פון אונז; געהן איהם עפענטליך דאַגעגען, און באַווייזען דער וועלט דורך אונזער לעבען און ליידען, ווי מיר האָבען קיין מורא ניט פאַר’ן שטאַאט, ווי מיר באטראַכטען איהם פאר אַ אבערגלויבען, א פיקציע, א בלאָף. אדער אויב מיר האָבען ניט דעם נויטיגען מוט אויף דעם אופן צו דינען אונזער אויפגאבע, איז דער אנדער וועג — צו באַווייזען זיך אין דער עפענטליכקייט, צייגען דעם עולם, אַז מיר *זייַנען* דאָ, אַז מיר האָבען א נאָכפאָלגערשאַפט, וואָס פאַרטרויט אונז מיט א מאַנדאַט, און דאָן פּראָטעסטירן, דאָן אויפדעקען דעם גאַנצען שווינדעל, די דומע פיקציע, דעם נאַרישען אָבערגלויבען פון פּאַרלאַמענט!

גענ. ראַקער האָט אָבער מורא, אַ חוץ וואָס מיר וועלען פאַרלי־רען אונזער פּרעסטיזש, אַז אונזערע פאַרטרעטער וועלען אונז פאַר־ראַטען. אַ געפעהרליכע מעשה. דעם פּראָטעסטירנדען אַנאַרכיסט'ס ווילען וועט באַקומען אַ לעגיסלאַטיווע און עקזעקוטיווע מאַכט, און — גאָט ווייס וואָס עס וועט נעבאַך ווערן פון אונזערע אָרימע גענאָ־סען, וועלכע ניאַנטשען זייער הייליגע אויפגאַבע אין דעם געמיטלי־כען בערנער סטריט קלוב!... אויף דעם פּונקט איז כמעט אוממעג־ליך צו דיסקוטירן לאָגיש מיט מענשען, וועלכע מיינען ערנסט, אַז אַ בעבעל, אַ בערנשטיין, אַ מעהרינג, האָבען פאַרראַטען דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם אין פּאַרלאַמענט; אַז וויבאַלד די אַמאָליגע סאָ־ציאַליסטען, מיט 30 יאָהר צוריק, האָבען דעם וואָרט „רעוואָלוציע“ פון מויל ניט אַרויסגעלאָזען, און די היינטיגע זיצען אין רייכסטאַג און זוכען צו קריגען אַ גענוגענדע מאַכט, כדי צו קענען פאַרווירק־ליכען די רעוואָלוציע, איז דאָס מסתמא זייער גען אין פאַרלאַ־מענט שולדיג אין דעם, וואָס די רעוואָלוציע איז נאָך ניט געקומען.

שעהנע, אמת'ע ווערטער זיינען גענ. ראַקער'ס, וואָס ער זאָגט, „אַז מיר דאַרפען ניט אַנטרויען אונזערע פּערזענליכע איבערציי־גונגען, אונזער רעכט, „אונזער איך“ צו אַ צווייטען מענשען, וועל־כער קען דערמיט מאַכען וואָס ער וויל“. — אָבער וואָס פּאַסען אָט די שעהנע ווערטער אַהער צו אונזער ענין? וועלכע איבערציינגונ־גען, וואָסער רעכט, וועלכען „איך“ טרויען מיר דאָ אָן? און ווי אַזוי וועט דער „דעפּוטאַט“ קענען מאַכען דערמיט, וואָס ער וויל? ווען ער זאָל דאַרטען ווערען אפילו דער ערגסטער בודלער, ווי אַזוי וועט ער קענען שאַדען מיינע פּערזענליכע איבערצייגונגען? אויב ער וועט דאַרטען ניט פּראָטעסטירן ווי עס דאַרף צו זיין, וועל איך אין איהם קיין פאַרטרעטער ניט האָבען, וועל איך פּראָטעסטירן גע־גען איהם גופא, און ביז איך וועל קריגען אַ בעסערן שליח, וועלען מיינע פּערזענליכע איבערצייגונגען ניט זיין פאַרטראָטען אין פּאַר־לאַמענט — אָבער אָפּפערן מיט מיינע אַנאַרכיסטישע איבערצייגונ־גען, וועט ער דאָך ניט קענען מאַכען, איך זאָל אָפּפערן! און דאָס זיינען די גרונדען אויף וועלכע גענאָסע ראַקער שטיצט זיין פאַר־

זענליכע מיינונג, אז דער אנאַרכיסט טאָר ניט און קען ניט טאָן אַזאַ געפעהרליכע זאַך ווי וועהלען אַ פאַרטרעטער אין פּאַרלאַמענט. גענ. ראַקער זוכט לעכערליך צו מאַכען די ראָלע פון דעם אַנאַרכיסטישען קאַנדידאַט אין דער צייט פון וואַהל־קאַמף. דאָס איז קיין קונץ ניט. ווען עס וואָלט ניט געווען אַזוי טרויעריג, וואָלט מען קיין מעהר לעכערליכע סיטואַציאָן ניט געקענט באַשרייבען, ווי דעם גענאָסע׳ס מורא צו סאַנקציאָנירן דעם שטאַאט, דורך דעם וואָס ער וועט געהן דאָרטען פּראָטעסטירן. איך בין ניט קיין עקספערט אין פּאָליטיע פּראָגראַמען, אָבער דאָך גלויב איך, אַז עס וואָלט גאָר ניט זיין אַזוי געפעהרליך שווער אַריינצולייגען דעם קאַנדידאַט אין מויל קליגערע רייד, ווי די, וועלכע גענ. ראַקער האָט אויסגעקלערט. זאָל דאָ זיין גענוג צו באַמערקען, אַז די אידעע פון שיקען אַנאַרכיסטישע פּראָטעסטירער אין פּאַרלאַמענט איז באַגרינדעט אויף דער היפּאָטעזע, אַז עס זיינען פאַראַן גענוג מענשען אין לאַנד, וועלכע ערוואַרטען ניט קיין גליקליך־מאַכענדע געזעצען פון פּאַרלאַמענט, נאָר ווינשען אויפצוהויבען זייער שטימע, צום ווענינגסטען, געגען די פאַרשקלאַפונגס־געזעצען, וועלכע פאַרשטאַרקען די מאַכט פון שטאַאט וואָס ווייטער מעהרער.

נאָך איין באַמערקונג: לאָז גענאָסע ראַקער זיך אַרויסשלאַגען פון קאָפּ דעם געדאַנק, אַז „קיין מענש קען ניט פאַרטרעטען אַ צווייטען מענשען“ אין קיין זאַך ניט. דאָס איז פּשוט אַן אונזין און אויב מען וואָלט געקענט מיט רעכט באַשולדיגען דעם אַנאַרכיזם, אַז ער ענטהאַלט אַזאַ געדאַנק, וואָלט דאָס אַליין געווען גענוג צו פאַראורטהיילען דעם אַנאַרכיזם אַלס די דומסטע געזעלשאַפטסטעאָריע פון יאָהר הונדערט. מענשען וועלען אימער שיקען, וועלען מוזען שיקען, וועלען ניט קענען אויסקומען ניט שיקענדיג קיין פאַרטרעטער צו פערהאַנדלען אַ נאַציאָנאַלע פראַגע; ווארום קיין פאַלק וועט קיינמאָל פיזיש ניט קענען זיך צוזאַמענקומען אין איין פּלאַץ, כדי צו פערהאַנדלען אַלע זיינע נויטיגע אינטערעסען.

נאָך אַ חסרון האָט גענ. ראַקער אַנטדעקט אין מיין פאָרשלאָג, און דאָס איז, אַז „עס איז גאַרניט אַזוי ניי, ווי מאַנכע שטעלען זיך

פּאַר". די סאָצ. דעמ. האָבען אויך אָנפאַנגס באַשלאָסען בלויז צו פּראָטעסטירען, און דערנאָך האָבען זיי ביסלעכווייז זיך גענומען צו דער פּראַקטישער מיט־אַרבייט. דאָס זעלבע מיינט ער, וועט פּאַסירען מיט אונז, און „מיינע בעסטע אבזיכטען וואָלטען ניט געקענט פאַרהינדערן דיזע נאַטירלאַכע ענטוויקלונג." — ליעבע גענאָסען! איך בין מנדב אַלע פּרעטענזיעס אויף אָריגינאַליטעט אירגענד וועלכען באַדירפטיגען גענאָסע, וואָס נויטיגט זיך אין דעם... איך זוך די וואַהרהייט און אינטערעסיר זיך מיט דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, און שלאָג פאָר, וואָס איך מיין, אַז עס וועט זיין נוצליך, און מיר געהט גאָרניט דעראָן, צי עס איז ניי, צי עס איז אַלט און עס געהט מיר אויך ניט דעראָן, וואוהין די „נאַטירליכע ענטוויקלונג" וועט מיך אַוועקפיהרען. אויב אונזער פאָהן וועט „נאַטירליכערווייזע" באַשפּריצט ווערן מיט אביסעל פּאַרלאַמענטאַרישע בלאָטע, וועל איך אַלץ מעהר צופריעדען זיין צו לאָזען איהר פלאַטערן א באַשפּריצטע, איידער צו האַלטען זי איינגעוויקעלט אין אַן אָרון קודש און לאָזען זי דאָרט פאַרשימעלט ווערן. אַז מען געהט אין וואַלד, דאַרף מען פאַר וועלף קיין מורא ניט האָבען, יעדע זאַך וואָס מען נוצט, נוצט זיך אָפּ: אַז מען נוצט די גילאָטינע צו־פיעל, ווייסען מיר א ביישפּיעל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, נוצט זיך דער געוויסען אָפּ א ביסעל צופיעל; אַז מען באַנוצט זיך אָפט מיט אינדיווידועלע עקספּראָפּריאַציעס, ווערט די מעטאָדע פון „דירעקטע אַקציאָן" אויך א היפּש ביסעל באַדעקט מיט שמוטץ — וואָס זאָל מען טאָן? די „נאַטירליכע ענטוויקלונג" מאַכט א תל פון גאָר פיעלע צאַרטע בלימעלעך, ווען מעהרערע העגט הויבען זיי אָן איבערצוטאָפּען...

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם וואוקס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, מעג מיר גענג. ראָקער גלויבען אויף נאמנות, אַז איך האָב קיין אורזאַך ניט צו וועלען איבערטרייבען זייער ערפאָלג. איך בין איבערצייגט, אַז עס איז א שלעכטער ווינט וואָס בלאָזט אַלץ מעהר אין דער ריכטונג פון צענטראַליזאַציע און שטאַאַט קאָנטראָל פון פאָלק'ס לעבענס מיטלען. איך האָף, אַז זייער אידעאַל וועט ניט פאַרווירקליכט ווערן — איך בין אָבער ניט אַזוי

פאנאטיש פערבלענדעט, ניט איינצוזעהן, אז לײדער בלאזט דער ווינט דאָך אין זייערע זעגלען היינטיגען טאָג; אז דער דעמאקראַטישער סאציאליזם האָט געמאַכט אן איינדרוק אויף'ן עולם, און אז זייערע גרונד־פּרינציפּען ווערן אלץ מעהר בעקאַנט צווישן די מאסן, געג. ראקער מיינט, אז „אלס סאציאליסטישע פארטיי איז איהר ערפאלג נול און נאָך אמאָל נול.“ פון די גאנצע דריי מיליאָן סאצ. דעמאק. וועהלער, פרעגט ער, „וויפיעל ווירקליכע סאציאליסטען געפינט איהר דארטען?“ און ער דיינקט, אז „אויב ניט די אנאַרכיסטען, וואָלט דער סאציאליזם אין גאנצען דערטרונקען געוואָרן אין די מוטנע וואסער פון דער פארלאמענטארישער טעטיגקייט“.

— איך וואָלט איהם געפרעגט: וואָס מיינט ער א סאציאליסטישע פארטיי דארף אויף אן אמת זיין? וואָס וואָלט ער אָנגערופען „ווירקליכע“ סאציאליסטען? און ווי אזוי מיינט ער, האלטען דאָס די אנארכיסטען אויף זייער איינציגען ברעקעל סאציאליזם, וואָס איז נאָך ניט אין גאנצען דערטרונקען געוואָרן? איך קען פאראויס זאגען זיין ענטפער, עס באשטעהט פון איין וואָרט: „רעוואָלוציאָנער!“ א סאָציאליסטישע פארטיי, נאָך זיין מיינונג, דארף שלאפען אין די שטיוועל מיט א ביקס צוקאָפּענס, און שרייען אז אט־אט מאַכט זי די סאציאלע רעוואָלוציע, כאטש דריי מאָל א טאָג. א „ווירקליכער סאציאליסט“ איז דער, וואָס איז פארטיג יעדע מינוט אויפצורייסען דעם ברוק און בויען א באריקאדע; און דער פארדינסט פון די אנארכיסטען איז, וואָס זיי צווינגען ארויס פון צייט צו צייט אן ערקלערונג פון די סאָציאל־דעמאקראטען, אז זיי זיינען נאָך אלץ רעוואלוציאנער. נו, וואָלט איך ווירקליך גאָרניט געהאט דאגעגען, ווען זיי וואלטען דאָס אלעם געוועז; איך האלט אָבער פון דער מיינונג, אז מען קען זיין א סאציאליסטישע פארטיי און דער ביקס זאָל איהר ניט ארויסשטארצען פון אונטער'ן קישען; אז מען קען זיין א ווירקליכער סאציאליסט, ניט פארדארבענדיג דעם ברוק און פּראקטיצירענדיג באריקאדען־ארכיטעקטור; און אז אָהן די אנארכיסטען וואָלט דער סאָציאל־דעמאָקראטיזם אלץ געבליבען טריי זיינע פּרינציפּען. זיי זיינען ניט קיין ראקערישע רעוואָלוציאָנערן. אָבער

עס איז אבסאלוט זיכער אז סאציאל־דעמאקראטען זיינען זיי...

איך האב דארום אזוי וויניג פחד, אז אנארכיסטען אין פארלאמענט וועלען ווערן אויס אנארכיסטען, ווי איך האב וויניג פחד, אז דער פארלאמענט וועט דערטרינקען דעם סאציל־דעמאקראטיזם. גענ. ראקער פרעגט: „איז דען די פארלאמענטארישע טריבונע ווירקליך דער איינציגער פלאץ, וואו מיר קענען רעדען צום פאלק און געבען אונזער באוועגונג א פראקטישע באדייטונג? ער דיינקט, אז ניט. בין איך מיט אים פאלקאם איינפארשטאנען: איך דיינק אויך, אז ניט. אלע וואס איך זאג איז — אז מיר מוזען אונבעדינגט זיך נעהמען פאר פאליטישער טעהטיגקייט, אין ברייטען זין פון ווארט, און אז די פארלאמענטארישע טהעטיגקייט איז אויך איינע פון די פראפאגאנדא־מיטלען, וועלכע מיר טארן ניט אויסלאזען. און זאל גענאסע ראקערן ניט זיין אזוי שווער צו בעגרייפען, פארוואס איך בין גראד איצט געקומען מיט מיין פארשלאג. איך וויל זיין אפען מיט איהם: איך גלויב ניט, אז די פראנצויזישע אדער די שפאנישע אדער אירגענד וועלכע געווערקשאפטס־באוועגונג וועט וועז עס איז קענען איינפיהרען דעם אנארכיזם! איך גלויב ניט, אז די געווערקשאפטען האבען די גרויסע היסטארישע מיסיאן צו ארגאניזירן די צוקונפטיגע פראדוקציאן! איך גלויב ניט, אז אין די אלע לענדער, וואס ער האט אויסגערעכענט האט די ארבייטער באוועגונג פון אנפאנג אן געהאט אן אנארכיסטישען כאראקטער! איך ווייס, אז אין ענגלאנד און אמעריקא איז דער אנארכיזם טאטאל אומבעקאנט! איך ווייס, אז קיין סאציאלע רעוואלוציע קען מען אויף אמאל ניט מאכען, און קיין אנארכיסטישע אודאי ניט! און איך מיין, אז איך פארשטעה גענוג דעם אנארכיזם, ניט אנצונעהמען יעדע רעוואלוציאנערע פראזע אדער טהאט פאר אן אנארכיסטישע מאניפעסטאציאן.

יא, איהר האט רעכט, גענ. ראקער, אז פרינציפ און טאקטיק זיינען ענג פארבונדען. איך זעה עס איצט קלאר איין, אז כדי צו דיסקוטירן ווי געהעריג איז וועגען דער אנארכיסטישער טאקטיק, מוז מען אנפאנגען די דיסקוסיאן פון די אנארכיסטישע פרינציפען. זאלען מיר אנפאנגען?—

# אַנאַרכיסטישע טעאָריע און פּראַקטיקע *

דער פונדאמענט פון גאנצען אנארכיזם, דער גרונד־געדאנק פון דער אַנאַרכיסטישער טעאָריע, איז די אידעע, אז מענשען קענען לעבען, און דארפען לעבען, אין געזעלשאפטען אָהן אויבערהארן און הערשער. ביז א געוויסען גראד איז אָט די אידעע שוין אָנגענומען געווארן כמעט פון דער גאנצער קולטורעלער מענשהייט. קיין דיינקענדער מענש האלט שוין היינטיגען טאָג ניט מער, אז די געזעלשאפט קען קיין קיום ניט האָבען, סיידען איינער, א קיסר, געוועלטיגט איבער איר, ווי זיין שכל און יושר טראָגט אים אוים. אדרבה, אומעטום הערשט דער געדאנק, אז דאס פאָלק, ד. ה. יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאפט, האָט א רעכט אנטייל צו נעמען אין דער פאר־וואלטונג פון די קהל'שע עסקים; און אז וואָס מעהר יעדער איינער איז זעלבסטשטענדיג פּאָליטיש, אלץ שטארקער און לעבענספיאיגער איז דער גאנצער כלל.

אזוי ווייט — אזוי גוט, די צרה איז נאָר, וואָס די מענשהייט איז ביז איצט ניט געגאנגען נאָך ווייטער: וואָס זי האָט נאָך ניט נעצויגען די לאָגישע שלוסען פון דעם געדאנק. די בורזשואזיע האָט באפרייט די געזעלשאפט פון אן אויסערליכען הערשער און האָט געשטעלט יעדען איינצעלנעם אונטער דער אייזערנער הערשאפט פון דער געזעלשאפט גופא. זי האָט קאָנצענטרירט די פונקציאָנען פון געזעלשאפטליכען לעבען אין איין צענטער פון אויטאָריטעט, און האָט געמאכט פון דעם רעכט זיך צוריקצוציהען דעם גרעסטען פּאָליטישען פארברעכען, וואָס א בירגער קען באגעהן. דער סאָציאַל־דעמאָקראטיזם האָט צוגעשפאנט זיין אידעאל צום קאפיטאליסטי־

---

* „זשערמינאל“, אָקטאָבער, 1907.

שען וואָגען און טענה'ט: מיר נעמען אָן די צענטראַליזאַציע אַלס א געזעצ פון אנטוויקלונג, אבער מיר פאָדערן, די געזעלשאפט זאָל אונז געבען עסען אויך. אויב דאָס שאַפען איז געוואָרן א געזעלשאַפט־ליכע פונקציאָן, מוז אויך דאָס געניסען ווערן געזעלשאַפטליך: די קאָנצענטרירטע אויטאָריטעט פון דער געזעלשאַפט וועט אנפיהרן אונזער פּראָדוקציאָן און וועט אונז באַזאָרגען מיט חיונה, און דאָס צוריקציהען זיך וועט ניט מעהר זיין א פאַרברעכען, נאָר פּשוט אן אוממעגליכקייט.

דער אנאַרכיזם זעהט אין אַט דער צענטראַליזירטער אויטאָרי־טעט פון דער געזעלשאַפט דעם גרעסטען אויבער־האַר און הערשער, צו וועמען די מענשען זיינען וועז עס איז געוועז פאַרקנעכטעט; און דאַרום איז זיין אידעאַל — פאָלקאָמענע פּאָליטישע זעלבשטענדיג־קייט, דורך גלייכע געלעגענהייטען פאַר אַלעמען און פרייוויליגער מיטארבייטערשאַפט פון יעדען איינעם. דאָס איז די לאָגישע קאָנ־זעקווענץ פון דער אומאויפהערליכער אנטוויקלונג צו פערזענליכער פרייהייט, וועלכע מיר געפינען אין דער מענשליכער געשיכטע, און דאָס איז די אנאַרכיסטישע טעאָריע וועגען דער טענדענץ פון גע־זעלשאַפטליכען פּראָגרעס. צי דער אנאַרכיסט טייטשט אוים ריכ־טיג די דאָזיגע טענדענצען, צי ניט, איז א פראַגע, וואָס לאָזט זיך דעבאַטירן. מיר שטעלען ניט „אונזער זאכע“ אויסשליסליך אויף אביעקטיווע פאַרשונגען, ווי דער „ריינער“ מאַרקסיסט טוט עס. מיר האַלטען די סוביעקטיווע מעטאָדע פאַר ניט ווייניגער וויסענשאפט־ליך ווי די אביעקטיווע, וועלכע אין אזא קאָמפּליצירטען ענין ווי געזעלשאַפטליכער פּראָגרעס, קען אויך קיינמאָל ניט זיין עקזאַקט, און מוז אימער בלייבען דעבאַטירבאַר. מיט איין וואָרט: אונזער גרונד־געדאַנק איז, אז מענשען קענען און דאַרפען לעבען אונטער די קאָנזעקווענטעסטע פרייהייט, וועלכע איז נאָר מעגליך אין אן אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט; און מיר מאַכען דעם דאָזיגען געדאַנק צום אידעאַל פון א גליקליכער צוקונפט, צו וועלכער מיר שטרעבען, און פאַר וועלכער מיר זיינען צופרידען צו אַרבייטען.

ווי אזוי קענען מיר אַרבייטען פאַר אונזער אידעאַל? אין וועל־כער פּראַקטישער טעטיגקייט קען אונזער אַרבייט זיך אויסדריקען?

— אין צווייערליי אויפגאבען: איינע איז אן אינדירעקטע, נעמ־ליך, צו שאפען וואס מעהר פראָפּאַגאנדיסטען, וואס מעהר ארביי־טער פאר אונזער אידעאל; צו דערפארשען און פארשפרייטען אנארכיסטישע אידעען און שאפען איבערצייגטע אנארכיסטען, וועל־כע זאָלען קענען ווירקען אין זין פון אונזער אידעאל. די צווייטע איז א דירעקטע אויפגאבע — צו פארשטארקען און העלפען די אנט־וויקלונג פון די פרייהייטליכע טענדענצען, וועלכע מיר זעהען אין דער היינטיגער געזעלשאפט, און זוכען אפּצושוואכען, ווירקענדיג דאגעגען, די געגענגעזעצטע טענדענצען, וועלכע פירן צו א גרעסע־רער צענטראַליזאציע און א שטארקערער פארשטאאטליכונג.

עס איז קלאָר, אז ווי וויכטיג די אינדירעקטע ארבייט זאָל ניט זיין, איז עס וויכטיג נאר דערפאר, ווייל אָהן איהר קען די ד י ־ ר ע ק ט ע ארבייט ניט געטאָן ווערן — די דירעקטע ארבייט פון העלפען לעגען א ציגעל אויף א ציגעל אין דער לאנגזאמער געביידע פון דער צוקונפט; די אנטוויקלונגס־ארבייט, וועלכע מוז זיך אנ־פאנגען היינט, אויב מיר דערווארטען זי זאָל בליהען איבערמאָרגען, וועלכע מוז אנטייל נעמען אין די לעבענס־פּראָבלעמען פון דער גע־גענווארט, כדי צו קענען האָפען צו לייזען זיי אין דער צוקונפט. דאָס פּראָפּאָגאנדירן אליין, די ארבייט פון שאפען אנהענגער פון אונזערע אידעען, איז אין עסטען פאל בלויז א מיטעל צום צוועק, ניט דער צוועק אליין. די גרויסע מאסען בלייבען אימער טויב פאר אבסטראקטע טעאָריען; זיי לאָזען זיך באוועגען נאר פון פראקטי־שע פאָרשלעגע, וועלכע קענען העלפען צו די צרות פון היינטיגען טאָג. די פּראָפּאָגאנדא קען גרייכען נאר א קליינעם פראצענט פון דער באפעלקערונג פון יעדען לאנד, און דער קליינער טייל אליין קען מיט געוואלט ניט רעוואָלוציאָנירן די געזעלשאפטליכע פאר־העלטניסען. ער קען נאר דינען ווי די הויוועז, וואס מאכט אויפ־געהן די טייג, און די מענשען־טייג, די מאסע, האָט ניט קיין באַ־וואוסטזיין פאר סאָציאלע רעוואָלוציאָנען אין אבסטראקט: זי געהט ניט אויף פאר אלגעמיינע אידעאלען, זי ווערט אָנגערעגט נאר פון אונמיטעלבארע פאָדערונגען, איהר גאנצע פּסיכאָלאָגיע דריקט זיך אוים אין דער עלעמענטארער „רעפלעקסיווע טהאט“.

אין דער אַנאַרכיסטישער פּראַקטיקע אָבער איז לײדער דער מיטעל געוואָרען צום צוועק. פון אָנפאַנג אָן האָט די באַוועגונג זיך באַגרענעצט מיט דער אינדירעקטער אַרבײט פון שאַפען אַרבײטער פאַר איהרע אידעען, און לאָ די וואָס זי האָט זײ ניט געגעבען קײנע געגענוואַרטס־אויפגאַבען, האָט זי זײ נאָך „פּרינציפּיעל” אָפּגעהאַלטען פון אַנטײל צו נעמען אין אַזעלכע אַרבײט. איהר טרוקענע אידעען־פּראָפּאַגאַנדאַ האָט געשאַפען אַ גענאָסענשאַפט, וועלכע האָט זיך אוועקגעשטעלט, אַזוי צו זאָגען, אויפ'ן ברעג פון דער געזעלשאַפט, גרײט יעדע מינוט אַרײנצושפּרינגען אין דער צוקונפט, רײטענדיג אויף אַ פאַנטאַסטישען רויטען פערדעל פון רעוואָלוציע. אָבער מעהר ווי אַ פאַרפעלטען שאָס האָבען זײ קײנמאָל ניט אויסגעפיהרט צו דערלאַנגען; און אַזוי ווי בײ יעדען אַנדערן פּראָנטיער־גאַרניזאָן, וועלכער שטײט לײדיג און קוקט נאַר אויס אויף מלחמה, האָט בײ זײ אויך געמוזט אַרײנטרעטען אַ דעמאָראַליזאַציע. פון אײן זײט זײנען די גענאָסען פאַרפרעמדעט געוואָרען פון אַרומיגען לעבען, האָבען געמאַכט פון אַנאַרכיזם אַ מין רעליגיע און זײנען געוואָרען איהרע פאַנאַטיקער. פון דער אַנדער זײט, כדי צו טאָן עפּעס פּראַקטישעס, געפינען מיר זײ קריכענדיג אין אַלערלײ סעפּאַראַטיסטישע באַוועגונגען — נאַציאָנאַליסטישע, טרײד־יוניאָניסטישע, קינדער־ערציהונג, פרײע ליעבע, קאָלאָניזאַציאָן־באַוועגונג, אַ. ד. ג., נאָר ניט אויף דעם פעלד, וואו זײ מוזען אײגענטליך זוכען צו דערפילען זײער דירעקטע אויפגאַבע—אויפ'ן געביט פון ברײטען פּאָליטיש־סאָציאַלען לעבען פון גאַנצען פאָלק.

די אַנאַרכיסטישע האַלטונג פון ביטערקײט, צאָרן און האַס געגנאַיבער יעדער פּאָליטישער טעטיגקײט איז אַן אמת'ער רעליגיעזער פאַנאַטיזם. ער דערמאָנט אָן דעם געפיל פון אָפּשטויסונג, וואָס חזיר רופט אַרויס אין די נאָזלעכער פון אַ פרומען אידען. נאָר ווען מען מאַכט פון דעם אַנאַרכיסטישען פּרינציפּ פון פרײהײט אַ רעליגיעזען געבאָט, קען מען דערקלערן די שטרײנגקײט און פאַרביסענקײט פון אונזערע גענאָסען געגען יעדער פּראַקטישער טעטיגקײט, וועלכע איז פאַרבונדען מיט'ן הײנטיגען פּאָליטישען לעבען. וױבאַלד חזיר איז טריף, טאָר מען ניט נוצען די כלי, אין וועלכער

די טרפה איז געלעגען: ווייבאלד דער שטאַאט איז ניט פאראייננבאר מיט סאָציאלער פרייהייט, טאָר מען זיך ניט באנוצען מיט'ן פּארלאַמענט און אפילו ניט בילדען א פאראנטוואָרטליכע פארטיי־אָרגאניזאציע, כדי צו ארבייטען פאר אנארכיסטישע צוועקען. ווייבאלד אונזער אידעאל איז די פאָלשטענדיגע פרייהייט פון אינדיווידיאום, טאָרן מיר ניט פארדאַמען איינעם, וואָס ווארפט א באָמבע אין א טעאטער, (אבוואהל מיר ווערן ניט מיעד פארדאמענדיג, מיט כאַראַקטעריסטיש רעליגיעזע אונקאָנסיסטענץ יעדען בורזשוא, יעדען קאַפּיטאליסט, און זאָגאר יעדען סאָציאל דעמאָקראטישען פיהרער). ווייבאלד די אַנארכיסטישע טעאָריע. אז עס איז מעגליך און ווינשענסווערטה א געזעלשאפטליכער לעבען אָהן הערשער, איז געוואָרן ביי אונז א רעליגיאָנס־תורה, זעהען די גענאָסען איין בעשיינפּערלאך, אז מען טאָר ניט פראקטיש אינטערעסירן זיך מיט א צייטליבער פראגע פון „האָם־רול", פון עקאָנאָמישער רעגירונג, פון מוניציפּאלע תקנות, פון שוץ און זיכערהייט ארדנונגען, און אנדערע געגענווערטיגע לעבענס־פאָדערונגען!

עס איז אוממעגליך אונזער האלטונג אנדערש צו באגרייפען. מען קען פארשטעהן פארוואָס א חברה, וועלכע גרינדעט זיך פאר א ספּעציעלען צוועק, קען ניט, לאָגיש, האנדלען געגען איהרע סטאַטוטען. א חברה ישוב ארץ ישראל, צ. ב. ש. קען ניט אלס אזעלכע זוכען צו גרינדען קאָלאָניעס פאר אידען אין אוגאנדא, אדער אויסטראליען. אדער א געזעלשאפט פון צער בעלי חיים פאר היימלאָזע קעץ, קען ניט פארווענדען איהרע פאָנדס אויף הכנסת כלות, אדער אויף א מושב זקנים. א מיטגליד פון א „טעמפּערענס סאָסייטי", אויב ער איז אן אויפריכטיגער מענש, קען ניט אליין געברויכען שטארקע געטרענק, דען עס איז פשוט געגען זיין פּרינציפּ. ווי קען מען אָבער פארשטעהן די אנארכיסטישע באוועגונג, וועלכע איז אן אלגעמיינע געזעלשאפטליכע באוועגונג; וועלכע זוכט צו אנטוויקלען די טענדענץ פאר וואָס מעהר פּערזענליכע פרייהייט אין געזעלשאפטליכען לעבען; וועלכע זעהט איין די געפאהרן זאָגאר פון א קהל'שער פארוואלטונג, וואָס וועט אונז אלעמען געבען חיונה בשופע — ווי קען מען אזא באוועגונג פארשטיין, ווען זי שאָקעלט זיך אָפּ

פון יעדער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט; ווען זי הויבט ניט אויף מיט א פינגער, איינצושטעלען זיך פאר די אלטעגליכע קאמפען פון לאָקאלער אויטאָנאָמיע און די רעכט פון איינצעלנעם, געגענאיבער דער צענטראליזירענדער מאכט פון שטאַאט; ווען זי האלט אירגענד וועלכע טיילנאמע אין היינטיגען פּאָליטישען לעבען פאר טריף ווי חזיר און מורא׳דיג שעדליך?

אלס אנארכיסטען זיינען מיר געגען דעם שטאַאט. א פרומער איד, וואָס פארטייטשט דעם „לא תעשו כל מלאכה ביום השבת“, אז מען טאָר אפילו די האָר ניט פארקאמען אום שבת, טאָר זיך ניט אָנרירן אָן דער קעמעלע, ווייל עס איז מוקצה. דארף פאר אונז דער שטאַאט אויך זיין מוקצה? וואָס הייסט מיר זיינען געגנער פון שטאַאט? געגנער פון „דער אָרגאַניזירטער געוואלט, וועלכע איז געשאפען געווארן פון די רויבער, כדי אויפצוהאלטען די שרעקליכע אומגערעכטיגקייט, וואָס איז באגאנגען געוואָרן געגען דער מענשהייט“? זיינען דען סאָציאל־דעמאָקראטען ניט קיין געגנער פון אזא אָרגאַניזירטער געוואלט, וואָס האלט אויף די שרעקליכע אומגערעכטיגקייט? מען דארף ניט זיין קיין אנארכיסט, כדי צו זיין א געגנער פון א באנדע רויבער, וועלכע באגעהען אזעלכע שרעקליכע מעשים געגען דער מענשהייט. דאָס כאראַקטעריסטישע אינ׳ם אנאַרכיזם איז, וואָס ער געפינט שעדליכעס אין יעדער געזעלשאפטליכער (שטאַאטליכער) קאָנצענטראציע פון פונקציאָנען, ווען דאס ווערט באגאנגען אפילו פון די בעסטע מענשען מיט די בעסטע אבזיכטען. אונזער געגנערשאפט צום שטאַאט מוז זיך אלזא אויסדריקען אין א געגנערשאפט צו יעדער ארט איינפירונג פון מעהר פּאָליטישער קאָנצענטראציע; און דאָס קען מען ניט אויספיהרן שילטענדיג אדער הרג׳נענדיג די היינטיגע באנדע רויבער, אדער „עקספּראָפּריערנדיג די עקספּראָפּריאטאָרס“ דורך אן ארבייטער־רעוואָלוציע, (ווען מיר וואָלטען עס אפילו געקענט פועל זיין). דאָס איז אן ארבייט פון ענדערן די באגריפען פון די גרויסע מאסען וועגען די פונקציאָנען פון רעגירונג; די גרויסע מאסען אבער לערנען ניט פון בראשורען און פילאָזאָפישע רעדעס. זייער לעהרער קען נאר זיין דאס לעבען אליין, די פראקטישע נוצליכקייט און נויטווענדיגקייט פון צייט־

מעסיגע פּאָליטישע רעפאָרמען. און אויב מיר האלטען אזעלכע אר־ בייט פאר מוקצה, דאן וועט אפשר דער אנארכיזם דאך וויפיל עס איז מקוים ווערן, אבער ניט וויל מיר אנארכיסטען האָבען מיט עפּעס געהאָלפען דערצו, זאָנדערן ט ר אָ ץ אונז און אונזער פּראקטישער „טעטיגקייט".

דער טאָלסטאָאישער אנארכיזם איז אָפען רעליגיעז. יעדע רע־ ליגיע פאָדערט פון איהרע גלויביגע, זיי זאָלען זיך מוסר נפש זיין על קידוש השם. טאָלסטאָי, וועלכער האלט יעדע פּאָליטישע רעגי־ רונג פאר א פארברעכען, פּרעדיגט, אז יעדער איינער זאָל אויפהערן זאָפּאָרט צו האָבען אירגענד וועלכע מגע ומשא מיט דער רעגירונג. צאָהל ניט קיין שטייערן, געה ניט אין סאָלדאטען, פאָלג ניט די געזע־ צען פון לאנד, שרייט ער צו אונז—אַי די רעגירונג וועט דיך ארייג־ זעצען אין טורמע, וועט דיר אָנטאָן שרעקליכע ענוים, וועט דיך ממית'ן? זיי זיך מוסר נפש פאר דיין הייליגען אידעאל! דער אנארכיזם איז געגען געוואלט — פּרעדיגט טאָלסטאָי, אז אויב אי־ מיצער בארויבט דיך, שענדעט דיין ווייב און דיין טאָכטער, מער־ דערט דיין פאמיליע, שטעה רוהיג, א פינגער זאָלסט דו ניט ארויפ־ לייגען אויף דעם מערדער! אָט דאָס הייסט קאָנסעקווענץ, דאס איז לאָגיש; אָט אזוי דינט זיין אידעאל א שטריינג־גלויביגער, א רע־ ליגיעזער מענש! ווען א ל ע וואָלטען אזוי געטאָן, וואָלט אין אכט טאָג צייט דער הימעלרייך געווען אויף דער ערד; ווען פ י ע ל ע וואָלטען אזוי געטאָן, וואָלט זייער ביישפּיל געהאט א גרויסע ווירקונג אויפ'ן עולם; ווען א קליינע צאָהל נאָר וואָלט אזוי געטאָן, וואָלטען מיר זיי געאכטעט אלס אויפריכטיגע פאנאטיקער, און—באדויערט...

אונזער „רעוואָלוציאָנערער" אנארכיזם אבער איז ניט קאָנסעק־ ווענט און ניט לאָגיש. ער איז אויך געגען געוואלט, דאָס הייסט געגען דער געוואלט, וואָס דער הערשער און עקספּלואטאטאָר גע־ ברויכט; אבער געוואלט געגען איהם איז גראד א מצוה צו געברוי־ כען, און מען לויבט אזא טוער ביז אין זיבעטען הימעל. פאר דער אויבערמאכט פון שטאאט בויגט מען דעם קאָפּ ווי טיעף ער הייסט, (אויסער ווען מען קען עובר זיין אויף זיינע געזעץ באהאלטענער־

הייט) — מישען זיך אבער אין פּאָליטישען לעבען און ווירקען ווי־פיעל מעגליך געגען דעם פּ ר י נ צ י פּ פון שטאַאט, דאָס הייסט שוין אנערקענען דעם שטאַאט און האַנדלען להיפך צו די אַנאַרכיס־טישע פּרינציפּען! פּאָלגען דעם שטאַאט מעג מען, הרג'נען זיין פאַר־טרעטער איז א לויבענסווערטע טאַט, ווירקען געגען איהם מיט פּראקטיש איבערציינגענדער ארבייט — דאָס איז געגען פּרינציפּ!

מיר האָבען א פאָרמולע: „פּערזענליכע איניציאַטיווע". וואס איז די מיינונג פון דעם? עס איז א פילאָזאָפיש־היסטאָרישע גענע־ראַליזאציע, וועלכע דריקט אויס דעם געדאנק, אז ווען א מענש פארלאָזט זיך ניט אויף דעם אנדערן, איז ער בעסער אָפּ. די ריכ־טיגקייט פון דעם געדאנק איז א שטיצע פאר אונזער טעאָריע, אז קהל'שע פארזאָרגאכץ טויג אויף א כפּרה, און אז די בעסטע צופרי־דענהייט און דער העכסטער פּראָגרעס וועט ארויסקומען, ווען יעדער איינער וועט האָבען די געלעגענהייט. און וועט זיך באנוצען דערמיט, א ל י י ן צו טאָן דאָס בעסטע וואָס ער קען. נעמען די גענאסען און מאכען פון דער גענעראַליזאציע א דאָגמאַ, פון וועלכער זיי דרינגען, אז מען טאָר ניט ש י ק ע ן קיין רעפּרעזענטאַנטען, און במילא טאָר מען ניט ו ו ע ה ל ע ן קיין רעפּרעזענטאַנטען, און נאָך אמאָל במילא טאָר מען ניט זיין קיין רעפּרעזענטאנט, ווייל דאָס רויבט אוועק יענעמס פרייהייט, (אזוי ווי עס מוז!) און דארום איז עס געגען דעם אַנאַרכיסטישען פּרינציפּ פון פּערזענליכער איניציא־טיווע! אַי וואָס מיר האָבען איצט ניט די מעגליכקייט אליין צו טאָן דאָס בעסטע, וואָס מיר פארשטעהען? אַי מיר מוזען זיך בויגען אין אונזערע פּאָליטישע פארהעלטניסע היינטיגען טאָג צו אַנדערע מענשען'ס פארטרעטער, וועלכע זיינען אָפען געגען אונז און מאכען אפילו גאר קיין אָנשטעל ניט צו פארטרעטען אונזערע מיינונגען? — איז דען ניט בעסער פאר אונזער צופרידענהייט און פאר'ן פּראָ־גרעס, ווי מיר פארשטעהען איהם, אז מיר זאָלען האָבען לכל הפּחות א פארטרעטער פון אונזערע מיינונגען און שטרעבונגען, אזוי לאַנג ווי מיר האָבען ניט די געלעגענהייט אליין איינצופירן אונזערע בעסטע אידעען אין לעבען?

אין די עקאָנאָמישע שייכותן פון געגענזייטיגע אינטערעסען

אין דער געזעלשאפט, קענען די פעכטערייען אָנגעפירט ווערן אמאָל מיט מעהר ערפאָלג אויפ'ן גאַס, ווי אין קהל־שטיבעל; און אויפ'ן גאַס איז דער איינגענער פויסט אָפט מעהר ווירקזאַם, ווי דעם פאַר־טרעטערס טענות. אין א ריין פאָליטישער פראגע אבער, ווי למשל, וואו עס האנדעלט זיך וועגען דאָס רעכט פון מיין שטעטעל צו בויען א בריק, אדער מאכען א פאַרק, אדער איינפירן מוניציפאַלע פאַר־וואלטונג פון „פובליק יוטיליטיס“, ניט דארפענדיג אנקומען וועגען דעם נאָך א ערלויבנים פון דער צענטראַלער סטייט־רעגירונג — דא קענט איהר מיט אנארכיסטישער איניציאַטיווע היינטיגע צייטען קיין איינציגען שריט ניט מאכען. איהר מוזט האָבען אייער מיינונג פאַרטראַטען אין דער לאָקאלער רעגירונג; אייער זייט מוז זיין רעפרעזענטירט אין דער סטייט־רעגירונג; איהר מוזט זיך איבער־הויפּט אינטערעסירן מיט דעם, און אגיטירן פאר אייער פרינציפ פון אויטאָנאָמיע אין אלע עפענטליכע פלעצער, וואו איהר קענט נאָר טרעפען אַן עולם. ווען איהר טוט טיכטיגע ארבייט און עס גליקט אייך דורכצופירן אייער פאָרשלאַג, וועט דער ערפאָלג פון די אויס־געפאָכטענע רעפאָרמען אין פּראקטישען לעבען עפענען דעם עולם די אויגען צו זעהן דעם פאָרצוג פון פרייהייט איבער שטאַאט־קאָנטראָל, און עס וועט זיין לייכטער צו אגיטירן און אפשר דורכפיהרן נאָך מעהר אויטאָנאָמיע און מעהר פרייהייט. געהט אזא ארבייט להיפך צו די אנארכיסטישע פּרינציפּען? איז אזעלכע אנארכיסטישע אר־בייט געגען דעם אנארכיזם?

„דירעקטע אקציאָן אָנשטאָט פּאָליטישע קאָפּ־פאַרדרעהעניש“— איז נאָך א פאָרמולע, וועלכע מיר האָבען אנגעשריבען אלס מאָטאָ אויף אונזער קאַמף־באַנער. דאָס קלינגט זעהר אָנארכיסטיש און רעוואָלוציאָנער, און עס איז צו באמערקען א גדלות, אַן אויסדרוק פון נצחון אויף די פּנים'ער פון די גענאסען, ווען זיי שרייען אויס אין אָט די צוויי ווערטער זייער גאנצען פּראקטישען פּראָגראַם. עס איז גוט און שעהן — אבער ווי וויט קען מען דערמיט געהן? אָט דער שטאָלצער אויסדרוק פון א פּראָקטישען פּראָגראַם קען אנגע־ווענדעט ווערן העכסטענס אין דער טרייד יוניאָן באוועגונג, וואו דער אָרגאַניזירטער ארבייטער פירט אַן א קאַמף מיט זיינע עקספּלואַ־

טאַטאַרס. אין די אַלגעמיינע געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייטען פון פאָלק קען די דאָזיגע מאַטאָ גאַנץ וויינִיג פּראַקטישעס פּועל זיין. אין טרייד־יוניאָן אינטערעסען איז א סטרייק א דירעקטע אקציאָן, וועלכע, לאָמיר צוגעבען צוליב'ן ארגומענט, איז אימער מעהר ראַטזאַם, איידער צו ווארטען אויף גליקען פון ארבייטער־פריינד־ליכע געזעצען, וואָס פּאָליטיקער וועלען דורכפירן אין פּארלאמענט. פון דייטשלאַנד, למשל, ברייננגט מען א באווייז, אז צו פארדאנקען די סאָצ. דעמאָק. פּאָליטיקער, וועלכע אנטמוטיגען סטרייקס, איז די ארבייטער לאַגע דאָרט זעהר א קלעגליכע. דזשאהן טורנער באווייזט מיט ציפערן, אז זינט די „לייבאריטס" אין ענגלאַנד האָבען זיך גע־נומען פאר פּאָליטיק, איז די מיטגלידערשאפט פון די יוניאָנס באַ־טרעכטליך געפאלען. אונזערע היגע גענאָסען ציינגען אָן אויף די „וועסטערן פעדערייישאַן אוו מיינערס", אז נאר דער מעכטיגער סטרייק, ניט די איינפירונג פון גינסטיגע געזעצען דורך פּאָליטישער ארבייט, האָט זיי געהאָלפען אין זייערע קאַמפען. צוגעגעבען, אז דאָס איז אַלעס אמת, (הגם איך מיין, אז עס איז נאר א האלבער אמת), איז וואָס פּאָלגט דערפון? דערפון פאָלגט, אז אויב דער ארבייטער וויל פארבעסערן זיין לאַגע, מוז ער זיך אָרגאַניזירן און סטרייקען, און ניט פארלאָזען זיך אויף הבטחות פון דער לעגיסלאַ־טור. שעפּט אָבער דען דער ארבייטער אוים מיט זיין סטרייק אַלע פּראָבלעמען פון געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג? נעמט דעם אנאַר־כיסט'ס רונדשוי ניט מעהר ארום ווי דעם קרייז פון טרייד־יוניאָן טעטיגקייט? איז עס אזוי בעצם אַנאַרכיסטיש דאָס, וואָס דריקט אוים, לאָמיר זאָגען, א גוטען ראַט פאר יוניאָן־לייט?

עס איז אפשר געווען גוט גענוג פאר א באקוניסט, באלד 40 יאָהר צוריק, צו מיינען, אז „די געווערקשאפטען וועלען צונויפשטעלען די פרייע קאָמונען פון דער צוקונפט; אז זיי וועלען אָרגאַניזירן די פּראָדוקציאָן און איבערנעמען די פארוואלטונג, דורך די דעלעגאַ־טען פון די האנדווערקער ־ קאָרפּאָראַציאָנען, אנשטאט פון א רע־גירונג". די אינדוסטריעלע אנטוויקלונג זייט דאן האָט, דאכט זיך, געגעבען גאָר קנאפּע גרונדען פאר אזעלכע האָפנונגען. איך וויים ניט ווי ווייט נעהענטער די שפּאנישע ארבייטער־אָרגאַניזאציאָנען

האָבען געבראכט די פּארווירקליכונג פון די דאָזיגע ערוואַרטונגען, די אמעריקאנישע, די ענגלישע, די דייטשע, די איטאַליענישע, און אפשר אויך די פראנצויזישע טרייד־יוניאָנס, האָבען נאָך דערווייל קיין אהנונג ניט פון אזא וויכטיגער היסטאָרישער באדייטונג, וואס איז אויסגעפאַלען אויף זייער גורל. איך מיין דורכאויס ניט דערמיט צו זאָגען, אז די טרייד־יוניאָן־באוועגונג פארדינט ניט געשטיצט צו ווערן; אז איהרע צוועקען און קאַמפען האָבען קיין באדייטונג ניט אין די רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען, וועלכע די פארשיידענע אינטע־רעסען־אַנטאַגאָניזמען רופען ארויס אין דער געזעלשאַפט. אדרבא ואדרבא! מען מוז גאר ניט זיין קיין מארקסיסטישער אנהענגער פון קלאַסען־קאַמף טעאָריע, כדי צוצושרייבען א גרויסע וויכטיגקייט צו דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער באוועגונג. אבער אויפליי־זען אין איהר די אנארכיסטישע באוועגונג; ארויסשטעלען דעם סינ־דיקאַליזם, מיט א פּאָר 40 יאָהריגען בליק, אלס דעם בריינען טויער, דורך וועלכען די אנארכיסטישע קאַרעטע וועט אריינפאָרן אין דעם צוקונפטס־לאַנד — דאָס איז אזא קורצזיכטיגקייט, פון וועלכער עס קען נאָר ליידען א פּארטיי, וואס האָט פארלאָרן יעדען האַלט אויף די באגעבענהייטען פון לעבען; וועלכע וואַרפט זיך ארום אין א בייזען ים, ווי א שיף אָהן א רודער, און האָט אפילו קיין קאָמפּאַס ניט, צו וויסען וואוהין זי בלאָנדזשעט...

די אויפגאַבען פון א ברייטער אַנארכיסטישער באוועגונג שפּריי־טען זיך אויס ווייט אריבער די גרענעצען פון טרייד־יוניאָניזם אדער סינדיקאַליזם. זי שליסט איין אַלע געזעלשאַפטליכע קאַמ־פען פאר פרייהייט און געגען שטאַאט־הערשאַפט; פאר גלייכע געלעגענהייטען און געגען פּריווילעגיען און מאָנאָפּאָלען: זי לייזט זיך אָבער ניט אויף אין קיין **איינציגען** **פון די דאָזיגע** קאַמפען.

„מיר זוכען דעם פּראָגרעס אין דעם אינדיווידועם פאָלשטענדי־גער באפרייאונג פון דעם שטאַאט'ס אויטאָריטעט; אין דער גרעס־טער אנטוויקלונג פון אינדיווידועלער איניציאַטיווע, און אין דער **באגרענצונג פון אלע רעגירונגס (שטאַאט) פונקציאָנען.** מיר האַלטען, אז דער פּאָרטשריטליכער גאַנג

פון די פּאָליטישע אינסטיטוציעס פיהרט ערשטענס, אָפּצושאפען די שטאַאט־אויטאָריטעט, וועלכע זוכט אויסצושפּרייטען איהרע פונקציאָנען אלץ מעהר און מעהר; און צווייטענס, צו לאָזען זיך אנטוויקלען אזוי ברייט ווי מעגליך דעם פּרינציפּ פון פּרייער איינשטימונג, און אנצוערקענען די אומאָפּהיינגיגקייט פון אלע מעגליכע אסאָסיאציעס, וועלכע פאָרמירן זיך פאר באשטימטע צוועקען, און ווען זיי זיינען פעדערירט, פאסען זיי אום די גאנצע געזעלשאַפט — אין אָט די ווערטער גיט קראָפּאטקין איבער („מאָדערנע וויסענשאַפט און אנארכיזם") דעם ענד־ציל פון דער אַנאַרכיסטישער ארבייט און באשטרעבונגען, וועלכע זיינען צו ברייט צו געפינען א גענוגענדען אויסדרוק אויף איין קאמף־פלאַץ, זאָנדערן מוזען האָבען דעם גאנצען געזעלשאַפטליכען לעבען אלס זייער הינטערגרונד.

פּראָגראַם מיינט פאר אונז דאס פריי ווערן פון דער מאַכט פון שטאַאט, די אנטוויקלונג פון דער אייגענער איניציאטיווע און די ב א ג ר ע נ צ ו נ ג פון אלע רעגירונגס־פונקציאָנען. ווער עס שטעלט זיך אזא אויפגאבע, דער קען זיך ניט אָפּגעבען אין גאנצען מיט דעם ארבייטער׳ס ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ן קאמף, דער מוז זיך אויך אינטערעסירן מיט די פּ אָ ל י ט י ש ע פראגען פון לאנד. מוז זוכען צו באגרענצען דעם שטאַאט׳ס פונקציאָנען, קעמפּענדיג מיט איהם אויפ׳ן פּאָליטישען פעלד; מוז העלפען די אנטוויקלונג פון דער פּערזענליכער איניציאטיווע, אויסקעמפּענדיג וואָס מעהר זעלבסטשטענדיגקייט פאר דער מוניציפּאליטעט, פאר דער גרופּע, פאר דעם איינצעלנעם. מיר געפינען, אז דער גאנג פון פּאָרטשריט פון די פּאָליטישע אינסטיטוציעס איז לויז צו ווערן פון שטאַאט׳ס הערשאַפט און אנטוויקלען וואָס מעהר אויטאָנאָמיע, — דאַרפען מיר העלפען דעם דאָזיגען פּאָרטשריט, שטיצען די דאָזיגע טענדענץ, און ווירקען דורך די פּאָליטישע אינסטיטוציעס פאר מעהר פּאָליטישער פרייהייט און שטרענגערער באגרענצונג פון דעם שטאַאט׳ס אריינמישונג. פאר עקאָנאָמישע צוועקען מעג זיך זיין גאנץ ריכטיג, אז דער פּראָלעטאריער מוז אנווענדען דעם ד י ר ע ק ט ע ן ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ן קאמף; כדי צו קריגען אן עקאָנאָמישע פארבעסערונג פון זיין לאגע, קען זיין אז געהן אין פּאָליטיקס איז אן ארויס־

געוואָרפענע ארבייט. דערפאר קענען אפילו סאָציאַל־דעמאָקראַטען איבערגעהן צום סינדיקאַליזם, אין לענדער וואו די איבערצייגונג האָט זיי געלערנט, אז זיי קענען זיכערער קריגען א העכערן ארבייט־לוין דורך אן ערפאָלגרייכען סטרייק, איידער דורכ'ן פּאָליטישען קאמף. דער טרייד־יוניאָן טוער, וועלכער האָט איין באגרענעצטע אויפגאבע, וועלכער זוכט ניט דעם אלגעמיינעם געזעלשאפטליכען פּראָגרעס, ווי למשל, „די אמעריקאן פעדערייזשאן אף לייבאר", האָט אנגענומען די דירעקטע אקציאָנס טאַקטיק, אלס א קאָנסערוואטיווע, פּראַקטישע מעטאָדע. סעם גאָמפּערס און דזשאהן טורנער זיינען פאראייניגט אויפ'ן עקאָנאָמישען באָדען. דאגעגען אבער, דער וואָס זוכט פּראָגרעס אין די פּאָליטישע אינסטיטוציעס, פאר דעם איז דער דירעקטער עקאָנאָמישער קאמף זעהר און זעהר אן א י נ ד י ר ע ק ט ע ר קאמפּס־מיטעל, וועלכער קען זיך אם ענדע ארויס־ציינען, אז עס איז אין גאנצען געווען אן ארויסגעוואָרפענע ארבייט.

דער וואָס שטעלט זיך אויף א הויכען שטאַנדפּונקט און ווארפט זיין בליק אויפ'ן ג א נ צ ע ן געזעלשאפטליכען לעבען און גיט זיך אָב מיט א ג ע ז ע ל ש א פ ט ל י כ ע ר באוועגונג, דער מוז זיך הויפּטזעכליך אינטערעסירן מיט דער גאנצער פאַרפאַסונג פון דער סאָציאַלער סטרוקטור; מיט די פּאָליטישע באציאונגען פון די גרופּען אדער קלאסען, וועמענס אינטערעסען זיינען געגענגעזעצט איינע אנטקעגען די אנדערע; מיט די פּראָגרעסיווע טענדענצען, וועלכע זוכען דורכצושלאָגען זיך אין לעבען. מיט איין וואָרט: ער מוז זיך אינטערעסירן מיט די סאָציאַל־פּאָליטישע פארהעלטניסען פון לאנד. דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם זייט מארקס'ן שטעהט אויף אזא שטאַנדפּונקט, און איך קען דארום ניט באגרייפען, מיט וואס פאר א גרונד אונזערע אנארכיסטען ווארפען זיי אימער פאָר, וואס זיי פארבויגען די אינטערעסען פון טרייד־יוניאָן כדי אָפּצוגעבען זיך מיט די ברייטערע אינטערעסען פון דער געזעלשאפטליכער פּאָליטיק. דער אויבענאויפיגער פּאראדאָקס פון זייער פּאָזיציע איז, וואָס זיי, וועלכע שרייבען צו אלע וויכטיגקייט צו דער עקאָנאָמיע, באשעפטי־גען זיך גאָר מיט פּאָליטיק; און כדי הפּנים צו באווייזען, אז מיר לעבען אלע אין אן עולם הפוך, פאַלען מיר אליין אריין אין פּונקט

אזא פאראדאָקס, און צושרייבענדיג אלע וויכטיגקייט צו דער פּאָ־ ליטישער באפרייאונג פון די איינצעלנע, גיבען מיר זיך אין גאנצען אָפּ מיט דער ריין עקאָנאָמישער באוועגונג פון דעם ארבייטער קלאַס.

סיי זיי, סיי מיר, ארבייטענדיג אין דער סאָציאַלער באוועגונג, דארפען מיר אלע געפינען אונזער פעלד פון טעטיגקייט אויפ'ן סאָ־ ציאַל־פּאָליטישען געביט. זעלבסטפארשטענדליך קענען מיר ניט געהן האנד אין האנד; אונזערע וועגען זיינען אזוי פארשידען. בעבעל האָט שארף פארמולירט זיינעם, דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטי־ שען וועג, אין די פאָלגענדע ווערטער: ווען אין דער געזעלשאַפט באווייזט זיך אַ נייע ערשיינונג, און עס איז פון פריהער ניט קלאָר ווי מיר דארפען זיך פארהאַלטען צו איהר, ווענד איך אַן אָט דעם מאָסשטאב: העלפט די דאָזיגע ערשיינונג דער אנטוויקלונג פון דער בורזשואזיע, ד. ה. דער געזעלשאפטליכער קאָנצענטראציע, דאַן דאר־ פען מיר ארבייטען פּאַר איהר; שטערט זי די דאָזיגע קאָנ־ צענטראציע, דארפען מיר ארבייטען געגען איהר. אָט דעם מאָסשטאב מוזען מיר אויך אָנווענדען, נאָר אקוראט פארקערט: העלפט זי צו קאָנצענטרירן די געזעלשאפטליכע פונקציאָנען, זיינען מיר געגען איר; שטערט זי די אנטוויקלונג פון אזא קאָנצענטרא־ ציע, זיינען מיר פאר איהר.

דער אנארכיזם מוז באגעגנען דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם אויף דער פּאָליטישער ארענא און קעמפען געגען זיין ווירקונג מיט אלע כחות. ניט מיט שימפף ווערטער אין די פארטיי־בלעטער דאר־ פען מיר באקעמפען אונזער פרינציפיעלען געגנער; אויפ'ן קאַמפּס פּלאַץ פון פּאָליטישען לעבען דארפען מיר מיט איהם מלחמה האל־ טען, ניט לאָזען דאס גאנצע פעלד אין זיין רשות. דער סאָציאַל־ דעמאָקראטיזם זוכט צו פארשטאַרקען די פונקציאָנען פון שטאַאט און אוועקצונעמען די מאכט פון די באנדע רויבער, וועלכע עקספּלוא־ טירען די מענשהייט. דער אנארכיזם זוכט צו באַגרענצען די פונקציאָנען פון שטאַאט, ביז עס וועט מעגליך זיין אין גאנצען אָפּצושאַפען זיין מאכט, אזוי אז קיינער זאָל ניט קענען

הערשען איבער דעם אנדערן, און כדי דאדורך צו פארגרעסערן דעם גליק און פראגרעס פון דער מענשהייט. קענען מיר זיין טריי צו אונזער אויפגאבע, ווען מיר לויפען אוועק פון שלאכטפעלד און לאָזען אונזער געגנער אויסאיבען זיין גאנצע ווירקונג אויפ'ן פּאָליטישען לעבען? קענען מיר האָפען פועל צו זיין אירגענד וועלכע באַגרענצונג פון דעם שטאאט'ס פונקציאָנען, אוועקלעגענדיג אונזערע גאנצע כחות אין די יוניאָנס? האָבען די שפּאנישע יוניאָנס, דער טיפּ פון רעוואָלוציאָנערע סינדיקאליסטען, ווידערגעשטאַנען אין וועלכער עס איז הינזיכט די אויסשפּרייטונג פון שטאאט'ס צענטראליזירענדע טענדענץ איבער דעם לעבען פון שפּאנישען פאָלק? האָבען די רעוואָלוציאָנערע ארבייטער־סינדיקאטען אין פראנקרייך געמינדערט אויף א האר דעם ביוראָקראטישען צענטראליזם פון יענעם לאַנד? אדער קענען מיר אפשר זיך פארלאָזען אויף די קאנסטרוקטיווע ענגלישע און אמעריקאנער טרייד־יוניאָנס, אז זיי וועלען, אונטער אונזער איינפלוס, קעמפען צו באגרענצען די פונקציאָנען פון שטאאט? די יוניאָנס שליסען ניט איין דעם געזעלשאפטליכען לעבען: דאס געזעלשאפטליכע לעבען שליסט איין די יוניאָנס.

כדי צו ערפילען אונזער אויפגאבע פון באגרענצען די פונקציאָנען פון שטאאט, מוזען מיר פּראָפּאַגאנדירן אונזערע אידעען, שריפטליך און מינדליך, בילדען און ווערבען געזינונגס־גענאָסען, וועלכע זאָלען זוכען צו פארווירקליכען די אנארכיסטישע אידעען אין געזעלשאפטליכען לעבען. מיר מוזען דארום שאפען א מעהר צוזאַמענהאלטענדע פּארטיי־אָרגאניזאציאָן, ווי די לויזע, אומבאשטימטע ברודערשאפט, וועלכע מיר רופען היינט אונזער פּארטיי. מיר מוזען אונזערע צוועקען אויסדריקען אין א פּרינציפּיעלען פּראָגראם פון טעטיגקייט, און פאָדערן פון אונזערע פּארטיי מיטגלידער א פרייוויליגע איינשטימונג מיט די פּרינציפּען און פּראקטיקע פון אונזער פּארטיי־פּראגראם. עס איז א קאָלאָסאלער אונזין און פארברעכען געגען אונזער אידעאל, צוצוציהען מיט אלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע פראזען די היציגסטע פון די אומצופרידענע, און ניט פארפליכטענדיג זיי מיט קיין באשטימטע פּארטיי־טעטיגקייט, געבען זיי די מעגליכקייט צו רופען זיך אַנארכיסטען, און מיר זאָלען מוזען טראָגען

די פֿאַראַנטוואָרטליכקייט פֿאַר די דומע, און מאַנכעס מאָל אויך פֿאַרברעכערישע האַנדלונגען, פֿון איינינגע פֿון זיי. מיר מוזען אָבער פריהער פֿון אַלעס א ל י י ן זיך באפרייען פֿון דער הערשאַפֿט פֿון דער פראַזע. מיר מוזען אויפהערן צו זיין רעוואָלוציאָנערע טרוימער און אַנאַרכיסטישע דאָן קיכאָטס; מיר מוזען אַרונטער־לאָזען זיך פֿון די וואָלקענס אויף דער זינדיגער ערד, און אַנערקע־נען דעם פֿאַקט, אַז די מאַסען זיינען נאָך ווייט ניט פֿאַרטיג צו לעבען אַנאַרכיסטיש. מיר דאַרפֿען פֿון דאָס־ניי פֿאָרמולירן די אויפגאַבען פֿון אַנאַרכיזם און קלאָר ווערן אין דעם געדאַנק, אַז א סאָציאַל־פּאָליטישע לעהרע מוז האָבען רעאַלע טעטיגקייט אויפ'ן סאָציאַל־פּאָליטישען געביט.

# די רעפרעזענטאטיווע רעגירונג *

אין דער פראגע פון אריינגעהמען פאליטישע טעטיגקייט אין דער אנארכיסטישער טאקטיק, שטעלט זיך גלייך אויף דער טייוועלשער רעפרעזענטאטיוו סיסטעם ווי א מורא'דיג שווארצע וואנט, וועלכע האקט אפ יעדען צוטריט צו א פארשטענדיגער דיסקוסיאן. דער פארלאמענטאריזם, זאגט מען אונז, איז דער סמאל, וואס פארסם'ט דעם אטעם פון די וואס שטעהען אין זיינע ד' אמות; דער רעפרעזענטאטיוו סיסטעם איז דער שאול תחתיה, וואו עס ווערן באגראבען אלע אידעאלערע און פארנינפטיגערע שטרעבונגען פון דער מענשהייט. ער איז „די ארגאניזירטע הערשאפט פון דער בורזשואזיע“; זאל יעדער אנארכיסט וייכען פון איהם ווי פון דער פעסט!

די דאזיגע קללות און חרמות, וואס ווערן אויסגעשאטען אויף דעם פארלאמענטאריזם'ס קאפ, זיינען ניט אינגאנצען ניט פארדינטע. ווען מען קוקט זיך צו, ווי די פארטרעטער פון די מאכטהאבער שאלטען און וואלטען אין דעם דאזיגען פאלקס־הויז, קען מען זיכער זעהר ווייניג גוטעס געפינען צו זאגען פאר איהם. פונקט אזוי ווייניג, ווי פאר דעם סיסטעם פון רויב און אויסבייטונג, וואס געהט אן אין דער עקאנאמישער גאס. די מאסען ווערן אויסגעזויגט עקאנאמיש און אונטערדריקט פאליטיש מיט אן אומפארשעמטקייט, וועלכע שטייגט אריבער די רויבערייען פון די געוועזענע פעאדאלע באראנען. די היינטיגע פארלאמענטען קענען קיין פארטיידיגער אין אונז געווים ניט געפינען. דא האנדעלט

* „ראס פרייע ווארט“, ניו יארק, 1911.

זיך אדרבה וועגן באַקעמפען זיי, וועגן רעווידירן אונזער שטעלונג צו זיי, כדי צו פאַרשאַרפען אונזערע כלי זין אין אונזער מלחמה מיט דעם גאַנצען בורזשואזען סיסטעם. און צוליב אָט דעם צוועק מעג דער טייוועל מי יודע ווי שוואַרץ זיין, מוזען מיר איהם דאָך קוקען גלייך אין געזיכט.

פון צוויי שטאַנדפּונקטען קענען מיר קוקען אויפ'ן רעפּרעזענטאַטיווען סיסטעם פון רעגירונג. ערשטענס פון שטאַנדפּונקט פון דעם אַנאַרכיסטישען אידעאַל; און צווייטענס, ווי אויף אַ אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך אַנטוויקעלט פון די רואינען פון דעספּאָטישען אבסאָלוטיזם, און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר איין עטאַפּ אויפ'ן לאַנגען און פּיינליכען וועג צו עראָבערן אינדיווידועלע און געזעלשאַפטליכע פרייהייט פאַר'ן מענשליכען לעבען.

אין אַנאַרכיסטישען אידעאַל א'ז, פאַרשטעהט זיך, ניטאָ קיין אָרט פאַר דער רעפּרעזענטאַטיווער רעגירונג. ווי פּראָגרעסיוו דער דעמאָקראַטישער סיסטעם פון פאַרזיצמונג זאָל ניט זיין, אין פאַרגלייך מיט דעם דעספּאָטישען אבסאָלוטיזם, א'ז ער מורא'דיג רעאַקציאָנער אין פאַרגלייך מיט'ן אידעאַל פון באַלשטענדיגער פרייהייט. דער צושטאַנד פון אַנאַרכיע שליסט איינפאַך אוים יעדען שפּור פון אירגענד וועלכער פאָרם פון שטאַאַט־רעגירונג.

און ניט נאָר דערפאַר, וואָס דער פאַרלאַמענטאַריזם ווערט אַזוי פיעל און אַזוי שעדליך מיסברויכט, פאַרוואַרפט איהם דער אַנאַרכיזם פאַר דער צוקינפטיגער געזעלשאַפט. „די זאַך אַליין, די זאַך אין עצם“, ווי בוירק האָט שוין געזאָגט, „איז אַ שעדליכער מיסברויך“. עס איז ניט אַליין וועגן דעם שמוץ און דער קאָרופּציאָן פון די וואַהלען: איג אידעאַל קען מען זיך פאָרשטעלען וואַהלען אָהן שמוץ און קאָרופּציאָן. עס איז ניט בלויז דער פונקט פון מאַיאָריטעט־רעגירונג: עס קען איינגעפיהרט ווערן די רעפאָרם פון מינאָריטעטען־פאַרטרעטונג. די צרה איז ניט דער פאַררעט פון די פאַרטרעטער: מיר קענען האָבען דעם איינפיהר פון ווידערוף. עס איז ניט דער חסרון, וואָס עס נעהמט אָפּ פון פאָלק די איניציאַטיווע: מען קען עס פאַרריכטען דורך דעם רעפערענדום. עס איז אַפילו ניט די לעבערליבקייט, וואָס

דער פּאַרטרעטער נעהמט זיך אונטער צו אַנטשיידען טויזענטערליי פראַגען, וועגען וועלכע ער האָט ניט די מינדעסטע ידיעה: מען פּאַלט שוין איין היינט אויף דעם פּלאַן פון עקספּערטען־קאָמיסיעס פאַר יעדען וויכטיגען ענין באַזונדער. עס איז פּשוט דער עלעמענט פון הערשאַפט, וואָס בלייבט שטעקען אפילו אין דעם העכסט־געלייטערטען פּאַרטרעטונגס־סיסטעם, וועלכער קען לאָגיש קיין אָרט ניט האָבען אין אַן אידעאַלען צושטאַנד פון גאָר־קיין־הערשאַפט־ניט. דער ענדציל פון אַנאַרכיזם איז די אינדיווידועלע און גרופּען־אויטאָנאָמיע, וועלכע וועט זיין געבויט אויף אַ פרייען אָפּמאַך צווישען אייגאַנדער, דורך די ניט־געצוואונגענע פאַרשטענדניש צווישען דעלעגירטע, וואָס וועלען טאָן דעם רצון פון זייערע דעלעגירער. פון שטאַנדפּונקט פון אָט דעם ענדציל איז דער פּאַרלאַמענטאַריזם ניט בעסער פאַר יעדער אַנדער פאָרם פון רעגירונג און הערשאַפט.

שעהן איז אונזער אידעאַל, גרויס און ערהאָבען איז אונזער ענדציל! אַ ביסעל וויטלויפיג אפילו, אָבער דאָס איז קיין חסרון ניט. שטרעבען דאַרף מען וואָס העכער. „שפּאַן צו דיין וואָגען צו אַ שטערן אין הימעל“, האָט עמערסאָן געראַטען. מיר פרעגען ניט, צי וועט אַזאַ אידעאַלער צושטאַנד ווען עס איז מקוים ווערן. נביאות זאָגען לאָזען מיר איבער פאַר די ערפינדער פון „אייזערנע געזעצען“, וועלכע קענען אויסלעזען די וויטסטע צוקונפט פון אַ בלעטעל מאַרקס... עס איז אַ שעהנער טרוים, עס איז ניט אוממעגליך — פאַרוואָס זאָלען מיר ניט שטרעבען דערצו?

וואָס מיר מעגען זיך יאָ פרעגען איז, צי איז כדאי צו באַגרענצען אונזער היינטיגע טעטיגקייט, און דערהויפּט, צי עס האָט אַ זין צו באַשטימען די טאַקטיק פון היינטיגען טאָג לויט אונזער פאָרשטעלונג פון אַ מעגליכער האָפנונג, פון אַ וויטלויפיגען אידעאַל? אידעאַלען זיינען טרוימען, אויף וועלכע עס רוהט זיך אָפּ די פאַרוואונדעטע נשמה אין די גראָבע רייבערייען פון אַלטעגליכען קאַמף. צי קען מען אָבער טרוימען אָרגאַניזירן? אידעאַלען שוועבען אין די נעבעלדיגע וואָלקענס פון דעם מענשען'ס גייסטיגע הימלען. צי קען מען אָבער אויפבויען אַ לעבענס־טעטיגע

פּאַרטיי אויף אַ פונדאַמענט אין דער לופטען? צי קען די פּראָפּאַ־גאַנדא פון העכסטען אידעאַל האָבען אַן ערפאָלג ביי די גרויסע מאַ־סען, וועלכע זיינען ניט בכח אפילו צו טרוימען וועגען איהם?

איינצעלנע מענשען קענען לאָזען זייער פאַנטאַזיע זיך פאַנאַנ־דערשפּילען ביז צום זיבעטען הימעל. אַ יחיד מיט אַ גוטען קאָפּ קען דורך לאָגיק דערגרייכען די אידעע פון דער העכסטער געזעל־שאַפטליכער פרייהייט. אַ שאַרפער מח קען מיט'ן מעסער פון קרי־טיק אויפשניידען די פאַרבאָרגענסטע וואונד אין היינטיגען פּאָליטי־שען קערפּער. די מאַסען אָבער האָבען ניט קיין פאַנטאַזיע. זייער בּויטֶ וויים ניט פון קיין טיפערע לאָגיק, ווי די, וואָס זיי געפינען אין אַ פולען „דינער פייל". און זיי פיהלען נאָר אַזוינע וואונדען, וואָס זייער ריח פאַרשלאָגט שוין אַזש דעם אָטעם. גערעדט צו זיי וועגען דאָס קליין הערעלע פון צוואַנג, וואָס וועט בלייבען שטעקען אין דעם עהרליכסטען און בעסטען פאַרטרעטונגס־סיסטעם, אַז זיי זעהען ניט די גראָבע בערוועגע פון פּאָליטישער אונטערוואָרפענ־קייט, וואָס סטאַרצעט זיי אין די אויגען!

אין אונזער אַלטעגליכער באַוועגונג, ריידענדיג צו דער מאַסע און זוכענדיג צו געווינען פאַר אונזערע אידעען אַן איינפלוס אויפ'ן געזעלשאַפטליכען לעבען, מוזען מיר זיך שטעלען אויפ'ן צווייטען שטאַנדפּונקט. דער רעפּרעזענטאַטיווער סיסטעם פון היינטיגער עקאָנאָמישער אָרדנונג, איז ניט פון הימעל אַראָפּגעפאַלען, נאָר ביי אונז אויף דער ערד געבוירען געוואָרן, מיט גרויסע חבלי לידה, אין די אַמעריקאַנער און פראַנצויזישע רעוואָלוציעס פון ענדע פון דעם 18טען יאָהרהונדערט. ביי דעם גרויסען עולם איז ער פאַררעכענט נאָך ביז היינטיגען טאָג פאַר דעם בעסטען אינסטרומענט צו באַ־זאָרגען די קהל'שע געשעפטען. אין טעאָריע פאַרטרעט ער די אינ־טערעסען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. ער איז ענג פאַרבונדען, אפילו לויט קראָפּאָטקין'ס אנזיכטען, מיט היינטיגען עקאָנאָמישען סיסטעם, און קען ניט פאַרשווינדען איידער עס וועט אַריינטרעטען אַ גרינדליכע ענדערונג אין אַלע גרונטלאַגען פון דער געזעלשאַפט. מיט אַזאַ אינסטיטוציע מוז מען זיך רעכענען. מיט אַ „שקץ

תשקצנו" קען מען איהם ניט אָפּ'פּטר'ן; אין חרם איהם אַריינ־לייגען העלפט ניט.

לויט דער מיינונג פון די אַנאַרכיסטען איז דער רעפּרעזענטאַטיוו סיסטעם גע'משפט און פאַר'משפט געוואָרן. און מעהר אויספיהרליך ווי אַלע אַנדערע האָט איהם פאַר'משפט קראָפּאָטקין: לאָמיר אונטערזוכען אויף וועלכע גרינדע ער האָט אַרויסגעטראָגען זיין פסק דין.

אין זיין אָפּהאַנדלונג איבער דער רעפּרעזענטאַטיווער רעגירונג, שטעלט קראָפּאָטקין גלייך פון אָנהויב אַוועק דעם טעזיס, אַז „די פּאָליטישע אָרדנונג, אונטער וועלכע די מענשליכע געזעלשאַפטען לעבען און עקזיסטירן, איז שטענדיג דער אויסדרוק פון דער עקאָנאָמישער אָרדנונג, וואָס האָט זיך אַנטוויקעלט אין דעם געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם". און זיין גאַנצע אַרגומענטאַציע פיהרט צו באַווייזען דעם פּונקט, אַז נאָכדעם ווי עס וועט אָפּגעשאַפט ווערן די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנסווייזע און עס וועט איינטרעטען א פאָלקאָמענע אומוועלצונג פון די עקאָנאָמישע פאָרמען פון דער געזעלשאַפט, וועט אויך מוזען אַרויסוואַקסען א נייע פּאָליטישע פאָרם. „יעדער נייער עקאָנאָמישער סיסטעם", באַהויפּטעט ער קלאָר און פעסט, „פאָדערט א נייעם פּאָליטישען סיסטעם". מיר קענען דאָ גלייך באַמערקען, אַז דער אורטייל איז אַרויסגעטראָגען געוואָרן אויפ'ן רעפּרעזענטאַטיווען סיסטעם, ניט אויף איצטער, נאָר אויף לעתיד לבוא. אין דער צוקונפט וועט זיך פאָדערן א נייער פּאָליטישער סיסטעם. די רעפּרעזענטאַטיווע פאָרם וועט ניט קענען צופרידענשטעלען די נייע גרונטלאַגען פון געזעלשאַפטליכען לעבען. מיר זיינען פאָלקאָם איינפאַרשטאַנען מיט דעם אויספיהר, און האָבען טאַקע אונזער אידעאַל פאַר יענער צוקונפט, ווי מיר האָבען גערעדט וועגען דעם פריהער.

אָבער ווי שטעהט עס מיט דעם פּאָליטישען סיסטעם פאַר דער געגענוואַרט? אויב מיר זאָלען צוגעבען קראָפּאָטקין'ס טעזיס, איז קלאָר, אַז איידער עס האָבען זיך געענדערט די היינטיגע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, קענען מיר ניט האָבען קיין אַנדער פּאָליטישע אָרדנונג; אַז אין דער היינטיגער געזעלשאַפט זיינען מיר אַנגעוויזען

אויף דעם רעפּרעזענטאַטיוו סיסטעם, ווי אויף דעם ריכטיגען אויס־דרוק פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג. פאַר דער געגענוואַרט, הייסט עס, זיינען די ביידע אָרדענונגען, די עקאָנאָמישע ווי די פּאָליטישע, לעבעדיגע פאַקטען, געגען וועלכע מיר דאַרפען קעמפּען. אויב מיר נעהמען אָן די טאַקטיק פון „אָדער גאַר, אָדער גאָרנישט", — די אַזוי גערופענע רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק — דאַרפען מיר זי אָנווענדען אויף ביידען גלייך און, ניט טראַכטענדיג וועגען קיינע פּאַליאַטיווען, זוכען זיי צו פאַרניכטען מיט אַמאָל. זיינען מיר מעהר גענייגט צו האַלטען פון דער טאַקטיק „וואָס בעסער, איז בעסער",— די עוואָלוציאָנערע טאַקטיק — דאַרפען מיר זי אויך אָנווענדען אויף ביידען גלייך און זוכען צו געווינען וואָס מעהר פאַרבעסערונגען אויף ביידע געביטען. צו איגנאָרירן איין אָרדענונג און קאָנצענטרירן די גאַנצע אַטאַקע אויף דער אַנדער אָרדנונג, איז, צו זאָגען דאָס ווע־ניגסטע, איינפאַך ניט לאָגיש.

אונזער אַנאַרכיסטישע טאַקטיק איז אין אַלגעמיין אַ רעוואָלו־ציאָנערע, אָבער ניט קיין אויסגעהאַלטענע. דער אַנאַרכיסט פאַר־מיאוס'ט ניט די קלענסטע הנחה, וואָס ער קען באַקומען פון זיין באַס דורכ'ן עקאָנאָמישען קאַמף: פאַרוואָס זאָל ער פאַר'מיאוס'ן די ברעקלעך רעפאָרמען, וואָס ער קען באַקומען פון געזעלשאַפטלי־כען באַס, דעם שטאַאט, דורך דעם פּאָליטישען קאַמף? פאַרוואָס איז ניט טריף איינצוגעהן אויף קאָמפּראָמיסען מיט'ן עקאָנאָמישען הער־שער, און יאָ טריף אפילו אריינצושמעקען אין הויז פון פּאָליטישען הערשער? אויב די פּאָליטישע אָרדנונג, אונטער וועלכער מיר מוזען לעבען און עקזיסטירן, איז דער אויסדרוק פון דער עקאָנאָמישער אָרדנונג, וועלכע האָט זיך אַנטוויקעלט אין אונזער לעבען, איז וואו איז דער שכל, וואָס מיר פיהלען אַזאַ שנאה צו דעם „אויסדרוק" און עקלען זיך איהם גלייך אין פּנים צו קוקען, בעת מיר אונטער־האַנדלען טאָג־טעגליך און שליסען אָפּמאַכען מיט דער טומאה גופא, די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנסווייזע, וועלכע האָט געשאַפען דעם פּאָליטישען אויסדרוק? — זאָלען מיר זאָגען, אַז מיר זיינען טאַקע דאַריבער מחויב צו איגנאָרירן די פּאָליטישע אָרדנונג, ווייל זי איז נאָר אַן אויסדרוק, אַן אָפּבילד פון דער עקאָנאָמישער אָרד־

נונג, און אָנשטרענגענדיג אַלע כחות צו שטירצען די זאַך, וועט דער אָפּבילד פון דער זאַך ממילא פאַלען? איז וואָס איז דאָן דער חילוק צווישען דעם רעוואָלוציאָנערן אַנאַרכיסט קראָפּאָטקין, און דעם „רעפאָרמער“־סאָציאַלדעמאָקראַט ענגעלס, וועלכער האָט, גאַנץ לאָגיש פון זיין זייט, קריטיקירט די אַנאַרכיסטישע אַנטי־שטאַאט פּראָפּאַגאַנדאַ, דערקלערענדיג, אַז דער שטאַאט וועט אָפּשטאַרבען ממילא?

מיר קענען אָבער מיט אַ „ממילא“ אַליין די פּאָליטישע אָרדנונג נים אָפּ׳פטר׳ן. „די פּאָליטישע פאָרם פון דער געזעלשאַפט“, זאָגט קראָפּאָטקין גלייך דאָרטען, „איז שטענדיג דער אויסדרוק פון איהרע עקאָנאָמישע באַדינגונגען *און אין דער זעלבער צייט די באַשטעטיגונג און דער פונדאַמענט פון די דאָזיגע באַדינגונגען*“. אָט די הוספה צו דער באַקטער־באַשרייבונג פונ׳ם רעפּרעזענטאַטיווען סיסטעם דערקלערט פאַרוואָס מיר אַנאַרכיסטען מוזען יאָ אָנפיהרען אַ באַזונדערע אַנטי־שטאַאט פּראָפּאַגאַנדאַ און אַטאַקירן די היינטיגע פּאָליטישע אָרדענונג אי אַלס אויסדרוק, אי אַלס פונדאַמענט און באַשטעטיגונג פון דער עקאָנאָמישער שקלאַפעריי. דאָס אומפאַרשטענדליכע דערביי איז נאָר, פאַרוואָס מיר זאָלען מאַכען אַזאַ אונטערשייד אין די מעטאָדען פון דער אַטאַקע אויף דיביידע גלייך־וויכטיגע געזעלשאַפטליכע אָרדנונגען. איידער אָבער מיר נעהמען זיך אַרגומענטירן וועגען דעם פונקט, דאַרף מען קלאָר ווערן וועגען דעם געדאַנק פון די טייטש־ווערטער „אויסדרוק“ און „פונדאַמענט“.

אַן אויסדרוק פון אַ זאַך האָט ניט קיין אייגענעם קיום. אַן אויסדרוק הענגט אָפּ פון דאָס, וואָס דריקט איהם אויס. ווען עס ענדערט זיך די זאַך, ענדערט זיך ממילא דער אויסדרוק. וויל מען איבערבייטען דעם אויסדרוק, מוז מען נאָר זעהן איבערצובייטען די זאַך. אין דער פראַגע, וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ, קומט אויס, אַז אויב מיר ווילען ניט האָבען דעם רעפּרעזענטאַטיווען סיסטעם, דאַרפען מיר נאָר זעהן אָפּצושאַפען די היינטיגע עקאָנאָמישע אָרדענונג. מיר מעגען נאַטירליך קריטיקירן דעם שטאַאט, אויסרעכענען אַלע זיינע חסרונות, אויפווייזען זיין ניכטיגקייט, פאַלשקייט, היפּאָקריטסטוואָ און אַלץ וואָס אין קאָרט שטעהט, ווי קראָפּאָטקין טוט דאָס

אַזוי גלענצענד אין זיין אויבענדערמאָנטער אָפּהאַנדלונג; אָבער אַחוץ דעם האָבען מיר מיט'ן שטאַאַט גאָרנישט וואָס צו טאָן. ווירקען אויף איהם, זוכען איהם צו רעפאָרמירן אָדער אויסבעסערן, איז ניט אונזער זאַך: „ער מוז און וועט אונטערגעהן" ממילא. אַ פונדאַמענט פון אַ זאַך איז, פאַרקעהרט, עטוואָס וואָס גיט אַ קיום דער זאַך. אַ פונדאַמענט הענגט ניט אָפּ פון דעם בנין, וואָס רוהט אויף איהם, נאָר אדרבא, דער בנין הענגט גיכער אָפּ פון איהם. ווילען מיר פּטור ווערן פונ'ם פונדאַמענט — אין אָט דעם פאַל פון רעפּרעזענטאַטיווען סיסטעם, — איז ניט גענוג נאָר אָפּצושאַפען די היינטיגע עקאָנאָמישע אָרדענונג, נאָר מיר מוזען אָנפיהרן אַ באַזונדערן קאַמף אַנטקעגען איהם אַליין. שוין גיכער פאַרקעהרט, ווען מיר שטירצען איהם, וועט דער עקאָנאָמישער בנין, אויב ניט אַליין איינפאַלען, לכל הפּחות אַזוי שוואַך ווערן, אַז מען וועט איהם קענען לייכט איינוואַרפען. עס פאַרשטעהט זיך, מיר דאַרפען ניט אויפהערן רייסען פון דער עקאָנאָמישער אָרדענונג פאַסענווייז: סטרייקס, באָיקאָטס, קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען א. ד. ג. טאָרן ניט פאַרנאַכלעסיגט ווערן אין אונזער קאַמף פאַר בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען שוין גלייך איצטער.

עס איז איבעריג זיך אריינצולאָזען אין צו־ווייטע חקירות, כדי צו באַווייזען, אַז לויט דער אַנאַרכיסטישער פילאָזאָפיע אין די פּאָליטישע אָרדענונג ריכטיגער דער פונדאַמענט איידער נאָר דער אויסדרוק פון דער עקאָנאָמישער אָרדנונג. אויב דער שטאַאַט וואָלט נאָר געווען אַן אויסדרוקס־פאָרם פון די עקאָנאָמישע גרונטלאַגען, וואָלטען מיר איבערהויפּט קיין גרונט ניט געהאַט פאַר אונזער באַזונדער באַוועגונג, און אונזער ריכטיגער פּלאַץ וואָלט לאָגיש געווען צווישען די רייהען פון מאַרקסיסטישען סאָציאַליזם, וועלכער איז באַגרינדעט אויפ'ן עקאָנאָמישען מאַטעריאַליזם. מיר ווילען צוגעבען, אַז דער רעפּרעזענטאַטיווו סיסטעם איז אַרויסגערופען געוואָרן פון דער בורזשואַזיע און האָט געהאָלפען די אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנסווייזע. מיר קענען אָבער ניט איינשטימען מיט קראָפּאָטקין, ווען ער דריקט זיך אויס גאָר ווי ענגעלס, אַז דער שטאַאַט מוז און וועט אונטערגעהן. דער שטאַאַט אָדער

דער היינטיגער רעפּרעזענטאַטיוו־סיסטעם, וועט אונטערגעהן, ווען עס וועלען זיך געפינען גענוג געזעלשאַפטליכע קרעפטען צו קעמ־פען אנטקעגען איהם, ניט ווען מען וועט זיך עקלען פון איהם און איהם לאָזען באַלעבאַטעווען און אַלץ מעהר באַשטעטיגען די היינ־טיגע בורזשואזע עקאָנאָמישע אָרדנונג.

אונזער טאַקטיק, אַלזאָ, פון אַ ריין־עקאָנאָמישען קאַמף פאָלגט בשום אופן ניט פון דער אַנאַרכיסטישער אנשויאונג איבער דעם כאַ־ראַקטער און ראָליע פון'ם שטאַאט. אַננעהמענדיג אפילו, אַז מיר קענען ניט באַווייזען קיין פאַרבעסערונג אין דער פּאָליטישער אָר־דנונג, כל זמן עס זיינען ניט געענדערט געוואָרן די עקאָנאָמישע באַ־דינגונגען; אַז „ווען די אנטוויקלונג פון דער פּאָליטישער אָרדנונג יאָגט אַריבער די עקאָנאָמישע פאַרענדערונגען, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל אין אַ רעוואָלוציע, בלייבט זי ניט מעהר ווי אַ פּוסטע פאָרם, אַ טויטער באַגריף, וואָס האָט ניט דעם קלענסטען פּראַקטישען ווערטה"; איז עס אַלץ ניט קיין ארגומענט, פאַרוואָס מיר זאָלען גלייכצייטיג ניט קעמפען פאַר פאַרבעסערונגען אויף ביידע געבי־טען. וויבאַלד די פּאָליטישע אָרדנונג באַשטעטיגט די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, פון וועלכע מיר ליידען, איז, דאַכט זיך, נויטיג צו אָר־בייטען, זי זאָל זיי אויפהערן צו באַשטעטיגען, אָדער, ביסלעכווייז אַלץ ווייניגער און ווייניגער זיי באַשטעטיגען. עס איז מעגליך און כדאי אריינצובריינגען וואָס מעהר ראַדיקאַלע עלעמענטען אין דער רעפּרעזענטאַטיווער רעגירונג, כדי אַלץ מעהר אונטערצוגראָבען די דאָזיגע באַשטעטיגונג און אַזוי העלפען צו צעשטערן איינגאַנצען דעם פּאָליטישען פונדאַמענט פון דער טרויעריגער עקאָנאָמישער אָרדנונג. עס איז זאָגאָר אונזער חוב צו אַטאַקירען דעם פּאָליטישען פונדאַמענט מיט אַלע מיטלען, פון דרויסען און פון אינעווייניג, ווי צ. ב. ש. אָפּשאַפען אַזוי פיעל שלעכטע געזעצען, וויפיעל מעגליך, (קראָפּאָט־קין איז מודה, אַז דאָס ביסעל גוטעס טוען אַמאָל יאָ די פּאַרלאַ־מענטען); מאַכען אבסטרוקציאָנען, קעמפען געגען בורזשעט, פּראָטעסטירן, ארויסקריגען ווען מעגליך אַ הנחה, ארויסרופען אין ספּעציעלע פּאַלען דעמאָנסטראַציעס פון פּאָלק א. אַז. וו. וואָרים אַזוי ווי עס איז קיין סתירה ניט צו דער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק

אַריינצוטרעטען אין דער טרייד־יוניאָן און קעמפּפען פאַר אַ העכערן לוין, פאַר קירצערע שטונדען, פאַר מענשליכערע באַהאַנדלונג; אַזוי קען אויך קיין סתירה ניט זיין צו דער אייגענער טאַקטיק אַריינצוטרעטען אין אַ פאָלקס־פּאַרטיי און קעמפּפען דורכ׳ן פּאַרלאַמענט פאַר מעהר אינדיווידועלע רעכטען, פאַר וועניגער דעספּאָטישע געזעצען, פאַר מעהר אויטאָנאָמיע און וועניגער שטאַאַט־צענטראַליזאַציע.

די אויסזעצונג, וואָס אין טרייד־יוניאָן פיהרן מיר אָן דעם קאַמף דירעקט, בעת דורכ׳ן פּאַרלאַמענט קענען מיר נאָר אָנפיהרן אַן אינדירעקטען קאַמף, איז אויך ניט קיין מורא׳דיגע סתירה. אַ חוץ דעם, וואָס עס שטעהט אין ערגעץ ניט געשריבען, אַז אַן אַנאַרכיסט מוז דוקא נאָר קעמפּפען דירעקט, (עס איז אַ מין תורה שבעל פה, פאַר וועלכער מיר זיינען קיינער ניט פאַראַנטוואָרטליך), קען די נעקסטע אַנטוויקלונג אונז באַלד געבען די מעגליכקייט צו קעמפּפען דירעקט אַפילו דורכ׳ן פּאַרלאַמענט. אין אייניגע שטאַאַטען דאָ אין לאַנד, ווי אויך אין דער שווייץ, איז שוין איינגעפיהרט געוואָרן דער רעפערענדום און איניציאַטיווע, און עס געהט אָן אַ שטאַרקע באַוועגונג פאַר אָט דער רעפאָרם אין פיעלע אַנדערע שטאַאַטען. דער טייטש פון דעם איז: אַז די בירגער קענען מיט זייער אייגענער איניציאַטיווע, ניט וואַרטענדיג אויף זייערע פאַרטרעטער, פאַרשלאָגען געוויסע איינפיהרן, סיי פאַר עפּעס נייעס, סיי פאַר אָפּשאַפען אַ שעדליכען אַלטען געזעץ, און דורכפיהרן דעם פאַרשלאַג דירעקט מיט זייערע שטימען, אָנשטאָט צו פאַרלאָזען זיך אויף דער אָפּשטימונג פון די פאַרטרעטער אין פּאַרלאַמענט. די קאַפּיטאַליסטישע פרעסע זעהט נאַטירליך דעריין אַ שרעקליכע רעוואָלוציע און סטראַשעט דעם עולם מיט אַן אונטערגאַנג, חס ושלום פון דער דעמאָקראַטישער פאָרם פון רעגירונג. עס געפינען זיך אָבער ראַדיקאַל־געזאָנענע מענשען, וועלכע זעהען אין דער רעפאָרם גראָד אַ וויכטיגען פאָרטשריט, און אָט ווי איינער (פראַנקלין פיערס אין די „וואָירלד“ פון אַפּריל דעם 13טען) שרייבט וועגען דעם פונקט:

„די עפענטליכע פראַגען וועלען קיינמאָל ניט דיסקוטירט ווערן און דאָס פאָלק וועט זיי ניט פאַרשטעהן, סיידען נאָר ווען זיי וועלען

פאַרגעלעגט ווערן פאַר זיין דירעקטער אקציאָן דורך דעם רעפע־רענדום.

איהר רעדט וועגען „פאַרלירן אויף דעם אופן אונזערע אַלטע פּריוויהייטען — די פריוויהייטען, וואָס די ענגליש־שפרעכענדע פעל־קער האָבען געוואונען אין משך פון לאַנגע יאָהרהונדערטען, פאַר־פליצענדיג דאָס לאַנד אין בלוט". יאָ, דאָס קלינגט שעהן; איהר ווייסט אָבער אַליין, הערר רעדאַקטאָר, און יעדער אינטעליגענטער מענש אין עפענטליכע עסקים ווייס, אַז דאָס פאָלק האַלט אין איין פאַרלירן זיינע פריוויהייטען, ווייל ניט דאָס פאָלק קאָנטראָלירט די געזעצגעבונג, נאָר די „ספּעציעלע אינטערעסען", וועלכע האָבען גע'גנב'עט דעם פאָלק'ס וועלדער און וואַסער־וועגען, און האָבען ארויסגערופען אין לעבען, דורך די שוץ־טאַריפען, אַ מענגע טראַסטס איהם צו באַרויבען".

עס פאַרשטעהט זיך, מיר שטעלען זיך ניט אָפּ ביים רעפערענ־דום און קענען זיך דערמיט ניט באַנוגענען. עס איז אָבער אַ טריט אין דער ריכטיגער דירעקציאָן און עפּעס אַ מיטעל צו דערנעהענטערן די אַנטוויקלונג צו אונזער צוקינפטיגען אידעאַל פון צוזאַמענקונפ־טען פון דעלעגירטע מיט באַשרענקטע מאַנדאַטען; אַ חוץ וואָס אַזוינע פּאָליטישע רעפאָרמען קענען אונז ברייגנען פאַרבעסערונגען אַפילו פאַר דער געגענוואַרט.

די ניט־אויסגעהאַלטענקייט פון אונזער טאַקטיק בנוגע צום פּאָ־ליטישען קאַמף איז אָבער אַ זאַנדערבאַרע אַפילו פון שטאַנדפּונקט פון אידעאַל. דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל איז ניט נאָר די פאָל־שטענדיגע פּאָליטישע פריוויהייט, נאָר אויך, לויט קראָפּאָטקין, די פאָלשטענדיגע עקאָנאָמישע גלייכהייט אין קאָמוניזם. פריוואַט איי־גענטום איז פון אָט דעם שטאַנדפּונקט ניט ווייניגער אַ פאַרהאַסטע גניבה, ווי דער רעפּרעזענטאַטיוו סיסטעם איז אַן עקעלהאַפטע רציחה. אויב די „שבת'דיגע קאַפּאָטע" רופט שוין יאָ אַרוים דעם געפיהל אַריינצולעגען אין חרם איינעם פון אָט די מזיקים, איז עס דאַכט זיך לייכטער אויסצופיהרן אויף דער גניבה — פריוואַט איי־גענטום, איידער אויף איהר חבר'טע, די פּאָליטישע רציחה. אין אַ געוויסען זין ליגט דאָס פריוואַט אייגענטום אין רשות פון יחיד

און, וועניגסטענס פאַר זיך, קען עס יעדער איינער אָפּשאַפען, אַזוי ווי פאַרשיידענע קאָמוניסטישע סעקטען האָבען עס געטאָן. יעדער איינער קען מאַכען די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע ביי זיך, ווי טאָלסטאָי האָט געפּרעדיגט און כמעט אַליין דורכגעפיהרט אין זיין פּערזענליכען לעבען. דער רעפּרעזענטאַטיוו סיסטעם, פאַרקעהרט, איז אַ כלל־זאַך און קיין איינציגער קען איהם ניט אָפּשאַפען; אַפילו נאָר פאַר זיך קען איהם דער איינציגער העכסטענס א י ג נ אָ ר י ר ן. אַפילו ביי זיך אַליין קען איינער די פּאָליטישע רעוואָלוציע ניט מאַכען. ניין, כל זמן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָבען זיך ניט געענדערט, קען, לויט קראָפּאָטקין, אַפילו דער כלל ניט ענדערן, שוין ניט צו ריידען פון אָ פּ ש אַ פ ע ן, די פּאָליטישע פאָרם. „דאָס אַלגעמיינע שטימרעכט צ. ב. ש. וואָלט געווען — זאָגט ער — אַן אוממעגליכע זאַך אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף דעם פּעאָדאַליזם און די לייב־אייגענשאַפט“. מיט איין וואָרט: עס איז אַזוי פיעל גרינגער נאָכצוקומען דעם אידעאַל בנוגע פּריוואַט אייגענטום איידער בנוגע דער היינטיגער פּאָליטישער אָרדנונג — און דאַך, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען דאָס ערשטע, פאַרבויגט די אַנאַרכיסטישע טאַקטיק דעם אידעאַל און געהט איין אויף טרייד־יוניאָניסטישע פּאַליאַטיוועו, בעת דוקא וואו עס רעדט זיך וועגען דער צרה פון רעפּרעזענטאַטיווער רעגירונג, טוט מען אַן דעם טלית מיט דער עטרה איבער'ן קאָפּ, מען פאַרגלאָצט די אויגען צום הימעל און מען ציינגט פּרום אָן אויף דעם ווייטען, פינקעלדיגען שטערן, די ריינע אַנאַרכיע!

אַלע אַרגומענטען, וואָס קראָפּאָטקין ברייגנט פאָר אין זיין אויבענדערמאָנטער בראָשורע, אַנטקעגען דער רעפּרעזענטאַטיווער רעגירונג, פיהרן צו דעם איין שלום, אַז דער דאָזיגער סיסטעם, „דער קאָמפּראָמיס צווישען דעם קעניגטום און דער בורזשואַזיע“, ווי ער רופט איהם אָן, קען ניט זיין דער א י ד ע אַ ל פון די סאָציאַליסטישע אַרבייטער. ער רעכענט זיך ניט מיט דעם פאַקט, וואָס דערווייִלע איז דער פאַרטרעטונגס סיסטעם דער פּאָליטישער אָרגאַן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, און קען ביי היינטיגע אומשטענדען נאָר פאַרבעסערט ווערן, אָבער ניט אינגאַנצען אָפּגעשאַפט ווערן. אַלע

ראיות, וואָס קראָפּאָטקין ברײנגט צו באַווייזען ווי פאַרדאָרבען די רעפּרעזענטאַטיווע רעגירונג איז, קענען אויף אונז ניט אַרויפוואַרפען קיין גרעסערע אימה, ווי די באַשרייבונגען פון די צרות און אומגליקען, וואָס דער היינטיגער עקאָנאָמישער סיסטעם האָט מיטגעבראַכט. דאָס באַווייזט נאָר, אַז מיר זיינען ניט משוגע, וואָס מיר ווילען אָפּשאַפען די ביידע סיסטעמען; דאָס דערקלערט פאַרוואָס הייסע טעמפּעראַמענטען מיט שטאַרק עמפּינדליכע נשמות, וועלכע קענען וועניגער ווי אַנדערע פאַרטראָגען די הימלשרייענדע אומרעכטען פון דער היינטיגער געזעלשאַפט, וואָלטען פאַרניכטעט די פאַרפלוכטע אָרדנונג ווי דעם אַמאָליגען סדום מיט שוועבעל און פעך. אָבער דער מאַכטלאָזער צאָרן, ווי רוגזה'דיג ער זאָל ניט הויבען זיין קול, פאַרלירט באַלד דעם ערשטען איינדרוק און ווערט צולעצט לעכערליך. מיר האָבען דורכגעלעבט די ערפאַהרונג אויף'ן עקאָנאָמישען געביט. אין אָנהויב פון אונזער באַוועגונג, ווען מיר האָבען דערוואַרט די רעוואָלוציע אויב ניט היינט — מאָרגען, האָבען מיר מבטל געווען די אַרבייט פון די טרייד־יוניאָנס און אָפּט אָפּגעלאַכט פון זייערע מאַרשען און דעמאָנסטראַציעס. איצטער לאַכען מיר שוין ניט מעהר פון זיי, מיר מאַרשירן אפילו מיט; הגם זיי זיינען אויך ניט פריי פון קאָררופּציאָן, אפשר פּראָפּאָרציאָנעל ניט וועניגער, ווי אין די גרויסע פּאַרלאַמענטען. צוליב דעם זעלבען טעם האָבען מיר לכתחילה פאַרוואָרפען די פּאָליטישע טעטיגקייט. מענשען וואָס געהען אָנגעלאָדען אויף מלחמה, ווילען דאָך ניט פאַרשווענדען מיה און צייט אויף אַריינצושטופּען זיך אין דעם פיינד'ס אסיפות, כדי איהם דאָרטען מוסר זאָגען. פון אונזערע „קרייץ־ציגע" האָבען מיר אָבער זיך נאָר אָנגעמוליעט די פּיס; קיין איינציג וואַכט־הייזעל אפילו ניט איינגענומען... דערפאַר אָבער האָבען מיר זיך געמאַכט אַ חק ולא יעבור: צו זיי געהען מיר ניט!

און דאָס לעבען שטעהט ניט אויף איין אָרט. די ראָד פון אַנטוויקלונג דרעהט זיך. דאָס געזעלשאַפטליכע באַוואוסטזיין וואַקסט צו ביסלעך. אין פיינד'ס לאַגער כאַפּען זיך אַריין פרישע עלעמענטען. נייע דבורים הויבען זיך אָן הערן פון זייער טריבונע. נייע פאָדערונגען ווערן אָנגעוואַקסען און נייע מיטלען ווערן פאַרגע־

שלאָגען — נאָר אונזער שטים הערט זיך ניט. אונזער איינפלוס פיהלט זיך ניט. מיר זיינען געבליבען שטעהן אויף איין אָרט. די נויטען פון לעבען האָבען אין עקאָנאָמישע פראַגען געצוואונגען אונזערע גענאָסען מסכים צו זיין, אַז וואָס בעסער, איז בעסער; אין אונזער שטעלונג אָבער צו פּאָליטישע פראַגען גילט ביי אונז נאָך אַלץ דער אַמאָליגער כלל: אָדער גאָר, אָדער גאָר ניט!

# דירעקטע אקציאן *

די ארטאדאקסישע אנארכיסטען, וועלכע זיינען טריי געבליבען דער טראדיציע פון דער אמאליגער אנארכיסטישער באוועגונג, האבען א שלאגווארט, וואס דינט זיי אין יעדער דיסקוסיע מכח וועגען און מיטלען, אי ווי א פאנצער צו באשיצען די אלטע תורות, אי ווי א פייל־און בויגען צו אטאקירן די נייע אפיקורסות. דער שלאגווארט איז — דירעקטע אקציאן! קיינע פארטרעטער! אלץ אליין, דירעקט! אפילו אומטעטיג דארף מען זיין דירעקט אליין, און מען טאר ניט דערלאזען, אז ווער־עס־איז זאל אונז פארטרעטען אין אונזער גארנישט ניט טאן...

אמאל האט מען געמאכט אדער גערעדט און געווארט אויף רעוואלוציעס, — נו, איז וואס איז דאן שייך צו העלפען אויסוועהלען א פארטרעטער, ער זאל הייסען מאכען די רעוואלוציע? מיט פרעמדע הענט איז גוט קויהלען צו פארשארן: שיסען מיט קוילען מוז מען אליין.

צעהנדליגער טויזענטער ארבייטער אין א געוויסען צווייג פון דער אינדוסטריע לעבען אין דחקות און ליידען אונטער אוממענגליכע באדינגונגען — זאל מען זיך פארלאזען אויף פאליטיקער און פארלאמענט־מענשען, וועלכע זאגען: ווארט, איבעראיאהר וועט איהר אונז אויסוועהלען אין פארלאמענט, וועלען מיר זיך מיהען צו מאכען בעסערע געזעצען, כדי איהר זאלט ניט שטארבען פון הונגער? ניין, אפילו א בלינדער קאן זעהן, אז אן ארגאניזירטער סטרייק גלייך אויפ'ן ארט איז א סך געשייטער און פראקטישער און קאן פיהרן צו די זיכערסטע רעזולטאטען.

---

* „דאס פרייע ווארט“, ניו יארק, 1911.

ראַדיקאַלע מענשען קוקען מיט פאַרדרוס און וועהטאָג אויף דעם רעגירונגס־סיסטעם פון בילדונג, און דער הויפּט אין די נידעריגערע קינדער־שולען. זיי זעהען ווי מען פלאַנצט איין אין יונגען דור אַ געמיינעם פּאַטריאָטיזם; ווי מען לערנט די קינדער רעליגיעזע נאַרישקייטען; ווי מען אונטערדריקט זייער אינדיווידואַליטעט און גייסטיגע ענטוויקלונג. איז פאַרוואָס ניט זעהן עפּעס צו טאָן דירעקט, אליין? מהיכא תיתא, פאַרוואָס ניט גרינדען באַזונדערע שולען, אויב מען האָט די מיטלען, אָדער לכל הפחות „זונטאג שולען", אויב מען קאָן ניט טאָן בעסער? נאָכוואָס וואַרטען ביז מען וועט אויסוועהלען ראַדיקאַלע פאַרטרעטער און זיך פאַרלאָזען אויף זיי צו פועל'ן ביי דער רעגירונג זי זאָל איינפיהרן אַ מעהר מאָדערנעם בילדונגס־סיסטעם?

עס איז קלאָר, הייסט עס, אַז די דירעקטע אַקציאָן האָט איהר פּלאַץ, איהר קרייז, וואו זי קאָן און דאַרף אָנגעווענדט ווערן. ווען אונזער אויפגאַבע איז צו מאַכען אַ רעוואָלוציע, מוזען מיר אליין טראָגען די ביקסען און קאָנען ניט קויפען פאַר זיך קיין „אַבוואָקאַטניק", אָדער שיקען פון זיך אַ פאַרטרעטער אין פאַרלאַמענט. ווען מיר זיינען טריידיוניאָניסטען און מוזען אויסקעמפען אַ פּאָר טאָלער אַ וואָך מעהר לוין, האָט ניט קיין זין צו וואַרטען ביז אַ פאַרטרעטער וועט אויסגעוועהלט ווערן, וועלכער וועט אריינברענגען אַ געזעץ־פּראָיעקט אין פאַרלאַמענט; מיר מוזען זיך נעהמען דערפאַר אליין, דירעקט, דורך אַ סטרייק, ווען די אויסזיכטען צו געווינען זיינען מעהר אָדער ווייניגער גינסטיגע. הגם איך זעה גאָר ניט איין פאַרוואָס דער טריידיוניאָניסט זאָל זיך ניט באַנוצען מיט דער געלעגענהייט פון אַ גינסטיגער געזעצגעבונג, אַ ח ו ץ אַ סטרייק; פאַרוואָס זאָל ער ניט זוכען זיין טובה מיט ביידע מיטלען, מיט דירעקטער אַקציאָן, ווי אויך מיט ניט־דירעקטער אַקציאָן, דהיינו, דורכ'ן פאַרלאַמענט?

דער ראַדיקאַל, אויב ער וויל ניט בלייבען קיין פוסטער שוואַצער, דאַרף אודאי אָנשטרענגען זיינע כחות און גרינדען אַזויפיעל פרייע שולען וויפיעל זיינע מיטלען ערלויבען. אויב אָבער ער איז אַ מענש מיט אַ ברייטען בליק און האָט אין אויג דעם פּראָגרעס

פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, ניט נאָר די טובה פון זיינע אייגענע קינדער און די קינדער פון זיינע גענאָסען, ראַדיקאַלען, מוז ער זעהן אריינצוברענגען זיינע געדאַנקען אין אַלע קרייזען און שיכטען פון דער געזעלשאַפט. קאָן ער באַוועגען אַ סך מענשען צו וועהלען אַ ראַדיקאַל אָדער אַ מאַיאָריטעט פון ראַדיקאַלען אין בילדונגס־ראַט פון שטאָדט אָדער שטאַאַט, האָט ער געוויס מעהר שאַנסען צו פאַרווירקליכען זיין ראַדיקאַליזם אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב, איידער זיין איינצעלנע שול קאָן עס אויפטאָן דורך איהר גוטען ביישפּיל.

דירעקטע אַקציאָן, זאָג איך נאָכאַמאָל, איז דער א י נ צ י־ ג ע ר וועג פאַר דעם, וואָס געהט מאַכען די סאָציאַלע רעוואָלוציע מיט'ן ביקס און שווערד. עס איז דער ה ו י פּ ט־וועג פאַר דעם טריידיוניאָניסט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען נויטיגע הילף אין מאָמענט; אָבער עס שליסט ניט אויס די מעגליכקייט צו ציהען נוצען פון פּאַרלאַמענטאַרישער פאַרטרעטונג אין דער צוקונפט (צום וועניגסטען אין געוויסע לענדער). פאַר דעם ראַדיקאַל איז עס אַ גאַנץ וויכטיגער וועג, אָבער דאָך ניט דער וויכטיגסטער, אין פאַרגלייך מיט דער איינפיהר פון ראַדיקאַלע שולען דורך דער שטאָדט־אָדער שטאַאַט־רעגירונג. פון וואָס פאַר אַ וויכטיגקייט אָבער איז די דירעקטע אַקציאָן פאַר'ן אַנאַרכיסט?

וואָס איז אַן אַנאַרכיסט? אין באַקונינ'ס צייטען איז דאָס געוועזען אַ מענש, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פאָטער און מוטער, פון זיין ווייב און קינד, פון זיינע ברידער און שוועסטער, און איז אריינגעטראָטען אין אַ קאָנספּיראַטיווען פאַראיין, מיט'ן צוועק צו אָרגאַניזירען אַ באַוואָפענטען געזעלשאַפטליכען אויפשטאַנד, די אַלגעמיינע סאָציאַלע רעוואָלוציע. אויב עס זיינען איצט נאָך פאַראַן אַזוינע זעלבסט־אָפּפערנדע, מוטיגע און אויפריכטיגע דאָן־קיכאָטען, בין איך גרייט אָרונטערצונעהמען מיין הוט פאַר זיי, — אָבער איך מוז בעטען אום ענטשולדיגונג, וואָס איך קאָן ניט געהן מיט זיי צוזאַמען. דער בליק אויפ'ן געזעלשאַפטליכען לעבען האָט זיך אין די לעצטע פערציג־פופציג יאָהר

פיעל געענדערט. קאָנספּיראַטיווע פּאַראַיינען, אין מיין אַנזיכט, קאָנען די סאָציאַלע רעוואָלוציע ניט מאַכען. באַקונינ'ס פּראָגראַם האָט אָפּגעלעבט זיין צייט: עהרע זיין אַנדרענקען!

אַן אַנאַרכיסט, לויט קראָפּאָטקין (דעם אַגיטאַטאָר; קראָפּאָטקין דער דענקער איז וואָס אַנדערש), איז איינער וואָס גלויבט אין קלאַסענקאַמף אָהן קאָמפּראָמיסען; וואָס גלויבט, אַז דער אַרבייטער־קלאַס איז, אָדער מוז אינגיכען ווערען, רעוואָלוציאָנער געזאָנען; וואָס גלויבט, אַז די יוניאָן איז דאָס קערנדעל, פון וועלכען עס וועט זיך ענטוויקלען די אַנאַרכיסטישע צוקונפטס־גרופּע; וואָס גלויבט, אַז דער אַרבייטער־קלאַס וועט מאַכען די סאָציאַלע רעוואָלוציע און וועט איינפיהרן דעם פרייען קאָמוניזם, און וועט אָפּשאַפען דעם שטאַאַט און וועט איבערבויען אַלע סאָציאַלע אינסטיטוציעס אויפ'ן באַזיס פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט...

געבענשט זיינען די וואָס גלויבען! שוין באַלד אַ האַלבער יאָהרהונדערט זינט דער דאָזיגער גלויבען רופט זיינע אַנהענגער צו דירעקטער אַקציאָן—ניט איינזעהענדיג ווי צעלעכערט עס איז פאַר דער לעצטער צייט געוואָרן די טעאָריע פון קאָמפּראָמיסלאָזען קלאַסענקאַמף; ווי ניט־צופּאַרלעסיג עס האָט זיך אַרויסגעוויזען די קאַמף־לוסטינקייט פון אַרבייטער־קלאַס; ווי פּאַרעלטערט עס איז דער בליק, אַז די היינטיגע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס שטעלען מיט זיך פאָר די צוקינפטיגע אינדוסטריעלע גרופּירונגען; ווי אוממעגליך עס איז צו דערוואַרטען די סאָציאַלע רעוואָלוציע דורך די אָנשטרענגונגען פון איין קלאַס, און די איינפיהרונג פון דער אַנאַרכיסטישער פרייהייט דורך דער זיעגרייכער מאַכט פון אָרגאַניזירטע טריידיוניאָנס.

אויב דער אַרבייטער־קלאַס איז רעוואָלוציאָנער און וועט קאָנען איינפיהרן דעם אַנאַרכיזם; אויב די יוניאָן איז די אָרגאַניזאַציע פון וועלכער עס וועט ווערן די אַנאַרכיסטישער גרופּע — דאַן האָט דער אַנאַרכיסט ניט קיין אַנדער שטאַנדפּונקט אַ חוץ דעם שטאַנדפּונקט פון דעם אַרבייטער־קלאַס, און קיין אַנדערע אינטערעסען אַ חוץ די אינטערעסען פון דער טריידיוניאָן. די קראָפּאָטקינשע

אגיטאַציע האָט ווירקליך געפיהרט צו אַט דער ריכטונג, און די אנאַרכיסטישע באוועגונג איז פאַקטיש פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין דעם פראַנצויזישען סינדיקאַליזם מיט זיינע דירעקטע אַקציאָן־מעטאָדען פון „סאַבאָטאַזש“ און דערגלייכען.

די געדאַנקענרייכע טעאָריע פון אנאַרכיזם, די ברייט־אומפאַסענדע אידעע פון געזעלשאַפטליכער פרייהייט, האָט אָבער לאַנג ניט געקאָנט פאַרבלייבען איינגעצוימט אין די ענגע ראַהמען פון דעם סינדיקאַליזם. אַפילו אַ מאַלאַטעסטאַ האָט געמוזט פּראָטעסטירען (מיט עטליכע יאָהר צוריק אין אַ נומער „פרידאָם“) און האָט געשריבען: „סינדיקאַליזם — יאָ, עס איז אַ געזונטע באוועגונג; אָבער עס שעפּט ניט אויס דעם אנאַרכיזם! די אנאַרכיסטען האָבען זיך אריינגעוואָרפען אין דער סינדיקאַליסטישער באוועגונג און האָבען פאַרנאַכלעסיגט דעם אנאַרכיזם“... עס הייסט, אַלזאָ, אַז אפילו דער סינדיקאַליזם — אַט די קריסטאַליזירטע רעוואָלוציאָנערע ארבייטערשאַפט — איז ניט די אנאַרכיסטישע באוועגונג, נאָר פאַרקעהרט, אַ באוועגונג, אין וועלכער דער אנאַרכיזם פאַרלירט זיך, און פון וועלכער מען מוז רופען די אנאַרכיסטען צוריק צום אנאַרכיזם.

וואָס איז דען אנאַרכיזם? עס איז אַ טעאָריע וועגען געזעלשאַפטליכען לעבען. ווי אַלע אַזוינע טעאָריעס, איז זי ניט קיין אייביגע וואַרהייט. וואָס מען האָט נעכטען געהאַלטען פאַר צווייפעללאָז קאָן זיך היינט ארויסווייזען פאַר פאַלש. דער אַלגעמיינער סאָציאַליזם (פון וועלכען דער אנאַרכיזם איז דער לינקער פליגעל און דער סאָציאַלדעמאָקראַטיזם דער רעכטער) האָט זיך גרינטליך געענדערט אין גאַנץ וויכטיגע פונקטען. דער סאָציאַלדעמאָקראַטיזם האָט דורכגעלעבט אַ גרינטליכע רעוויזיע; דער אנאַרכיזם לעבט עס איצט דורך. דער פאַקט, וואָס אין דער אנאַרכיסטישער ליטעראַטור איז די רעוויזיע ניט פיעל צו מערקען, רעדט ניט צו גונסטען פון דעם אנאַרכיזם, נאָר פאַרקעהרט; דאָס באווייזט נאָר ווי ווייניג מען אינטערעסירט זיך מיט איהם. דער אמת איז, אַז די אנאַרכיסטישע טעאָריע איז קיינמאָל ניט וויסענשאַפטליך אויסגעארבייט געוואָרן, און גאָר ווייניג געבראַכט געוואָרן אין איינ־

קלאַנג מיט די נייע ענטוויקלונגען פון דער סאָציאָלאָגיע. דער אַנאַרכיזם וואַרט נאָך אויף זיין טעאָרעטיקער, וואָס זאָל איהם גרינטליך באַארבייטען און אויסלייטערן די פסולת פון דעם גאָלד.

אַלעמפאַלס איז דער אַנאַרכיזם אַ באַשטימטע טעאָריע מיט אַן איינגענער פיזיאָנאָמיע וועגען געזעלשאַפטליכען לעבען. דער אַל־געמיינער סאָציאַליזם, זיין טאַטע, האָט שוין לאַנג קאָנסטאַטירט און אַנאַליזירט די קראַנקהייטען פון דער געזעלשאַפט; זיין שוועסטער, די סאָציאַלדעמאָקראַטיע, האָט געגעבען איהר ענטפער ווי די קראַנקהייטען צו היילען, און ער ניט זיין ענטפער. די געזעל־שאַפט איז אָבער אַזאַ חולה, וואָס געהט ניט צום דאָקטאָר, נאָר דער דאָקטאָר מוז קומען צו איהם. דער אַנאַרכיסט, ווי דער סאָציאַל־דעמאָקראַט, מוז געהן און אָנבאָטען זיינע רפואות צום פאָלק, און עס קומט אָן מיט צרות איידער דאָס פאָלק וויל אַראָפּשלינגען די קלענסטע דאָזע. אַ קליינעם פיל באַדעקט מיט צוקער נעהמט ער נאָך ווען־ניט־ווען איין; אַ ביטערן טרונק, וואָס וועט איהם מאַכען ברעכען און אפשר אויך אויסהיילען מיט אַמאָל, וויל ער בשום אופן ניט. און עס איז גאַנץ נאַטירליך וואָס ער וויל ניט, ווייל „ער" איז ניט איינער, מיט איין ווילען, ועמען מען וואָלט געקאָנט איינ־רעדען אָדער צווינגען, נאָר ער באַשטעהט פון מיליאָנען מיט באַ־זונדערע ווילענס, באַזונדערע געדאַנקען און געפיהלען.

דער גרונט־געדאַנק פון דער אַנאַרכיסטישער טעאָריע איז — פרייהייט און זעלבסשטענדיגקייט, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיגקייט פאַר יעדען איינצעלנעם און פאַר יעדער נאָר־מאַלער געזעלשאַפטליכער גרופּע, וועלכע איז פאַראייניגט מיט אַנ־דערע דורך פרייווילינע און ניט־געצוואונגענע פאַרטראַגען און אָפּמאַכען. פון אָט דעם גרונט־געדאַנק בויט דער אַנאַרכיזם אויף זיין פּלאַן פאַר אַ געזונטען און גליקליכען געזעלשאַפטליכען לע־בען. די פולקאָמענע פאַרווירקליכונג פון דעם פּלאַן איז זיין אידעאַל; די שטופּענווייזע דערנעהנטערונג צו דעם אידעאַל מוז זיין דער צוועק פון זיין פּראָפּאַגאַנדאַ און פּראַקטישער טעטיגקייט. די אַמאָליגע האָפענונג אויפצובונטעווען די פּראָלעטאַרישע מאַסען און מאַכען די סאָציאַלע רעוואָלוציע פער אָרדער, באַוויזט נאָר ווי

ווייניג מען האָט פארשטאַנען די נאַטור פון דער מענשליכער געזעלשאַפט און די גרונטאַזצען פון איהר ענטוויקלונג. היינטיגע צייטען פארשטעהט מען עס בעסער און מען ווייסט, אז ניט דער אויפשטאַנד מאַכט די נייע געזעלשאַפט, נאָר די נייע געזעלשאַפט — די נייע געדאַנקען און ענטוויקלונגען פון לעבען — ברענגט דעם אויפשטאַנד, וועלכער שאַפט נאָר אָפּ די אַלטע פאָרמען און לאָזט די נייע זיך פרייער ענטוויקלען.

אלס אַ געזעלשאַפטליכע טעאָריע נעהמט דער אנאַרכיזם אַרום דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבען. ער מוז זיך אינטערע־סירן מיט דער פּאַרוואַלטונג פון שטאַדט און העלפען דורך פּראַק־טישער טעטיגקייט איהר פּאָליטישער אומאָפּהענגיגקייט, ניט ווע־ניגער ווי מיט דער טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציע, כדי צו העלפען איהרע עקאָנאָמישע קאַמפען. ער מוז נעהמען אַן אינטערעס אין דער פּאָליטיק פון לאַנד און זוכען צו ווירקען פאַר אַלע מעהר לי־בעראַלע איינפהירונגען, מיט דעם אייגענעם אייפער וואָס ער וואָלט ארויסווייזען פאַר אַ גענעראַל־סטרייק. ער מוז פּונקט אַזוי טעטיג זיין אויסצואַוועהלען ליבעראַלע פּאַרשטעהער אין בילדונגס־ראַט, ווי בויען פּריוואַטע פערער־שולען. ער מוז אַגיטירן פאַר דער לי־בעראַלער פּאַרטיי אין ענגלאַנד, ווען איהר „אישו“ איז „האָם רול“ פאַר אירלאַנד, אָדער די אָפּשאַפונג פון דעם „האָוז אָוו לאָרדס“; פאַר אַ פרייען טאַריף אין אַמעריקע אָדער אין דייטש־לאַנד; פאַר אַ ראַדיקאַלער אָדער אַנטי־קלעריקאַלער ריכטונג אין פראַנקרייך אָדער אין איטאַליע.

זייענדיג געטריי צו זיין אידעאַל, וועט דער אנאַרכיסט זיך אָפט געפינען אין אָפּאָזיציע צום סאָציאַלדעמאָקראַט אין גאָר פיעל סאָציאַל־פּאָליטישע שלאַכטען. דאָס וועט אַלץ שטאַרקער ארויס־שטעלען די אונטערשיידען צווישען זיי ביידען און וועט קלערער מאַכען פאַר'ן עולם די גרונט־געדאַנקען פון דער אנאַרכיסטישער לעהרע. דער אנאַרכיסט דאַרף קעמפען אַנטקעגען די צענטראַ־ליסטישע שטרעמונגען פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, אַזוי גוט ווי אַנטקעגען דעם בורזשואַזען אימפעריאַליזם, ניט נאָר אין זיין

פארטיי־ארגאן און אויף דער פלאטפארם פון א געגאסענשאפטליכער פארזאמלונג, נאר אין די פראקטישע שטרייטען פון דעם פאליטישען לעבען פון לאנד. „מיר דארפען ניט ווארטען ביז וואנען מיר וועלען קאנען פארווירקליכען אונזער אידעאל און זיך באשרענקען ביז צו יענער צייט אויף דער פראפאגאנדא אליין" — זאגט מאלאטעסטא און פיהרט אוים, אז „אונזער אויפגאבע דארף זיין אזוי צו ווירקען, אז דאס פאלק, אדער פארשיידענע טיילען פון פאלק, זאלען אליין אויסקעמפען אלע פארבעסערונגען און פרייהייטען דורך זייער אייגענער איניציאטיווע". *

דורך זייער דירעקטע אקציאן, מיינט מאלאטעסטא. איז דאס אלץ גוט און גערעכט, ווען דאס גאנצע פאלק נעהמט זיך אליין אויסקעמפען אלע פארבעסערונגען און פרייהייטען, דאן הייסט דירעקטע אקציאן רעוואלוציע, פאלקס־אויפשטאנד, דאס צו וואס עס שטרעבט יעדע אגיטאציע. אבער ווי אזוי קאנען „פארשיידענע טיילען פון פאלק" אויסקעמפען אלע פארבעסערונגען און פרייהייטען דורך דירעקטע אקציאן? קאן איין טייל פון פאלק, למשל, די אנארכיסטען, אויסקעמפען אזא פארבעסערונג ווי שטאדטישע „סאבוויים", אין וועלכע עס זאל קאסטען בלויז דריי סענט דאס פאהרען, דורך דירעקטע אקציאן? אדער אזא פרייהייט ווי די אפשאפונג פון דעם איינפוהר־טאריף, דורך דירעקטע אקציאן? אדער אפילו אזא קלייניגקייט ווי אפשאפען דעם אנטי־אנארכיסטען־געזעץ — ווי קאן מען עס טאן דורך דירעקטע אקציאן? ווי קאן מען איינפיהרן „האם רול", ווי קאן מען ווירקען צו פארקלענערן די אויסגאבען אויף דער ארמיי און דער נייווי, ווי קאן מען באגרעניצען די ברוטאליטעט פון דער פאליציי, דורך דירעקטע אקציאן?

אט די אלע פארבעסערונגען און פרייהייטען זיינען פראגען פון געזעלשאפטליכען לעבען; דארפען זיין אויפגאבען פון אנארכיסטישער טעטיגקייט — ווי קאן מען ארבייטען פאר זיי אנדערש ווי ווענדענדיג זיך צום פאלק? ווי קאן מען זיי אויספיהרן, איידער

---

* „אונזער פראגראם", ז. 13, פארלאג „ארבייטער פריינד", לאנדאן.

דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל איז נאָך מקוים געוואָרן, אַנדערש ווי דורך די מיטלען, וואָס דאָס פאָלק באַזיצט איצטער — דורך זיינע פאַרטנעשריטענע פאַרטרעטער אין שטאַדט־ראַט און אין קאָנ־גרעס? וואָס הייסט דירעקטע אַקציאָן פאַר דעם אַנאַרכיסט, וואָס וויל אויסקעמפען פאַרבעסערונגען און פריי־הייטען, וועלכע זאָלען דערנעהנטערן זיין אידעאַל?

„אונזער אידעאַל" — שרייבט דערזעלבער מאַלאַטעסטאַ אין „אונזער פּראָגראַם", זייט 7 — „באַלאַנגט ניט צו יענע אידעאַלען, וועלכע לאָזען זיך דורכפיהרן דורך איינצעלנע אינדיווידועם. עס האַנדעלט זיך איבערצובייטען די געזעלשאַפטליכע לעבענס־באַדינ־גונגען... ניט בלויז פאַר איין אינדיווידום, אָדער פאַר די מיט־גלידער פון אַ באַשטימטען קלאַס אָדער פּאַרטיי, נאָר פאַר אַלע מענשען. אַזאַ ציעל קאָן ניט פאַרווירקליכט ווערן דורך גוואַלט, נאָר מוז אַרויסוואַקסען פון דער אינערליכער איבערצייגונג פון די מענשען, און קאָן נאָר פאַרווירקליכט ווערן מיט זייער פרייוויליגער צושטימונג".

אויב איינצעלנע אינדיווידועם — צ. ב אַנאַרכיסטען — קאָנען אונזער אידעאַל — דעם אַנאַרכיזם — ניט דורכפיהרן, בלייבט דאָך פאַר זיי צו אַרבייטען נאָר פאַר אַזעלכע פאַרבעסערונגען און פריי־הייטען, וועלכע זאָלען ד ע ר נ ע ה נ ט ע ר ן אונזער אידעאַל; איז ווי אַזוי קאָנען מיר שטעהן פון ווייטען און ניט נעהמען קיין אַנטייל אין די סאָציאַל־פּאָליטישע באַוועגונגען פון לאַנד, אין וועל־כע מיר קאָנען קעמפען פאַר די דאָזיגע פאַרבעסערונגען און פריי־הייטען? אויב אונזער ציעל, איבערצובייטען די געזעלשאַפטליכע לעבענס־באַדינגונגען, קאָן ניט פאַרווירקליכט ווערן דורך גוואַלט, איז ווי אַזוי קאָנען מיר דערוואַרטען זיי איבערצובייטען דורך די־רעקטע אַקציאָן — אַ מעטאָדע, וואָס אויב מען וואָלט אפילו מיט איהר יאָ געקאָנט בויען סאָבוויים אָדער בריקען, איז זי דאָך ביי די אָרטאָדאָקסישע אַנאַרכיסטען פון די מאַלאַטעסטאַס שול ניט מעהר ווי אַן איידעלער אויסדרוק פאַר גוואַלט און בלוטפאַרגי־סונג?

דער אַנאַרכיזם, וועלכער ווייסט, אַז זיין ציעל קאָן נאָך דאָן

פאַרווירקליכט ווערן, ווען ער וועט אַרויסוואַקסען פון דער אינער־ליכסטער איבערצייגונג פון די מענשען, און מיט זייער פרייוויליגער צושטימונג. מוז אויך וויסען, אַז מיט קאָנספּיראַטיווע פאַראיינען, מיט באָמבעס, עקספּראָפּריאַציעס און סאַבאָטאַזש מיטלען קאָן מען די דאָזיגע אינערליכסטע איבערצייגונג ניט מאַכען שנעלער וואַקסען; און אַז מיט „דירעקטע אַקציאָן" קאָן מען די מענ־שען'ס פרייוויליגע צושטימונג ניט געווינען. ביז אַהער האָבען מיר מיט אונזערע מעטאָדען קיין גרויסען ערפאָלג אין דער ריכ־טונג ניט געהאַט. אונזער פּראָפּאַגאַנדאַ אין זין פון דער דאָזיגער „דירעקטע אַקציאָן", האָט דעם קלענסטען איינדרוק ניט געמאַכט אויף דעם סאָציאַל־פּאָליטישען לעבען פון דער געזעלשאַפט. די פּאָליטיק פון קיין לאַנד רעכענט זיך ניט מיט'ן אַנאַרכיזם אָדער מיט די אַנאַרכיסטען, אַ חוץ צו מאַכען פאַר זיי רעפּרעסיווע געזע־צען, ווי פאַר אַ באַנדע רויבער און „בלעק העַנדער". אַפילו די וויסענשאַפט אינטערעסירט זיך ניט מיט אונזערע אידעען. די צוויי־דריי געלערנטע, וועלכע האָבען זיך אָטוואַזשעט אונז צו אַנאַ־ליזירן, האָבען עס געטאָן מיט גומי־האַנדשוה, ווי מען ריהרט זיך אָן אָן איינעם וואָס איז קראַנק אויף שוואַרצע פּאָקען.

צו אָט אַזאַ טרויעריגער לאַגע, באַהויפּט איך, האָט אונז גע־בראַכט די „הייליגע", איינציג־כשר'ע דירעקטע אַקציאָן מעטאָ־דע! און איך וואָג, מיט דערביטערונג און טיפען קומער, אַרויפ־צוּוואַרפען די שולד פון אונזער שענדליבער און גוסס'דיגער לאַ־גע אויף אונזערע גרויסע לעהרער, וועלכע פּרעדיגען און פּאַרטייי־דיגען די דאָזיגע מעטאָדע.

# די אנארכיסטישע באוועגונג *

די 25-יעריגע ניט-אונטערבראכענע עקזיסטענץ פון דער „פרייע ארבייטער שטימע“ — פרינציפיעל אן אנארכיסטישער ארגאן — איז פון אויבען אויף א גוטער באווייז אויף דער לעבענס-פעאיגקייט פון דער היגער אנארכיסטישער באוועגונג. קליין אין צאל, ווי די גרופעס זיינען, ארעם אין אינטעליגענטע כחות ווי די באוועגונג איז, האט זי, פונדעסטוועגען, באוויזען דורך איהר אויסדויער און אפפערוויליגקייט, אז עס קלאפט אין איהר א לעבעדיגער אדער, וואס ענטפערט אפ אויף א געוויסער נויט פון אונזער געזעלשאפט-ליכען לעבען.

די אנארכיסטישע באוועגונג איז קיינמאל ניט געווען קיין גרויסע אין דעם זין פון ארומכאפען גרויסע מאסען, אדער גרויסע גרופעס ארבייטער. אין איהרע ערשטע יאהרען אבער האט זי געמאכט א גרויסען טומעל און איז געווען פיעל-שרייאיגער ווי איצטער. איהר אמאליגע ריקזיכטלאזיגע געוואגטקייט, איהר גרויס-מויליגע פארניינונג פון אלע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, דאס פייפען אויף אלע אנענומענע הייליגטימער און דאס צופעליגע קראכען פון א פאקטישער באמבע, האט איהר פארשאפט אין יענע צייטען א געוויסען פרעסטיזש — א טרויעריגען אין דער געזעל-שאפט בכלל, אבער אין געוויסע ראדיקאלע און אומצופרידענע קרייזען, געמישט אויך מיט א געפיהל פון באוואונדערונג און א געוויסער אכטונג. עס איז געווען עטוואס הערא‌אישעס אין יענער באוועגונג; אפילו אנצורופען זיך אנארכיסט האט געפאדערט א געוויסען מוט. די דרייסטקייט האט אימפאנירט, אבער ניט גע-

* „פרייע ארבייטער שטימע“, יובילעאום נומער, 1924.

צויגען צו זיך: ניט פיעל באַזיצען מוט אָדער קאָנען זיין העלדען. פון דער אַנדער זייט האָט די באַוועגונג דאַמאַלסט צוגעצויגען צו זיך אַלערליי אומפּאַראַנטוואָרטליכע און אומוויסענדע ווילד־שרייער, וועלכע האָבען מיט זייער בראַוואַדאָ אָפּגעשטויסען די רוהיגערע און מעהר אַנטוויקעלטע עלעמענטען.

דער גייסט פון דער באַוועגונג איז פון אָנהויב אָן געוועזען אַ קריגערישער און פאַרניכטענדער, אָבער צו דער זעלבער צייט אויך אַ נאַאיוו־גלויביגער אין דעם עצם גוטסקייט פון דער מענשליכער נאַטור, אין דער מעגליכקייט שוין גלייך צו לעבען אונטער דעם פרייסטען קאָמוניזם, וואָס איז געבויט אויף גלייכהייט און ברידערליכקייט. דער נאַענטסטער צוועק פון דער פּראָפּאַגאַנדע איז געווען ניט צו איבערבויען און אויסבעסערן די געזעלשאַפט, נור צו מאַכען פון איהר „טאַבולאַ ראַזאַ“, אויסרייסען אַלע איהרע אינסטיטוציעס מיט די וואָרצלען און לאָזען די נעקסטע דורות בויען דאָס לעבען פון דאָס ניי. דאָס האָט אַ לאַנגע צייט געהאַלטען די באַוועגונג אין דער לופטען; זי האָט ניט געלאָזט קיין וואָרצלען אין דעם לעבען פון די מאַסען און האָט קיין איינפלוס ניט געהאַט אויף זייערע טאָג־טעגליכע קאַמפען און שטרעבונגען.

אין משך פון דעם לעצטען פערטעל יאָהרהונדערט האָט זיך דער דאָזיגער כאַראַקטער פון דער באַוועגונג אַ רעכט ביסעל געענדערט. די שטורמדיגע פּראָפּאַגאַנדע געגען אַלץ און אַלעמען איז אַ סך מילדער געוואָרן; די אינדיווידועלע אַטענטאַטען האָבען בייםלעבוויים אויפגעהערט; דער קוק אויף די טרייד־יוניאָנס איז געוואָרן מעהר רעאַליסטיש, און די פּראָפּאַגאַנדע בכלל איז געוואָרן מעהר אויפקלעהרנד, ערציעריש. דערהויפּט אָבער איז די ענדערונג זייער בולט געוואָרן אין די לעצטע צעהן יאָהר — דורך דער גרויסער וועלט־מלחמה און דער רוסישער רעוואָלוציע. אַנטוישונג אין מענשען, אין די פירער און טיילוויים אויך אין די אייגענע אידעאַלען, האָט שטאַרק אָפּגעקילט דעם אַמאָליגען ענטוזיאַזם און געשאַפען זאָגאַר אַן אַפּאַטישע שטימונג צווישען די טוער, ווי צווישען די גענאָסען בכלל.

איז א געוויסען זין קאָן מען זאָגען, אז די באוועגונג לעבט איצט איבער א שטיקעל קריזיס. זי פארלירט אלץ מעהר דעם אלטען באָדען, וואָס איז געווען אויסגעטראָטען פון די טראַדיציאָנעלע רעוואָלוציאָנערע פראזען, און האָט נאָך ניט געפונען דעם נייעם וועג, וואָס זאָל פיהרען צום אַנאַרכיסטישען אידעאַל, ניט פאַרלייקענענדיג אינגאַנצען איהר פארגאנגענהייט. אמאָל, ווען די אַנאַרכיסטישע באוועגונג איז געווען געבויט אויף דעם גלויבען און דער דערוואַרטונג פון א באַלדיגער סאָציאַלער רעוואָלוציע, האָבען די פירער געשעפּט התפּעלות פון דעם וואונדערבארען זון-אויפגאנג, וואָס זיי האָבען גייסטיג געזעהן שוין רויטלענדיג זיך הינטער די בערג, און די ארבייטער האָבען געשטראַלט פון דער האָפענונג, אז באַלד וועלען זיי אריבערגיין פון זייער פינסטערן גיהנום אין דעם ליכטיגסטען גן-עדן. די ערפאַהרונג פון דעם לעצטען פערטעל יאָהרהונדערט האָט צושטערט יענעם גלויבען און פארניכטעט די דאָזיגע האָפענונג. דער אויסגאנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט נאָך ארויפגעלייגט די לעצטע לאָפּעטע ערד אויפ'ן קבר פון יענעם גלויבען און האָפענונג. עס איז געוואָרן קלאָר, אז מיט קפיצת הדרך קען מען אין דער צוקונפט ניט אריינשפּרינגען און מיט געוואַלט קען מען די היינטיגע מענשען פאר קאָמוניסטען ניט מאכען.

אין דער זעלביגער צייט האָט זיך דער טרייד-יוניאָניזם זייער ברייט צעוואַקסען. די יוניאָן-באוועגונג האָט געמאכט ריזיגע פאָרטשריטען און האָט אָפּגעצויגען פון דער אַנאַרכיסטישער באוועגונג איהרע אקטיווסטע טוער. די אָרגאַניזירטע ארבייטער האָבען געוואונען מעהר רעכט, זייער מאַטעריעלע לאַגע איז באדייטענד פארבעסערט געוואָרן, זיי זיינען געוואָרן א מאכט אין געזעלשאַפטליכען לעבען און זיך ערוואָרבען א געוויסען רעספּעקט. די פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די אַנאַרכיסטישע באוועגונג האָט אָנגעפירט צווישען די ארבייטער מיט 25-30 יאָהר צוריק, האָט געווים פיל בייגעטראָגען צו דעם וואוקס פון די היינטיגע ריזיגע יוניאָנס. זי האָט אָבער אָפּגעלעבט איהר צייט און וואָלט קיין שום איינדרוק אויף זיי ניט געמאכט,

ווען זי זאָל איצט ווידער אַנגעווענדעט ווערן אין איהר אַלטער פאָרם. פּאַקטיש איז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג די לעצטע צייט געוואָרן א „אנעקס" פון דער יוניאָן־באַוועגונג און הויבט טאַקע גאָר ניט אָן צו פּרובירען ריידען צו איהר אויף דעם אַלטען רעוואָלוציאָנערן לשון.

איינינע פון אונז האָבען שוין לאַנג איינגעזעהען די קריטישע לאַגע פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג און האָבען געזוכט איהר אוועקצושטעלען אויף איהרע אייגענע פיס. דער שרייבער פון אָט די שורות האָט פון צייט צו צייט אַנגעוויזען אויף דעם געפערליכען טעות, וואָס די באַוועגונג איז באַגאַנגען, אוועקשטעלענדיג די מע־טאָדע פון קאַמף, די רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק, העכער פאַר דעם פּרינציפּ, דעם ענד־ציל, פאַר וועלכען זי האָט געזאָלט קעמפען. עפּעס איז אויסגעקומען אזוי ווי דער איינציגער און גאַנצער צוועק פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג איז נאָר צו צושטערען און פאַרניכ־טען די היינטיגע געזעלשאַפט, ניט צו אַנטוויקלען און בויען די יסודות, לויט דעם אַנאַרכיסטישען אידעאַל, פון א בעסערער געזעל־שאַפט. און דאַריבער ווען די פּראָפּאַגאַנדע פון צושטערונג האָט דורך דעם פּראָגרעס פון דער ארבייטער באַוועגונג פאַרלאָרען יעדען זין, האָט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג זיך געפונען אומפּאָרבאַריי־טעט, אָהן מעטאָדען און אָן א פעסטער טאַקטיק, פאַר איהר ווירקלי־כער אויפגאַבע פון דער צוקונפט.

עס איז אבער שווער אויסצוראָטען אַלטע טראַדיציעס — אפילו פאַר אַנאַרכיסטען. די באַוועגונג האָט זיך איינגעלעבט מיט דעם געדאַנק, אז די היינטיגע געזעלשאַפט איז פון גרונט אויס שלעכט און פאַרדאָרבען, אז מען קאָן זי ניט אויסבעסערן, און עס איז גאָר־ניט כדאי צו פּרובירען; אז מען מוז אויסוואָרצלען אַלע איהרע יסודות, און ניט ביסלאכוויז, נאָר אַלע מיט אמאָל, דורך א רעוואָ־לוציאָנערען שטורם — און דערנאָך וועט מען זעהן. דאָס איז געווען די אידעאָלאָגיע, אויף דער פּראַקטיקע אָבער האָט מען זיך געמוזט צופּאַסען צום לעבען, ווי ער איז: מען האָט געמוזט העלפען אָרגאַ־ניזירען די ארבייטער און אויפבויען יוניאָנס און אָפּגעבען אַלע כחות זיי צו העלפען געווינען א סטרייק — פאַר א פאַר דאָלאַר א וואָך

מעהר לוין, כדי צו קענען עטוואס בעסער לעבען. מען האט געהאלפען שאפען ארבייטער־קאסעס, מען האט זיך פאראייניגט אין אן ארבייטער רינג, מען האט געבויט פארוויילונגס, קונסט און ליטעראטור פאריינען, כדי געגענזייטיג זיך אויסצוהעלפען אין א נויט און געניסען פון לעבען וויפיל מעגליך אפילו אין דער היינטיגער פארדארבענער געזעלשאפט.

אזוי איז אנגעגאנגען א פערטעל יאהרהונדערט און די באוועגונג האט זיך איינגעלעבט מיט אט דעם ווידערשפרוך צווישען דער אידעאלאגיע און דער פראקטיקע. אין דער פראפאגאנדע פון ווארט און שריפט שארף רעוואלוציאנער, אין פראקטישער ארבייט — טרייד־יוניאניסטיש, בירגערליך, מעסיג, אלטעגליך. אין טעאריע דארף אלץ פארניכטעט ווערן, אין דער פראקטיקע זוכט מען אריינצוכאפען וואס מעהר. פארשטעהט זיך, מען קען דאס לעבען ניט אויסשפייען און וואס בעסער איז פארט בעסער, ניט ערגער. אבער פארוואס, אויב אזוי, ניט בייטען די אידעאלאגיע? פארוואס ניט צוגעבען, אז דער פאר 60־יאהריגער בליק פון די באקונינ׳ס, אין דער צייט פון ערשטען אינטערנאציאנאל, איז געווען א פאלשער בליק, געבויט אויף א מיספארשטענדניש פון געזעלשאפטליכען לעבען. דער עיקר, נאך אלעם דעם, איז דאך דער אידעאל; דער ו ו ע ג צום אידעאל מעג זיך דאך בייטען, מעג דאך היינט זיין אן אנדערער ווי מיט 60 יאהר צוריק. בייטען די טאקטיק, צופאסען זי צום לעבען, הייסט דאך ניט פארלייקענען דעם ענדציל, צו וועלכען מען שטרעבט. האט דאך די אנארכיסטישע באוועגונג אויפגעגעבען די „פראפאגאנדע דער טאט“ און דער אנארכיסטישער אידעאל האט גארניט געליטען פון דעם. ווערט דאך איצט אפילו דער „גענעראל־סטרייק“ מעהר ניט פראפאגאנדירט, און פונדעסטוועגען איז די אידעע פון אנארכיזם נאך ניט געשטארבען.

א ווידערשפרוך קען זיך אייביג ניט האלטען, און א באוועגונג, וואס איז געבויט אויף א ווידערשפרוך, מוז צוזאמענפאלען פריהער אדער שפעטער. גייט מען ארויס פון דעם שטאנדפונקט, אז די געזעלשאפט איז אומפארבעסערליך און מוז צושטערט ווערן מיט געוואלט, דארף מען ניט שטיצען און אונטערהאלטען די היינטיגע

טריידיוניאָנס, נאר מען דארף, ווי יאָהאן מאָסט אין זיין צייט, ארויסגעבען קריגס-וויסענשאפט-ביכלאך און גרינדען שולען צו לער־נען די ארבייטער שיסען. עס וואָלט, פארשטייט זיך, געווען אן אומזין, אָבער אפילו אן אומזין פארדינט א געוויסע אכטונג, ווען ער איז קאָנסעקווענט אויסגעהאַלטען. איז מען אָבער געקומען דורך ערפארונג און פראקטיקע צו דער איינזעהעניש, אז די געזעלשאפט קאָן ניט און טאָר ניט צושטערט ווערן מיט געוואלט, אז זי ווערט אויסגעבעסערט און געענדערט דורך א שטענדיגער עוואָלוציע, דארף מען איינמאַל פאר אלעמאָל אויפהערן צו קוקען פון אויבען אראָפּ אויפ'ן געזעלשאפטליכען לעבען, נאָר נעמען די געזעלשאפט ווי זי איז, זיך אינטערעסירן מיט אלע וויכטיגע פראַגען, וואָס שטייען אויף דער טאגעס-אָרדנונג, געפינען פאר זיי דעם מעהר פראָגרעסי־ווען ענטפער אונטער די אומשטענדען, און אגיטירן פאר דעם מיט'ן גאנצען הארצען.

נעמט דעם ערגסטען ביישפיל: די פאָליטישע קאמפּיינס. אנ־גענומען, אז דיביידע גרויסע פאָליטישע פארטייען זיינען בכלל רעאקציאָנער און קיין ראדיקאל, ניט צו ריידען אן אנארכיסט, קען קיינע פון זיי ניט ווילען שטיצען. אויב אָבער עס טרעפט, אז זיי זיינען שארף צוטיילט וועגען א געוויסער זייער וויכטיגער געזעל־שאפטליכער פראַגע, זאָגט: וועגען טאריף, אימיגראציע, אינדזשאַנק־שענס געגען ארבייטער, אדער קו-קלוקסיזם, — איז דען גאָר קיין חילוק ניט, צי די דאָזיגע פראַגע אָדער פראַגען וועלען פארענט־פערט ווערן אין א רעאַקציאָנערן אָדער פּראָגרעסיוון זין? איינע פון די צוויי פארטייען וועט דאָך מוזען געווינען—איז ניט גלייכער, מען זאָל זעהן, אז די פארטיי וואָס שטעהט פאר דעם מעהר פּראָ־גרעסיווען ענטפער, זאָל אין דעם געגעבענעם פאל געווינען? און ווען עס טרעפט, אז עס פאָרמירט זיך א דריטע פארטיי מיט אן אויסגעשפּראָכענער ראדיקאלער פּראָגראם — איז עס ניט אין די אינטערעסען פון דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג צו שטיצען די דאָזיגע ראדיקאלע פארטיי? אָדער ווען עס האנדעלט זיך אפילו ניט מעהר ווי אויסצודריקען א פּראָטעסט געגען די רעאקציאָנערע פארטייען, שטימענדיג, למשל, פאר דער סאָציאַליסטישער פארטיי,

דאַרף מען דען ניט זעהן, אז די צאָל פּראָטעסטירענדע שטימען זאָל זיין וואָס גרעסער און דער פּראָטעסט וואָס שטאַרקער?

נאָך א ביישפּיל. עס עקזיסטירט דאָ אין לאַנד א נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט צו פאַרטיידיגען די ציווילע פרייהייטען פון די בירגער: געוויס א נויטיגע און וויכטיגע אַרבייט. דאַרף די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג זי שטיצען? עס איז דאָך גאָר לעכערליך צו שטעלען אזא פראַגע, און דאָך, וויפיל אַנאַרכיסטען ווייסען פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט? וויפיל מאָל האָט דער אָרגאַן פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אויפגעפאָדערט די גענאָסען, זיי זאָלען העלפען יענער געזעלשאַפט אין איהר אַרבייט? זי ליגט גאָר קיינעם ניט אין זינען, ווייל—נו, ווייל טעאָרעטיש וויל די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אָפּשאַפען דעם שטאַט, דעם באַרויבער פון פרייהייט, מיט אמאָל, און האַלט ניט פון פּראָטעסטירן און אָנפירן משפטים, כדי צו פאַרטיידיגען די פרייהייט פון די בירגער שוין איצטער. פון דעם וועלען אליין קומט אבער גאָרניט ארויס, און די באַוועגונג וואָס טוט גאָרניט, שטאַרבט בישלאָכוויים אָפּ.

פון דער אנדער זייט איז אויך מעגליך, אז דער וועג פון פּראַקטישער אַרבייט פאַר דער געגענוואַרט איז ניט אינגאַנצען אָהן געפאַר פאַר דער באַוועגונג. דאָס אָפּגעבען זיך אינגאַנצען מיט געגענוואַרטסאַרבייט, אָהן א פעסט־באַשטימטע אַנאַרכיסטישע ריכטונג, קאָן די גאַנצע באַוועגונג פאַרוואַנדלען אין א בירגערליך־ראַדיקאַלער פּאַרטיי, וועלכע וועט זיך באַנוגענען מיט די קליינע חיי־שעה־רעפאָרמען און פאַרגעסען איהר גרויסען אידעאַל. עס וואָלט דעריבער נויטיג געווען צו קומען צו א פאַרשטענדעניש, ערשטענס וועגען די אַנאַרכיסטישע גרונט־פּרינציפּען גופא (לעצטענס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז אפילו בנוגע די דאָזיגע עיקרים הערשט א באַדויערנסווערטער כאָאָס), און צווייטענס, וועגען דעם סאָרט און דער מאָס פון די פאַרשיידענע פּראַקטישע אַרבייטען, וואָס זאָלען צונעקסט אריינגענומען ווערן אין דעם קרייז פון דער באַוועגונגס־טעטיגקייט. וואָרום עס מוז דאָך זיין קלאָר, אז אן אָפּגעשוואַכטע באַוועגונג קען זיך ניט פאַרמעסטען צופיל מיט אמאָל און טאָר ניט צעשפּליטערן איהרע כחות.

עס פארשטעהט זיך, אז די ארבייטער באוועגונג שטעהט לכל הדעות אויסער און איבער יעדער פראגע. זי איז דער הויפט באזיס, אויף וועלכען די אנארכיסטישע באוועגונג קאן בויען איהר אידעאל פאר דער צוקונפט. אין דער היינטיגער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט זיינען די פראלעטאריער, די ארבייטער, די הויפט פראגרעסיווע קרעפטען, וועלכע זוכען צו ענדערן די געזעלשאפט און איבערבויען זי אין דער לעצטער ליניע אויף סאציאליסטישע יסודות, ד. ה. אויף עקאנאמישער גלייכהייט, אהן עקאנאמישער גלייכהייט, אין זין פון גלייכע געלעגענהייטען, וואס שאפט אפ די מעגליכקייט פון עקספלואטאציע, האט דער אנארכיסטישער אידעאל פון פרייהייט ניט מעהר ממשות, ווי די היינטיגע בורזשואזע פרייהייט. דעריבער איז, זעלבסטפארשטענדליך, אז דער גורל פון דער אנארכיסטישער באוועגונג איז אייננ פארבונדען מיט דער ארגאניזירטער ארבייטער־באוועגונג אויף אלע געביטען פון איהר טהעטיגקייט; דאס מיינט אבער ניט, אז די אנארכיסטישע באוועגונג מוז זיך אויפלייזען אין דער ארבייטער־באוועגונג. דער אנארכיזם האט אנטוויקעלט זיין אייגענעם בליק אויף דער פאליטישער ארגאניזאציע פון דער געזעלשאפט און האט זיין אייגענעם אידעאל בנוגע דער פאליטישער ארגאניזאציע פון דער צוקונפט. און דאס קאן און דארף די אנארכיסטישע באוועגונג פאפולער מאכען ניט נאר צווישען די ארבייטער, נאר אויך צווישען אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט.

דער לאזונג דארף זיין: מיט די ארבייטער אין זייער קאמף פאר סאציאלער גלייכהייט; מיט אלע ראדיקאל־דיינקענדע מענשען אין זייער קאמף פאר פערזענליכער פרייהייט. און די טאקטיק בכלל דארף זיין: וואס מעהר עקאנאמישע געווינסען, פרעסטיזש און מאכט פאר די ארבייטער שוין איצטער, און וואס מעהר פערזענליכע פרייהייט אין פאליטישען לעבען פאר אלע מענשען איצט און אלעמאל.

# פון די ארויסגעבער

מיט דער ערשיינונג פון גענאָסע דר. י. א. מעריסאָנ׳ס געקליבענע שריפטן איבער דער „טעאָריע און פּראקטיק פון אנארכיזם“ ווערט דערפילט אַן אויפגאבע וואָס עס האָבן אויף זיך גענומען די גרופּען „נייע געזעלשאַפט“ און „פערער סענטער“ — צו שאַפן פאר אונזער באוועגונג אַן אלזייטיגע, פּאָפּולערע און גלייכצייטיג קלאָרע און גרינטליכע אָפּהאנדלונג איבער אונזערע פּרינציפּן און אידייען.

דער מאנגעל אין אזא ווערק האָט זיך לאנג געפילט אין אונזער באַוועגונג, ניט אכטענדיג אויף דעם וואָס די אידישע אנארכיסטישע ליטעראטור האָט זיך גאָרניט וואָס צו שעמען מיט דער צאָל בראָשורן און ביכער וואָס זיינען ביז איצט ערשינען.

וואָלט אזא קלאָרקייט איבער אונזערע אידייען און פּרינציפּן געהערשט אין אונזער באוועגונג, וואָלט ניט מעגליך געווען אז אזא גרויסע צאָל פון אנארכיסטן זאָלן מיטגעריסן ווערן פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, פאר אזא לאנגער צייט, ביז דאָס פּראקטישע לעבען האָט זיי געלערנט, אז שטאַט, אויטאָריטעט און דיקטאַטור קאָנען ניט גיין צוזאַמען מיט און פירן צו פרייהייט און אנארכיע — א זאך וואָס זיי האָבן געדארפט וויסן פאָראויס.

אונזער טייל ארבייט איז אָפּגעטאָן. עס בלייבט איצט פאר די גענאָסן און סימפּאטיזירער פון אונזערע אידייען צו זאָרגן, אז דאָס בוך זאָל קריגן זיין כשר פארדינטע ברייט־מעגליכסטע פארשפּרייטונג.

מיט גענאָסענשאַפטליכן גרוס,

דר. י. א. מעריסאָנ׳ס שריפטען קאָמיטע

ניו יאָרק, דעצעמבער 1926.